STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00029

ALE VERK

Mendele Mokher Sefarim

Permanent preservation of this book was made possible by
Lenore & Win Gerson and Elaine & Bernard Troy
in memory of
Leon Gerson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס קליינע מענשעלע 2 ב.

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

צווייטער באַנד

נייע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים
(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

דאָס קליינע מענטשעלע

פערלאַג „מענדעלע" ווארשא
1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner Warszawa Nowolipki 6.

א

זייט־זשע מוחל, רבותי, און שטעלט אײַך פאָר מענדעלי מוכר ספרים, מיך אַליין, הייסט עס, ווי איך שטעה מיר הערבסטצייט מיט מיין ביידעל ערגעץ אויף אַ וועג, שטאַרק פערטראַכט און ריהר מיך נישט פונ׳ם אָרט. אפשר וועט איהר חלעלען מיינען, אַז מיין ביידעל האָט זיך איינגעזונקען אין בלאָטע און איך טראַכט דאָ, ווי אַזוי עס אַרויסצושלעפען? — ניין! דאָס איז געווען טאַקי היינטיגס יאָהר תרט״ו, וואָס מען מעג איהם פערשרייבען אין די קראָניקעס פאַר אַ וואונדער מיט זיין טרוקענעם זעהר שענעם הערבסט. אין דרויסען איז געווען גאָר זומער: וואַרעם, לויטער. בהמות האָבען זיך געפיטערט אויף די פעלדער, פון וועלכע עס האָט געדיכט אַרויסגעשפראָצט יונגע גרינע תבואה. ביימער האָבען אויף זיך געהאַט אַ געל־גרין העמדעל, ערטערוויז אפילו מיאוס אָבגעבליאַקעוועט, צוהאַקט, צופאַלען מיט אויסגעטריפעלטע לעכער, נאָר דאָך האָבען זיי נישט געהאַט נאָך בדעה אויסצוטון זיך אינגאַנצען נאַקעט אויף צושלאָפען זייער געוועהנטליכען האַרטען שלאָף דעם גאַנצען ווינטער. אין דער לופט זענען אומעטום געפלויגען לאַנגע ווייסע פעדים שפינגעוועב, אַ סמן אויף גוט, שען וועטער, הגם דער לוח האָט געשריבען אויף וואָלקענדיגע טריבע טעג און קאַלטע רעגענס. ער האָט, זאָל ער מוחל זיין, נישט געטראָפען, געזאָגט, ווי דער שטייגער איז, אַ גרויסען ליגען... נישט דאָס בין איך אויסען.

אפשר וועט איהר ווייטער חלעלען מיינען, אַז איך בין געשטאַנען מיט מיין ביידעל, ווייל איך האָב נישט געוואוסט דעם וועג? נאָך אַ מאָל ניין! איך האָב זעהר גוט געוואוסט, אַז דאָרט, וואו דער וועג צוטיילט זיך, געהסט מען זיך רעכטס קיין גלופּסק און לינקס ערגיץ אַנדערש אין

אַ שטעדטעל. לאָז זיך אַייך דאַכטען — קאַבצאַנסק. נאָר וואָס דען זשע? פּשוט איז פּשוט, איך האָב מיר קיין עצה נישט געקענט געבען, אין וועלכער זייט זיך צונעהמען. איך האָב געהאַט טעמים פאָהרען קיין גלופּסק, צו מאַכען דאָרט עפּיס אַ שטיקעל חילוף און אָבצוזעצען דאָרט סטאַטשקעס און וועקסענע חנוכּה=ליכטלעך, אַקעגען=זשע האָב איך ווידער געהאַט טעמים צופאָהרען אופ'ן יריד דאָרט אין שטעדטעל, און מחמת דעם בין איך געבליבען שטעהן אויפ'ן וועג נישט אַהין, נישט אַהער, אַזוי ווי אין דער קלעהם. טראַכטענדיג האָב איך מיך גראָד פערקוקט אויף מיין פּערדעל, וואָס איז געשטאַנען זעהר רוהיג, געקראַצט רעם האַלז אין דער האָלאָבּלע און איז פונים שטעהן, אַ פּנים, שטאַרק צופרידען געוועזען. איך האָב געקוקט אויף איהם עפּיס מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי איך וואָלט פערלאַנגט פון איהם עפּיס אַנ'עצה. און באַלד טאַקי איז מיר איינגעפאַלען איבערצוגעבען די גאַנצע זאַך איהם, דעם פּערדעל, ווי ער וועט וועלען, אַזוי זאָל זיין. לאַכט נישט, לאַכט נישט, רבותי! אַז מען איז אַ מאָל מסופּק און מען ווייסט נישט, וואָס צו טון, פערלאָזען זיך קלוגע אפילו אויף משונה'דיגע מיטעל. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז אַזוינס אַ פּאַטש טון זיך, אין אַזאַ פאַל, אין שטערען און מאַכען אויף דער האַנד קנייטשען? אָדער וואָס שטעקט אַזוינס נאָך אין אַנדערע אַזעלכע גורלות און אַלערליי סימנים? אַ נאַר אפילו גילט רענסטמאָל זעהר שטאַרק, מען פרעגט איהם און מען נעהמט=אָן זיין עצה. עס טרעפט זיך אין דער וועלט זעהר אָפט, אַז קלוגע גיבען זיך איבער נאַראָנים אין די הענד און לאָזען זיך פון זיי פיהרען. איך קען אַ סך אַזעלכע נאַראָנים, וואָס שפּילען אַ ראָליע, און דוקא ביי סוחרים, לייטישע מענשען... נישט דאָס בין איך אויסען.

איך האָב אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדעל, אָבגעלאָזט די לייצען און עס געלאָזט געהן פריי, פיהרען מיך, וואָהין עס וויל. דאָס פערדעל האָט זיך גענומען רעכטס אויף דעם וועג קיין גלופּסק. נו, האָב איך מיר געטראַכט, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד, פיהר מיך, פיהר מיך, אפשר ביסט=דו גערעכט. אַז דיר געפעהלט גלופּסק, לאָז זיין גלופּסק!

אויף מאָרגען פריה נאָכ'ן דאַווענען בין איך אָנגעקומען קיין גלופּסק און בין מיר, ווי מיין שטייגער איז, צוגעפאָהרען גלייך צום בית=מדרש. איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט מיך אומצוקוקען, האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר אַנ'עולם יודען בעלי=בתּים, בעלי=בית'לעך, בחורים מיט

דאָס קליינע מענשעלע.

שלום=עליכם׳ס, מיט אַ טאַפּ—אַ לאַפּ, אַ קוק אין בײדעל, און מיט שאלות, ווי דער שטײגער איז פון יודען. די ווײסע חברה, די תלמוד=תורה=יונגלעך, האָבען זיך פרעהליך=לעבעדיג געוויטעט מיט מײן פערדעל, גאָר פרײנדליך מקבל=פּנים געווען זײער אַלטען בעקאַנטען און שוין אפילו זיך מכין געווען רײסען סטרונעס פון זײן ווײדעל

אויפ׳ן שולהויף האָב איך געזעהן רעדלעך מענשען, עפּיס האַמפּערט מען זיך, מען שמועסט, מען זאָגט ווערטלעך, מען אָכט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. באַלד האָבען עטליכע רעדלעך זיך צונויפגענומען אין אײן רעדעל, עס האָט געאַרבײט, געפּילדערט, געמאַכט מיט הענד אי מיט פּיס, און באַלד איז דאָס צונויפגעשטיקטע רעדעל צושפּרונגען געוואָרען, ווי אַ זײפענבולבע, אויף קלײנע רעדלעך. אַ פּנים, טראַכט איך, ס׳איז עפּיס געשעהן. אַז מען קלינגט איז אַ חגא. איך בין שטאַרק צעקאַווע געווען צו וויסען, וואָס טוט זיך דאָ אַזוינס, עפּיס בין איך דאָך אַ יוד, מײן נשמה איז, ווי זאָגט מען עפּיס, ניט פון קלאָטשע, זי וויל אויך אין דער וועלט אַלצדינג הערען, שמעקען, ווי אַלע יודישע נשמות. עס קומט דאָך טאַקי אַ מאָל שטאַרק צו ניץ. עס זענען דאָ זעהר פיעל יודען, וואָס ציהען זײער שטיקעל פּרנסה דערפון, וואָס זײ שטעקען אומעטום אַרײן די נאָז און שמעקען, וואָס וואו צווײ זענען זײ דריטע און פאָדערען חלק, אָדער העפּ, ווי מען רופט עס אויף זײער לשון. יתּ:ו איז אַ יודישע זאַך... נישט דאָס בין איך אויסען.

אַז איך האָב מיך צוגעהערט צו אַ נײ רעדעל מענשען, וואָס איז אויסגעוואַקסען נעבען מיר, איז מיר אַרײן אין אויער אַט דער פּאָזינער שמועס:

— אָ=וואַ, אָ=וואַ! ברוך דין אמת! נאָך כמעט גאָר אַ יונגער מאַן, איך מײן אַרום ארבעים און אפשר טאַקי, האַ, אַרום חמשים. אָ=וואַ! ס׳טײטש אַזאַ מענש, אַזאַ מענש!

— מילאָ וואָס=זשע זאָרגט איהר זיך דאָ אַזוי, רב אברהם׳צע, און קענט זיך נעבעך נישט טרײסטען? אַ שענע, רײנע כפּרה, כ׳לעבען! נישט אַזאַ גרויסער יחוס? טאַקי, באמת טאַקי, וואָס?

— בײ דיר, יוסי׳ל, איז אַלץ נישט קײן יחוס! מסתמא איז טאַקי ד׳ אברהם׳צע גערעכט. אָ=וואַ, אַזאַ רײכער מענש! אַ רחמנות, ווי איך בין אַ יוד!

— נאַט אײַך אַ נײַעס בעל־רחמים, לײבצע טעמעס! וואָס, האַ, האָט מעלתו פריהער געזאָגט? דאַרטען וואָס געזאָגט?

— געזאָגט?! וואָס, יוסי׳ל, האָב איך געזאָגט, איך? וואָס אדרבה.

— טאַקי אדרבה ואדרבה, רב לײבצע אַלײן מיט זײַן כשר מײלכען האָט געזאָגט: „אױך מיר אַ מענש איציק אברהם׳יל תקיף! ער איז געװען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, נישט מוחל זײַן, אַ גראָבער יונג, אַ רמאַי, אַנ׳ אַכזר און דערצו נאָך אַ ביסעל חושים״.

— וואָס איך, יוסי׳ל? עט, נישטאָ מיט וועמען צו רעדען... אַ גוטען טאָג!

— אַ גוטען טאָג, אַ גוט יאָהר! קומט, ר׳ אברהם׳צע, אין בית־מדרש אַרײַן, לאָמיר דאָרט נעהמען בײַם שמש צו ביסלעך בראַנפען.

— זעהסט־דו, יוסי׳לע, אַ ביסעל בראַנפען אַצינד שאַדט טאַקי אפשר נישט. האַ? האָסט, כ׳לעבען, קלוג געטאָן, יוסי׳לע, וואָס דו האָסט אַזוי גוט מכבד געווען דאָ דעם ליגנער. לאָמיר זיך נישט נאַרען, באמת טאַקי, וואָס איז ער דאָ אַזאַ פאַרנעהם? ער איז, עליו השלום, געווען אַנ׳עם־הארץ, אַ קאָכלעפעל, אַ בערײסער.

— אָט דערפאַר, ר׳ אברהם׳צע, האָב איך אײַך טאַקי ליעב. זעהט איהר, דערפאַר טאַקי, וואָס איהר האָט תמיד ליעב צו זאָגען דעם אמת.

— ממון קורח!... אָנגעשטאָפּט מיט געלד געווען, עליו השלום — רײסען זיך אײן יודען דאָס געזונד, שרײענדיג דאָרט אין אַ צונויפגע־שטופּט רעדעל.

— וויפיעל, אַ שטײגער, וועט איהר איהם געבען?

— אַ ק״ן אלפים מײן איך איהם זיכער געבען.

— קאַרג, ניש׳קשה, איהר מעגט צולעגען נאָך, נאָך...

— מהיכא תיתי, אַז איהר ווילט...

— איך האָב מוראָ טאַקי די גאַנצע ש״ן אלפים.

— איהר זענט אַ נאַר!... טאַקי ת״ק אלפים.

— איך בין אַ נאַר, און איהר זענט אַ קבצן!

— ווערסט האַפּען אין באַק!

— ווערסט האַפּען אין ביידע.

עס ווערט אַ קאַכעניש, אַ בוצקעניש, יודען צולויפען זיך.

— ניין, ניין! — הערט זיך שרייענדיג אַ געמבע נאָך פון אַ רעדעל מענשען — דאָס איז פאַר איהר נישט קיין שידוך! איהר שפּילט זיך מיט אַזאַ רייכע אַלמנה? איך האָב פאַר איהר אַן׳אַנדער שידוך, עס וועט מיט גאָט׳ס הילף געהן. ס׳איז איהר איבערגעבליבען אַ פאַרמעגען, זי האָט אַ געבליאַטעוועטע כתובה און מיינער וועט זי מיט גאָט׳ס כח נעהמען, האַפּען מיט ביידע הענד.

— יחדו, יאָקיל-גרונם! — קוויטשעט אַ בייקולכען — איך בין דאַרויף אויך געפאַלען. יחדו, יודען, זייט עדות!

— אַ רוח אין דיין טאַטענס טאַטען אריין! — לאָזט זיך הערען אַ קול, און דאָס רעדעל איז ווי אַ בולבע זיך צופלויגען.

איך האָב אויסגעשפּאַנט דאָס פערדעל, איהם אומגעקעהרט צווישען די האַלאָבלעס מיט דעם פנים צום וואָגען, אונטערצופּאַסען עס מיט אַביסעל סיטשקע, און דערנאָך האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבייט אויספּאַקען מייןביידעל. נאָר קוים וואָס איך האָב געמאַכט אַ שטיקעל סדר, אַרויסגעהאַנגען פון ביידע זייטען בויד אַ קרענצעל קמיע׳לעך, בליטשקענע יאַרמורקעלעך, עטליכע פעקלעך ציצית און אַרויסדערטאַפּט אַ סטאַטשיק, אַ טלית-קטן וכדומה, איז דער בית-דין-שמש געקומען צולויפען הענדום-פענדום אין איין אָטעם:

— אוי גוואַלד, ר׳ מענדעלי! שלום עליכם, ר׳ מענדעלי! דער רבי, זאָל לעבען, האָט אייך זעהר שען געלאָזט בעטען, איהר זאָלט זיך מטריח זיין מיט אייער כבוד. גיכער, טאַקי גיכער, ר׳ מענדעלי!

ב.

דאָס וואָס דער רב איז אַזוי גיך געוואָהר געוואָרען, אַז איך בין געקומען — דאָס גראָד איז מיר קיין חידוש נישט געווען. ווארום גלופּסק איז אַ יודישע שטאָדט, און יודען דערגעהען זיך תּמיד אַלצדינג געשווינד. לאָז איינער ביי זיך אויסרעדען עפּיס אַ וואָרט, באַלד טאַקי ווייסט מען דאָס אויף דער צעהנטער גאַס און מען צוטראָגט עס אויף טעלערלעך, אַ סך גיכער ווי דער טעלעגראַף. אַ חדוש איז מיר נאָר געווען, וואָס בע־דאַרף מיך אַזוי דער רב האָבען? און צו וואָס האָט ער נאָך מיר געשיקט דעם בית־דין־שמש אין אַזאַ אַיילעניש? באַלד אָבער איז מיר אַרויף אויפ׳ן זינען — אַ דין־תּורה׳לע... דאָ מוז עפּיס זיין אַ קרעצעל... און עס האָט מיר אַ טיאָכקע געגעבען אין האַרצען! וואָרום וואו האָט איהר דען אַ יודען, וואָס ער זאָל נישט פיהלען ביי זיך אין די געשעפטען עפּיס אַ מכּה׳לע, וואָס מען זאָל נישט קענען צו איהם נעבעך זיך זוכען?... נישט דאָס בין איך אויסען.

איך האָב איבערגעמישט אין קאָפּ מיינע געשעפטען און מיר איז אַרויף אויפ׳ן געדאַנק דער מחותּן! אפשר טשאַטעוועט אויף מיר דער מחותּן, וויל מיך צווינגען אַיינצולעגען דעם נדן און וויל וויסען אַנ׳עק, אַ סוף. דער מחותּן מיינער איז אַ פּראָסט מענשעל, ער מיינט, וואָס עס שטעהט אין די תּנאים, מוז מען האַלטען און וואָס מען האָט זיך מתחייב געווען, מוז מען טאַקי סילוק׳ן. ער פאַרשטעהט נישט, דער נאַר, אַז דאָס אַלצדינג איז לאו־דוקא, עס געהט אַזוי נאָר אין שמועס, גלאַט אַזוי פון איידעלקייט וועגען. מען בעדאַרף זיך ברייט שטעלען מיט׳ן פולען מויל. עס זאָל פאַר דער וועלט אַ פּנים האָבען, ווי אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבען זיך נוהג געווען... נישט דאָס בין איך אויסען. אָדער, האָב איך געטראַכט, אפשר גאָר חלילה דער מוכר ספרים! יענער מוכר ספרים, מיט וועלכען איך האָב פאַר אַ יאָהריגען זומער געשטעכעוועט

אויף פאַרלעגערטע מינים: איך האָב איהם אין חלוף אָבגעגעבען הגדות, תקון־שבועות׳לעך, הה׳עלעך, וואָלפּציינדלעך, היינטיגע נייע מעשיות, שמאָכטעס, קיי און שפּיי. און ער מיר — מענה־לשון׳ס, תפלה־זכה׳ס, חנה־בת־טובים, מעש, מחזורים, וכדומה נאָך מיני ספרים. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער האָט זיך אָבגענאַרט און וויל איצט טענה׳ן אַ מקח טעות, אויסצומאַנטען ביי מיר עפּיס! גאָט זאָל שומר ומציל זיין האָבען צו טון מיט אַ היגען מוכר ספרים. עס קען צוזעצט ווערען די גאַל פון זייערע טענות און תביעות!... נישט דאָס בין איך אויסען. הכלל, ס׳איז מיר געוואָרען אויפ׳ן האַרץ עפּיס נישט פרעהליך. אַהער, אַהין, מען מוז דאָך געהן.

מישב האָב איך מיך געוועז מיטצונעהמען אַ פּאָר סטאַטשקעס, עטליכע קלייניגקייטען, גאָר אַ שפּאָגעל נייע תחנה. אפשר וועט דאָס דער רבי׳צען טויגען און מיר צוניץ קומען... נישט דאָס בין איך אויסען.

אויף מיין פערדעל בין איך געווען עפּיס ברוגז, וואָס איהם איז געפעהלען געווען גלופּסק, דערפאַר האָב איך איהם מכות אונטערגעשאָטען סיטשקע, איהם דערלאַנגט אַ זעץ אין דער מאָרדע מיט עטליכע שטעכ־ווערטלעך און, איבערגעבענדיג איהם מיט דעם ביידעל אונטער דעם שמש׳ס השגחה, בין איך אַוועקגעגאַנגען אין כעס, זאָלען איהם זיינע גלופּסקער יונגלעך רייסען סטרונעס, וויפיעל זייער האַרץ גלוסט. רעכט אויף איהם, ער האָט אַזוי געוואָלט. אַז איהם איז ניחא גלופּסק — איז ביר אויך ניחא, וואָס פאַר אַ דאגה איך האָב.

ווי איך האָב נאָר געעפענט די טיר און אַריינגעטראָטען מיט אַ פוס אין שטוב, איז מיר דער רב געלאָפען אַקעגען מיט אַ קול:

— אוי, ר׳ מענדעלי! אוי, שלום עליכם, ר׳ מענדעלי! טאַקי נאָר איין גאָט האָט אייך געבראַכט אַהער פונקט אין דער צייט, וואָס איהר זענט אונז נייטיג, טאַקי שטאַרק נייטיג, ליבער האַרצעדיגער ר׳ מענדעלי! ר׳ מענדעלי, דאָס איז מן השמים, דאָס איז בעשיינפּערליך טאַקי אַ נס, ר׳ מענדעלי! איהר האָט געטאָן אַ גרויסע חכמה, וואָס אַ צינד גראָד זענט איהר אָנגעקומען, ר׳ מענדעלי.

„די גרויסע חכמה האָט געטאָן נישט איך, מענדעלי, נאָר מיין פערדעל" — אַזוי האָב איך דערנסטמאָל צו מיר אַליין געלאַכט און זיך איבערגעבעטען אין האַרץ מיט מיין שלומ׳מזל׳ניק, דעם פערדעל נעבעך

אויף דין־תורות, ווי עס האָט גאַנץ קלאָר אויסגעזעהן, האָט מען מיך דאָ נישט גערופען, נאָר וואָס דען־זשע? — דאָס האָב איך נישט געקענט טאַקי פאַרשטעהן. אַנ׳אַנדערער וואָלט זיכער געמיינט, אַז מען האָט דאָ שטאַרק אַרויסגעקוקט אויף זיין ביידעל מיט סחורה; נאָר איך אָבער בין נים קיין מלופם־קינד און ניט ערשט נעכטען פונ׳ם איי אַרויסגעקראָכען, אַז איך זאָל מיך נישט קענען אָנשטויסען.

יהר זאָלט וויסען אַ כּלל: די וועלט בעשטעהט אויף אָבנאַרעכטץ. דער וואָס בעדאַרף האָבען עפּיס אַ נייטיגע זאַך. מאַכט זיך כּלומר׳שט גע׳פּגר׳ט, אַזוי ווי די זאַך טויג איהם לחלוטין נישט, בכדי ער זאָל עס קענען קויפען בחצי־חנם. ווען, למשל, איינער געניטיגט זיך אין אַ מחזור, דינגט ער כּלומר׳שט אַ סליחה, אַ קינה, אַ פּעקעל ציצית, דערוויל טוט ער אַ חאַפּ, אויף קאַטאָוועס, דעת מחזור, גיט כּלומר׳שט אַבּי אָט אַ קוק און לעגט עס אַנידער מיט אַ קני־בּש און מיט אַ שמייכעלע: אָט פּאַר אַ קלייניגקייט וואָלט איך עס אפשר אויך געקויפט. די גאַנצע וועלט איז אַ מאַרק, איטליכער זוכט מציאות, איינער ביים אַנדערן אָב־צורייסען; איטליכער וויל, יענער זאָל פערלירען און ער זאָל געפינען; איטליכער מיינט קודם כּל זיך, און ערשט דערנאָך, אַז גאָט האָט איהם געהאָלפען חאַפּען אַזוי מציאות, און צומאַכען אַ גליק, ערשט דענסטמאָל, אַז עס קריכט איהם שוין פונ׳ם האַלז, מיינט ער — ווייטער טאַקי זיך... נישט דאָס בין איך אויסען.

איך האָב אין דעם רב׳ס פּנים מיך אָנגעשטויסען, אַז קויפען וויל ער ביי מיר כּלל ניט. זיסט. וואָלט ער דאָך נישט אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט אויף מיר אַרויסגעקוקט. אמת טאַקי, דער רב איז אַ העכסט אָרענט־ליכער כּשר׳ער יוד, אַזאַ יאָהר זאָל איך האָבען! אָבער אויף דער וועלט מוז מען דאָך נאַרען. אפילו די מלאָכים האָבען געמוזט ביי אברהם אבינו נאָכטון דעם סדר פון דער וועלט, ויאכלו — און זיי האָבען געטאָן טון גלייך ווי זיי האָבען געגעסען... נישט דאָס בין איך אויסען.

דער רב, זאָל לעבען, האָט מיך פאַרבעטען צו זיך אין זיין בע־זונדער שטיבעל, און אָנווייזענדיג מיט דער האַנד מיך געבעטען זיצען אויף אַ ביינקעל איהם אַקעגען. דאָס ביינקעל אָבער האָט בעדאַרפט האָבען, ווי דער שטייגער איז ביי אַ רב, אַ צוּבראָכען פיסעל, און צו־טראַגען בין איך דאָך דענסטמאָל פונ׳ם גאַנצען ענין אויך געווען — דעריבער

פאַרשטעהט זיך, אַז ווי באַלד איך האָב אין חאַפעניש און אײלעניש מיך דערויף געזעצט, בין איך מיר געפאַלען. נאָר פונדעסטוועגן אָהן סכנות, דער רב האָט זיך געמאַכט נישט זעהענדיג און איך ניט וויסענדיג.

צום צווייטען מאָל האָב איך מיך דערויף געזעצט שוין פאַמעליכען, נישט געלאָפט, גוט היטענדיג זיך די ביינער. דער רב, זאָל לעבען, האָט שווייגענדיג געריבען מיט ביידע הענד דעם שטערען, געגלעט די באָרד, עפּיס ווי ער האָט זיך שטאַרק גע'ישוב'ט. איך האָב אָסור נישט געקענט פאַרשטעהן, וואָס זאָל עס אַזוינס בעטייטען. איך האָב אַפילו אָנגעהויבען גאָר שטאַרק זיך וואונדערן, וואָס זאָל דאָס באמת מאַקי בעטייטען? נאָר איך האָב מיך ווידער טאַקי מישב געווען: לאָס איך נישט זיין אַזוי גייציג, איך וועל עלטער ווערען נאָך אַ ווײלע, וועל איך דאָך שוין אַלצדינג וויסען. כך הוה: נאָך אין אַ ווײלע אַרום נעהמט דער רב אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע עפּיס אַ היבש פּעקעל פּאַפּירען און, אַ מאַך־געבענדיג מיט די אַקסלען, זאָגט ער צו מיר מיט אַנ'ערענסט פנים כהאי לישנא:

רב מענדעלי! אָט דאָס פּעקעלע פּאַפּירען האָט מיר איבערגעגעבען פאַר'ן טויט יצחק אברהם עליו השלום, מיט אַ בקשה, אַז תיכף נאָך זיין יציאת נשמה, זאָל איך עס איבערלייענען פאַר אַלע אונזערע נגידים און מקיים זיין אַלצדינג, ביז אויף אַ האָר, וואָס דרינען שטעהט. צוואת המת, ווי איהר ווייסט, איז דאָך אַ מצווה מקיים צו זיין, לכן האָב איך באַלד נאָך דער פּטירה זיינער, היינט מאַקי, פאַרבעטען צו מיר די אַלע נגידים, אליפי הקהל אונזערע, און האָב זיי געלייענט אַ מקצת פון די פּאַפּירען היינט, און דאָס איבעריגע האָבען מיר אָבגעלייגט אויף מאָרגען, וואָס־זשע וויל איך פון אייך? רב מענדעלי, וויל איך, איהר זאָלט זיך מטריח זיין מיט אייער כבוד אויך קומען צו מיר מאָרגען פריה, אם־ירצה־השם, בשעת קריאת הפּאַפּירען. פאַר וואָס? אָט דאָס וועט איהר וויסען, אם־ירצה־השם, לאחר הקריאה. מסתמא איז רעכט. מאָרגען וועט איהר שוין וויסען, אַז איך האָב אייך מטריח געווען איבער אַ דבר גדול. לעת־עתה גיב איך אייך לייענען, פאַר זיך אין דער היים, ביחידות אָט די עטליכע בלעטלעך, וועלכע איך האָב היינט פירגעלייענט פאַר אונזערע נגידים, כדי איהר זאָלט בעקאַנט ווערען מיט דעם ענין מתחלת ועד סוף.

אז איך בין צוריקגעקומען צום בית־המדרש, האָב איך געטראָפֿען מיין הונגעריג פערדעל נעבעך ווי עס שטעהט, מיט אויפגעשטעלטע אויערען, און קוקט אין ביידעל אריין. נו, חכם מיינער, זאָג איך, א נעהם־געבענדיג איהם פריינדליך ביי דער טשאָפּרינע, קום, זאָג איך, עסען סיטשקע! לעת־עתה, חכם מיינער, ביסט דו נישט קראַנק צו עסען סיטשקע, מאָרגען, אם־ירצה־השם, אז די חכמה דיינע וועט איינגיין און איך וועל זעהן דעם פועל־יוצא דערפון, זיך זעהן מיט א גראָשען, דענסט־מאָל, זעהסט־דו, האָסט־דו ביי מיר א גאַנץ מעסטעל האָבער, איך נעהם פאַר עדות די אַלע בהמות, וואָס געלטיגען דאָ אויפ'ן שוהלהויף!...

ג.

אויף איינעם פון יענע בלעטלעך, וואָס דער רב האָט מיר געגעבען, זעה איך, שטעהט אָנגעשריבען מיט גרויסע אותיות:

ווידוי ליצחק אברהם

אין דערנאָך הויבט זיך אָן צו דערצעהלען עפּיס גאָר א גאַנצע מעשה, אַזוי.

איך בין געבוירען געוואָרען, דערצעהלט יצחק אברהם, אין דעם שטעדטעל בעזליוודעוו ביי אָרעמע עלטערען. מיין טאַטען געדיינק איך נישט, וואָרום ער איז געשטאָרבען בשעת איך בין נאָך געלעגען אין די וויקעלעך. ער האָט איבערגעלאָזען נאָך'ן טויט ירושה א שלאָפע ווייב מיט א היבש ביסעל קינדערלעך און מיך א צוגאָב. ווייטער גאָר גישט. איך הייב אָן צו געדיינקען, וואָס מיט מיר האָט זיך פּאַסירט, ערשט אין דעם עלטער פון א פינף, זעקס יאָהר. ווערליג ווי איך געדענק, האָט מען מיך אין דער יוגענד, א פּנים, נישט געהאַלטען פאַר א גרויסען חכם. אַז איך פלעג עפּיס זאָגען אָדער עפּיס טאָן, פלעגט מען זעהר לאַכען. געבאַלעוועט האָט מען מיך בכלל נישט. מען האָט מיך נישט געקושט, נישט געגלעט, נישט געהאַלזט, ווי אַנדערע קינדער, און אַז איך האָב א מאָל געוויינט, האָט מען מיך נישט איינגענומען מיט לאַקעטקעס, מיט צוקערקעלעך, מיט שפּילעכלעך, נאָר מיט פּעטש און מיט קלעפּ. דאָס וואָרט רחמנות האָב איך קיינמאָל נישט געהערט. איך האָב נישט געהערט, א שטייגער, מען זאָל זאָגען: א רחמנות, ער האָט געבעך נישט געגעסען; א רחמנות, דאָס פּנים איז איהם געבעך געשוואָלען; א רחמנות, ער האָט געבעך זיך נישט אויסגערוהט, ער קומט געבעך אָב און וואַלגערט זיך געבעך; א רחמנות, ער ליידט געבעך קעלט, ער געהט נאַקעט, באָרפיס; א רחמנות, עס שוידערט איהם די ביינער, ער האָט געבעך אויף זיך קיין לויט פלייש ניט. איך האָב געהערט נאָר זאָגען: קוקט נאָר

אָן דאָס שענע פּנים, די אָנגעבלאָזענע צורה, די רויטע פּיס ווי בּעריקעס; קוקט נאָר אָן דעם פּרעסער, עס נעהט איהם שוין איבּער די סלונע; זעהט נאָר דעם שענעם נפש, ער הייבּט שוין אָן זיינע אָנשטעלען — צאַפּלען, ציטערן און קלאַפּען מיט די ציינדלעך... אַן'אָרימאַן'ס אַ קינד איז אויף דער וועלט אַ איבּעריגע זאַך, איטליכען גרויס אין די אויגען, מען ווינשט איהם נעבּעך שטילערהייט דעם טויט נאָך ליגענדיג אין בּויך, מען נעהמט אויף בּיים געבּוירען ווערען ווי אַן'עקזעקוציע, נאָך איידער ער קוקט אָן די ליכטיגע וועלט איז מען איהם נעבּעך שוין דם-שונאים. איז ער שוין דאָ, האָרעוועט ער זיך ווי עס איז און דערוועקט אַפילו בּיי זיינע אייגענע עלטערען נישט קיין געפיהל פון רחמנות צו זיך, כּיידען ווען ער ווערט נעבּעך מסוכן קראַנק, ערשט דענסטמאָל רופט זיך אין זיי אָב דאָס מענשליך הארץ, וואָס איז פערשטיינערט געוואָרען פון צרות און לייד אין דער ביטערער אָרעמקייט: ערשט דענסטמאָל צוגיסען זיך אין זיי די אמת'ע ריינע עלטערענס-געפיהלען און שטעלען זיך פאַר דאָס גאַנצע אומגליקליכע לעבּען פון זייער בּידנע קינד נעבּעך, וואָס אַזאַ טייערע, כּשר'ע נשמה איז אומשולדיג פערוויסט, פערשוואַרצט געוואָרען נעבּעך, נישט געהאַט קיין גוטע, רוהיגע שעה. זיי מאַלען זיך דאָס אַלצדינג אויס מיט שרעקליכע פאַרבּען און זייער הארץ שרייט, וויינט מיט בּלוטיגע טרעהרען. אַז אַ פערשטיינערט הארץ עפענט זיך, איז עס נאָר אַ טייך בּשעת דאָס אייז לאָזט און עס נעהט די קריהע — דאָס האָב איך אין דער לעצטער צייט אַליין געפיהלט — עס טראָגט, קאָכט, רוישט מיט אַ שרעקליכער קראַפט! זעהר אָפט טאַקי בּעוויינען דעריבּער אָרעמע עלטערען זייער'ס אַ קינד אַ סך שטאַרקער און ריהרענדיגער ווי די רייכע לייט...

נעהאָרעוועט האָב איך זיך ווי אַ ווילד פערד אין סטעפּ—פאַרגרעבּט, פאַרווילדעט, און האָב אין מיר געהאַט די אַלע מיאוס'ע קונדייסקע זאַכען מיט אַלע אָבּשניצלעך. אַ טבע האָב איך געהאַט קוקען יענעם אין מויל אַריין בשעת ער האָט גערעדט און קוקען אויך אין די אויגען. די מאַמע מיינע פלעגט מיך דערפאַר נישט איין מאָל הרג'נען—שלאָגען און אויס-רייסען מיר שטיקער פלייש. אַמאָל אַז איך בּין עפּיס געלעגען קראַנק און די מאַמע איז צו מיר גוט געוואָרען, האָב איך מיך שטאַרק פערקוקט איהר אין די אויגען, און אַז איך האָב געזעהן, אַז זי לאָזט זיך קוקען, נישט צורעדען קיין קרום וואָרט, האָב איך מיך נישט געקענט איינהאַלטען און זי אַ פרעג געגעבּען: איך בּעט דיך, מאַמע, וואָס איז עס פאַר

אַ מענטשעלע ביי דיר אין די אויגען? די מאַמע האָט אַ שמייכעל געטאָן און געענטפערט: נאַרעלע, דאָס קליינע מענטשעלע איז די נשמה! דאָס קליינע מענטשעלע איז נישטאָ אין קיינעמ׳ס אויגען, נישט אין די אויגען פון די חיות און בהמות, נאָר אין יודישע אויגען.

דער מאַמעס דאָזיגער ענטפער איז מיר אַריין שטאַרק אין קאָפּ און האָט אין מיר דערוועקט אַ סך פרישע צאַפּלדיגע געדאַנקען. אַז אַ מאַמע זאָגט, מסתמא ווייס זי דאָך, וואָס זי זאָגט, זי איז דאָך אַ מאַמע. אַ גרויסע, אפשר צעהן מאָל גרעסער פון מיר, איהר איין פינגער איז גרעבער פון מיין גאַנצער האַנד. דעריבער האָב איך אָנגענומען איהרע ווערטער שוין גלייך ווי אַ געתיסע, אויסגעמאַכטע זאַך און דרינען געגלויבט פון גאַנצען האַרץ.

פון דענסטמאָל אָן איז מיין כח־המדמה שטאַרק בעשעפטיגט געווען מיט דעם קליינעם מענטשעלע. עס איז דאָך עפּיס גאָר אַ חידוש, אַ ציקאַווע זאַך! אין שלאָף אפילו האָב איך ניט פאַרגעסען דאָס קליינע מענטשעלע, עס האָט מיר זיך גע׳חלומ׳ט, איך האַלט דאָס קליינע מענ־טשעלע, איך שפּיל זיך מיט דעם קליינעם מענטשעלע, איך בין גאָר אַליין אַ קליין מענטשעלע, שפּרינג אין די אויגען ווי אַ קליין מענטשעלע! הכלל, דאָס קליינע מענטשעלע איז מיר נישט אַרויס פּת׳ם זינען. עס האָט מיר עפּיס זיך אַזוי געגלוסט אויך צו זיין אַ קליין מענטשעלע. אַ קאַטאָוועס, אַ קליין מענטשעלע איז דאָך די נשמה אינגאַנצען גרויס ווי אַ פלוי, דאַכט זיך, אַ גאָרנישט און איז דאָך דאָס חיות, דאָס לעבען!... מיר איז אַרויף אַ געדאַנק, ווי אַזוי דערטאַפּט מען דאָס קליינע מענטשעלע? און האָב אָנגעהויבען וועגען דעם שטאַרק צו טראַכטען.

איינמאָל בין איך געפאַלען אויף אַן׳אויבער־הסברה. בשעת די מאַמע האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ אַרויסצוגעהמען אַ טעפּעל פונ׳ם אויווען, בין איך פּלוצים צוגעלאָפען ווי אַ פאַרמישטער — איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיר איז דענסטמאָל געשעהן — און האָב איהר פון הינטען אויף גאָט׳ס בעראָטה אַ זעץ געטאָן מיט דעם קולאַק אין דער פּאָטיליצע, כדי דאָס מענטשעלע זאָל איהר פון די אויגען חאָטש אויף אַ ווײלע אַרויס־שפּרינגען. איהר קענט אייך משער זיין, וויפיעל פּעטש און קניפּ איך האָב דערפאַר געליטען. אַ חוץ דעם האָב איך אַ גאַנצען טאָג נישט גע־געסען, וואָרום די מאַמע נעבעך האָט מיט איהר שטערען צובראָכען דאָס טעפּעל קאַליש.

אַנ'אַנדערסטמאָל האָב איך געהאַפּט נאָך אַ גרעסערן פּסק. ס'איז אין מיר אַריין אַנ'אַפּיקורסישער געדאַנק, נישט צו בעגניגען זיך מיט דעם גלויבען אין דער מאַמעס ווערטער, נאָר מאַקי אַליין צו פּריווען, מיך צופּשיקאָנען אויב אַ בהמה האָט אַ מענשעלע, אַ נשמה הײכם עס, צי נים. נו איז מײנער צוגענאַנגען אויף דער גאַס צו אַ קוה, און בשעת איך האָב מיך גענומען אַריינקוקען איהר אין די אויגען, האָט זי מיך דורם געװיזען מיט די הערנער און שרעקליך שטאַרק צובילט, דער צייכען איז מיר מאַקי עד היום אויף דער לינקער באַק געבליבען. די אַלע קלעפּ האָבען נישט אַרויסגעשלאָגען, פּאַרקעהרט, זײ האָבען נאָך מעהר אין מיר אַרײנ־געשלאָגען דעם געדאַנק פון אַ קלײן מענשעלע.

געלערענט האָב איך אין דער תּלמוד־תּורה. וואָס אַ תּלמוד־תּורה איז, ווייסט איהר זעהר גוט אַליין און איך פּערשפּאָר עס אײך צו שיל־דערן. דאָס איז אַ קבר אויף צו בעגראָבען אָרעמע יודישע קינדער, צו פּערשלאָגען זײ דו קעפּ און אָבצורייסען פון דער וועלט; דאָס איז אַ פּאַבריקע אויף צו פּאַבריצירען טויגע:יכטסען, לעדיגגעהער, בידנע', פּערוואָהרלאָזטע אומגליקליכע נפשות; דאָס איז אַ חיסטע גרוב, אַ לאָך, אַנ'אומרײנע חורבה אויף היהנערשע פּיסלעך, ווי געװעהנטליך בײ אונז אין די שטעדטלעך, וואָס איז אַ הרפּה, אַ בושה, זײ זאָלען טראָגען אויף זיך אַזאַ מייערן, הײליגען נאָמען... ווי מיר דאַכט זיך, בין איך נישט געװען אַ גראָב יונגעל. בײ אַכט יאָהר לערך האָב איך שוין געלערענט חומש מיט חבור, מיט אַלע אויסרעדענישען פון רש״י, חאָטשע איך בין נאָך שטומפּיג געװען אויף דער עברי. אַ פּנים, מע קען זיך זײן אַ למדן און פונדעסטוועגען פּאָרט אַ גרויסער נאַר, אײנס צום אַנדערן האָט נישט...

די מאַמע מײנע פּלעגט מיך רופען שלים'מזל און איז באמת מאַקי זעהר גערעכט געװען. אין דער תּלמוד־תּורה בין איך שלים'מזל'דיגער געװען מעהר פון אַלע אַנדערע קינדער. דער רבּו, וואָס פּאַרדינט אָסור נישט אַזוי צו הייסען, האָט זעהר ליעב געהאַט דעם ענין פון שמייסען, אפשר נאָך מעהר ווי דעם בימערן טראָפּען. ער האָט פּשוט גרוים הנאָה געהאַט צו פּײניגען, גלאַט אַזוי זיך, די פּאַרחיסטיע, פּערוואָגעלטע קינדערלעך נעבעך, וואָס זענען אָהן דעם אויך געניג אָבגעקומען און קוים וואָס די נשמה האָט זיך אין זייער דאַרען אויסגעדײיווערטען גוף געהאַלטען. ער האָט געבראָכען די צובראָכענע בײנער, געצופּט, געריסען דאָס דאָ ע

שטיקעל לייב, און דער בעסטער חלק קלעפּ איז מיר, שלימ׳מזל, אָנ-געקומען. ער האָט צום סוף אויף מיר זיך שטאַרק פאַרעסען מחמת אַ זאַך, מיך גע׳הרג׳עט-געשלאָגען אַזוי, אַז איך בין פון זיינע הענד קוים לעבעדיג אַרויס און געמוזט אויפהערען צו געהן אין דער תלמוד-תורה. די מעשה איז אַזוי געשעהן:

דער רבי האָט מיט מיר אין דער סדרא בראשית אויסגערעדט אויף דעם פסוק „ויאמר למך לנשיו“ אַזוי: למך איז געווען אַ בלינדער, תובל-קין האָט איהם געפיהרט, און אַז ער האָט דערזעהן פון וויטען זיין זיידען קין, האָט איהם זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ חיה (דער רבי האָט גע-זאָגט אַ פוקס, בכדי דאָס בעסער מסביר צו זיין) האָט ער צו דעם בלינ-דען, צו למך׳ן, געזאָגט, אַז ער זאָל צילען אויף דעם פוקס, האָט ער געצילט און איהם גע׳הרג׳עט. און אַז למך איז געוואָהר געוואָרען, אַז דאָס איז גאָר קין זיין זיידע, האָט ער געפּאַטשט איין האַנד אין דער אַנדערער האַנט און ער האָט דערוייל זיין זוהן תובל-קין צוקלאַפּט אויף טויט. האָבען זיינע ווייבער דערפאַר פון איהם זיך פורש געווען, דאָס טייטש אָבגעשיידט, האָט ער זיי איבערגעבעטען, ויאמר — און ער האָט געזאָגט, לנשיו — צו זיינע ווייבער, עדה וצלה — עדה וצלה, שמען — הערט, קולי — מיין קול, נשי — ווייבער, למך — למך!...

ויהי היום איז מיט אַמאָל געקומען אין תלמוד-תורה עפּיס אַ דייטש, אַ געגאָלטער. דאַכט זיך, אַזש פון פעטערבורג. מיט איהם זענען גע-קומען אַלע גבאים פאַרהערען די קינדער. צום שלימ׳מזל בעדאַרף ער מיר גראָד הייסען פערטייטשען אַ שטיקעל חומש און נאָך דעם גוטען פסוק „ויאמר למך לנשיו“! ווען האָב איך דען גערעדט מיט אַ מענשען און בפרט נאָך מיט אַ דייטש, אַ גלוח? איך האָב געפלאָטערט, געציטערט אַזוי ווי אַ פיש אין וואַסער. עס האָט מיר געדווישט אין די אויערן, געקלאַפּט אין האַרץ, די האָר האָבען מיר זיך געשטעלט קאַפּויר, און אין די אויגען איז מיר געוואָרען פינסטער און ליכטיג צוגלייך, אַקוראַט ווי בשעת מען קוקט אין דער זון אַריין. איך האָב געפיהלט, אַז איך וועל נישט אין שטאַנד זיין אויסצודערצעהלען אַזאַ גרויסע לאַנגע מעשה מיט למך׳ן און דאָ שטעהט מען איבער׳ן האַלז, איין קול: זאָג, זאָג! — וואָס זאָל איך טאָן, מען מוז זאָגען. עס האָט מיר פערנומען דעם אָטהעם, איך בין אַרויס מיט דער שפּראַכע, מיך שטאַרק פערבאַלעמוטעט און אַנידערגעלעגט, מ׳שטיין׳ס-געזאָגט. אַ מין טייטש: „ויאמר — אַ פוקס,

למך—אַ בלינדער, לנשיו—האָבען די ווייבער פון איהם זיך אָבגעשיידט, תובל־קין האָט איהב געפיהרט, עדה, עדה וצלה—און ער האָט איהם נע׳הרג׳עט״—דער דייטש איז געבליבען שטעהן, ווי מען קאָכט איינעם אָב מיט אָקרעפּ, איז אָקאָרשט פון דער הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר כעס. ער האָט צוגערופען דעם רבי און מיט אַ בייזער איהם געזאָגט: האַ, וואָס ער איך? ווי זאָ לערהרנען זי איהרע תלמידים?! שאַנדע און שפּאָט! שעמען זי זיך, הער רבי!... דער רבי האָט זיך געקראַצט, קאַליפּיעט די נאָז און געטאַלעפּעטשעט מיט דער צונג: מיין האַרענקע, דער קנאַב האָט זיך פאַרטראָקען, דער קנאַב זוי אַ גוטשקער יונגעל אויף נאמנות! נו—האָט דער דייטש געזאָגט צו מיר—פירכטע ניכט, מיין קינד, עס ווירד דיר ניכטס געשעהן. זאָגע מיר ויאמר, וואָס טייטש ויאמר? איך אָבער האָב שוין נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוט זיך, האָב אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען ווי אַ ליימענער גולם און אַ זאָג געטאָן דעם דייטש גלייך אין פנים: פוקס!... מיין איך ויאמר, ער האָט זיך געבעטען צו די ווייבער... דער רבי נעבעך איז געשטאַנען ווי אין געהאַקטע וואונדען און זיך שיעור נישט בעגראָבען אין דער פּאַד גרויסן בזיון. ער האָט געלייזט פאַר דאָס זייניגע וויפיעל אין איהם איז אַריין און געהאַט אַ וויסטען, פינסטערען טאָג. זיין שווער ביטער הארץ האָט ער דערנאָך צו מיר אויסגעלאָזען. פון יענער צייט אָן פלעגט ער תמיד צו מיר זיך טשעפּען און מיך שלאָגען, ממית׳ן אויף וואָס די וועלט שטעהט, ביז וואַנען מיר איז שוין אונמעגליך געווען אויסצוהאַלטען. איך בין פערשלאַפט געוואָרען און אויפגעהערט צו געהן אין דער תלמוד־תורה.

ד.

די מאַמע מײַנע האָט געלעבט אין דחקות און נישט געהאַט פּשוט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. זי פלעגט אַרבייטען זאַקען, פליקען פע־דערען, זיך שטעלען אַ מאָל פאַר אַ וואַרטערין ביי אַ קינפּעטערין, און אונטער אַ פסח וועלגערן מצה. זי פלעגט טאָג ווי נאַכט נעבעך אַרביי־טען, טאָן, און פון איהר גאַנצער אַרבייט קיים געהאַט וואַסער אויף קאַ־שע. ווייבערשע מלאכות האָבען אין דער וועלט נישט קיין ווערטה און ווערען זעהר ווענינ בעלוינט. וואָרום וואָס זענען דען ווייבער אינגאַנצען? וואָס פאַר אַ פּנים, וואָס פאַר אַ ווערטה, האָט מ׳שטינ׳ס־געזאָגט, די גאַנ־צע יודענע, אַז זי איז שוין אפילו אַ בריה? פון ווייבער, אַזוי איז ביים עולם שוין איינגערעדט, קען קיינמאָל קיין גוטס נישט אַרויסקומען, זייערע אַלע מלאכות האָבען קיין שום ממשות. עפּיס רעבטס אין תוך אַריין, גוט אי ניצליך, איז נישט פאַר׳ן ווייבערשען מח... פונ׳ם טאַטענס ירושה איז געוואָרען אַ גוטער סך־הכל: צוויי מיידלעך מיט אַ יונגעל זענען גע־שטאָרבען, מען קען טאַקי זאָגען, פּשוט פאַר הונגער, איין גרויסער בחור האָט ערגיץ זיך אַוועקגעשלעפּט און איז פערפאַלען געוואָרען ביז אויף היינטיגען טאָג, מען ווייסט עד־היום נישט, וואו זיין געביין איז הינ־געקומען. נעבען דער מאַמען איז געבליבען אַ קראַנק, שלאַף מיידעל, אינגאַנצען אַ צובראָכענער שאַרבען, און איך, שלימ׳מזל, וואָס איך בין איהר געזעסען אויפ׳ן האַלז. אַנ׳אַפּעטיט האָב איך געהאַט אָהן עין־הרע זעהר אַ גוטען, דאָס ביסעל עסען, וואָס איך פלעג אַלץ פון איהרס נע־בעך אַוועקנעהמען, האָט מיר נישט געקלעקט אויף אַ צאָהן. איך פלעג אַלץ בעטען עסען, עסען! האַטש וואָס עס־איז, אַבי עסען! די מאַמע נעבעך האָט געליטען און נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר צו טאָן. לייט פלעגען זי ראַטען, מיך אַוועקצוגעבען עפּיס צו אַ בעל־מלאכה, נאָר זי פלעגט פערוואַרפען מיט׳ן קאָפּ און דערביי רערען מיט האַרץ:

— אַ־אַ, די כּפּרה בעסער זאָל ער ווערן איידער אָפּצוגעבן איהם צו אַ בעל־מלאכה, צו פערשוואַרצען מיר דאָס פּנים און דאָס פּנים פון זיין טאַטען עליו־השלום!... ער, דער טאַטע זיינער, וועט דאָך דאָרט נישט קענען רוהיג ליגען אין קבר. ס׳טייטש, רב טעביל דעם מלמד׳ס אַ זוהן זאָל זיין אַ בעל־מלאכה, איינגעקויפט אין דער חברה פּ״ק! ס׳איז דאָך נאָר אַ וועהטיג אַזוינס צוהערען. אַ, נישט דערלעבען, נישט דערהערען, רבונו של עולם, זאָלען עס מיינע שונאים.

אָט האָט צום סוף דער מאַמע געהאָלפען, מיך אַריינצוגעבן אין אַ קלייט פון צעלניק. זי איז געווען איבערגליקליך און האָט געמיינט, איהר זוהן איז שוין אַ סוחר.

נאָר איהר זוהן אָבער איז גאָר געוואָרען אַ הונד! איך וועל עס אייך באַלד טאַקי מפורש זיין.

מיין עובדא איז געווען אָנצוהאַפּען איטליכען, וואָס איז דורכגעגאַנגען, מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ געשריי און שלעפּען איהם אין קלייט אַריין. איז עמיצער פאַרבייגעגאַנגען אויף דער גאַס, פלעגט מען מיך אָנרייצען אַזוי ווי אַ הונד און איך האָב בעדאַרפט אַרויסלויפען, שרייען אין איין אָטהעם: אַהער, פּאַני! וועבעלנע טיכלעך, ליינוואַנד, שלייקעס, מעסערלעך, קאַלאָשען אַמעריקאַנישע, ים־שוימענע שטעקלעך, מאַנדעל־זייף, פּאָמאַדע! וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען. תחילת איז מיר דאָס געווען אַביסעל פריקרע, ווי גערעט מען עס גלאַט אַרוים שרייען אויף דער גאַס און פאַרשטעלען יענעם דעם וועג, ס׳איז דאָך עפּים משונה ווילד! איך פלעג אַביסעל אונטערפאַלשעווען, מאַכען די שפּיל בקיצור און אַריינברענגען דאַדורך אין כּעס מיין בעל־הבית מיט דער בעל־הבית׳טע, וואָס פלעגען מיך זידלען, אויסמישען גלייך מיט דער בלאָטע און אויפוואַרפען מיר, אַז איך פרעס אומזיסט זייער זאַלץ און ברויט, חאָטש איך נעבעך האָב געהאָרעוועט, געאַרבייט איבער מיינע כּוחות און געטאָן אַלערהאַנד מלאכות אין קלייט און אין שטוב, דערצו נאָך בין איך געווען אַ משרת ביי די עלטערע משרתים, פלעגן זיי פּאָלגען אין פייער, אין וואַסער אַריין, קריכען זיי אונטער די נעגעל און בין נאָך זעהר גערן געווען, אַז איך האָב דערביי פון זיי נישט געחאַפּט קיין פסק און טרוקען פון זייערע הענד אַרויס. ווער שמיסט, ווען אַ משרת׳ל פון דער אַנדערער קלייט פלעגט אַמאָל אַרויסרייסען אַ קונה ביי מיר פון די הענד, דאָ האָב איך שוין געמעגט

זיך געזעגענען מיט דעם לעבען. אַלע בײ אונז אין קלײט... אויף מיר אַרויף, דער מיט דער צונג, דער אַנדערער מיט דער האַנד און מען האָט מיר געגעבען װױפיעל אין מיר איז אַרײן. מײן מאַמע און דער טאַטע, ר׳ טעביל דער מלמד, עליו השלום, האָבען דענסטמאָל אויך גוט געלייזט, מען האָט זיי חלילה נישט פאַרגעסען. געגעבען אי אין דער מאַמען, אי אין דעם טאַטען אַרײן, העט־העט ביז אברהם אבינו! פון עסען אין אַזאַ ביטערן שווערען טאָג איז גאָר קײן רעדע נישט געווען, איך האָב געפאַסט, נישט טועם־טעם געווען. מען האָט מיר אַפילו מתיר גע־מאַכט עסען ווערים, קרענק, נאָר אַזוי ווי עסען ווערים, קרענק איז נישט פאַר קײן מענשליכען מאָגען, האָב איך פערבראַכט דעם טאָג פשוט אין אַ תענית. און אַזעלכע תענתים פלעגען מיר אָפט זיך מאַכען אַ פאָר מאָל אין וואָך. אַז אַמאָל האָב אַ קוק געטאָן, ס׳איז שלעכט, האָב איך אַ נעהם געגעבען זי... מײן זאַך בשלמות. ווי באַלד אַז עמיצער, וואָס דאַכט זיך נאָר אַז ער איז אַ קונה, האָט זיך אַ וויז געגעבען פון דערווייטענס, אַז מיינער האָט ווי אַנ׳אָבגעריסענער הונד פון דער קייט געשווינד אָקע־גען איהם זיך אַ לאָז געטאָן, פאַרשריגען איהם ... האָפּ מיט דעם גאַנ־צען צעטעל סחורות, איהם פערלאָפּען דעם וועג און געשלעפּט פאַר די פאָלעס. איך פלעג אפילו אַ מאָל פון אַזעלכען בעקומען אַ קלאַפּ אָדער אַ שפּיי אין פּנים, נאָר איך אָבער פלעג מיר טאַקי טאָן דאָס מיינינע, גלייך ווי מיר איז גאָרנישט געשעהן. מיט דער צייט האָב איך דרינען מיך אַזוי איינגעוועהנט, אַז דאָס שרייען איז בײ מיר געווען אַ חדוה, אַ פרייד. איך פלעג זעהר הנאה האָבען, ווען עס פלעגט מיר זיך מאַכען אַריינדערטאַפּען עפּים אַ פּריץ, איהם פערדולען דעם קאָפּ און צווישען דעם צעטעל מיני צעלניק־סחורה איהם אויך רעכענען מיט אַ געשריי: מאָזשע פּאַני פּאַרי־זשעסקי האַרצוועהטיג מיינע אויף דיין קאָפּ! פּאָמאַדא, מכּות, צרעת דיר, פּאַני!

דער דאָזיגער ענין המסחר מיינער אויף דער גאַס פלעגט מיך אָפט ברענגען אין אַ סכסוך מיט משרתים פון אַנדערע קלייטען, וואָס פלעגען אויך אָנחאַפּען קונים און שרייען. מיר האָבען זיך געריסען אין דרויסען, אַקוראַט ווי אונזערע בעלי־בתים האָבען זיך געריסען צווישען זיך אינווע־ניג אין די קלייטען איבער׳ן לייזעכטס, ניש־מעהר נאָר מיט דעם חלוק: בײ זיי האָט מען געוואָרפען מקחים, אַראָבגעלאָזען די פּרייזען, און בײ אונז, משרתים, האָט מען געוואָרפען קלעפּ, אַראָבגעלאָזען פּעטש. און אַזוי ווי איך בין געווען דער קליינסטער, דער שלאַפּסטער, איז פאַררעכענט גע־ווען אַ מצוה, די אַלע בעסטע קלעפּ מיט די הייסע פּייערדיגע פּעטש,

על פי מענשליכקייט, מיר איינעם צו־צולאָזען. אזעלכע מתנות אָבער זע־נען מיר נישט וואויל בעקומען, אין פון אזעלכע מצות על פי מענשליכ־קייט, בין איך אויס מענש געוואָרען. הגם צו אַזעלכע מיני מסחרים איז אַ מענש נישט אַזוי שטאַרק נייטיג, אָהן דעם קען מען אויך זיין אַ „מענש", אַ משרת הייסט עס, נאָר כח, געזונד אָבער בעדאַרף מען דאָך טאַקי האָבען, און איך בין געוואָרען, פּשוט איז פּשוט, אויס מענש, דאָס הייסט אָהן כח, אָהן קראַפט, קוים וואָס איך האָב מיר געהאַלטען אויף די פיס. אַ קאַטאָוועס וואָס איך בין נעבעך אויסגעשטאַנען! אין שטוב האָב איך בעדאַרפט טאָן, העלפען אין בעל־הבית׳ישקייט, אין קלייט האָב איך בעדאַרפט אַרבייטען, ראַ־מען, קעהרען, איטליכען בעדינען, איטליכען צופרידען שטעלען, און עסען פלעג איך יסורים. קלעפּ האָב איך געליזט פון פרעמ־דע אי פון אייגענע. דער גרויסער משרת אין קלייט פלעגט מיר נאָך מעהר פון אַלע מאַן צום טויט. איהם איז עפּיס נישט געפעלען געווען, וואָס איך נעבטיג אין דער קיך, וואוהין ער פלעגט זיך שטילערהייד אַריינחאַפּען. ער פלעגט זיך אַלץ זו־כען צו מיר, ווי מיך פון דאָרט משלח צו זיין און בכלל מיינער פּטור צו ווערען. איך בין איהם געווען עפּיס ווי אַ דאָרען אין די אויגען. פונדעסטוועגען וואָלט איך עס אפשר אַלצדינג איבערגעטראָגען, ווען עס זאָל נישט געווען זיך מאַ־כען די מעשה מיט אַ קנעפּעל.

איך האָב אַ מאָל דערזעהן אין קלייט, וואַלגערענדיג זיך, אַ מוטערפערלען קנעפּעל, וואָס האָט געפינקעלט, געלויכטען מיט אַלערליי קאָלירען און פערשיינט די אויגען אַזוי, אַז איך האָב בעקומען צו איהם אַ גרויסען יצר הרע. דערביי איז מיר אַרויף אויפ׳ן זינען מיין קראַנקע שוועסטער, איך וועל איהר עס געבען אַ מתנה, זי וועט אַ שבת, אַ יום־טוב, דערמיט זיך אויספּוצען און זיך בעריהמען פאַר איהרע חבר׳טעס. דער־[illegible] זיגער געדאַנק האָט מיר נאָך אונטערגעגעבען חשק, א[illegible] איך האָב גענומען דאָס קנעפּעל און אַריינגעלעגט עס אי[illegible] שענע, אין דער גרויסער משרת, וואָס האָט עס אַלצדינג פון דערווייטענס צוגעזעהן, באַלד צוגעלאָפען צו מיר מיט אַ געשריי: „אַזוי, שייגעץ, גנב איינער, דו לעגסט אין קעשע־נע? זעהט איהר — בעל־הבית׳טע, האָט ער געזאָגט — יענע

ואַכזע, וואָס האָבען געפעהלט, איז אויך זײן מלאכה!" דאָס האָט ער שוין געזאָגט בכיון, כדי אַרויפצוװאַרפען אויף מיר זײנע אײגענע חטאים, אַ פּנים, און איך געדענק ווי פון שלאָף, אַז ער פּלעגט אַ מאָל טאַקי אונטערדרוקען דער דינסט קלײניג־קײטען... קורץ, מען האָט מיר געמאַכט אַ וויסטען פינסטע־רען סוף, גוט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריבען.

ה.

די מאַמע האָט מיך ווידער בעקומען צו זיך צו גאַסט אין אַ גוטער, מזל'דיגער שעה! איך זאָג נישט אומזיסט „אין אַ מזל'דיגער שעה“, וואָרום יענע צייט גראָד איז געווען די צייט, וואָס זי האָט ערגיץ ביי אַ בעקער געוועלגערט מצה, און דורך איהר חשיבות איז איהר געראָטען, איינצואַרבייטען דאָרט פאַר מיר אַ התמנות פון אַ גיסער, דאָס הייסט אונטערצוגיסען וואַסער, מיט אַ פסח'דיג קריגעל, דער קנעטערין, וואָס דענסטמאָל האָט עס ביי מיר אַזוי פיעל פערנומען ווי די גרויסע שטעלע פון אַ שר=המשקים. איך האָב מיך מיט דער שטעלע ביי זיך אין האַרץ מיחס געווען און געקוקט אויף זיך עפּיס מיט דרך=ארץ, ווי אויף אַ מענשען, וואָס מע בעדאַרף צו איהם אָנקומען און זיין הילף איז שטאַרק נייטיג. אין דער ערשטער צייט איז מיר אַפילו אָנגעקומען שווערליך צו צוטרעפען אַקוראַט די מאָס וואַסער, און עס זיינען דורך מיר חמץ'דיג געוואָרען עטליכע מיערעס און מען האָט מיר דערפאַר מיאוס אָנגעריבען אַ נאָז, נאָר דערנאָך איז עס ביי מיר געגאַנגען ווי אַ פוטער. איך האָב מיך געהאַלטען ביי זיך פאַר איין גיסער אין דער וועלט, אַפילו אין פּאַריז קען שוין קיין בעסערער פון מיר נישט זיין. צווישן די מענשען, וואָס האָבען ביים בעקער זיך איבערגעוואָרפען מצה באַקען, איז געווען אויך איינער, אַ דרדקי=מלמד. ער איז געווען מיט מיין גיסען זעהר צופרידען און מיך אַפילו אַ קניפּ געטאָן אין בעקעלע. די מאַמע מיינע האָט מיט דעם מלמד עפּיס אַלץ גערעדט, גערעדט, דערנאָך האָט זי מיך צוגערופען און געזאָגט: זעהסט=דו, יצחק=אברהם'צע, רב עזריאַל נעמט דיך צו, ביי זיך אין חדר, פאַר אַ בעהעלפערל! דערביי האָט זי געמאַכט צו דעם מלמד: איך חידוש מיך מעהר נישט, רב עזריאל, ווי אַזוי דאָס איז מיר ביז אַצינד נישט אַרויף אויפ'ן מוח! זיין טאַטע, עליו השלום, ווי איהר ווייסט, איז געווען אַ מלמד, זאָל דער זוהן זיינער, איהם צו לאַנגע יאָהר, אויך זיין אַ מלמד, נאָר אויך די אייגענע מעשה מאַכן, זאָלט

איהר מיר געזונד זיין, אַז דער מח, נישט פאַר אײַך געדאַכט, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, ליגט מיר, שונא=ציון, אין דער ערד. איהר האָט דאָך מיינעם, אייך אויף צו לאַנגע יאָהר, געקענט. אויך די אייגענע מעשה, מסתמא איז דאָך אַזוי אָנגעשריבען געוואָרען, דער זוהן זאָל אויך בלייבען ביים טייטעל. אַז זיין ליבען נאמש איז ייחא, איז מיר אויך ניחא. נימערערגער, זאָל זיין מוט'ן מייט.

ס'איז אָבער נישט געווען, ווי די מאַמע האָט געזאָגט. מיט'ן טייטעל, ס'איז גאָר געווען מיט דער וויג, מיט דער ציג וכדומה מיט אַזעלבע זאַכען! רב עזריאל=מלמד'ס ווייב האָט מיך גענומען אין איהרע הענד אַריין, מיט מיר געשמאַק געקנעלט און מיך מכבד געווען מיט אַלערליי מלאכות. איך בין ביי איהר געווען אַ פאַרשטעקעל, אַ קאָרק, מיט וועלכען זי האָט פערשטאָפּט אַלע לעכער. אַלע טאָג אין דער פריה האָב איך בעדאַרפט, ווי אַ יוד פאַרפעהלט נישט דאַוונען, אָבפיהרען די ציג אין דער טשערעדע. זעלטען, זעלטען אַז ר' עזריאל פלעגט זי, די ציג הייסט עס, מיט זיין כבוד אַליין פיהרען פאַר די הערנער און איך פלעג זי מיט אַ ריטעל פון הינטען אָנטרייבען. אָבגעפאַרטיגט זיך מיט דער ציג, איז געגאַנגען אַ סדרא פון אָנטראָגען האָלץ, צונויפקלייבען אין הויף, אויפ'ן מיסט, דאַרע שפענדלעך, אויסגיסען די פאַמייניצע, אויסקעהרען די שטוב און האַלטען אויף די הענד דאָס קליינע קינד מיט אַ נאַס פערקאַטשעט העמדעל, וואָס האָט געווינט, זיך געריסען נאָך דער ברוסט, געצאַפּעלט מיט הענטלעך אי מיט פיסלעך, זיך פערגאַנגען, פערקייכט און, מחילה, געפייפט מיט'ן נעזעל. איך האָב עס בעדאַרפט אַיינגעהמען, אויסטראַכטען שפּילכלעך, בלאָזען אין קולאַק ווי אויף אַ טרומייט, קנאַקען מיט דער צונג, מאַכען „סאָראָקע=וואָראָנע“ און זינגען „פּי=פּי=פּי“, „ציגעלע=מיגעלע“ און נאָך אַנדערע קינדערשע לידלעך. חלילה אָבצושטעלען זיך אַ רגע! די רביצען האָט געעפענט אַ פּיסק און אויסגעגאָסען אויף מיר אַ תוכחה, האַלטענדיג די קאָטשערע, פאָר אויף צו פּלעטען מיר דעם מח.

איבערגעקומען בשלום אָט די דאָזיגע מלאכות, בין איך געלאָפען צונויפנעהמען די קינדער אין חדר אַריין. דאָ האָט זיך אָנגעהויבען גאָר אַ ניי קאַפּיטעל — דער „מודה=אני“ מיט אַלע תרי"ג בעהעלפערשע מלאכות: פּוצען שטיוועלעך, שיכלעך, אַרויסנעהמען נאַסע יונגלעך פון אונטער די איבערבעטען, אויסזוכען זיי דאָס אָנטאָן, פערשפּילען שפּענצערס, אָב=

רייסען שלומפערס, אבבלאזען פעדערען פון יארמעלקעלעך, אבווישען נעז־לעך, שלעפען מיט געוואלד פון דער שטוב און ארויסשטופען אין דרויסען... אט אזוי בין איך געגאנגען פון שטוב צו שטוב ביז איך האב צונויפגעזאמעלט די גאנצע קאמאנדע. דערנאך האט זיך אנגעהויבען דער משונח ווילדער מארש, וואס מען האט איהם געמענט אויף חרושים אג־קוקען. פאראוים און אונטער ביר לויפען, שפרינגען, קריכען יונגלעך אין דער „פאלנער פארמע", מיט ארויסגעשטעקטע העמדלעך אונטען פונ'ם שפענצער. דער גערהט טרויעריג מיט אנ'אראפגעלאזענעם קאפ, ווי צו דער שחיטה, יענער האלט א שטיק ברויט מיט אנ'איי און עסט, איינער מאכט קוקוריקו! און דער אנדערער — ציגעלע מע־מע־מע! איך אליין נעה האפערדיג אין דער מיט, אנגעלאדען אין די קעשענעס. אין דעם בוזעם, אין א קוישל אויפ'ן ארעם פלעצעלעך מיט פוטער, ברויט בע־שמירט מיט שמאלץ, ריבטלעך ברויט מיט א ווירעל פון א הערינג, מיט טעפלעך קאשקע, זויערטילך, קעז, ציבעלעס, קנאבעל און שאר ירקות. און פיהר פון ביידע זייטען ביי די הענטלעך א האלב טוץ יונגלעך. א טייל יונגלעך חליפען, סטארען מיט דער נאז, א טייל שפארען זיך איין און ווילען נישט געהן, א טייל פארררעהען דעם קאפ אהינ־אהער, וויינען שרייען' מאמע, מאמע! הויך אויף א קול איבער דער גאנצער גאס.„

אנקומענדיג אין חדר האט דער רבי מיט דעם עלטערען בעהעל־פער איבערגענומען דעם גאנצען עסאפ קליינע ארעסטאנטלעך, און זיך גענומען צום שפייזען, איך האב בעדארפט דערלאנגען ריטער און האלטען פאר די פיסלעך, אבגעשפילעט און געלעגט אויפ'ן ביינקעל האט דער רבי מיט זיין כבוד אליין, אז די אבגעשטיפטע קינדער האבען זיך א לאז געטאן שפילען אויפ'ן בערגעל מיסט אין דרויסען, האב איך מיך געזעצט אבזוהען — וויגען דאס קינד, רבי עזריאל דעם סלטר'ס קדיש, זינגען איהם דערביי „אונטער הייקעלעס וויגעלע שטעהט א זויס קלאר ציגעלע", אדער אויפפלאנטען א מאל א מאטיק פארים, געהן אויפזוכען די היהנער, ש ייען א־קיש! און טרייבען דעם האהן מיט זיין פעקעל ווייבער, די לעפטשיכעס, אראב פונ'ם בוידעם אי פונ'ם דאך. אין א פאר שעה ארום האב איך מיך איינגעשפאנט געהן ברענגען די יונגלעך וואַרמעס אין חדר אריין און אזוי האב איך מיך געדרעהט אהין־אהער, אנגעמופעט ביז פארנאכט.

פארנאכט איז געקומען די צייט אבצופיהרען די האפטע קינדער א

היים. מיינע צאָן־קדשים זענען לוסטיג געלאָפען, געשפרונגען, די אַ אונטערגעשלאָגען אויג, יענער מיט בלויע ציבענס אויף דער באַק, איינעם האָט געפלאַמט אַנ׳אויער, דעם אַנדערן איז אַביסעל אויסגעצופּט געווען אַ פּאה. קיינער אָבער האָט פאַר שמחה דערוויס זיך גאָר נישט גע־מאַכט. אַלע האָבען געשטיפט, געאיילט, געיאָגט לעבעדיג־פרעהליך. אין דער צייט איז אויך די טשערעדע קיה צוריק געגאַנגען פונ׳ם פעלד מיט די פערשיימטע ציגען פאָראויס. איך האָב אָבגעלאָזען מיינע צאָן־קדשים און געגאַנגען מקבל־פנים זיין ר׳ עזריאל דעם מלמד׳ס ציג, האָב זי אַ חאַפּ געטאָן ביי די הערנער און אָבגעפיהרט אַ היים אין איהר רוה אַריין. דערמיט האָב איך זי אָבגעהאַלטען פון אַ גרויסער מיאוס׳ער עבירה — שפּרינגען ערגעץ אין אַ פרעמדען גאָרטען אַריין, און מיר האָב איך פער־שפּאָרט אַ קאָפּדרעהעניש זי צו זוכען, ווי עס פלעגט זיך מאַכען אַ מאָל, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מכח מיין עסען איז דער מדובר געווען אַזוי: ר׳ עזריאל האָט מיר צו־געזאָגט קעסט ביי זיינע בעלי־בתים, ביי איינעם אַבטאָג, ביים אַנדערי צוויי וואָכען, אָדער אַ חודש, ווי עס האָט זיך געלאָזט. נאָר באמת בין איך געווען אויף קעסט נישט ביי די בעלי־בתים, נאָר וואָס דען? — ביי זייערע קעכינס, וואָס האָבען געהאַט אַ מינג נישט צו האַלטען ר׳ עזריאל׳ס התחייבות און מיך לאָזען פשוט הונגערן, און וואָס דאָס האָבען זיי זעהר אָפט טאַקי געטאָן. איך ווידער פון מיין זייט, הגם אין מיינע תנאים איז נישט געשטאַנען צו טאָן דאָרט עפּיס אַ מלאכה, פונדעסטוועגען האָב איך פאָרט נישט געקענט אַזוי גראָב זיין, אָבצוזאָגען זיך, ווען מען האָט מיך מכבד געווען מיט אַרבייט. איך פלעג רייבען חריין, שאַרפען מעסערס, שייערען, רייניגען די שבת׳דיגע מעשענע לייכטער, געהן צום שוחט קוי־לען עופות, לויפען אין דער דינסט׳ס שליחות אין קלייטעל נאָך פעפער, נאָך איינגבער מיט צימערינג צום קוגעל, וכדומה נאָך זאַכען אין דעם בעל־הבית׳ישקייט.

ס׳איז געווען אַרום תשעה־באב־צייט. איך האָב מיך שטאַרק מכין געווען, אָנגעגרייט כלי־זין — הילצערנע שווערדלעך פאַר מיינע יונגלעך, אָבגעפאַרבט זיי, די שווערדלעך הייסט עס, מיט שוואַרצע יאַגעדעס און מיט אַנדערע מותה־משונה־פאַרבען און געהאָפט דערפון צו האָבען אַ שע־נעם גראָשען. נאָר פלוצלים האָט אויף מיר זיך אָנגעריקט אַ חמאָרע און צושטערט מיינע האָפענונגען. ר׳ עזריאל האָט אין יענער צייט בעדאַרפט

נראָד שלאָגען טויט=שלעק עפּים איינעמס אַ נגיד׳ס אַ יונגעל, אַ בן=יחיד׳ל וואָס איז געווען שטאַרק ציטעריג ביי די עלטערען. דאָס יונגעל איז פער, שלאַפט געוואָרען און געלעגען קראַנק אין בעט. די מאַמע מיט דעם טאַטען וואָבען נעלאַרעמט, געשריגען און געזאָגט: זיי מחען דעם רב עזריאל׳ן גוט אָנלעהרנען און צונעהמען ביי איהם דעם גאַנצען חדר. רב עזריאל האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען, געזוכט אַ וועג ווי זיך צו ריי= ניגען, און אַרויפגעלעגט די גאַנצע שולד אויף מיר, דאָס איז, האָט ער זיך פאַרענטפערט, דעם בעהעלפער׳ס מלאכה. ער איז, האָט ער געזאָגט אויף מיר, אַ גרויסער שייגעץ, אַ ווילדער עכבראש! דאָס יונגעלע פון זיין זייט האָט געשוויגען, שטאַרק מורא געהאַט, ווי געוועהנטליך, אויסצוזאָ= גען פונ׳ם חדר. עס איז אָנגענומען געוואָרען, אַז איך בין שולדיג, און ביי ביידע צדדים איז געבליבען, מיך גוט אויסצופאַטשען און אַרויסצו= טרייבען פונ׳ם חדר. איך בין געוואָרען דאָס כפרה=הינדעל און מען האָט מיט מיר, שלים׳מזל, טאַקי באַלד געשלאָגען כפרות!

ו.

טאַ! — האָט די מאַמע מיינע זיך אָנגערופען אין אַ שמיעס מיט עפּיס אַ יודענע, און בשעת מעשה געקוקט אויף מיר — אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּיס, אסתּר, אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט. איך האָב פון מיין זייט יוצא געווען, זיך געלעגט, ווי מען זאָגט עפּיס, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, אין דער לענג און אין דער ברייט, נישט צו פערשוואַרצען מיינעם דאָרט אין קבר דאָס פּנים, נאָר גאָט צוריים זיך, שונאי ציון, אַז עס פאַלט אַלץ מיט דער פוטער אַראָב. איך האָב איהם אַזוי ווי איהר קוקט איהם אָנ-עט, אסתּר, שוין געשטעלט אויף עטליכע ערטער. ער האָט געקענט דאָרט ווערען אַ לייט, טאַקי וואָס לייט הייסט, אַז גאָט און לייט וואָלטען מיר מקנא געווען. נאָר גאָט צוריים זיך, אסתּר, נעהם חאָטש דאָ איינ-עט אַ מיתה-משונה און ווער די כּפּרה, אַז עס קומט נאָר אוים, דיר אויף צוזעצעניש, שונאי ציון, פונקט פּויבעריק! אויך די אייגענע מעשה, ווי זאָגט מען עפּיס, אַז דאָס שלים־מזל לאָזט נישט אָב אַ מענשען, מוז מען אָנבויגען דעם קאָפּ. אַז מען קען נישט אַריבער, זאָגט דער עולם אַ ווערטעל, מוז מען אַרונטער. יאַק נימאַ ריבאַ טאָ אי ראַק ריבאַ, זאָגט אַפילו אויך דער פויער להבדיל. איהר זענט דאָך אַ וואוילקענעוודיגע, אסתּר, טאַ! צו אַ בעל-מלאכה, לאָז זיין צו אַ בעל-מלאכה. מסתמא איז דאָך אויבען אַזוי אָנגע׳חתמ׳עט געוואָרען, אַז טעביל דעם מלמד׳ס זוהן זאָל זיין אַ בעל-מלאכה, וועה און וויינד איז מיר! אויך די אייגענע מעשה, מה אנו מה חיינו, גאָט פרעג דעם רבונו של עולם קשיות!

אין עטליכע טעג אַרום בין איך אַריינגעטרעטען פאַר אַ לעהרער-יונגעל צו לייזער דעם שניידער.

לייזער דער שניידער איז געווען אַ קליין דאַר יודעל מיט אַ בלייך פּנימ׳על, זעהר ספּרונגעַ, אַ ריהרענדיגעס ווי קוועקזילבער, מיט אַלע

שניידערשע פאַסטעמקעס — אַ פּאַלגע מיט די ביינער. מען האָט איהם געקענט רופען אי אַ ווייבערשער אי אַ מאַנסקער שניידער, אָדער, נאָך גלייכער, נישט קיין ווייבערשער, נישט קיין מאַנסקער, ווייל ער האָט זיך אונטערגענומען נעהען אי ווייבערשע, אי מענישע קליידער, אַלצדינג אין דער וועלט, אפילו אַ היטעל אויך, און האָט קיין זאַך נישט רעכט געקענט. אונטער זיינע הענד פלעגט אַ יופּע מגולגל ווערען אין אַ שלאָף־ראָק, אַ שלאָף־ראָק אין אַ קאַפּאָטע, אַ קאַפּאָטע אין אַ קליידעל און אַ קליידעל אין אַ קינדערש לייבעל. דערצו איז ער געווען אַ בריה. עס האָט ביי איהם אויסגעגעבען תמיד מאַטעריע אַקוראַט וויפיעל מען בעדאַרף, אין איהם איז נאָך אויך איבערגעבליבען אַ היבשער שטיק יתור. אונטער אַנ׳אָסיען, די רעכטע צייט, ווען ביי יודען אין דער פאַמיליע הייבען אָן קליידער איבערגעניצעוועט און מגולגל ווערען פון איין מלבוש אין דעם דעם אַנדערן, דענסטמאָל איז ער געווען פערוואָרפען מיט אַרבייט.

לייזער האָט פון זיך הנאה געהאַט און זיך געהאַלטען פאַר דעם בעסטען שניידער ווען נישט אין דער גאַנצער וועלט, על כל פנים פאַר דעם בעסטען אין בעזליודעוו, ווייל ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס איהם פעהלט. אז מען פלעגט איהם אַ מאָל ווייזען עפּיס אַ גוט שטיקעל אַרבייט ערגיץ פון דער פרעמד, פון בערלין אַ שטייגער, פלעגט ער געבען אַ שמייכעל און נישט וועלען אַפילו דעם כבוד אָנטאָן, דערצו זיך רעכט צוקוקען און צו בעטראַכטען, ווי דאָס איז גענעהט, ווי עס נעהט דער שניט.

— עט! — פלעגט ער שמייכלען מיט אַ קנייטשעלע און יענעם אָבשלאָגען די פליגעל — עט, וואָס איז דאָ אַזוינס פאַר אַ חריפות? וואָס האָט מען דאָ געפונען אַזוינס וואָס צוזעהן? אַזעלכע אַרבייטען האָב איך שוין אין מיין לעבען טויזענטער מאָל איבערגעמאַכט. מען בעדאַרף נאָר צו אַלץ האָבען מזל, אַבי ס׳איז אין בערלין, חע, חע, איז שוין גוט.

אַ צינגעל האָט לייזער געהאַט אַ געשליפענם, זעהר אַ געלויפיגס. אז עמיצער פלעגט וועלען איהם אויסמאָלען, ווי ער זאָל איהם נעהען, האָט ער יענעם נישט געלאָזט אויסרעדען, פערחאַפּט און גערעדט אַלץ אַליין:

— איך וויס, איך וויס־וויס־וויס! זייט זיכער, איך וועל אייך מיט גאָט׳ס הילף מאַכען אַ שטיקעל אַרבייט נאָך בעסער ווי איהר אַליין ווילט.

דאָס ערשטע מאָל איז מיר דען צו מאַכען אַזאַ אַרבייט? איך ווייס, זייט זיכער, איהר ווערט צופרידען זיין.

ביים אָבּבּרענגען די אַרבייט, אַז יענער פלעגט זאָגען: דאָ קוועטשט איהם, דאָ קנייטשט זיך, דאָ ליגט נישט גוט, דאָ איז שמאָל, האָט לייזער נישט געוואָלט גאָר הערען, אַלץ גערעדט, גערעדט און פערשאָטען מיט רעד:

— חלילה, ווי פאַלט איהר אויס אַזוינס צו זאָגען? עס קוועטשט נישט! עס טאָר גאָר נישט קוועטשען, עס הייבט נישט אָן אפילו זיך צו קנייטשען. גיט נאָר אַ ציה, זייט מוחל, אַהין אַביסעל. עס ליגט גוט אַזוי ווי אויסגעגאָסען. נאַט אייך נייס — ס'איז שמאָל! וואָס הייסט שמאָל? אַז סע טאָר נישט זיין שמאָל! איהר האָט ערשט אָבגעגעסען און זענט אַביסעל פול, דאַכט זיך אייך אויס, אַז ס'איז שמאָל. איך זאָל פאַרקרענקען אין דעם היגען הקדש, וואָס מיר איז דערפון אַראָבגעפאַלען, ביי מיינע יודישע נאמנות! מען איז קוים אויסגעקומען ווי מיט קרעפעל-פלייש. ס'איז איבערגעבליבען פונ'ם אונטערשלאַק אַ שמאָל פאַטעקעל פערקעל, האָב איך עס אייך אָבגעבראַכט. בעסער ווי איך האָב אייך געמאַכט, קען מען שוין טאקי ערגיץ נישט מאַכען. איהר ווערט זיך אַביסעל איינגעהן, ווערט איהר געוועהנט ווערען. טראָגט געזונד!

ביים צאָהלען פלעגט זיך אָנהייבען אַ דינגעניש. ער האָט אַוועקגערעדט אַ שעה מיט חרמות, אָבגעלויבט אין טאָג אַריין זיין אַרבייט, אויסגערעכענט איטליכעס פיצעלע בעזונדער, וואָס האָט איהם געקאָסט, געמאַכט אַ שניידערשען חשבון און געשטעלט פאַר עדות אונטער די אויגען דעם קרעמער, דעם שמוקלער אי די יודענע פונ'ם שאַפקעלע, און אָבגעשאָטען פשוט מיט ניין מאָס רעד, ביז מען האָט איהם מוסיף געווען נאָך אַ צעהן גראָשען. טאַ. פלעגט ער דערנאָך מאַכען, גיט חאָטש אַביסעל בראַנפען... מיט אַביסעל בראַנפען האָט ביי לייזער'ן זיך אָנגעהויבען און אויסגעלאָזען אַלע געשעפטען. ער איז נישט געווען חלילה קיין שכור, זיך נישט געוואַלגערט אין די גאַסען. נאָר טרינקען האָט ער געקענט. די מלאכה האָט ליעב דעם טרונק — איז געווען זיין ווערטעל. און ער האָט טאַקי אמת ליעב געהאַט די משקה. צוליעב דעם פלעגט ער זיין אַ גאַנצער מאַכער אין דעם צעך, האָבען אַזאַ התקרבות מיט דעם צעכמייסטער, אַרויסווייזען זיך און שטאַרק אַרבייטען בשעת עפּים אַ וויבאָר, ווייל געוועהנטליך געהט עס דאָ נישט אָהן אַביסעל בראַנפען. ליי-

זער'סנשמה האָט ניש'קשה געפיהלט, וואו מען בעקומט דעם ביטערען טראָפּען. נאָר זאָגען, אַז פאַר אַ כּוסה האָט ער פערקויפט זיין האַרץ, זיין פערשטאַנד, ער האָט אויפגעהערט צו פיהלען, צו פאַרשטעהן וואָס גוט און וואָס שלעכט — חלילה, דאָס נישט. פער'כּוס'עט האָט ער עס נישט, ער האָט טאַקי ביי זיך געהאַט זיין שכל און ווי אַלע אַנדערע זעהר גוט געוואוסט דעם אמת, ער האָט נאָר פער'כּוס'עט, פער־קויפט זיין גאַלקע...

לייזער דער שניידער האָט מיך גלייך ביי מיין אָנקומען צו איהם שטאַרק גענומען און דער אַרבייט און מיט מיר אָנגעהויבען דעם אַלף־בית פון דער מלאכה. דער אַלף־בית איז נישט בעשטאַנען דרינען, ווי מען האַלט די נאָדעל, ווי מען בעדאַרף אַ שטאָך טאָן — ניין! דאָס איז נאָך געווען צופריה, דעם דאָזיגען כּבוד האָט מען מיר נאָך אַ לאַנגע צייט נישט אָבגעגעבען. לייזער האָט מיט מיר אָנגעהויבען פון דער התחלה — פון זיין פאַמיליציע, האָלץ טראָגען וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען. כּמעט דער אייגענער אַלף־בית, וואָס ביי דעם צעלניקער און ביי עזריאל דעם מלמד, נאָר מיט אַביסעל פאַרענדערונגען, ווי עס פּאַסט צו אַ שניידער, דהיינו: געהן אין מאַרק נאָך כּשר'ע פּאָדים; אַריינשטעלען פרעסלעך וואַרימען אין אויבען, ביי לייזער'ן גופא אין שטוב, אָדער אַ מאָל ערגיץ ביי אַ שכן; זוכען אַ מאָל צעהן אין טאָג אונטער'ן טיש, אונטער די ביינק, דעם פינגערהויט, אָדער אַ דין נאָדעלע; אַרויסציהען פאַרשטריגעס און אָבטראָגען מיט דעם בעל־הבית ערגיץ אַ שטיקעל אַרבייט. און אַזוי ווי לייזער האָט געהאַט אַ ווייב, אַ בעל־הבית'טע, אַ בריה אַ יודענע, האָט זי זיך מיט מיר שטאַרק אָבגעגעבען, אויסגענוצט ביי זיך תמיד פאַר מיר אַרבייט און מיר ניט געלאָזט חלילה לעדיג זיצען קיין רגע. די מאַמע מיינע האָט נאָך לעת־עתה נישט געהאַט זיך וואָס צו שעמען פון מיין מלאכה, און מיין טאַטע ר' טעביל דער מלמד האָט נאָך דערווייל געקענט רוהיג ליגען אין קבר: זייער זוהן האָט זיי נאָך נישט פערשוואַרצט דאָס פּנים, ביז דער נאָדעל איז נאָך געווען גאַנץ ווייט. און מכּח שלאָגען — דרינען האָט מען זיך נישט געדונגען. אַ מאָל האָט מיך געשלאָגען לייזער, אַ מאָל לייזער'ס ווייב און אַמאָל ביי־דע אינאיינעם טאַקי, אָדער זיי ביידע, נאָר אויף אַנ'אַנדער מין אופן, דהיינו אַזוי: לייזער האָט פריהער אָבגעשטעקט עטליכע פעטש לייזעריכען און לייזעריכע האָט זיי מיר געטריי איבערגעגעבען מיט פראָצענט, מיט געשמאַקע עטליכע קניפּ דערצו, אָדער פאַרקעהרט, לייזעריכע האָט מיט

אַ מאָל צום ערשטען אַריינגעלעגט מיט איהרע אייגענע הענד, וויפיעל זי האָט נאָר געקענט אין לייזער'ן, און לייזער האָט נישט געקענט אויס־האַלטען, ער זאָל עס באַלד נישט אַריינוואַרפען אין מיר... לייזער מיט'ן ווייב האָבען געלעבט ווי אַ פּאָר טויבען, גלייך אין אַלע זאַכען: ביידע זענען געגאַנגען אין ספּאָדיק, ביידע האָבען געהאַט אַ גלייכע דעה, ביידע האָבען מורא געהאַט איינער פאַר דעם אַנדערן, זיך געהאַלזט, אַרומגע־נומען און זיך געטיילט מיט דעם שענסטען בעסטען — מיט פּעטש..

קיין האָניג האָב איך ביי לייזער דעם שניידער נישט געלעקט. איך האָב געאַרבייט אין שטוב ווי אַיין אייזעל און געחאַפּט פון אַלע זייטען קלעפּ, דענסטמאָל האָב איך געמיינט, אַז דאָס אַלצדינג מוז מען אַ לעהרענ־יונגעל טאָן און אָהן דעם חלילה, דאָס הייסט, אָהן פּאָמיינינצעס־טראָ־גען וכדומה און אָהן קלעפּ, הייסע פייערדיגע פּעטש, וועט ער נישט קע־נען זיין אַ בעל־מלאכה, אַקוראַט ווי אָהן קלעפּ קען מען נישט לערנען און מאַכען פאַר אַ למדן. אַ שפּיגעלע האָב איך פאַר מיר געהאַט לייזער'ס אַנ'אַרבייטער. אַ דאַרער, אַיינגעהויקערטער, אויסגעבליכטער בחור, וואָס ער האָט זיינע בעסטע יונגע יאָהרען פערבראַכט ביי לייזער'ן, גע־טאָן עבודת פּרך און געליטען ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה האַל־טען אַ נאָדעל און שטשאָבען. דעריבער פלעג איך, שלים'מזל, נעבעך מקבל באהבה זיין אַלע פּעטש און אפילו נישט הויך וויינען.

איינמאָל אונטער אַ פאַר־פּסח רופט דער בעל־הבית צו מיר זיך אָן:

— איציק אברהמ'ל, גיב נאָר אַ שפּרינג אין קרעמעל, חאַפּ, פערחאַפּט זאָלסטו ווערען, פאַר אַ גראָשען כשר'ע פּאָדים און בעוואַרף, וואַרפען זאָל עס מיט דיר, אָט פון דעם דאָזיגען קלייד דעם פעּ־דער־חלק, דערנאָך דעם אונטער־חלק. זשיוואָ, ממזר!

איך געדענק, ווי שטאַרק איך האָב מיך דערפרעהט דענסטמאָל אויף דעם כבוד — זיצען ביי דעם טיש און האַלטען אַ נאָדעל, גלייך ווי מען וואָלט מיך אויף אַ חתונה מכבד געווען האַלטען די חופה־שטעקענס. היידאַ! איך האָב מיך אַנידערגעזעצט ביים טיש אַקעגען דעם אויסגע־בלייכטען בחור, פרעהליך, לוסטיג און מיט ביידע הענד געהאַלטען דעם אונטער־חלק, ווי עפּיס אַ טייערע זאַך, אַנ'אבן־טוב. דער שניידער האָט אויף אַ ביי־קולכען צוגעזונגען אַ שטיקעל פון כל־נדרי, באַלד אַ מלך־עליון, באַלד איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ מאַרש, צוגעשאָקעלט מיט'ן קעפּעל

און צוגעפּויקט צום טאַקט מיט די פּיסקעס, באַלד האָט ער געזאָגט אַ המצאה'לע איבער מיר, איבער דעם אויסגעבליכטען בחור, און דערביי אַרויסגעשטעקט אַ שפּיץ צינגעל, באַלד האָט ער געזונגען וויינענדיג ווי מען בעזעצט אַ כלה און באַלד האָט ער געזאָגט, ווי דער מאַרשאַלעק, גראַמען. „זשיוואָ, איציק אברהם'ל! — האָט ער מניה־וביה טאַקי געזאָגט מיט אַ נגון, — שנייץ אָב דאָס ליכט, ממזר! געה גיכער, אָנגעבלאָזענע צורה! אַביסעל גיכער, איציק אברהם'ל, חאַפּ ביי מיר נישט, ממזר, קיין דרעמעל!" און איך, שטאָך דאַ שטאָך, שטאָך דאַ שטאָך אין דעם קלייד, אין די פינגער, וואו עס האָט זיך פּאָפּאַדעט. נאָר ווער הערט אַ שטאָך בשעת אויפ'ן האַרץ איז פרעהליך?...

פלוצלים אָבער האָט אויף מיר זיך אָנגערוקט אַ חמאַרע: אין דער גאַנצער שטוב האָט אָנגעהויבען צו שטינקען סמאַליגע. מען זוכט דאָ, מען זוכט דאָרט און מען געפינט לסוף, אַז ביי מיר, שלים'מזל, סמאַלעט זיך דער אונטער־חלק יענער אונטער־חלק, וואָס איך האָב בעוואָרפען! וואָרום בשעת איך האָב אָבגעשנייצט דאָס ליכט, איז אַ שנויץ דערויף אַראָבגעפאַלען! אַ גע־וואַלד, אַ געשריי, אַ געפילדער, וואַליי פעטש, קולאַקעס און קלעפּ איז מיר געפאַלען ווי האָלץ! איך האָב נענוג געהאַט פאַר דאָס מייניגע. דער שניידער פּריוועט זיך מאַכען פונ'ם אונטער־חלק אַ פעדער־חלק, אַרבעל, עס געהט נישט! ער האָט שוין נעבעך פונ'ם קאַסטען אַרויסגענומען דעם שטיק יתור פון דעם קלייד, נאָר מוטשע זיך, שונאי ציון, פון הינטען אי־בער אַ יאָהר, עס געהט נישט! חאָטש צרייס זיך! חאָטש טו דאָ פו־טער אַריין, עס געהט נישט! דער אונטער־חלק מוז טאַקי בלייבען אַן אונטער־חלק, פון אַ חזיר'ש עקעל קען מען קיין שטריימעל נישט מאַכען...

— הער נאָר אויס, איציק אברהם'ל! — האָט געזאָגט לייזער — הער אויס, ממזר'וק, יונגאַטש איינער, אַ קרענק דיר אין די ביינער! פּאַטשען דיך האָב איך שוין מעהר קיין כח נישט, אַז די בעל־הבית'טע וועט קומען פונ'ם מאַרק, וועט זי דיך מסתמא אויך דערוואַרמען אַביסעל און אויסטאַפּען דיר די ביינדלעך. זי האָט אויך אַזאַ רעכט גלייך ווי איך און זי וועט דיר איהרס נישט שענקען. נאָר דאָס אַלצדינג אָבער איז אַליין גאָרנישט, אַ היוועניק אַקעגען דעם, וואָס דו וועסט ערשט לייזען שפּעטער, באַם עס וועט מיר ניט איינגעהן מיין הסברה.

לייזער דער שניידער האָט באַלד טאַקי זיך פערטראַכט איבער

דעם אונטער־חלק און גערעדט צו זיך אַליין: „פאַר וואָס נישט טאַקי אַ קעשענע... פונ׳ם לאָך אַ קעשענע?... אי וואָס?... עט, מילא וואָס מאַכט עס אוים?...“ דערנאָך האָט ער אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגען און אַ געשריי געטאָן:

— פּאַשאָל וואָן ממזר! אַלע־לולע (הללוהו) כל צבאיו, הינט זאָלען מיט דיר האַנדלען

איך האָב מיך אַרויסגערוקט פון אונטערן טיש ווי אַ קעצעלע, און געוואַרט מיט אַ פאַרקלעהמט האַרץ אַ ווייסטען סוף.

די דאָזיגע טרויעררדיגע מעשה איז געשעהען מיטוואָך תחילת אָוונט. פרייטאָג, געדענק איך ווי היינט, האָט דער בעל־הבית מיר געהייסען אָבטראָגען נאָך איהם דאָס קלייד צו דעם אַרענדאַטאָר׳ס ווייב. די אַרענ־דאַטאָרקע גיט אַ בליק — אַ דונער, אַ שלאַק: אַ קעשענע סאַמע אונטען!

— וואָס איז דאָס אַזוינס, שניידערל לעב? — האָט זי זיך צושרי־גען — ס׳טייטש, וואָס איז דאָס — דאָס? איך וועל, אסור חזיר, אַזאַ קלייד בשום אופן נישט צונעהמען!

— אי — האָט לייזער מיינער געענטפערט מיט אַ זיס לעבעלע און איהר פערשלאָגען די רייד — אי, שרייט, כ׳לעבען, נישט, בריינדעל! אַזוי העלף מיר גאָט ווי איך האָב אייך געמאַכט גוט! איך האָב אייך גענעהמט דאָס קלייד נאָך דער סאַמע לעצטער מאָדע. ס׳טייטש, ביי אַלע פּריצ׳עס זענען היינט אויפגעשפּאָלטען קעשענעס אונטען. אַ משוגע׳נער מאַכט היינט קעשענעס פאָרענט! איך זאָל אַזוי, רבונו של עולם, פּטור ווערען פון מיין מלאכה און נישט בעדאַרפען זיין קיין שניידער (אַזוי גע־וועהנטליך פלעגט ער זיך שווערען, ווי דער שטייגער פון אַלע אַנדערע יודישע בעלי־מלאכות) ווי שען דאָס זעהט אוים! אַ שאָד. כ׳לעבען, וואָס איהר קענט נישט אַליין מיט אייערע אייגענע אויגען אָנקוקען דעם זיבעטען חן, וואָס דאָס האָט. טאַפּט, כ׳לעבען, נישט, בריינדיל, ס׳איז גוט! אָט טראָגט געזונד. פאַרניצט געזונד, צערייסט געזונד! גיט נאָר קריטשענע מיין לעהרעניונגעל, ער פאַרדינט, כ׳לעבען, ער האָט נעבעך די אויגען זיך אַרויסגענומען און אַ סך געהאָרעוועט אויף דער קעשענע. מיר קומט אויך, כ׳לעבען, אַ כוסה!

לייזער איז געוועזי פאַררעכענט אין בעזליודעוו פאַר איינעם פון די

בעסטע שניידער, וואס נעהען נאך זשורנאלען, און דער אַרענדאַר דאָרט איז געווען איינער פון די גרעסטע נגידים, היינט אַז מען האָט געזעהן זיין ווייב, די אַרענדאַרקע, געהט אַרויס אונטען מיט אַ קעשענע, זענען דערנאָך אַלע בעזוליזדעוועור מאָרגע ווייבלעך אַרויסגעגאַנגען אונטען מיט אויסגעשפּאָלטענע קעשענעס. נאָר הגם מיין קעשענע איז אַריין אין דער מאָדע, איך אָבער בין דערפון נישט געהאָלפען געוואָרען. לייזער האָט מורא געהאַט, איך זאָל מיט דער צייט נישט אַרויסוואַרפען עפּיס אַזוינע נייע מאָדעס, וואָס וועלען איהם חלילה אָנמאַכען בויכוועהטאָג, און מחמת מורא נישט געוואָלט געבען מיר אַ שטאָך אַרבייט. ער האָט מיך אין גאַנצען אָוועקגעשענקט זיין ווייב במתנה גמורה, זיך נאָר איבערגעלאָזען דאָס רעכט, מיר אַ מאָל אָבצושטעקען אַ פּאַטש. וואָס טויג מיר, האָט ער זיך אָנגערופען, אַזאַ פערשלעפּטע קרענק, אַזאַ מין קינצלער? און דערביי אָבגעזאָגט זיין געוועהנטליכען פּסוק: אַלע־לולע כל צבאיו, הינט זאָלען מיט איהם האַנדלען!... לייזעריכען האָב איך אַ מאָל אַ שאָדען אָנגעטאָן, נישט ווילענדיג איהר צובראָכען אַ טאָפּ מיט אייער און געמוזט לסוף דורך דעם עוקר זיין.

מען האָט מיך דערנאָך אָבגעגעבען צו אַלערליי אַנדערע בעלי־מלאכות, וואָס אַ וואָך צו אַנ׳אַנדערן. איך אָבער בין געווען אַ שלימ׳מזל און ערגיץ נישט געהאַט קיין גליק. איטליכער בעל־מלאכה בעזונדער האָט מיך דאָס ערשטע בעקאַנט געמאַכט מיט דעם בעל־הבת׳ישקייט און מיך איינגעשפּאַנט אין דעם יאָך. איין בעל־הבית האָב איך אויף מיר געהאַט, עפּיס אַ שוסטערל, אַ פרעהליכער קבצן, ער פלעגט מיך אַלץ שיקען צווישען די אומריינע ערטער — רייסען ביי חזירים חזיר־האָר פונ׳ם רוקען. נאַרעלע, אַזוי איז געווען תמיד זיין ווערטעל: פון אַ חזיר אַ האָר איז אויך גוט. ביי אַ חזיר איז אַ מצוה צו רייסען... בשעת אַרויס־טראָגען אַ פּאָמייניצע פלעגט דער דאָזיגער פרעהליכער קבצן קאָפּ אויף שפּאַס אויפשטעהן און מאַכען מיט אַ נגון:

— תן כבוד לאיצינאָ! טראָג, טראָג, איציק אברהמ׳ניאָ, איך זאָל דערלעבען טראָגען דיר צו דער חתונה וויין אין אַ רעשעטע! טראָג, איציניאָ, טראָג. אין דיינע יאָהרען האָב איך געטוג פּאָמייניצעס איבערגעטראָגען!...

דעם דאָזיגען שוסטערל האָב איך אין האַרץ ליעב געהאַט, ער איז מיט מיר זיך בעגאַנגען בעסער ווי אַלע אַנדערע. איך וואָלט מיך ביי

איהם געהאַלטען אין אפשר עפּים וואָס אויסגעלערענט, נאָר ער איז אָבער שטאַרק קראַנק געוואָרען, אָנגעהויבען שטאַרקער ווי פריהער צו־הוסטען, צו שפּייען מיט בלוט, ווייל ער איז נעבעך שרעקליך אָבגעקו־מען, געהאָרעוועט, נעאַרבעט איבער די כוחות, מפרנס צו זיין די ווייב און קינדער, און עסען האָט ער נעבעך געגעסען יסורים. חוץ אַ דאַר שטיקעל ברויט מיט עפּים וואָס־ס'איז דערצו, איז אין זיין מויל נישט גע־קומען. דעם טעם פון פלייש האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסען. ביי אַ שמו־עס אַ מאָל פלעגט ער אַלץ שפּאַסען: פלייש — דאָס איז נישט קיין יודי־שע זאַך. איך משוגע'נער האָב מיר טאַקי איינגערעדט אַ שטיקעל לונג־און־לעבער שבת אין טעפּעל!... מען האָט איהם נעבעך אויף אַ וועגע־לע אַוועקגעפיהרט אין הקדש אַריין און ער איז דאָרט טאַקי באַלד געשטאָרבען...

ז.

ויהי היום — איז אין בעולודעוו אָנגעקומען איינער פון די אַרומ־פאָהרענדיגע חזנים און האָט ביי אונז שבת געדאַווענט מיט משוררים. דער עולם איז פון אַלע קלייזלעך איהם געלאָפען הערען. אַ טייל האָבען זיך נוהג געווען, ווי זאָגט מען עפּים, ווי פראָסטע בעלי־בתים — האָבען אָבגעדאַווענט ותיקין, פריהער טאַקי גוט קדוש געמאַכט און דערנאָך געגאַנגען הערען. ס'איז געווען אַ שרעקליכע איינגשאַפּט, מען האָט זיך געשטופּט אויף די קעפּ און איך האָב צווישען דעם עולם אויך זיך אַ ריינ־געשטופּט הערען דעם חזן, ווייל איך האָב ווי אַלע יודען זעהר ליעב געהאַט זינגען.

דער חזן האָט געהאַט אַ קליין משורר'על, אַ פּייפער, אין מיינע יאָהרען. איך האָב איהם עפּים אַזוי מקנא געווען, ווי ער שטעהט זיך ביים עמוד אונטערגעהאַלטען דאָס בעקעל מיט דער האַנד און טרעלעלייקעט, אַז איך וואָלט פון מיר באַדאַי דאָס העמד אַוועקגעגעבען, אַבי זיין ווי ער אַ משורר'על. איך האָב אויף דעם דאָזיגען משורר'על געקוקט מיט גרויס דרך־ארץ דענסטמאָל, ווען מיר יונגלעך זענען אַלע געווען אין פּאָלעש בשעת לייענען. איך בין פאַר איהם איינגאַנצען בטל געוואָרען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויף דער וועלט איז שוין נישטאָ קיין בעסערס פון אַ משורר'על. ווי קים איך צו איהם! אַז דאָס משורר'על האָט נאָר גע־עפענט דאָס מויל, נו האָט מיינער זיך גענומען איהם אַריינקוקען אין דעם מויל, און ווען עס וואָלט נאָר מעגליך געווען אַריינצושפּרינגען אין איהם ווו איך שטעה און געה, וואָלט איך עס געטאָן מיט גרויס פערגעניגען. מיך פּשוט מחיה געווען.

אַהיים קומענדיג פון דער שול האָב איך מיך אַליין געפּריוועט נאָכ־מאַכען דעם משורר'על. ביי די זמירות האָב איך מיך שטאַרק צולאָזט אויף אַ קול'כען און טרעלעלייקעט אַזוי, אַז די מאַמע האָט גרויס תענוג

געהאַט. נאָר איך האָב כלל נישט געמיינט די זמירות ווי נאָכצומאַכען דעם משורר׳על. עס האָט מיר עפּיס זיך געזונגען. דאָס מויל האָט מיר נישט געקענט אויף אַ רגע זיך צומאַכען. מען האָט שוין אָבגעגעסען וואַרמעס און איך האָב טאַקי אַלץ נאָך געזונגען, נעמאַכט שטיינער. דאָס זינגען איז לסוף איבערגעגאַנגען אין קונדס אַריין און איך האָב מיך גע-ריסען אויף אַלערליי משונה ווילדע קולות. אַז די מאַמע האָט דאָ אַ קוק געטאָן, אַז איך וויל גאָר ניט אויפהערען און לאָז זי נישט אַ ביסעל אָב-רוהען נאָכ׳ן קוגעל, האָט זי מיך גוט אויסגעבאָכבעט און אַרויסגעוואָרפען פון דער שטוב. וואוהין לויפט אַ יונגעל שבת ביי טאָג? מסתמא אין בית מדרש אַריין. הע, הע! דאָרט האָב איך געטראָפען די גאַנצע ווייסע חברה, די אַלע רעכטע קונדסים. איך האָב געמיינט, אַז נאָר איך איינער האָב נאָכגעמאַכט דעם משורר׳על, ניין! אַלע אַנדערע האָבען דאָס אייגענע געטאָן וואָס איך. איטליכער בעזונדער איז געווען שטאַרק בעשעפטיגט, דער האָט געקוויטשעט, דער געריטשעט, דער האָט געברומט ווי דער באַס, יענער נאָכגעמאַכט דעם פיסטעל-זינגער, איינער האָט זיך משונה געקרומט, זיך געריסען אויפ׳ן האַלז, געהירזשעט, געציגעלט זיך ווי דער חזן, און דער אַנדערער האָט זיך צולאָזט אויפ׳ן ביי׳קול׳כען ווי דער פלייטער. דערנאָך האָט די חברה, אַלע אינאיינעם, זיך אַ נעהם געטאָן אָבצושפּילען דאָרט אויבען אין דער ווייבערשער שול דאָס שענע בעט-לער׳ל, מיט וועלכען דער חזן האָט געזאָגט מי-שברך. מען האָט געמיאַ-קעט, געפּישטשעט, געסווישטשעט, געהילכט, געשריגען ביז דער שמש האָט אונז אָבגעשפּריצט מיט וואַסער און אונז מיאוס טאַקי אַרויס-געטריבען.

באמת, מוזט איהר וויסען, האָב איך טאַקי געהאַט אַ דין קול׳כען, אַ שען געלענקעל. איך פלעג אַ מאָל אונטערהעלפען לייזער דעם שניידער בעזעצען אַ כלה, אָדער אונטערהעלפען איהם אין אַ מלך-עליון. לייזער פלעגט דערביי קוקען אויף מיר און זאָגען מיט אַ שמייכעל, ווי איינער, וואָס עס טוט איהם שטאַרק הנאה: גוט, ממזר׳וק איינער! אַזוי, אַזוי. אין דיין טאַטען אַריין, ממזר!... מיר איז אַריין אין קאָפּ צו בעטען די מאַמע, זי זאָל מיך אָבגעבען צום חזן. איך האָב מיך צו איהר צוגעזעצט ווי אַ זלידנע, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז זי האָט מיך געמוזט פיהרען טאַקי צום חזן. די אָרעמע פאַרוויסטע אַלמנה נעבעך איז שוין אויך גערן געווען אַזאַ סחורה ווי איך פּטור צו ווערען. אַז דער חזן האָט מיר גע-הייסען אַ קוויטש טאָן און דערנאָך געזאָגט, ער נעהמט מיך צו, האָב איך

פאַר שמחה געמיינט, אַז די וועלט איז מיינע. איך בין גאָר ניט אין שטאַנד צו שילדערן, ווי מ׳איר איז דענסטמאָל געווען אויפ׳ן האַרצען. די מאַמע מיינע איז אַ פנים דערפון געווען שטאַרק צופרידען, טאַקי שטאַרק, וואָס שטאַרק הייסט, וואָרום אין אַ שמועס מיט איהר בעקאַנטער יודענע האָב איך געהערט, ווי זי האָט צו איהר געזאָגט אַזוי:

— אויך די אייגענע מעשה, אסתר, זאָלט איהר מיר מאריך ימים זיין, וואָס קען אַ מענש יענעמס תכלית פאַרזאָרגען? צוברעך דיר, שונא־ציון, דעם קאָפּ, צורייס זיך און שפרינג דיר אפילו פון דער הויט, אסתר, וועסטו נאָר נישט מאַכען. ווי זאָגט מען עפּיס, אסתר, אַז השם יתברך דערהייבט אַ מענשען, ווייסט מען גאָר נישט פון וואַנען איז דאָס איהם געקומען. איך זאָג עס אַקעגען מיין יתום, זאָג איך עס. אויך די אייגענע מעשה, לייט האָבען געזאָגט צו אַ בעל־מלאָכה, אסתר, לאָז זיין צו אַ בעל־מלאָכה. וואָס וואָלט פון איהם געוואָרען? בעדאַרף גאָר דער אויבערשטער חסד טאָן און בעוויזען, אַז נים אַזוי ווי לייט זאָגען, ניין, אסתר, נאַ דיר גאָר אַ חזן!... געדאַנקט און געלויבט איז, אסתר, השם יתברך, מיין יתום איז שוין אַ צונד פאַרזאָרגט, ער איז אַ לייט, אויף מיינע ליעבע געזאָגט געוואָרען! איך האָב עס גאָר אַזוי פיעל ביי זיין ליבען נאָמען נישט פאַרדינט. דאָ האָבען בעשיינפערליך נאָר זכות־אָבות זיך געמיהט.

מיט דעם חזן בין איך מעהר ווי אַ האַלב יאָהר אַרומגעפאָהרען אויף דער וועלט. מיר, שלים׳מזל, איז ביי איהם אייך שלעכט געווען, ערגער פון אַלע איבעריגע משוררים. איך האָב ניש׳קשה גוט מפטיר גע־קויפט. דער שטיינער איז געווען, ווען דער חזן האָט ערגיץ געדאַווענט, האָבען די משוררים בעדאַרפט אונטערווייזען קוקען אויפ׳ן עולם. זעהן, אויב זיין דאַווענען געפעהלט, וואָס זאָגט מען אויף זיין געמבע און ווי ער זעצט עברי, און אַז דער חזן האָט אין דערהיים עמיצען אַ רוף געטאָן ביים נאָמען, מיט עפּיס אַ מין ווינק דערביי, האָט עס געהייסען: נו זאָג נאָר, איז מען עפּיס צופרידען געווען? כמעט תמיד אָבער איז דער גורל ווי אויף צו להכעיס געפאַלען אויף מיר. עס קען אפשר זיין דעריבער, ווייל די איבעריגע משוררים פלעגען באַלד נאָכ׳ן דאַווענען מאַכען פּליטה און אויסגעטריקענט ווערען. קוים האָט ער נאָר אַ זאָג געגעבען: אברהם׳קע! און דערביי דערלאַנגט דעם געוויסען ווינק, אַז מיינער, וואָס האָט נישט געוואוסט קיין חכמות, איז אַרוים מיט דער שפּראַכע: חזן,

מען האָט געלאַכט, טאַקי זעהר שטאַרק עפּיס געלאַכט! נו, פלעגט ער מיך אָננעהמען ביים אויער, דרעהען און דרעהען, ציהען און ציהען, אַז איך זאָג אייך, דער שניידערקעס קלעפּ זענען אַקעגען דעם קאַטאָ־וועסליך געווען.

אַמאָל האָבען מיר ערגיץ אין אַשטעדטעל געדאַווענט שבת פּרשה שקלים. דער חזן האָט צום דאַוונען זיך שטאַרק מכין געוועזען, ווייל ער האָט אַרויסגעקוקט אויף יענעם שטעדטעל׳ס חזנות. שבת־צונאַכטס האָבען צו איהם זיך פּערקליבען מענשען אַ גאַנצער עולם, מען האָט געטרונקען פּונש, וויין, און ס׳איז געוועזען אַ פּרעהליכע מלוה־מלכה. דער חזן האָט געמאַכט חן, זיך געפּיעסטעט, זיך געקלאָגט אויפ׳ן האַלז, אַז ער האָט אַביסעל זיך צונעקיהלט און מוז עטליכע טעג אָבהיטען זיין כלי, זיך ווי דער שטיינער איז אַלץ געקוויינקעלט, געקוויינקעלט און פון דעסטוועגען האָט ער דעם עולם, ווייטער טאַקי ווי דער שטיינער איז, פּאַרט צוליב געטאָן, געזאָגט „אליהו׳ס“ און געזונגען אַוואָלעכיל. דעם חזן איז גראָד אויסגעקומען נייטיג נאָך עפּיס צו שיקען, און ווי ער האָט אַרויף געטאָן: אברהם׳קע! האַ־האַ, דאָ האָט מיינער געעפענט אַפּיסקעל און אַזאָג גע־געבען: „חזן, מען האָט פון אייך געלאַכט! נאַנץ הויך אויף אַקול און פרעהליך, ווייל איך האָב נעהאַט אין קאָפּ אַביסעל משקה. דער חזן נעבעך איז געוואָרען אָנגעצונדען, רויט אָנגעבלאָזען ווי אַנ׳אינדיק, דאָס פּנים האָט איהם זיך געמינעט און דער גאַנצער עולם איז געבליבען עפּיס ווי צומישט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. איך האָב געמיינט, אַז דער חזן וויל מיר נישט גלויבען. בערערעוודיגט בין איך גראָד דערנסטמאָל געווען פּונ׳ם ביסעל פּונש, נו האָב איך מיך צולאָזט מיט מיין זים צינגעל און אָנגעהויבען צו שווערען: „ווי איך בין אַ יוד, חזן, מען האָט פון אייך געלאַכט! אָט־אָ די דאָזיגע מענשען טאַקי האָבען שטאַרק חוזק גע־מאַכט!... ווער שמועסט, יענער, יענער, וואָס טרינקט און סוד׳עט זיך אַלץ מיט אייך, ער האָט, כ׳לעבען, זעהר געלאַכט בשעת מיר האָבען געאַרבייט אין דער קדושה. עפּיס האָט ער, דאַכט זיך, געזאָגט: קאַט־שאַן! ווייס איך וואָס קאַטשאַן הייסט? אינדיקזוימען צי קאַטשקעפּוטער...“ דער חזן האָט פּערביסען די ליפּען, כלומר׳שט געמאַכט זיך לאַבענדיג און געזאָגט דעם עולם אויף מיר, אַז איך בין אַ שוטה, תמ׳עוואַטע, ווייסט נישט, ווער עס האָט מיך געשווירען, צו די אַלע מעלות בין איך נאָך גראָד איצט אַביסעל פּאַרלעקט אויך, נאָר ער מוז אַזאַ אָנשיקעניש האַלטען צוליעב דעם קול׳כען. דעם עולם איז געוואָרען עפּיס אויך פּריקרע.

די מלוה־מלכּה האָט זיך נישט געקלייעט און מען איז זיך פונאַנדערגע־נאַנגען עפּיס צושטערבעט. איהר קענט אײך משער זיין, וואָס איך האָב דערנאָך געליטן. דער חזן האָט מיר געוויזען, וואָס פאַר אַ גאָט מיר האָבען און דאָס ביסעל פונש איז מיר באָקאָם אויסגעפאַלען.

איך בין מיט דעם חזן וויטער אַרומגעפאָהרען, זיך אויסגעשלעפּט אין אַ סך יודישע שטעדטלעך און אויף שבת נחמו זענען מיר אַריינגע־פאָהרען קיין צבוע׳טשיץ. דער חזן האָט אַרויסגעקוקט אויף צבוע׳טשיט־שער חזנות. ער האָט דאָרט איינגעלעגט די וועלט און געאַרבייט אויף אַלע כּלים. די גבאים האָבען איהם געבעטען, ער זאָל דאָרט פערבלייבען אויף ימים נוראים, און דערנאָך וועט מען מיט איהם זיך אויסגלייכען, אַלצדינג, אם ירצה השם, גומר זיין. איך בין דערוויל אַביסעל בעקאַנט געוואָרען מיט צבוע׳טשיטשער קונדסים און בין, ברוך השם, ביי דער דאָרטיגער ווייסער חברה געווען אַ שטיקעל חשוב. דהיינו, אַז ס׳איז אויס־געקומען צולויפען מיט אַ הורא נאָך דעם דאָרטיגען שטאָדט־משוגע׳נעם, האָט מען מיך געלאָזט לויפען פאָראויס, אָדער מען האָט בעדאַרפט עמיצען מאַכען אַ פאַנפע, פלעגט מען דערצו נעהמען קליאַטשע ביי מיר פון דער קאַפּאָטע, און ווען ס׳איז אַ מאָל געראָטען אַרויסצו׳גנב׳נען פונ׳ם שמש׳ס שאַפקעלע דעם שופר, פלעגט מען מיך מכבד זיין מיט דעם ער־שטען בלאָז. עס וואָלט מיר אָנהויבען אפילו צו ווערען רעכט גוט, נאָר וואָס העלפט מען אָבער, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזל!

הערט נאָר מיין סוף ביים חזן! ראש השנה קענט איהר זיך פאָר־שטעלען ווי מיין חזן נעבעך האָט געהאָרעוועט. ער האָט געאַרבייט, יוי מען זאָגט, אויף אַלע זאַפּטאַוּוקעס, געדרעהט איטליכעס וואָרט אַ מאָל צעהן אַרוף און אַראָב, אויסגעטייטשט עס מיט דעם פינגער, פון דער געמבע איז ער פלוצים אַריין אין דעם ביי־קול — היידי־די־די אַהער, היידי־די־די אַהין, און איז שיער נישט געקראָכען אויף די גלייכע ווענד. דער באַס איז אָחריפּנעט געוואָרען פונ׳ם שטייגער מאַכען, ביי איטליכען שטיקעל אַ ניי שטייגערעל, נאָך אַ מאָל לאַטומדום־דום־דום!! ווידער אַמאָל לאַטומדום־דום־דום!! ער איז אָבגעגאַנגען מיט שוויים און זיך אַלץ געווישט מיט דעם פאַטשיילכען, וואָס איז איהם נישט אַרויס פון דער האַנד, מיט וועלכער ער האָט עס געדרעהט אין דער לופטען. דעם פליימער נעבעך האָט שוין נישט געדינט דאָס קול, ער האָט בעדאַרפט אַריבערשרייען דעם באַס, נאָר עפּיס דעם חזנ׳ס אַ וואָרט — אַ פייף, אַ קוויטש, און איך, שלימ׳מזל, האָב כּמעט אַלע

רגע בעדאַרפט אַ קוויטש טאָן, טאַ=טע=ניאָ! אָדער אַ לאַנגען טראַטאַטאַ=טי! אַזש נו... הכלל, מען האָט געאַרבייט, זיך געריסען אויף וואָס די וועלט שטעהט.

אין דער שוהל האָט געדאַווענט אַ יונגער=מאַן, אַ נגיד. ער איז געוועז אַ ביסעל פון היינטיגער וועלט, אַ דיקער, אַ געזונטער, אַ שטיקעל לץ און זעהר אַ גוטער מענש. ער פלעגט ליעב האָבען זיך נאַריש צו מאַכען מיט קינדער און ער האָט שרעקליך פיינט געהאַט דעם חזן פאַר זיינע מיאוס׳ע העויות. אַז דער חזן איז אַביסעל זיך צופאָהרען אין דעם „אתה זוכר" וואָס אין דער מוסף׳דיגער שמונה=עשרה, זיך געגאַנגען אַ גאַנג ווי אויף אַ פאַטשטשאָווען וועג, אַרויסוואַרפענדיג געטאָקטע ונאמר׳לעך „פאַ מאָלאָדעצקי", האָט צו מיר ווי אַ קעצעלע זיך צוגערוקט דער לץ, דער נגיד, און עפּים מיט אַנ׳ערנסט פּנים׳ל מיך שטילערהייט אַ פרעג געטאָן: זאָג נאָר, קליינער, קענסט=דו מאַכען אַ וויינשעל? און מניה=וביה טאַקי איז שוין ביי איהם אויף דער אונטערשטער ליפ פּאַרטיג געוואָרען אַ וויינשעל, אַזאַ גרויסע, אַזאַ רויטע, אַז איך האָב מיך שטאַרק צולאַכט. אָבער דענסטמאָל גראָד האָט דער חזן שוין אויסגעטאָקט אַ ונאמר׳ל און געוואַרט, איך זאָל מאַכען טראַטאַ=טאַ=טי! אַז דער עולם האָט געזעהן, דער חזן איז עפּים געבליבען שטיל ווי דערוואָרגען, האָט מען אָנגעהויבען פּאַטשען אויף די סטענדערם. דער חזן האָט מיט כעס זיך אַרומגעקוקט צו מיר, גלייך ווי איך וואָלט איהם גע׳גזל׳ט, אָדער נישט געוואָלט אָבגעבען וואָס איהם קומט. די אויגען האָבען איהם געפייערט און דאָס פּנים איז איהם געווען רויט, אויסגעפּריעט ווי אַ צימעס. דער באַס האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו מיר מיט אַ ברום, ווי אַ קוה צו אַ קעלבעל, נו, הייסט עס, ענטפער שוין אָב דיין טראַטאַ=טאַ=טי! נאָר קוים וואָס איך האָב מיך גענומען מיט פינגער צום גאָרגעל אַ הילך צוטאָן, האָט דער נגיד אַקעגען מיר געמאַכט נאָך אַ מאָל אַ וויינשעל, און איך האָב נישט=ווילענדיג, פון דער העלער הויט, אויסגעשאָסען אַ געלעכטער הויך אויף אַ קוויטש! דער חזן האָט זיך צוטומעלט, פערפלאָנטעט, פערפלוטעט, און אַרויסגעשפּרונגען פון די האָלאָבלעס, אַראָב פונ׳ם גלייכען שליאַך, האָט איבערגעהיפּערט אַ שטיק שמונה=עשרה און דערצו נאָך געמאַכט עטליכע גרייזען. דער עולם האָט פון אַלע זייטען געמאַכט פערוואונדערס: אי, אי! געקלאַפּט און געפּאַטשט אויף די סטענדערס, די וויבער דאָרט אין דער וויבערשער שוהל האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען און אין איין אָטעם אַ געשריי געטאָן: אוי, עס ברענט!... דאָ האָבען שוין ווידער די

מאַנסבילען זיך דערשראָקען, זיך אָנגעהויבען שטופען און אַרויסלויפען פון דער שוהל. דער כלל, ס׳איז שוין געווען אַ צערודערט דאַווגען. דער עולם איז שרעקליך נישט צופרידען געווען.

אויף מאָרגען נאָך ראש־השנה האָט דער חזן מיך אַרויסגעטריבען און אַליין איז ער נעבעך בבושה וחרפה אַוועקגעפאָהרען, זיך ווייטער ערגיץ אַרומשלעפען. איך, שלים׳מזל, בין איבערגעבליבען אין צבוע׳ טשיי ווי אויפ׳ן וואַסער.

ח.

ראש=השנה האָב אין אין צבוע'טשיץ געגעסען בײ אַ יודען, װאָס איז שװער אַקוראַט צו בעשטימען, װאָס פאַר אַ מענש ער איז געװען: עפּיס נישט קײן חסיד, נישט פון היינטיגער װעלט, עפּיס אי אַהין אי אַהער און דאַכט זיך װידער נישט אַהין נישט אַהער; נישט געקלײדעט אַלטפּעטעריש, נישט היינטיג מאָדיש, נישט, װי מען זאָגט, פלײשיג, נישט מילכיג, עפּיס „נאָ" האַלבגעבראָטען, גלאַט פאַר זיך עפּיס אַ מין יוד. איך האָב דערנאָך אין דער װעלט בעגעגענט אַ סך אַזעלכע מיני ידען, נאָר איך בין קײנמאָל אויף זײ קײן מבין נישט געװען און נישט [illegible]ום רעכט פאַרשטעהן, װאָס פאַר אַ מענשען זײ זענען... אַז איך בין געבליבען עלענד, זיך אַרומגעבלאָנקעט װי אַ שעפּעלע אײנער אַלײן, נישט געהאַט מיט װאָס אַ טאָג איבערצוקומען, האָב איך מיך מישב געװען און בין געגאַנגען צו דעם דאָזיגען יודען און האָב איהם דערצעהלט מײן אומגליק, די גרויסע צרה װאָס מיך האָט געטראָפען. דער דאָזיגער יוד איז געװען בטבע נישט קײן שלעבטער, אַ שותק, אַ רעגדעל אַ װאָרט, ער האָט מיך שװײגענדיג אויסגעהערט און אַלץ געגלעט די װאָנסעס. דערנאָך האָט ער פערטראַכטערהײט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד, איך זאָל בלײבען, האָט עס געהײסען, און געזאָגט אין שטוב, מען זאָל מיר געבען עפּיס עסען. בײ נאַכט, אַרום זײגער צעהן, עלף, אַז אויף דער גאַס האָט מען שוין נישט געזעהן קײן משוגע'נעם הונד, און אין דרויסען איז געװען חאָטש אַנ'אויג אַרויסצונעהמען, איז ער מיט מיר געגאַנגען העט־העט אין עק שטאָדט ערגיץ אין אַ פערװאָרפען געסעל. אין דעם דאָזיגען געסעל איז געװען רוהיג, שטיל װי אויף אַ בית=עולם, עס האָט נאָר זיך געהערט דאָרט אַ רוישען פון בײמער, װאָס דער װינד האָט צו=װײלען מיט זײ געטרעסעט, װי מיט אַ לולב, אויך אַ געשושקערײ פון עטליכע איבערגעבליבענע דאַרע בלעטלעך ערגיץ דאָרט אויף אַ בוימיל און אַ קול פון אַנ'אָסענדיג רעגענדעל, װאָס האָט צו=װײלען געקראָפּעט אויף

אַראָבגעפאַלענע בלעטער און אויף פערטריקענטע גראָז פון אַלערליי מיני גאָרטענוואַרג. איז דער ווינט אויף אַ רגע אַנשווינגען געוואָרען, האָט פון דערווייטענס זיך געלאָזט הערען אַ געקלאַפּעריי ערגיץ פון אַ מיהל און אַ ליאַרעם, אַ גערויש פון אַ האַסטיג פלייצענדיג וואַסער. קוים האָט דער ווינד ווידער אויף דאָס ניי אָנגעהויבען, האָבען מיט איהם, ביי'ם אָנהויב בלאָזען זיך פון דער שטאָדט, פערטראָגען מטושטש'ע, פערמישטע מיני קולות: אַ קרעה פון אַ האָהן, אַ מריקען פון אַ קוה, אַ סקריפּ פון אַהין־און־אַהער זיך שליידערענדיגען טויער, אַ גערודער, אַ געטומעל פון אַ בעל־העגל'ישער פּאָהרענדיגער יאַזדע און אַ בילען פון ערגיץ אַ בעל־הבת'ישען הונד. אַ פּנים, אַז אין יענעם געסעל זענען נישט געזעסען קיין יודען, זיסט וואָלט דאָך דאָרט נישט געווען קיין גערטנער מיט ביימער, אויף דער ערד וואָלט דאָך נישט געווען צוזייעט, צושפּרייעט, קיין בלעטער, און מיין יוד וואָלט דאָך געמוזט טאַפּען דעם וועג, ער זאָל חלילה אין דערמיט נאָס נישט אַרויף אויף אַ קוה, אָדער נישט אָנשלאָגען זיך אין צוּבראָכענע טרעפּלעך פאַר איטליכער טיר. מיין יוד איז אַלץ געגאַנגען, נישט צורעדען מיט מיר אפילו איין וואָרט, ביז צום סוף זענען מיר צוגעקומען צו אַ הויפעל און אַריינגעגאַנגען דאָרט אין אַ נידריגס, נישט קיין גרוים הייזעל. אין אַ קליין פּאָרצימער האָט געצאַנקט אַ ליכט, דאָרט האָט מיין יוד אויסגעטאָן זיין אויבערקלייד און איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטען חדר, מיר אָבער האָט ער געהייסען וואַרטען דאָ אין דעם פּאָרצימער. מיר איז גראָד אויסגעקומען דאָרט שטעהן אונטער דער צוגעמאַכטער טיר, האָב איך געהערט אָט אַזאַ מין שמועס:

„עד כאן אומרים בשבת הגדול", — דערמיט האָט זיך געענדיגט דאָס לעצטע בלעטעל פון די, וועלכע דער רב האָט מיר געגעבען, און אַזוי ווי ס'איז געווען שוין שפּעטליך ביי־נאַכט, האָב איך געלייענט קריאת־שמע און זיך געלעגט אויף מיין אָרט אין בית־מדרש שלאָפען.

ט

קוים וואָס איך האָב דערלעבט מאָרגען פריה אָבצודאַוונען, האָב איך עפּיס איבערגעהאַפּט אין דער גיך, איבערגעלאָזען ווייטער אויף דעם שמש מייןביידעל מיט דעם פערדעל און מיך געיאָגט צום רב

אין שטיבעל ביים רב האָב איך געטראָפען אַ היבשען עולם מענשען, אָהן עין־הרע — דינים און נגידים. דער רב אַליין איז דאָרט ניט גע־וועזען. אַלע אין שטיבעל זיצען עפּיס אַזוי ווי פערטראַכט. נגידים זענען אפילו תמיד אַביסעל פערטראַכט, פערזאָרגט, און קוקען אויף יענעם מיט אַ מרה־שחורה׳דיגען פנים, עפּיס אַזוי, אַז עס ווערט פערקיהלט אין בויך עס גלוסט זיך אַוועקגעהן און זיי מעהר נישט אָנקוקען. איך ווייס אָסור נישט. אַז מען האָט געלד, וואָס האָט מען דאָ אַזוי צו טראַכטען, צו זאָרגען און צו מאַכען אַזאַ ערנסט פנים? דאַכט זיך, צו געלד צעדיכען בעדאַרף מען עפּיס ניט האָבען אַזעלכע הויכע געדאַנקען. מען קען, דאַכט זיך, האָבען אין קאַסטען געלד און קוקען אויף אַ מענשען גלייך נישט מיט קיין קרום פנים... מילאָ גאָרנישט, נישט דאָס בין איך אויסען.

- וואָס זיפצט איהר אַזוי, ר׳ חנאָ? — האָט איין נגיד דעם אַנדערן געפרעגט.

— איך זיפץ, ר׳ בעריש — האָט ר׳ חנאָ געענטפערט — אויף דער אבדה, וואָס מיר האָבען פערלאָרען. יצחק־אַברהם איז געוועזן זעהר אַ נוצליכער מענש, מיר האָבען אַלע אין איהם געהאַט אַ פריינד, אַ טהוער און אַ בעל־סוד. ער איז אונז צופריה אָבגעשטאָרבען. ער האָט בעדאַרפט האָטש נאָך עטליכע יאָהר לעבען. אַ שאַד כ׳לעבען! מיר מעגען טאַקי אַלע זיפצען אויף אַזאַ גרויסע אבדה. קיינעם איז יצחק־אַברהם אַזוי נישט אָבגעשטאָרבען ווי דער שטאָדט, אונז אַליין, מיין איך

— טאַקי גאַנץ אמת, ר׳ חנאָ — האָבען אַלע געענטפערט און זיך שטאַרק פערטראַכט

— איך האָב נאָך היינט אַ חתונה — האָט זיך אָנגערופען אין דין — איך בין מסדר קדושין.

— און מיר חלש'ט גאָר דאָס האַרץ — האָט געזאָגט דער אַני דערער דין — פון אַלע זאַכען וואָלט איך גענומען עפּיס אין מויל אַריין. מיר איז שוין טאַקי צייט צו עסען. איך האָב נאָך היינט חוץ אַ גלעזעל צוקאָריע נישט טועם־טעם געווען.

— מיינע מערידען טהוען מיר אָן גאָר צרות! — איז אַריין אין דער מיט נאָך אַ דין — זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס טהוט איהר עפּיס צו אייערע מערידען? מעהרענצימעס, זאָגט מען, זאָל דערצו גוט זיין. ווייס איך? איך האָב אַלץ ביז אַהער געהאַלטען פון געקאָכטע פלוימען מיט צענעס.

— צו מערידען איז די בעסטע רפואה — האָבען יענע צוויי דינים זיך גלייך אַרויסגערעדט — זיך גאָר נישט ווּיסענדיג מאַכען און גאָר נישט טאָן, מיר האָבען עס בקבלה פון אונזערע טאַטעס..

איך בין געזעסען ווי אויף שפּילקעס און געצעהלט די מינוטען, דער רב זאָל אַריינקומען, איך זאָל שוין זוכה זיין צו הערען דעם סוף פון דער נאַנצער מעשה און צו וואָס בין איך דאָ אַזוי נייטיג געווען. ס'איז מיר צו גרויס געווען איטליכע רגע און איך בין מיד געוואָרען וואַרטענדיג. גאָט האָט געהאָלפען, דער רב איז אַריינגעקומען מיט אַ געקנייטשטען שטערען, וואָס האָט בעוויזען, אַז אינוועניג אין קאָפּ זענען דאָ פּיעל מחשבות, און מיט אַ פאַרענטפערן זיך, וואָס ער האָט געלאָזט דעם עולם אויף זיך אַ ביסעל וואַרטען. ער איז געווען, זאָגט ער, טרוד אין אַ האַרבער שאלה מיט אַ לונגען־לעבער.

— זענט איהר, רבותי, דאָ אַלע? — טהוט דער רב אַ פרעג, אַנידערזעצענדיג זיך אויף זיין שטול.

— אַלע, רבי, אַלע, חוץ איין רב פייבוש פעהלט צום מספר.

— רב פייבוש איז היינט אַ בעל... ווי זאָל איך זאָגען? אַ בעל־שמחה... חברה קדישא, רב פייבוש מיין איך, וועט נעהמען אַ גוטען רח"ש קבורה־געלט פון יצחק אַברהם'ס יורשים, מיין איך — רופט זיך אָן איינער פון די נגידים מיט אַ שטאַרק פערקרימטער, עסיג־זויערער צורה, וואָס האָט די גאַל אין מויל.

— איך בעט איבער אייער כבוד, רבותי, וואָס איך פאַרנעהם אייך

מיט אַזאַ מעשה — ווענדעט זיך דער רב צו דעם עולם — איהר ווייסט דאָך מענשען, סוחרים, איטליכער פון אייך איז אַ טרוד, פאַרדרעהט אין זיינע עסקים און האָט אודאי קיין צייט נישט! נאָר וואָס זאָל איך מאַן, ס׳איז דאָך אַ מצוה מקיים צו זיין צוואת המת. ער, עליו השלום, האָט עס פון מיר פערלאַנגט און פערדינט טאַקי מיט רעכט, מען זאָל ממלא זיין די בקשה זיינע, אַזוי ווי איהר וועט צום סוף אַליין אַרויסזעהן. זייט־זשע מיר הונדערט מאָל מוחל, רבותי!

— ניש׳קשה, ניש׳קשה! — האָבען די אַלע נגידים זיך אָנגע־רופען — אדרבה, רבי, די מעשה געפעהלט אונז זעהר. מיר וואָלטען נישט מיד געוואָרען זי צו הערען ביז אין סוף אַריין האָטש אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַזוי שען געפעהלט זי אונז. און נאָך אָהן דעם, האָט יצחק אברהם עס טאַקי ביי אונז אַלע פערדינט, מיר זאָלען פון זיינעט וועגען אַהעקלעגען אַביסעל צייט און הערען זיין בעשרייבונג. מסתמא וועט דאָך עס צו עפּיס פיהרען. דער סוף מוז אודאי זיין וואונדער־שען און מיר וועלען קיין חרטה נישט האָבען, וואָס מיר האָבען אַזוינס געהערט.

דער רב, זאָל לעבען, נעהמט עפּיס אַ פעקעלע פאַפּירען און אויס־הוסטענדיג זיך אַביסעל, טהוט ער אַ זאָג:

— מיר זענען נעכטען, דאַכט זיך, געבליבען דערביי: „האָב איך געהערט אַט אַזאַ מין שמועס״.

— יאָ, דאָ! דאָ! — רוף איך מיך אָן, און טהו אַ לעג פאַר דעם רב די עטליכע בלעטלעך, וואָס ער האָט מיר געגעבען נעכטען.

— אַ־אַ, גוט, גוט, רב מענדעלי! — מאַכט דער רב פריינדליך צו מיר און שטעלט מיך פאַר פאַר דעם עולם:

— דער דאָזיגער אורח, רבותי, איז רב מענדעלי... אונזער רב מענדעלי! איך האָב איהם געלאָזט זיך מטריח זיין צו מיר, ווייל ער איז נייטיג צום ענין. אַצונד, רבותי, הערט, זייט מוחל, וואָס עס שטעהט געשריבען ווייטער.

עס ווערט באַלד טאַקי, ווי דער שטיינער איז, אַהוסטעריי, אַ מגוז־שנייצעריי, מיט די ביינקלעך אַ געדיקעריי. דער רב, זאָל לעבען, קוקט אַריין ערנסט אין די פּאַפּירען, גלעט די באָרד און וואַרט, ביז דער עולם וועט זיך בערוהיגען.

ד

אונטער דער צוזאמענקומפט איז — הייבט דער רב אן לייענען ווייטער — האב איך געהערט אט אזא מין שמועס:

— גוטען אבענד, הערר גוטמאנן!

— ווילקאממען, הערר יאקאבזאהן! א, וואס פאר א גאסט! שאן זייט דריי וואכען ווארען זי ניכט ביי מיר. וואס זאל עס דייטען, הערר יאקאבזאהן?

— ליבער הערר גוטמאנן, ווי האב איך געקאנט? זי וויסען דאך, היינט איז די היילינע פייערטאגע ימים טובים־צייט, און די היעזיגע יודען זענען אצונד נאך מעהר פאנאטיש ווי אנ׳אנדערם מאל, זי קענען דאך מיין לאגע, ווי אבהענגיג איך בין פון דיזע לייט, זיי זאלען מיך, א שטייגער, דערזעהן געהן צו איהנען...

— זי האבען פאלקאממען רעכט, הערר יאקאבזאהן. אויב אזוי האבען זי רעכט. יא, זי זינד אבהענגיג, זי האבען פאמיליע.

— האט איהר שוין געענדיגט אייער ווערק, הערר גוטמאנן?

א, יא, דאס בוך איזט מערקווירדיג געלונגען. זעהר א ניצליכער ספר! שאדע נור, דאס ביי אונז זעהר וועניג מענשען זינד, וועלכע העב־רעאיש לעזען.

— זאגען זי בעסער, הערר גוטמאנן, דאס איהר קיין בעלוינונג פאר אייער ארבייט האט, און זי מוסען אפטמאל נעבעך דארבען און דערצו נאך אומפערדיענט ליידען פערנאכטונג און רדיפות.

— גלויבען זי מיר, הערר יאקאבזאהן. דער שרייבער, דער דיכ־טער, ברויכט אייגענטליך קיינע אנדערן לאהן אויסער פערשטאנדען צו ווערדען. פעראכטונג, רדיפות, מאנגעל, דיזע שפארנען נור זיין גייסט צו ארבייט אן, ערשט דענסטמאל גלוסט זיך ארבייטען, און פערדינטע פעראכטונג׳ס, אום׳כבוד, איזט עבען זא דעם מענשען אנגענעהם ליעב ווי פער־דינטע אכטונג. פיר די ווארהייט, דעם אמת, צו ליידען, איזט אייגענטליך

קיין ליידען. ליידען הייסט חנפ׳ענען, צבוע׳טשען, זיך זעלבסט פער־לייגנען, זיין געוויססען, זיין הערץ, זיין שכל צו פערקויפען. זו מיינען, איין חונף, איין פאַלשער מענש צו זיין איזט איינע גרינגע, לייכטע אַרבייט? חלילה! עס איזט אָבער עבען זאָ שווער ווי איין גנב צו זיין. דער חונף, דער צבוע׳ק, דער פאַלשער, מוז אימּמער זאָ פירכטען, אימּמער זאָ אויף דער הוט זיין, זיך שטענדיג זאָ היטען ווי דער גנב. גלויבען זי דען, דאָס אַלע מיינע פערפאָלגער, וועלכע מיך רודף׳ן, רעליגיעז, אמת פרום און גליקליך זינד? אַ, ניין, ניין! איין געוויססער טייל פון זיי רודפ׳ען, פערפאָלגען מיך בלאָס אויס נייד, אויס קנאָה. גאַנץ פשוט, זיי פיהלען זיך פאַר לעדיגע, אונחיסענדע, אונניצליכע מענשען, זיי שטעכט, פאַר וואָס איז דאָ איין פערשטענדיגער מענש, וועלבער אויף זיי אַ מבין איזט און נעהמט זיי דורך און הדרך מיט אָפּענע אויגען. זיי שייען זיך פאַר אָפּענע אויגען זאָ ווי פעלדער־מייזע פאַר די שטראַהלען פון דער ליכטיגער זון

— ווירקליך, הערר גוטמאַנן, מיט זעל׳כע אייגענשאַפטען און זעלבע גוטע מחשבות זינד זי באמת מאַקי בענײדענסווערטה, מען דאַרף זי מאַקי מקנא זיין. וויססען זי, וואָס אייגענטליך בין איך יעצט צו איהנען געקאָממען? איהר האָט מיר שוין איינינע מאַל געזאַגט, אַז איהר ברויכט נייטיג אַ יונגעל צו שיקען, אַ מאַל, אַ גאַנג. אַצונד האָב איך אַזעלכען בעקאָממען און האָב איהם געבראַכט. עס שיינט, ער איז איין עהרליך יונגעל, חאָטשע אַביסעל אַ לעקיש, ניט גע־שליפען.

איך האָב דעם דאָזיגען שטועס כמעט אין גאַנצען פערשטאַנען, דאָס הייסט נישט דעם געדאַנק, דעם פשט דערפון. דאָס איז געחען נישט פאַר מיין מח, איך האָב נאָר פערשטאַנען ווערטער. אַ טייל ווערטער זענען געוועזן פון אונזער לשון, יודיש־דייטש, און אויפ׳ן ביסעל דייטשע ווערטער האָב איך שוין געקענט ווי ס׳איז מיך אָנשטויסען, מחמת אַרומפאָהרענדיג מיט דעם חזן האָב איך אַלע סאָרטען מענשען געהערט רעדען. דער חזן אַליין פלעגט ליעב האָבען אַריינצוװאַרפען אַ מאָל אין זיין שמועס עפּיס אַ דייטש׳ס וואָרט, ווען עס האָט איהם גע־פאַסט, און רעדען מיט אַ פתח, וואו ביי אונז, פראָסטען עולם, קומט אויס מיט אַ קמץ — גוט שבת! גוטע וואַך, קנאַבעל, וכדומה. אַ מאָל פלעגט איהם נאָך גאָר אויסקומען צו זאָגען, אַז ער זינגט נאָך נאָטען

און קאָרביש דאַוונען קען ער אויך... די תלמוד־תורה האָט מיר אויך געגעבן אַביסעל דייטש פון די טייטשווערטער אין חומש, ווי אַ שטייגער: „ועלטה“ — און אַ געפעל, „וסעדו לבכם“ — און לעהענט־אונטער אייער האַרץ, „ירכי“ — מיין דיך, „מחשף“ — ענטפלעקט, „באָחו“ — אויפ׳ן געטייזאַכץ, „בין המשפתים“ — צווישען די געמאַרקען, „ותחללה“ — און דו האָסט זי פאַרשוועכט, „קוסמיות“ — האָפערליך, וכדומה נאָך אַזעלכע טייטשען. אין דער צעלניק־קליים האָב איך אויך געחאַפּט עטליכע דייטשע ווערטער פון די עלטערע משרתים, וואָס פלעגען אַמאָל אין אַ שמועס מיט אַקונה זיך צולאָזען אויף דייטש: „מיין האַר, קוקען זיי אָן די וואַרע! איך האָב בנאמנות ניכט טייער געביטען. שוין וועלוועלער פון באָרשטש, זאָג איך איהנען. זיי וועלען, מיין האַר, קיין חרטה ניכט האַבען“. נאָר חוץ דעם גאָר פאַרשטעהען טאַקי אַלע יודען דייטש. ס׳איז דאָך פּאָרט זייער מאַמע־לשון...

די מיר האָט פלוצלים זיך געטאָן אַנ׳עפען און מען האָט מיך אַריינגערופען אין דעם צווייטען חדר. מיין יוד, זעה איך, זיצט אָהן דעם היטעל. דער דייטש נעהמט מיך אָן בייַ דער האַנד און זאָגט צו מיר גאָר פריינדליך:

— נו ליבער, יונגער מענש! דו ווילסט בייַ מיר אין הויז זיך שטעלען? בייַ מיר ווערסט־דו נישט האָבען קיין שווערע מלאָכות. דו וועסט בעדאַרפען טאָן געוועהנטליכע זאַכען און געהן אַמאָל אַ גאַנג.

איך האָב אויסגעשטעלפּעטשעט אַ פּאָר אויגען און עפּים אַזוי תמ׳עוואַטע געקוקט, אַז דער דייטש האָט נישט געקענט זיך איינהאַלטען אַ שמייכעל צו טאָן. ער איז מיר אָבער זעהר געפעלען. זיין פנים האָט אויסגעזעהן עפּים אַזוי גוט און ער האָט מיט מיר גערעדט עפּים אַזוי פריינדליך, נישט ווי אַלע אַנדערע, ווי דער שניידער, דער חזן, אַ שטייגער, און ווי די מאַמע מיינע אפילו. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ רוהיגער, גוטער מינע, אַז עס האָט מיך צו איהם עפּים געצויגען. איך האָב אויפגעהויבען די האַנד צו מיין שמייסען־מיטצעל (וואָרום איך בין שטענדיג געגאַנגען אין אַ שמייסען־מיטצעל, סיי ווינטער, סיי זומער אין די גרויסע היצען, בשעת אפילו איך בין געגאַנגען באָרפים), האָב עס אַ קאַפּ אונטערגעהויבען און געהאַלטען איבער דעם קאָפּ, דערנאָך האָב איך עס אַ רוק געטאָן אויף איין זייט, אויף דער אַנדערער זייט קאָפּ, אַ ביסעל אַ בייג געגעבען צום פנים, אַ שלעפּ געטאָן פון אונטען,

אהין־אַהער, אַ קאַפּעלע העכער, און מיט דער אַנדער׳ער האַנד אַ טאַפּ געגעבען די פּאות, אַ קראַץ די פּאָטיליצע. איך האָב פּשוט אַלײן נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט דעם קאָפּ און מיט דעם כּיצעל, ביז לסוף האָב איך מיר געמאַכט האַרץ און האָב עס אויף גאָט׳ס בּעראַטה ראַפּטאָם אַראָבגעהאַפּט פונ׳ם קאָפּ. איך האָב בּשעת מעשה געפּיהלט, ווי איבער מײן הוילען קאָפּ וועהט עפּיס אַ קיהל ווינטעלע, גלײך מען וואָלט מיך געשווירען. אַלע רגע האָב איך געמוזט מיך אַ טאַפּ טאָן בײם קאָפּ. כ׳איז מיר פאָרגעקומען ווילד משונה, עפּיס ווי אין באָד

— נו מײן ליבּעס קינר — האָט דער דײטש געזאָגט און אַרויפגעלעגט זײן האַנד מיר אויף דעם אַקסעל — דו בּיסט אַ גוטער בּורש! ווי הײסט־דו?

איך בּין געשטאַנען פערדולט, אַקוראַט ווי אַ מאָל פאַר יענעם דײטש אין דער תּלמוד־תּורה. האָב געעפענט אַ מויל, אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און געקוקט לעקישעוואַטע, גאָר ווי אַן אַנגעמאָלטער גולם.

— ווי הײסט־דו? — האָט דער דײטש מיך נאָך אַ מאָל אַ פרעג געטאָן.

— איך ווײס?!

— ס׳טײטש, דו ווײסט נישט, ווי דו הײסט! ווער דען־זשע ווײסט?

— די מאַמע — האָב איך געענטפערט — די מאַמע מײנע פלעגט מיך רופען יצחק אַבֿרהם׳צע, דער תּלמוד־תּורה־מלמד — איצע אַבֿרהם׳עלע, דער שנײדער — ממזר׳זק איציק אַבֿרהם׳על, דער שוסטער בּשעת ער פלעגט מיר צו־ווינטשעווען, ווען איך האָב געטראָגען די פּאָמײניצע, האָט מיך גערופען — איטצוניאָ אַבֿרהם׳וניאָ, און דער חזן — אַבֿרהם׳קע. הײנט ווי זאָל איך וויסען ווו אַזוי איך הײס?

— גערעכט! — האָט דער דײטש געזאָגט מיט אַ שמײכעל — נאָר זיבּען נעמען ווי יתרו האָסט־דו פאָרט נישט. דו האָסט נאָר אײן צונויפגעפּאָרטען נאָמען: יצחק־אַבֿרהם, זעהר אַ שענעם נאָמען, נאָך די אָבות. איך וועל דיך טאַקי אַזוי רופען. דו הײסט בּײ מיר איזאַק־אַבֿרהאַם, נו, זאָג, ווילסט־דו בּײ מיר זײן, אַבֿרהאַם?

— איהר זאָלט מיך אָבער נישט הרג׳ענען, שלאָגען. איך האָב שוין, כ׳לעבּען, קײן גאַנץ בּײנדעל נישט.

בּײ דעם דײטש האָבען זיך געשטעלט אין די אויגען טרעהרען.

ער נעהמט מיך אָן בּיים אַקסעל און אַריינקוקענדיג מיר גלייך אין פּנים אריין, מאַכט ער אַזוי:

— נעבּעך, נעבּעך! עס ווייזט אויס, דאָס ער האָט זעהר פיעל געליטען. אַזוי יונג און האָט שוין נעבּעך קיין גאַנץ ביינדעל נישט! יאַ, יאַ: — האָט ער זיך אָנגערופען דערנאָך צו מיין יודען — יאַ, ער איזט ווירקליך פּלוטפּ, זעהר נאַאיוו, תמ'עהאַטע, אָבּער איין גוטער בּורשע.

מיין יוד האָט געשוויגען און נאָר געגלעט די תאַנסעס.

ניין! — האָט דער דייטש ווידער צו מיר געזאָגט — איך וועל דיך, אויף מיין וואָרט, נישט אָנריהרען. דו ביסט דאָך אַזאַ מענש ווי איך, חוץ דעם ביסט דו נאָך איין עלענטער אויך, זיי רוהיג, איך וועל דיך נישט שלאָגען, נו, בּלייבּסט-דו בּיי מיר?

— יאָ! — האָבּ איך געענטפערט, און בּין געבּליבּען בּיים דייטש.

י״א.

דער ד״טש איז נעבעך געווען זעהר אָרעם, נאָר די אָרימקייט אָבער האָט בּיי איהם אין הויז קיין שליטה נישט געהאַט אַרויסצוּווייזען זיך מיט איהר אוּמריינקייט, פוילקייט, אָבּגעלאָזענהייט און מיט אַלע איה־רע איבּעריגע מיאוּס׳ע סימני דלות, ווי געוועהנליך בּיי אַלע אַנדערע, און בּפרט נאָך בּיי יוּדישע אָרעמע נישט קיין פאַרמעגליכע לייט. אין שטוּבּ בּיי איהם איז געווען ריין, אַלצדינג אויף זיין אָרט. עס האָט גע־לויכטען, געפינקעלט אין איטליכס ווינקעלע. די מאַדאַם, זיין ווייבּ, האָט אַכטוּנג נעגעבּען אין איטליכער שפּאַרינע, איז נישט געזעסען קיין רגע לעדיג, האָט געקאָכט, געבּאַקען, געשמירט, געריינינט, געאַרבּייט, גע־נעהט, פעררייכט גרעט, און בּיי די אַלע דאָזיגע מלאכות, וואָס מאַכען אַנ׳אַנדערן בּייז ווי אַ רוּח, איז זי שטענדיג געווען רוּהיג שטיל, מיט אַ פרעהליך פּנים. צוּ אַלצדינג האָט זי געהאַט צייט. ווי פערטראָגען אין דעם בּעל־הבּית׳ישקייט זי איז געווען, איז איהר פוּנדעסטוועגען נאָך אי־בּערגעבּליבּען צייט צוּ נעהמען אַ מאָל אַ בּוּך אין דער האַנד, צוּ לייענען און וויסען, וואָס טהוּט זיך, וואָס הערט זיך אויף דער וועלט. דער מאַן איז בּיי איהר געווען געהויכט און געקרוינט. זי האָט פוּן איהם אי פוּן זיין שרייבּען געהאַלטען עולם־וּמלואה, נישט צוּגעלאָזען צוּ איהם קיין שום עגמת־נפש, וואָס האָט איהם געקענט שטערען פוּן דער אַרבּייט, און איז געווען מיט איהם בּאמת איין גוּף, איין נשמה. זייער עלטסטע טאָכטער, אַ פיינע, אַנ׳עדעלע, פלעגט צוּהעלפען דער מוּטער, פלעגט וואַשען, פּרעסען, טאָן וואָס מען בּעדאַרף און זעהר שען שטריקען. זי האָט געהאַט אויף איבּערצוּבּייטען נאָר איין קלייד, אָבּער ווי שען און ריין איז עס תּמיד געווען, גאָר שפּאָגעל־ניי, ווי ערשט פוּן דער נאָדעל! אַלע טאָג, אין איין בּעשטימטער צייט, פלעגט זי לערנען מיט איהרע צוויי קליינע שוועסטערלעך, וועלכע זי האָט מדריך געווען, זיי געגעבּען אַ גוּטע עדוּקאַציע, האָט זיי תּמיד געצוואָגען און געפיהרט ריין ווים אָנ־

געטאָן. דער עלטערער זוהן האָט געלערענט אין אוניווערזיטעט. פו
דאָרט פלעגט ער אָפט שיקען אהיים צו די עלטערן הייסע וואַרימע בריעף.
אין וועלכע ער פלעגט זיי טרייסטען און בעטען, זיי זאָלען זיך נישט זאָר=
גען, נישט אָבעסען זיך דאָס הארץ דערפון, וואָס זיי זענען נישט אין
שטאַנד איהם צו העלפען מיט עפּיס געלד אויף זיינע בעדערפענישען.
אמת טאַקי, ס׳איז איהם אַביסעל ענגליך, ער ליידעט אַביסעל מאַנגעל,
אָבער ער האָפט, אַז ער העט ווי עס=איז זיך אויסדרעהען און נישט שטאַר=
בען פאַר הונגער. ניש׳קשה, פלעגט ער אויסלאָזען די בריעף מיט אַ
טרייסט, דאָס וואָס איהר האָט מיר געגעבען, האָבען עס אַנדערע רייכע
טאַטעס און מאַמעס זייערע קינדער בשום אופן נישט געגעבען; איהר האָט
מיר געגעבען אַ סך מעהר פון געלד: איהר האָט מיך געלעהרענט, אויס=
געבילדעט מיין פערשטאַנד; איהר האָט אויך אויסגעאיידעלט מיין האַרץ,
אַריינגעלעגט אין מיר גוטע געפיהלען: ליעבשאַפט צו מענשען, רחמנות
צו בידנע אומגליקליכע לייט, און מיך געוועהנט זיך צו בעגניגען מיט
וועניג, איבערצוטראָגען צרות אונטער אַ שלעכטע צייט מיט אַ פרעהליך
געמיטה — אַזעלכע מדות טובות, וואָס רייכע עלטערן קענען זיי מיט זיי=
ער געלד אַליין און מיט דעם גאַנצען פאַרמעגען זייערע קינדער נישט גע=
בען״... דעם זוהנ׳ס דאָזיגע בריעף פלעגען אַלע אין שטוב זעהר אָפט
לייענען הויך, זיך בשעת מעשה פרעהען און צוגלייך זיך בעוואַשען] מיט
טרעהרען. הכלל, דאָס איז געווען זעהר אַ טייערע, זעלטענע פאַמיליע.
איך האָב דענסטמאָל אָבער נאָך גאָר אַזוי ווייט קיין שכל נישט געהאַט
דאָס אַלצדינג צו פערשטעהן, אקוראַט ווי איך בעשרייב עס דאָ איצט,
איך האָב נישט מעהר ווי געפיהלט, אַז טעמאַן און זיין ווייב זענען עפּיס
גאָר אַנדערע סיני מענשען, נישט אַ שטיינער ווי לייזער דער שניידער
מיט לייזעריכען, ווי רב עזריאל דער מלמד מיט זיין פלונית׳טע און אויך
נישט אפילו ווי דער רייכער צעלניקער מיט זיין דיקער, געזונטער צעל=
ניקערין, די אשת=חיל, וואָס האָט געהאַט אַ פּיסק אויף שרויפען, גע=
טראָגען אַ האַלז פערעל, אַ זיידען קלייד און אינגאַנצען איז זי געווען פער=
שמירט, פערשלומפערט. איך האָב מעהר נישט ווי גלאַט געזעהן, אַז
דאָס איז נישט דאָס הויז, נישט, מ׳שטיינ׳ס=געזאָגט, יענע יודישע אָב=
געלאָזענע, צוקדראָכענע קינדערלעך, נאָר אין תוך אַריין אָבער צו פער=
שטעהן, ריכטיג אָבצושאַצען דעם ווערטה פון דעם דייטש׳ס פאַמיליע,
דאָס איז דענסטמאָל נאָך נישט געווען פאַר מיין מוח.

דער דייטש מיינער איז געזעסען טאָג ווי נאַכט אין זיין בעזונדער

צימער, אַרום איהם האָבען זיך געוואַלגערט ביכער אויפ'ן טיש און אונטער'ן טיש, און ער האָט אַלץ געשריבען. ער איז געווען אין דעם שרייבען זעהר פערטיפט, אַריינגעטאָן דערינען מיט לייב און לעבען, און מען האָט בעשיינפערליך געזעהן, אַז ער האָט דערפון חיות. ער פלעגט דערביי אַ מאָל רעדען צו זיך אַליין, לאַכען, אָדער קריצען מיט די צעהן, גלייך ווי ער זאָלט מיט עמיצען עפּיס געהאַט וואָס צוטאָן. האָט מען איהם אַ מאָל אין דער מיט מפסיק געווען מיט עפּיס אַ זאַך, פלעגט ער זיך אַ חאַפּ טאָן פּלוצלים, גלייך ווי ער וואָלט אַראָבגעפאַלען פונ'ם הימעל, האָט געקוקט עפּיס צוטראָגען און געענטפערט בווידעם, נישט געשטויגען, נישט געפלויגען. איך פלעג נישט איין מאָל מאַכען מיט די אַקסלען און אַוועקגעהן, נישט צו וויסען, וואָס ער האָט געזאָגט. שטייוועל האָב איך איהם פערשפּאָרט צו פּוצען, וואָרום ער איז זעהר זעלטען אויסגעגאַנגען. דערפאַר האָט ביי איהם דער חאַלאַט און די שטעקשיך זעהר מיאוס קריעה געריסען.

מיין עיקר אַרבייט איז געווען — פּאָלגען אַ גאַנג. ער פלעגט מיך אָפט שיקען אויף דער פּאָסט, אָבצונעהמען און אויפצולעגען בריעף, אָדער „פּאָסילקעס". אַ מאָל פלעגט ער מיך שיקען צו איינעם מיט אַ קוויטעל, אָדער מיט אַ בוך וכדומה נאָך אַזעלכע גענג. דאַכט זיך אין פלוג, האַ, וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ אַרבייט? זעהר אַ גרינגע זאַך, נאָר אָבער ניין! ס'איז נאָך אַזאַ ביטערע, מיאוס'ע שווערע אַרבייט גאָר נישטאָ. אַז איך פלעג אַ מאָל אָבטראָגען איינעם אַ קוויטעל, פלעגט ער פאַרדרעהען שטאַרק מיט דער נאָז, גלייך ווי ס'איז איהם פערגאַנגען אַ ריח פון שאַרפען, ערשט אָנגעריבען חריין, און מיט אַ בייז פּנים מיר הייסען קומען מאָרגען. מאָרגען האָט ער געזאָגט — איבערמאָרגען. איבערמאָרגען האָב איך איהם און דער היים נישט געטראָפען, און ביים קומען צו איהם שפּעטער נאָך אַ מאָל, פלעגט ער שוין אויף מיר אַ היק טאָן: וואָס וויל אָט־אָ־דאָס יונגעל פון מיר האָבען? עפּיס איז דאָך פון איהם נישט פּטור צו ווערען! אַנ'אַנדערער פלעגט פּשוט אָנזאָגען זיינע משרתים, מען זאָל מיך נישט לאָזען אויף דער שוועל; אַ דריטער פלעגט איבערלייענען דאָס קוויטעל, קווינקלען זיך און אַוועקגעהן, מיר נישט צו זאָגען אפילו אַ וואָרט; אַ פערטער פלעגט זיך אָנרופען: זאָג דעם הערר דיינעם, אַז איך בין נישטאָ אין דער היים! פאַרשטעהסט־דו?... הכלל, מען פלעגט מיך טרייבען, אויסחייכען ווי אַנ'עפּוש. אַז מען האָט מיך נאָר דערזעהן פון דערווייטענס מיט אַ קוויטעל צי מיט אַ ביכעל, פלעגט מען פּראָסט

די מיר פערשליסען, אָדער אָנרייצען אויף מיר אַ הונד — אַ משרת... מען האָט געזעהן, אַז פיעל פון יענע בעלי־הבתים, צו וועלכע איך בין נעגאַנגען, בעקומען פשוט דעם שלאַק, דער רוח נעהמט זיי צו פאַר אַ ביכעל, עם מאַרדוועט עפּים מיט זיי די ביינער. פאַר וואָס זיי האָבען דערפאַר אַזוי מורא? — דאָס האָב איך דענסטמאָל נישט געקענט פאַר־שטעהן. האָט איינער אונטער צעהן אַ מאָל זיך שוין דערבאַרעמט און צו־גענומען אַ ביכעל, פלעגט ער עס באַלד טאַקי אַ שליידער געבען צו אַל־די־שוואַרצע יאָהר, ערגיץ אונטער אַ בעט, אָדער אוּנטער אַ באַנק, און מיר נעבען אַ צעריסען קערבעל אָהן אַ נומער... יענע צייט איז פאַר מיר געווען זעהר אַ ביטערע. איך ווינש, אַלע מיינע שונאים זאָלען גע־פרובט ווערען, געהן מיט ביכלעך צו יודישע נגידים, הערען דערביי זיי־ערע שטעכווערטלעך, זעהן, ווי עס ענדערט זיך זיי דאָס געשטאַלט, ווי זיי בלאָזען זיך אָן, ווערען אש־להבה, און אָנקוקען זייער פינסטער פּרצוף־פּנים!

מיין יודעל, אָדער הערר יאַקאָבזאָהן, פלעגט אָפט קומען צום דייטש שפעט ביי נאַכט, זיצען דאָרט אַביסעל און שמועסען. און ווען איך בין נישט מיד געווען, פלעג איך אַ מאָל זיך צוהערען אונטער דער טיר צו זייער שמועס, גלאַט אַזוי, אַבי די צייט צו פערטרייבען. איינ־מאָל האָב איך געהערט, ווי יאַקאָבזאָהן האָט עפּיס דערצעהלט פון אַ דאָקטאָר שטיינהערץ און זיך אַלץ שטאַרק גע'חידוש'ט.

— עט — האָט גוטמאַן זיך אָנגערופען — וואָס חידוש'ט איהר זיך דאָ אַזוי, הערר יאַקאָבזאָהן. און ווערט נתפעל? דער דאָקטאָר שטיינ־הערץ איז אַ קליין מענשעלע און דעריבער טאַקי איז ער אַזוי רייך און ביי איטליכען נאָר די נשמה. איז דען עס ביי אייך אַ נייס? עס פערשטעהט זיך, אַז מען ווערט אַ קליין מענשעלע, איז מען דאָס לעבען און מען דערגרייכט אַלצדינג אויף דער וועלט.

איך בין פערצאַפּעלט געוואָרען הערענדיג די דאָזיגע ווערטער. ס'טייטש, גוטמאַן, מיין הערר גוטמאַן, זאָגט אויך, אַז אַ קליין מענשעלע איז די נשמה און איז רייך!... פאַר גרויס וואונדער האָב איך אַ שפּרונג געטאָן, זיך אָנגעהאַפּט ביים קאָפּ און בין געווען שטאַרק צוטראָגען. גוט־מאַן אָבער האָט מיך גראַד אַ רוף געגעבען, און אַז ער האָט דערזעהן מיין נאַריש פּנים דענסטמאָל, איז איהם אונמעגליך געווען זיך איינצוהאַל־טען, נישט צו טאָן אַ שמייכעל. מיין יודעל האָט אָנגעקוקט מיך, געשאָ־

קעלט מיט דעם קאָפּ און געמאַכט: ע־ע! ער איז נאָך טאַקי אַלץ תּמ'עיואַטע, דער איינענער לעקיש וואָס פריהער!...

אין אַ קורצע צייט אַרום האָב איך ווידער געהערט אונטער דער טיר, ווי יאַקאָבזאָהן האָט אין אַ שמועס גערעדט פון איסר וואַרגער, ווי רייך און גליקליך ער איז, אין שטאָדט דער גאַנצער פיהרער. זיין חשיבות, זיין שטאַרקייט איז עפּיס גאָר שלא כּדרך הטבע!

— ס'איז גאַנץ פּשוט — האָט גוטמאַן געזאָגט — איסר וואַרגער איז אַ קליין מענשעלע, און איז ביי דעם גביר די נשמה. דאָס אַלצדינג איז דוקא כּדרך הטבע, ס'איז גאנץ נאַטירליך, און מען האָט זיך דא גאָר נישט צו חידוש'ען.

— יאָ, טאַקי זעהר אמת, גוט אויף דער וועלט איז טאַקי נאָר אַ קליין מענשעלע! — האָט יאַקאָבזאָהן געזאָגט מיט אַ זיפץ, זיך באַלד טאַקי געזעגענט און אַוועקגעגאַנגען.

יב.

ברוך־הבא, קליין מענשעלע! ווידער דאָס קליינע מענשעלע, נאָך אַ מאָל מאַקי מיינע ערשטע, פריהערדיגע געדאַנקען! דאָס קליינע מענשעלע איז מיר געווען זעהר אַנ'אָנגעלעגטער גאַסט, פונקט ווי געוואונשען, אין דער רעכטער צייט ווען איך בין געווען זעהר צוּבראָכען, דערשלאָגען פון די צרות, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, און בין שטאַרק גערן געווען חאָטש אַביסעל זיך אויסצורוהען. אַ גאַנצע נאַכט, נאָך דעם פריהערדיגען שמועס, האָב איך שטאַרק אומרוהיג מיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער אַנדערער און ביי מיר אַלץ געטראַכט אַזוי: איסר וואַרנער איז אַ קליין מענשעלע, אַ נשמה, און אַ רייבער גליקליכער מענש. הייסט דאָך עס, אַ פּנים, אַז מען איז אַ קליין מענשעלע איז מען אַ רייכער, אַ גליקליכער! און אַ פּנים מאַקי, ווי ס'זעהט אויס, קענען מענשען ווערען קליינע מענשעלעך אויב נאָר זיי ווילען. און אַז זיי ווערען קליינע מענשעלעך, ווערען זיי אי רייך אי גליקליך און דערגרייכען אַלצדינג אויף דער וועלט, האָב איך דאָך מאַקי, אָט אַ פּנים, זעהר רעכט, וואָס מיר האָט תמיד זיך געלוסט ווערען אַ קליין מענשעלע. יאָ, דאָס אַלצדינג איז רעכט, מאַקי זעהר גוט! די שאלה איז אָבער, ווי אַזוי ווערט מען אַ קליין מענשעלע? ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? ווען אפילו איך זאָל מיך דאָ אפילו בייגען, קרימען, איינהויקערען זיך אין צעהנטען, וועל איך דאָך פאָרט נישט ווערען אַ קליין מענשעלע. אַ פּנים, אַז אַ קליין מענשעלע צו זיין איז אַ גרויסע קונץ, מאַקי אַ קונץ, וואָס אַ קונץ הייסט, נאָך אַ סך אַ גרעסערע ווי צו מאַכען מיט דער רייף און אַלע אַנדערע קאָמעדיאַנטסקע קונצען. דרינען מוז אודאי שטעקען עפּיס אַ גרויסע המצאה, וואָרום זיסט, וואָלטען דאָך אַלע געקענט זיין קליינע מענשעלעך, נשמה'לעך, רייכע און גליקליכע לייט!...

מיט די דאָזיגע אַלע געדאַנקען האָב איך זעהר לאַנג אַלץ גע־

טראַכט, געטראַכט אויף מײַן געלעגער, און אַז איך בין לסוף אַנשלאָפען געוואָרען, האָט מיר זיך געחלומ'ט װאונדער=שענע זאַכען.

עס האָט מיר זיך געחלומ'ט, איך בעגעגען אויף דער גאַס אַ קליין מענשעלע, וואָס אַרבײַט מעשים, דרעהט זיך און װאַרפט זיך אויף אַלע זײַטען. אָט שפּרינגט עס צו צום קהל=שטיבעל, חאַפּט זיך דאָרט אַרײַן צווישען אַ געזעמעל קהל'ס=לײַט, דרעהט און מאַכט מיט זיי נעבעך די קאָמעדיע. דער עולם לאָזט זיך נישט לאַנג בעטען, נעהמט זיך צום בײַטעל און בעצאָהלט איטליכען גאַנץ פײַן פאַר די אָנשטעלען... פון דאַנען איז עס, דאָס קליינע מענשעלע הייסט עס, ווי אַ גלגול אַרײַן צו דעם בעל=טאַקסע אין בוזעם, איהם געטאָן אַ געשמאַקען קיצעל, בײַדע האָבען געלאַכט, עס האָט זיי עפּיס משונה הנאה געטאָן, און דערנאָך איז עס אַרויס צוריק אינגאַנצען ווי אָבגעגילדט פונ'ם בעל=טאַקסע'ס קעשענע. דער בעל=טאַקסע נעבעך האָט דרײַ מאָל אויסגעשפּיגען און באַלד טאַקי זיך געמאַכט נאָר אַנדערע קעשענעס!... פונ'ם בעל=טאַקסע'ס קעשענע איז עס פּוץ אַרײַן אין דעם מויל פאַר אַ פּאָר שענע נפשות, בשעת זיי האָבען זיך געזעצט מאַכען „ספּראַוועטשנע צענעס" אויף פלייש. נאָר וואָס זיי זענען גרייט געוועזען אַרויסזאָגען: פינף און פערציג גראָשען אַנ'אָקע, האָט עס זיי עפּיס אַ שמיר געגעבען, אַרײַנגעחאַפּט זייער צונג אין זײַן הענטעל, די שענע נפשות, נעבעך, האָבען זיך פאַראיקעט און נאָר אַ זאָג געטאָן: זעכציג!... פון זייער מויל, וואָס איז געוואָרען, נישט פאַר קיין ידען געדאַכט, אַ „חאָלעווע", האָט עס ווי אַ דבוק זיך אָנגעטשעפּעט אין אַ גביר'על, מיט איהם גערעדט=גערעדט, געקעהרט וועלטען און געמאַכט פון איהם אַ לעדערנעם דישעל... פון דעם לעדערנעם דישעל איז עס מגולגל געוואָרען אין אַ „קאַבלעפּיל". פונ'ם קאַבלעפּעל אין אַ טלית=קטן און אין אַ קירץ רעקעל, און פלוצלים זיצט עס נאָר רײַטענדיג אויף דעם ראָש, אויף דעם קהל'שען צאַפּ, וואָס פּיטערט זיך געוועהנטליך צווישען דער טשערעדע שמאַדט=בהמות!... הכלל, דאָס קליינע מענשעלע האָט געאַרבײַט, געטאָן און אַלצדינג, וואָס עס האָט געטאָן, איז עפּיס אויסגעקומען נאָר גוט, גוט און גוט. איך האָב איהם אַזוי שטאַרק מקנא געווען, אַז איך האָב אויך אָנגעהויבען מיך צוזיפּציען, האָב אַרונטערגענומען די פּיס אונטער זיך, זיך געקרימט, געקוועטשט און אײַנגעהאַלטען דעם אָטהעם, ביז איך האָב אויפגעהערט צו רעדען, צו פיהלען, צו זעהן און צו הערען — און פלוצלים בין איך, אַזוי װאויל איז מיר, געוואָרען אַ קליין מענשעלע, אַזוי קליין ווי אַ פלוי! איך האָב מיך

פשוט מחיה געווען. ס'איז מיר אַבגעגאַנגען די ביינער, ליכטיג געוואָרען אין אַלע רמ"ח אברים. באַלד מאַקי בין איך געוואָרען אַ נשמה, בײַ איטליכען דאָס לעבען, און דאָס גליק האָט מיר אָנגעהויבען צו געהן פון אַלע זייטען. איך בין געפאָהרען אין אַ קאַרעטע, אָנגעטאָן ווי אַ שררה, אַלע האָבען מיר אָבגעגעבען כבוד, מיר צוגעטראָגען דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, מיין קוויטעל איז געגאַנגען. איך האָב געטאָן, וואָס איך וויל, און געפיהרט די גאַנצע שטאָדט בײַ דער נאָז. איטליכער האָט פון דער-ווייטען אויף מיר געטײַטעט מיט די פינגער: זעהט, זעהט! אָט פאָהרט די נשמה, אָט געהט די נשמה, אָט רעדט דאָרט עפּיס די נשמה, אַך, קוקט נאָר אָן די נשמה! שאַ! וואָס זאָגט עפּיס די נשמה? וואָס, איהר האָט נדן-געלד? לענט עס אײַן בײַ דער נשמה! איהר האָט עפּיס אַ משפט, אַ בוררות? געהט, כ'לעבען, צו דער נשמה! איהר בעדאַרפט אפשר האָ-בען אַ טובה? צו אַ טובה איז נאָר די נשמה! אַ חכם, אַ בעל-עצה, אַ חשוב, אַ מאכער, אַ נביא, אַ צונויפנעהמער, איז מאַקי נאָר די נשמה!...

פלוצלים אָבער האָב איך אָנגעהויבען זיך אויסצוגלייכען, אויסצו-ציהען, עפּיס האָט אָנגעהויבען ליכטיג צו ווערען מיר אין די אויגען—און גוט מאָרגען דיר, ממזר'ק, איציק-אברהם'על! איך אַליין מאַקי ליג, ווי בײַם טאַטען אין ווײַנהויז, אויף מיין געלעגער. איך טאַפּ מיך: דאָ אַ טאַפּ, דאָרט אַ טאַפּ, יאָ, ווי איך בין אַ יוד, איך בין עס מאַקי אַליין! איך שלימ'מזל מיט מיין אייגענעם כבוד, אינגאַנצען ווי גרוים איך בין. פון וואַנען, טראַכט איך, האָב איך עס פלוצלים דאָ מיך גענומען? אַך, האָב איך עס אַביסעל מיך פיינט געהאַט, פאַר וואָס איך בין אויפגעשטאַ-נען און פאַר וואָס איך בין עס מאַקי אַליין!

נו האָב איך דערנאָך בײַ מיר געטראַכט. ניש'קשה! איך וועל שוין דערגעהן, ווי אַזוי מען ווערט אַ קליין מענשעלע מיין טויט זאָל דאָ אפילו זיין, מוז איך עס דערגעהן. דאָ האָב איך באַלד אָנגעהויבען ווידער צו טראַכטען אַזוי: בשעת מיר האָט זיך גע'חלומ'ט, אַז איך בין געוואָרען אַ קליין מענשעלע — אַ רייכער, אַ גליקליכער, אַ פיינע-בריה און אַ גאַנצער מאַכער אין שטאָדט, האָב איך עס דענסטמאָל, דאַכט זיך, אויפגעהערט צו דענקען, צו פיהלען, צו זעהן און צו הערען, איז דאָך אַ פנים משמע, אַז מען קען אַנדערש נישט זיין אַ קליין מענשעלע, סיידען מאַקי מען מוז פריהער אויפהערען צו דענקען און צו פיהלען, דאָס הייסט, פשוט איז פשוט, מען זאָל לגמרי גאָר נישט דענקען, גאָר נישט פיהלען, יענער

זאָל אפילו דאָ פאַר דיר די כפּרה װערען און זיך אַ מעשה אָנטאָן. נאָר װאָס טהוט מען אָבער דערצו? װי אַזױ הזגרט מען עס אויף צו דענקען און צו ריידען? עס איז דאָך טאַקי די גאַנצע מלאכה, דרינען ליגט דאָך טאַקי דער הונד בעגראָבען!; איך בין נעפאַלען אויף אַ המצאה — פּרעגען מיין הערץ. איך האָב אָבער צוריק טאַקי זיך מישב געװען: ס'טייטש װען גוטמאַן זאָל װיסען דעם סוד דערפון, װאָלט ער דאָך אַליין נעבעך געװאָרען אַ קליין מענשעלע! ער װאָלט דאָך געהען רייך, זיך נישט אַזױ געמאַטערט, נישט אַזױ געליטען נויט און פערשפאָרט זיך נעבעך שװאַרצען דעם פּנים, שיקען ביכלעך און אונטערװאָרפען זיין די מיינונגען פון איטליכען בעזונדער. איך האָב איבערגעקלערט די זאַך אויף אַלע זייטען און בין געבליבען ביי גאָרנישט.

דעם גאַנצען טאָג דערנאָך בין איך אַרומגעגאַנגען װי אַ דולער: עס האָט מיר זיך גערשפּאָלטען דער קאָפּ, איך האָב נישט געװאוסט, װאָס איך טהו און אויף װאָס פאַר אַ װעלט איך בין. צו װאָס איך האָב מיך צוגעריהרט, האָב איך אָנגעמאַכט שאָדען. איך האָב יענעם טאָג צובראָכען צװיי טהע-גלעזער; עטליכע פּאָרצעלאַיענע טעלער זענען מיר פון דער האַנד אַרױסגעפאַלען, האָב איבערגעקעהרט אַ טינטער מיט טינט און פערביטען די יוצרות ביים סאַמאָװאר: אין דעם אָרט פּונ'ם װאַסער האָב איך אַריינגעשאָטען קױלען און אין דעם אָרט פון די קױלען אַריינגעגאָסען װאַסער. אַלע אין שטוב האָבען מיך אָנגעקוקט שטאַרק פערװאונדערט, זיך געשושקעט און געפּיהלט, אַ פּנים, אַז ס'איז מיט מיר עפּיס נישט גלאַטיג. גוטמאַן האָט אָנגעװיזענדיג אויף מיר דער מאַדאַם זיינער, אַני-דערגעלעגט אַ פינגער אויפ'ן שטערען און איהר געזאָגט שטיל: ביים יונגעל איז דאָ, אין קאָפּ, עפּיס נישט רוהיג. נאַריש תמ'עװאַטע האָט ער תמיד אויסגעזעהן, נאָר היינט זעהט ער עס נאָך מעהר אויס. ער איז נעבעך מי שטאַרק דערשלאָגען, ער איז נאָך גאָר אַ קינד!...

אַ לאַנגע צייט בין איך געװען עפּיס ביז װי צעדהן רוחות, זיך אַלץ געקרימט, נישט געװען צופרידען, נישט מיט זיך און נישט מיט קיינעם אין דער װעלט. דאָס הארץ האָט מיר געקלאַפּט שרעקליך שטאַרק, עס האָט מיר דאָרט אינװייניג גערױשט, זיך גערודערט װי אין אַ מיהל, עפּיס װי אַ קול האָט מיר אַלץ געשריגען: יצחק אברהם! װאָס װעט פון דיר זיין פאַר אַ תכלית, ביז װאַנען װעסט-דו אַזױ פערשװאַרצט װערען און זיין פערװאָגעלט? װער אַ קליין מענשעלע, יצחק-אברהם! טהו אַלצ-

דינג, וואָס דו קענסט, און זער אַ קליין מענשעלע, וועסט־דו לעבען גליק־ליך, אין עושר, אין כבוד און אויסגלייכען דיר דיינע ביינער!... דאָס קול האָט נישט אויפגעהערט קיין רגע מיר צו פיקען דעם קאָפּ. איך בין ארומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיגער, שטאַרק צומישט און מיר קיין עצה נישט געקענט געבען, וואָס מען טהוט, וואָס מען הייבט אָן. פלוצלים איז מיר ווי אַ בליץ אַריין דער געדאַנק — זיך שטעלען פאַר אַ משרת׳ל ביים דאָקטאָר שטיינהערץ! ביי איהם וועל איך גאַנץ גוט מיך צוקוקען צו איטלי־כען פיצעלע און מיט דער צייט דערגעהן דעם סוד, ווי אַזוי מען ווערט אַ קליין מענשעלע.

מען בעדאַרף זיין אַזאַ מעגעגע, אַזאַ דערשלאָגען יונגעל ווי איך בין געווען, צו פאַרשטעהן מיין האַרץ דענסטמאָל און די משונה שטאַר־קע געפיהלען, וואָס דער דאָזיגער געדאַנק האָט אין מיר אויפגעוועקט. איטליכער אויף דער וועלט, אַפילו אַזעלכע, וואָס פאַרשטעהען אַ ג׳עסק, גאַנץ קלוגע אין מילא־דעלמא־זאַכען, טאַקי איטליכער, ווי איך האָב עס אַפעטער מיט דער צייט אַרויסגעזעהן, האָט זיך זיינע מאַנקאָליעס, זיינע אַבאַבאָנעס, זיינע נאַרישקייטען, שגעונות, וואָס ער רעדט זיי זיך איין, וואָס עס ליגען איהם איינגעבאַקען אין האַרץ, און איטליכענס איינגערעד־טע זאַכען קומען פאַר דעם אַנדערן עפּיס משונה ווילד, אָהן טעם, אָהן ריח. קיינער קען נישט אַריין אין יענעמס לאַגע, פיהלען זיין האַרץ און פערטראָגען זיינע נאַרישקייטען, איטליכער נעהמט נאָר אַ ראיה פון זיך, איינער לאַכט פונ׳ם אַנדערן און אַלע זענען משוגע!...

איך האָב אויסגעזוכט אַ מעקלער, איהם צוגעזאָגט אַ שען מעקלע־ריי, אַז ער זאָל מיך אַריינדרעהען פאַר אַ משרת׳ל ביים דאָקטאָר שטיינ־הערץ. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, האָב איך אָבגעטראָטען, כמעט זיך אָבגעטראָגען, פון מיין גוטען הערר גוטמאַן, פאַרגעסען דעם זיי געזונד און איבערגעגאַנגען אויף מיין ניי אָרט צום דאָקטאָר!

ז.

מיט מיין אַריבערטרעטען דעם ערשטען מאָל די שוועל פון׳ם דאָקטאָר׳ס הויז בין איך געגליכען געוואָרען נאָר צו אַ וואַנץ, וואָס חאַפּט זיך אַריין צום גאַסט אין אַ שפּעלטעל פון אונזער בעט, זיצט דאָרט איבער דעם גאַנצען טאָג, אַרויסנעהמענדיג זיך די אויגען קוקענדיג, ווען וועלען מיר, מענשען, זיך שוין אָבּפּאַרטיגען פון אונזערע געשעפטען, זיך אַריינלעגען אין בעט, זו זאָל שוין קענען למזל מאַכען מיט אונז בעקאַנטשאַפט, איבערשמועסען אַביסעל מכּח דער פּרנסה. די גאַנצע כּונה פון איהר קומען איז דאָך טאַקי נאָר דאָס שטיקעל פּרנסה — צו האָבען פון אונז, פיינע בריות, די יניקה... דער דאָקטאָר שטיינהערץ, דער פיינער בריה, איז פערטראָגען געווען ערגיץ אין וויכטיגע זאַכען, געשאַרט גאָלד פון אַלע זייטען, און איהם איז גאָר אויף דעם זינען נישט געקומען, אַז היינט פריה האָט צו איהם אין הויז זיך פערקליבען עפּיס אַ וואַנץ — ממזר׳וק איציק אַברהם׳ל, וואָס וועט איהם דאָ גוט נאָכקוקען אַלע זיינע געגנג, חאַפּען דעם סטריה זיינעם אין דער פּרנסה און לערנען זיך בּיי איהם די קונץ, ווי צו פערוואַרפען זיך אין אַ קליין מענשעלע.

אַ גאַנצען טאָג האָב איך געאַרבּייט, געטאָן די מלאָכות, וועלכע די מאַדאַם האָט מיר געגעבען, און שטילערהייט אין האַרץ אַלץ געגאַרט, אוי, איך זאָל שוין דערלעבען זעהן דאָס קליינע דאָקטאָר׳ל! מיט אַמאָל עפענט זיך פאַרנאַכט אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ הויכער מענש, אַ בורלאַק מיט אַ בויך, הויך און גרויס ווי גוג=מגוג. קוים וואָס איך האָב איהם נאָר דערזעהן, האָב איך אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און איהם אָנגעקוקט, אויף מיין שטייגער, שטאַרק תמ׳עוואַטע. דעם בורלאַק איז מיין קוקען נישט געפעלען. ער האָט מיר דורכגעשטאָכען מיט זיינע אויגען און אויף מיר בייז, אויף יוני׳ש, אַ היק געטאָן:

— טשטאָ טי טאַק סמאָטריש, באָלוואַן

2 באנד — 5 בויגן

אזא לשון האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט, איך בין געוואָ־רען צומישט. האָב אָנגעהויבען ציטערן, פלאַטערן און אַ זאָג געטאָן, אליין נישט צו וויסען וואָס דאָס מויל רעדט:

— איך הייס איציק־אַברהם׳ל, הייס איך... אַברהמ׳קע!... איך בין אַ יתום... דאָ אַ משרת׳ל, בין איך דאָ!...

— ווידנאָ טשטאָ טי באָלשאָי דוראַק! — האָט זיך אָנגערופען דער בורלאַק — נו־זשע דו, פון היינט אָן סמאָטרי! אַז איך וועל קומען, זאָלסטו פון מיר געשווינד אַראָבנעהמען דעם פעלץ, די קאַלאָשען, סלישעש?!

איך האָב מיך פאַר איהם עפּיס אַזוי איבערגעשראָקען, אַז איך האָב אינגאַנצען, ווי גרויס איך בין, מיך דערלאַנגט אַ וואָרף אויף דער ערד און שטאַרק אַרומגעכאַפּט מיט מיינע הענטלעך דעם בורלאַק׳ס גע־זונטע פיס, אויסצוטאָן איהם די קאַלאָשען. גאָט האָט מיר געהאָלפען איבערצוקומען בשלום דעם דאָזיגען שרעק און דער בורלאַק איז אין זאַל אַריין. איך האָב שפּעטער אַביסעל אַריינגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר און אַ גאַנצען אָוונד דעם שענעם פאַרשוין מיט דער מאַדאַם בעדינט.

ביי נאַכט האָב איך אויף מיין געלעגער אַלץ געטראַכט, ווער זאָל עס זיין אָט דער דאָזיגער בורלאַק, אָט־אָ דער פּעמפּיק? אַ גאַנצע נאַכט זיצט ער עפּיס אַליין מיט דער מאַדאַם און מאַכט מיט איהר קוטצוניו־מוצוניו, ער זי — ליובעניו, און זי איהם צוריק — קעצעלע. וואָס איז דאָס עפּיס פאַר אַ מין קעצעלע? און וואו איז ערגיץ, וואונדער איך מיך, דער דאָקטאָר אַליין — אַזוי האָט אַ פּאָר טעג כסדר דער פּעמפּיק געמאַכט זיינע לאַנגע וויזיטען. ווי ער איז נאָר אַרוים אָדער אַריינגעגאַנגען, האָב איך מיך אויסגעצויגען אויף דער ערד, אָנגעטאָן אָדער אויסגעטאָן די קאַלאָשען. ער פלעגט בשעת מעשה זיך האַלטען ביי די זייטען און קוקען מיט גדלות אויף דער סטעליע. ס׳איז איהם קיין פּיצעל אפילו נישט אָנגעגאַנגען, אַז ער האָט מיט זיינע גראָבע פיס ווי מיט קאָפּיטעס מיר צוגעקלעמט די פינגער. איר האָב טאַקי לעת עתה נאָך אַלץ נישט געוואוסט, ווער זאָל עס אַזוינס זיין, אָט דער פּעמפּיק, אָט־אָ דער געזונטער עשו?

אָבגעפּאַרטיגט זיך איינמאָל אין אָוונד פון מיין אַרבייט און איבער־געלאָזט דאָס קעצעלע שפּילענדיג זיך מיט דער ליובעניו, בין איך מיר

אַרונטערגעגאַנגען אונטען אין דער קיך, אַביסעל בעסער בעקאַנט צו ווערען מיט דער קעכנע, און האָב זי דאָרט אגב עפּיס מיט אַ רחמנות־פּנים׳ל געטאָן אַ פרעג:

— זאָגט מיר, דוואָסיע, איך בעט אייך, ווער איז עס אָט־אָ דער, וואָס קומט אָפט צו גאַסט? וואָס איז עפּיס אַ גאַנצער שמעלקע מיט דער מאַדאַם און שלאָפט... אין ספּאַלניע?

— האַ, וואָס?! — האָט די קעכנע געמאַכט און מיך אָנגעקוקט פערוואונדערט — וואָס זאָגסט־דו? ס׳טייטש, עמיצער שלאָפט אין דער ספּאַלניע! וואָס הייסט עמיצער?

— ווי איך בין אַ יוד! — האָב איך מיך אָנגעהויבען צו שווערען — זאָל איך אַזוי אויפגעריכט ווערען! זאָל איך אַזוי הערען שופר של משיח, ווי איך אַליין מיט מיינע אייגענע אויגען און אויערן האָב איך איהם געזעהן און געהערט אַריינגעהן אַהין! ס׳טייטש, אודאי, איך זאָל מיט אייך טאַקי אַזוי געזונד און גליקליך זיין! ווי הייסט ער עפּיס דאָרט ביים שפּיץ־נאָמען, קעצעלע, צי קאָטערל? ווייסט איהם דער שוואַרץ יאָהר!

— נו, און דער בעל־הבית? — האָט די קעכנע געפרעגט מיט אַ פרעהליך פּנים׳ל און די אייגעלעך האָבען איהר זיך צופלאַקערט אַזוי ווי אין אויווען בשעת חלה־באַקען

— דער בעל־הבית! — האָב איך געענטפערט און ביי דעם נאָמען עפּיס אַביסעל געשטאַמעלט, ווי איינער וואָס ווערגט זיך און וויל פאַר יענעם עפּיס נישט אַרויסרעדען — דער בעל־בעל־הבית נעכטיגט, אַ פּנים, נישט אין דער היים. ער האָט געמוזט ערגיץ אַוועקפאָהרען אַרבייטען אין זיין עסק...

— נו, אַז ס׳איז יאָ אַזוי די מעשה — האָט די קעכנע געזאָגט מיט עפּיס אַ ווילד געלעכטערל — בין איך טאַקי אַ בעלן אַליין אַרויפצוגעהן זעהן. איך וועל מיר אויסזוכען עפּיס אַנ׳אויסרעד. ס׳איז כּדאי, כ׳לעבען, צו זעהן, אַז די דאַמעס זענען נישט בעסער פון די דינסטען... זאָלען זיי נישט מאַכען אַזוי קיין חן!

אין עטליכע מינוט אַרום איז די קעכנע צוריק אַראָבגעקומען פער־פלאַמט, רויט אָנגעצונדען ווי אַ העליש פייער און האָט אויף מיר נעבעך געעפענט אַ פיסק מיט טויטע קללות:

— אַדו עכברש, יונגאַטש איינער! ביסט דאָך ווערטה, מען זאָל

דיך דאָ צורייסען ווי אַ הערינג, זאָל מען דיך צורייסען! ס'איז דאָך אַ העזה פון אזאַ סמאַרקאַטש, פון אזאַ פערשטונקענע נשמה, פון אזאַ שטיק פלייש, אזאַ ווערימדיג בחור'ל! אברהם עזות־פנים, צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבען! וואָס עס האָט געוואָלט זיין מיר און כל ישראל, רבונו של עולם, טאַקי צו דיין קאָפּ! פערהאַפט זאָלסט דו ווערען, רבונו של עולם. אַ־אַ, קיין תחית המתים זאָלסט־דו, ליבער האַרצדיגער פאָטער, נישט אויפשטעהן! אַזוי יונג און קען שוין צונויפפיהרען אַ וואַנד מיט אַ וואַנד, לאָקש — בוידעם — פאַלעצע! ס'טייטש, אויף קיין גוט אָרט זאָלסט דו נישט ליגען, דער הערר אַליין, ס'טייטש, זיצט דאָך עס מיט דער מאַדאַם דאָרט אין ספּאַלניע!

— גאָט איז מיט אַיך, דוואָסיע! וואָס זאָגט איהר? בין איך אַרויס מיט דער שפּראַכע פעררינכטען מיין מזל ביי דער קעכנע — בעטראַכט זיך נאָר, דוואָסיע, וואָס איהר רעדט. ס'טייטש, אָט־אָ דער הויכער בורלאַק, אָט־אָ דער גראָבער פעמפּיק!...

— אַ רוח אין דיין טאַטענס־טאַטענס־טאַטענס־טאַטען אַריין, שייגעץ!

— האָט די קעכנע זיך צושריגען אויף אַ קוויטש און אַ חאַפּ געטאָן די קאָטשערע — ס'טייטש, שייגעץ, דעם בעל־הבית רופסט־דו בורלאַק, רופסט־דו, שייגעץ! אַרויס, שייגעץ, וואָרום איך וועל דיר דאָ פּלעטען דעם קאָפּ!

איך האָב מיך אַרויסגערוקט געשווינד פון דער קיך און בין מיר ווידער אַרויפגעגאַנגען אויבען, שאַ־קיטש. אַז איך האָב מיך אַנידערגע־לעגט אויף מיין אָרט אין פאָדערצימער שלאָפען, האָב איך נישט געקענט פאַר גרוים וואונדער קיין אויג צו־מאַכען און אַלץ ביי מיר געטראַכט: וואָס הער איך און וואָס זעה איך? דער דאָקטאָר איז גאָר אַ הויכער, אַ גרויסער, אַ דיקער! היינט וואָס זשע האָט גוטמאַן געזאָגט, ער איז אַ קליין מענשעלע?! זאָל גוטמאַן זאָגען אַ ליגען, אזאַ גראָבען ליגען? ניין, עס קען נישט זיין! גוטמאַן האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָבגענאַרט, וואָס גוטמאַן האָט געזאָגט, איז תמיד געווען אמת. וואָס טהוט זיך דאָ אַזוינס? דאָ מוז אודאי עפּים זיין... צי שטעקט דרינען נישט אפשר גאָר אַ כשוף, אַ קאָמעדיע? ווי באַלד אַז מענשען קענען אַ מאָל זיך פערוואַרפען אין אַ וואָלף, אין אַ וואָלקעלאַק, און אָננעהמען אַלערליי געשטאַלטען, וואָס דאָס איז דאָך אַ געוויסע זאַך, אַזוי קלאָר ווי דער טאָג, וואָרום איך האָב עס אַ סך מאָל געהערט דערצעהלען פון אַלטע יודען מיט גרייז־גרויע

בערד, מילאָ איז דאָך גאַנץ גרינג צו גלויבען, אַז מענשען קענען אויך זיך פערוואַרפען אין קלײנע מענשעלעך און דורכדעם מאַכען אַ גליק! נאָך אַמאָל, האַ! אַז אַ מענש קען ווערען אַ וואָלף, אַ חיה רעה, וואָס לויפט אַרום משוגע'נער-ווײז און בילט, וואָס פרעסט און איז מזיק וועמען ער בעגעגענט, איז דאָך פון אַ מענשען אין אַ קלײן מענשעלע זיך צו פאַר-קעהרען עפּיס גאָר נישט אַזוי שווער. מען בלײבט דאָך טאַקי בײ דעם פריהערדיגען געשטאַלט, מיט דעם אײגענעם פּנים, ווי איטליכער, נאָר פון גרויס ווערט מען קלײן... יאָ, איך געה, דאַנקען גאָט, דאַכט זיך, אויף אַ שטיקעל דרך. די מעשה דערפון איז, אַ פּנים, טאַקי אַזוי. דאָ שטעקט עפּיס אַ המצאה'לע, אַ פאָקוס! מען מוז די זאַך בעטראַכטען, גוט נאָכקוקען און דערגעהן דעם סוד, די וועלט זאָל אפילו זיך איבער-קעהרען!

מיט דעם דאָזיגען נײעם געדאַנק מײנעם, האָט מײן קינדערשער שכל, ווי איהר זעהט, געשטעלט פעסטער אַ פיסעל און שוין געמאַכט אַ טריט װײטער. אַנשטאָט וואָס פריהער איז מײן גלויבען אין דעם קלײ-נעם מענשעלע געווען מגושם, שטאַרק קינדעריש — עס קומען גלאַט בפשטות אויף דער וועלט אַראָב פאַרטיגע קלײנע מענשעלעך, איז ער איצט שוין אויסגעפײנטער, אויסגעאײדעלטער, עס ליגט שוין אין איהם אַ כוונה, עפּיס אַ כח, אַ רוחניות-זאַך מיט אַ דרך הטבע, דאָס הײסט: קומען אויף דער וועלט קומען מענשען טאַקי אַלע גלײך ווי זײ זענען, נאָר אַ טײל מענשען קענען זיך פערוואַרפען און ווערען אַמאָל קלײנע מענשעלעך דורך שמות, דורך רוחות. דרינען ליגט שוין גאָר עפּיס אַנ'-אויבער-הסברה!..

אַז איך בין אין עטליכע טעג אַרום געשטאַנען אונטער דער טיר, וואָס געהט פון דעם פּאָדערצימער אין דעם דאָקטאָר'ס קאַבינעט אַרײן, איז מיר אויסגעקומען צו האָרכען אַזאַ מיז שמועס צווישען דעם דאָקטאָר און דעם רופא זײנעם.

— הײנטיגע וואָך, דאָקטאָר, האָט איהר געהאַט אָהן עין-הרע זעהר אַ גוטע. איך האָב אײך, ניש'קשה, אַ סך צוגעשאַרט. איך טהו פאַר אײך דאָס מײנינע בשלמות. צופּויק אומעטום אײער גרויסקײט, וואָס נאָר עפּיס, זאָג איך, מען בעדאַרף האָבען אײך, אײך, נאָר אײך. און איהר פאַר מיר, דאָקטאָר, מאַכט זיך ניט ווײסענדיג.

— וואָס זאָגסט דו, געטצעל? ס'טײטש, און נעכטען, ערשט נעכטען?

— וואָס, דאָקטאָר, נעכטען? וואָס איז אַזוינס געווען נעכטען?

— ער האָט אַ קורצען זכרון! ווי הייסט, דו האָסט פאַרגעסען, געטצעל? צוליב וועמען האָב איך נעכטיגען קראַנקען געהייסען שטעלען אַ דרייסיג פּיאַווקעס, צווישען אונז גערעדט, ער האָט אַזוי בעדאַרפט דיינע פּיאַווקעס, ווי איך מיט דיר. אַ נאַס טיכעל צום קאָפּ וואָלט גאַנץ גענוג געווען. פּע, מענסט זיך, כ׳לעבען, שעמען, געטצעל! נאָר צוליב דיר, וואָרהאַפטיג, בין איך נעכטען געווען אַ קליין מענשעלע!...

— איהר, דאָקטאָר, זענט געווען נעכטען אַ קליין מענשעלע, ווי איהר זאָגט, און איך בין געווען צוליב אייך אַ קליין מענשעלע תמיד, אי איי־נעכטען, אי נעכטען, אי היינט. צווישען אונז גערעדט, האָט דען דער היינטיגער חולה בעדאַרפט אַ דאָקטאָר? ער האָט פראָסט דעם קאַטער. אויף מיר קוקענדיג נאָר האָט ער אייך גערופען און אַצונד איז שוין דאָ אַ האָפנונג, אַז ער וועט אייך טאַקי שוין בעדאַרפען אָקעגען אַ פּאָר וואָכען רופען און נאָך צווי מאָל אין טאָג. ניש׳קשה, ער איז רייך, אַ חזיר, ער מעג קרענקען, ניש׳קשה, אַ פּאָר וואָכען...

— נו, נו, וואָס זשע ווילסט דו, געטצי?

— פּיאַווקעס, דאָקטאָר! איך האָב אַ סך פּיאַווקעס!...

— זיי רוהיג, געטצעל? דו וועסט איהם שטעלען פּיאַווקעס. שאַ! האָסט דו נאָר גוטע סחורה, געטצעל? דו ווייסט דאָך, איך בין אַ מקפּיד אין אַזעלכע זאַכען...

— עכט פרישע פּיאַווקעלעך, דאָקטאָר, גאָט זאָל מיר אַזוי העל־פען! איך אַליין האָב אויך פיינט יענעם צו נאַרען...

העֶ־העֶ! אַזוי איז גאָר די מעשה?! — האָב איך געטראַכט בּיי מיר אין האַרץ, נאָכדעם ווי איך האָב געהערט אַזאַ שמועס און די זאַך אַביסעל בעסער צונומען, ליגענדיג בּיי נאַכט אויף מיין געלעגער — אַ פּנים, ווי איך הער דאָ און זעה, הייסט אַ קליין מענשעלע נישט פּשוט זיין אַ קליי־נעטשקער, ווי איך, נאַרעלע, האָב פריהער געמיינט. מען קען גאָר זיין אַ גרויסער, אפילו אַ גאַנץ גרויסער, און פאָרט אַ קליין מענשעלע, מען קען דערבּיי טאַקי אפילו בלייבען אַ גרויסער, תמיד טאַקי אַ גרויסער. איך בין מיך משער, אַז אַ קליין מענשעלע הייסט גאָר צאַפּען פרעמד בלוט און אויסנאַרען געלד... אָט וואו דער הונד ליגט בעגראָבען! איצט־אָ האָב איך אַ ביסעל שוין אָנגעהויבען רעכט צו פאַרשטעהן און קומען צום אמת׳ן שכל. אָט וואָס הייסט רייבען זיך אין דער וועלט, צווישען לייט!

נאָר וואָס העלפט עס אָבער, וואָס איך חיים שוין פון דעם סוד, אַז איך בין דאָך נישט קיין דאָקטאָר, קיין רופא און קען נישט שטעלען קיין פּיאַווקעס, מוז זוכען עפּים אַנדערע מיטעל. עפּים כּמו אַזוי ווי אַזאַ וועג, נאָר אויף אַנ׳אַנדער אופן, עפּים צאַפּען און פאָרט נישט צאַפּען פּשוט בלוט. דערצו מוז אודאי זיין נאָך אַ סך אַנדערע מיני תחבולות, וואָס מען מוז זיי דערגעהן. דאָ האָב איך שוין פּשוט מעהר נישט וואָס צו טאָן. וואָס=זשע טהוט מען ווייטער? האַ! גיט מיר פּלוצלים אַ קלאַפּ אין קאָפּ, אפשר איסר וואַרגער! כּ׳לעבען, מאַך איך צו מיר אַליין, דאָס איז נאָר נישט קרום. מען בעדאַרף זיך אַריינדרעהען טאַקי צו איסר וואַרגער, ווי איך בין אַ יוד צו איסר וואַרגער! דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּים: צו איהם, צו איסר וואַרגער! איסר וואַרגער איז דאָך אויך אַ קליין מענשעלע און זעהר אַ גרויסער פּאַרנעהם. האַ?!...

אַט אַזעלכע געדאַנקען האָבען מיר זיך געדרעהט אין דעם קאָפּ און מיך נישט געלאָזען שלאָפען כּמעט די גאַנצע נאַכט. יענע נאַכט בין איך עלטער געוואָרען מיט עטליכע יאָהר מעהר און געפיהלט אין מיר עפּים אַ פאַרענדערונג. אויף מאָרגען האָב איך נישט געמאַכט לאַנג שיהות, אויפגעוועכט מיין בעקאַנטען מעקלער, איהם צוגעזאָגט נאָך אַ בעסער מעקלעריי ווי פריהער און נאָך אין עטליכע טעג אַרום האָט ער מיך אַריינגעשלייערט צו איסר וואַרגער.

יד.

— נאָר איין וואָרט, רבי, ניש׳קשה!... הא, וואָס, זאָל איך?

— לאָזט זיך אין ד׳ער מיט לייענען הערען אונטער דער טיר עפּיס אַ גראָב קול און באַלד טאַקי, נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, רוקט זיך אַריין אין שטיבעל אַ געשפּיקעוועטער יוד מיט אַ פערוואַקסען פּנים, אָהן אַ קאַפּאָטע, נאָר אין אַ פערלאַטעט ליבעל, פון וועלכען עס קוקען אַרויס שטיקלעך פערשמירטע ציצית, וואָס באָמבלען זיך אויף די קניע, און אין גראָבע תחתונים, מחילה, מיט גרויסע מגושם׳דיגע שטיוועל, אויף וועלכע ס׳איז געלעגען אפשר אַ פּוד בלאָטע נאָך פון פאַר אַ יאָהרען און וואָס האָבען פון זיך אַרויסגעגעבען אַ שטאַרקען ריח עפּיס פון שוויס אינאיינעם מיט דיאָר.

— אַ, בעני! — זאָגט דער רב, אַ קוק געבענדיג אויף דעם דאָזיגען פאַרשוין — וואָס וועסט דו עפּיס זאָגען, בעני?

— וואָס זאָל איך זאָגען? — ענטפערט בעני, אַ קראַץ געבענדיג זיך אין דער פּאָטיליצע — עט, גאָרנישט, זאָג איך. געלד פאַר׳ן חודש האָב איך שוין ביי דער רבי׳צין אָבגענומען. וואַסער נאָך נעכטען ביי נאַכט די אַלע זעקס מאָל אָבגעגעבען. האָב נעכטען די גאַנצענע נאַכט האָב איך געהאַט דאָס פיהרעניש. רב יצחק אַברהם׳ס שטאַרב האָט מיך, ניש׳קשה, גוט אָבגעפיהרט, די שענע מיינע „בולי-בתים“, נעבען איהם אין שכנות, האָבען דאָס וואַסער אויסגעגאָסען, געבליבען די בולי-בתים אָהן וואַסער, נו נישטאָ וואַסער, נישטאָ מיט וואָס צו קאָכען. ווער שולדיג? דער וואַסערפיהרער, איך שולדיג. יענעם גלוסט זיך שטאַרבען, נו, מילאָ? ניין! געהט עס אוים צו וועמען? צום וואַסערפיהרער, צו זיין קאָפּ. געה פיהר זיי, אַ אין דר׳ערד אַריין! פיהר זיי וואַסער. די גאַנצענע נאַכט נים געשלאָפען. אַ קעגען טאָג אַז צוגעמאַכט אַנ׳אויג האָב איך, קומט וועקט די מאַמע, זאָל לעבען, מיך, וועקט מיך: בעני, בעני!

שטעה אויף, די טיר פאַרקייטעל, בעני. איך צום ערשטען מנין געה איך, חאַפּען אַ קדושה, פון דער שוהל, בעני, געה איך אויפ'ן הייליגען אָרט איך, יאָהרצייט האָב היינט איך. אויפ'ן פּריפּעטשיק צונעשטעלט אַ טעפּעל קאַליש האָב איך, גיב דאָ אַכטונג צום טעפּעל קאַליש. פּטר אַרויס די מאַמע און לעג מיך. דרעמעל איך, האָרך איך — פּיק, פּיק, פּיק. דער האָהן מיט די היהנער, אין דר'ערד אַריין, שטעהען פּיקען אַ ריפּטעל ברויט, געשמאַק אויפ'ן טיש פּיקען זיי. אַ־קיש! שריי איך. אַ־קיש דיר היינט, אַ־קיש דיר מאָרגען, וואָס ווייסען היהנער? פּיקען טאַקי אַלץ. בעדאַרף, גראָד, אַ, אין דר'ערד אַריין, ליגען אַ הילצערנער לעפּעל, אַ פליישיגער, חאַפּ דעם לעפּעל, לאָז מיך צי די היהנער. האָרך איך, לויפט אויפ'ן פּריפּעטשיק, מיינער חאַפּט שטעקט אַריין, ניט היהנער אַריין, דעם פליישיגען לעפּעל אין דעם מילכיגען טעפּעל אַריין, און מאַכט אָן אַ שאלה! דער לעפּעל פליישיג, רבי, וואָ־דען? פון דער־ניי דאָך ניט געקאַרבט מיט דריי קאַרבען, ווי אַ יודיש מילכיג לעפּעל. פליי־שיגס דערמיט, ווי איך בין אַ יוד! ניט גענעסען. אָסור חזיר! לאָמיך אַזוי בעהיט ווערען פון קריינק! דאָס טעפּעל מילכיג, עס שטעהט דאָך תּמיד פּונ'ם פּריפּעטשיק אויף דער מילכיגער באַנק. זינט מיין ציג מיר גע'פּגר'ט, איז אויס מיר מילך, אַ פּייג מיר מילך!... היינט, רבי, פּסק'ענט מיר אַ שאלה!

— עפּיס אַ גרויס טעפּעל? — פרעגט דער רב.

— גרעסער פון מיין קאָפּ — ענטפערט בעני — אפשר אַקעגען אַנ'עמער, איך זויף מיך דערמיט אָן פול ווי אַ פעסעל און אַרבייט אַוועק דעם גאַנצען טאָג אָהן אַ פּאָפּאָס.

— כשר! — פּסק'עט דער רב.

בעני געהט אַרויס און אַ ווייבעל לויפט אַריין מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג:

— רבי, איך האָב שוין מעהר קיין כח נישט אויסצוהאַלטען! איהר האָט אודאי זעהר גוט געמיינט, רבי'ניו, וואָס איהר האָט צווישען אונז געמאַכט אַ לעבען, נישט צוגעלאָזט קיין גט, נאָר אַזאַ לעבען אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען. אַייערע טייערע ווערטער זענען צו איהם אַזוי פיעל צוגעשטאַנען ווי אַנ'אַרבעס צו דער וואַנד. ער הערט דען אַ וועלט, ער טהוט זיך טאַקי זיינס און מאַכט מיר אַלץ דעם טויט. איך שוואַרץ דאָס פּנים, לייב, באָרג, קויף־אָן ייפּ'ן מאַרק אייער, הינער,

וואָס ס׳איז עפּיס צו פערדינען, אַבי צו דערהאַלטען די נשמה פון די הונגעריגע, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע קינדערלעך, און ער... ער ווייסט נישט מעהר ווי די חסיד׳אַרניע, וואו ער פערברייגגט די גאַנצע טעג מיט זיינע לייט אונטער׳ן אויווען, טרינקען, שמועסען, דערצעהלען מעשיות און קומט ער אַהיים, מוז איהם אַלצדינג זיין. ער זאָל עס חאָטש אַ קוק טאָן אויף די קינדער, פרעגען חאָטש פון יוצא וועגען, וואָס זיי מאַכען. זיי געהען איהם כלל נישט אָן, ווי זיי וואָלטען געווען פרעמדע. צו מיר רעדט ער נישט קיין גוט וואָרט, גלייך ווי איך וואָלט געווען צו איהם פערקויפט, זיינס אַ דינסט, וואָס איך בין נישט חערטה צו וואַשען איהם די פים און טרינקען דאָס וואַסער. איך הער נישט מעהר פון איהם אַלץ: שטיאָ! טפוש׳טע! שפלה! אונטער עפּיס אַ יום-טוב פאָהרט ער זיך אַוועק צו זיין רבי׳ן, נעהמט ביי מיר צו דאָס לעצטע און לינט דאָרט אָב אַ צייט מיט זיין קאָמפּאַניע, אַזעלכע ווי ער. עס זאָל עס איהם אָנהויבען אַרען אַ היים, אַ ווייב מיט קינדער, וואָס זענען זשעדנע אַ שטיקעל ברויט אוי קומען נעבעך אָב. לאָמיך אַ מאָל אַקעגען דעם זיך אָנרופען מיט עפּיס אַ וואָרט, סטראַשעט ער מיך, ער מוז מיך גאָר אַוועקוואַרפען, מיך מאַכען פאַר אַ וויסטע עגונה, און ווייזען מיר, ווער עלטער איז, וואָס אַ יודענע איז אַזוינס. אַ יודענע, זאָגט ער, איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט! היינט אין דער פריה קומט ער פונ׳ם קלייזעל, אין שטוב איז קאַלט, חאָטש וועלף צו טרייבען, שוין מעהר פון צוויי טעג אַז קיין רויך פון מיין קוימען איז נישט געגאַנגען. די קינדער ציטערען, צאַפּלען און בעטען עסען. דאָס קליינע קינד אין וויעג איז שוין הייזעריג שרייענדיג, וויל נעבעך זויגען און ביי מיר איז נישטאָ קיין קאַפּ מילך. פון וואַנען זאָל עס זיך נעהמען, אַז איך דאַרב און צוויי טעג איז אין מיין מויל קיין לעפעל געקעכטס נישט געקומען. שטיאָ! מאַכט ער מיט אַ גרינג געמיטה, לעג מיר אַריין אין קלומעקעל אַ העמד מיט דער שבת׳דיגער קאַפּאָטע. איך האָב פערשטאַנען, אַז ער קלייבט זיך פאָהרען „אַהין" מיט זיין כנופיאָ, עס געהט דאָך אַ חנוכה. דאָס האַרץ איז מיר געווען זעהר פערביטערט, נעהם איך און רוף מיך אָן: גזלן איינער! וואָס טראַכסט-דו זיך? קוק חאָטש אָן דיינע קינדער, ווי זיי דאַרבען, ליידען, און דו האָסט אין זינען פּוסטע נאַרישע זאַכען! מילא דאָס ווייב, זאָגסט-דו, איז אַ גאָרנישט, אַ שטיאָ, אַ יודענע, אַ צויג, אָבער די קינדער, גוואַלד דיינע קינדער!... ווי איך האָב עס איהם נאָר אויסגערעדט, אַז ער פאַלט עס אויף מיר אָן מיט אַ כעס, מיט אַ געפילדער: אַזוי, שטיאָ! דו וועסט עס מיך אַזוי זידלען

און אָנרופען נאַרישקייטען אַזעלכע הויכע זאַכען, וואָס זענען נישט פאַר ריין ווייבערשען מח!... אַזוי, דו שפלה אײנע! נו היינטיגס מאָל איז אַנ׳עק, איך מוז דיך אויף אייביג, טאַקי אויף אייביג אַוועקוואַרפען, אַז דו זאָלסט בלייבען אַ וויסטע עגונה. ניש׳קשה, איך בין אַ מאַנסביל, און דיך, שפלה, מוז איך אָנלעהרנען, דו זאָלסט וויסען, וואָס איז אַזוינס אַ יודענע... ער האָט זיך נישט געקיהלט מיט די רעד און מיך נאָך אָנ־געהויבען צו קנייפען. נאַט, זעהט, זייט מוחל, ווי ער האָט מיר צוקניפען די הענד, ברוין און בלוי מיר געמאַכט דאָס לייב! גוואַלד, רבי, ראַ־טעוועט מיך! לאָז ער מיר געבען גט. איך האָב שוין מעהר קיין כח נישט אויסצוהאַלטען!...

— געה שוין, געה אַהיים! — זאָגט דער רב מיט אַ ווייבער ציטערדיגער שטימע און די אויגען בעפייכטען זיך איהם פאַר רחמנות — איך וועל נאָך היינט שיקען דעם שמש, ער זאָל איהם צו מיר ברענגען.

קוים איז דאָס ווייבעל אַרויס, קומט די שמש׳טע אַריין, שאַרענדיג מיט די פאַנטעפעלעך, אָנגעטאָן די ייפע אויף איין אַרבעל, מיט אַ ליילעך אונטער׳ן אָרם.

— גאָט העלף! — מאַכט זי צום רב מיט אַ פרום פנים׳ל, נאָכדעם ווי זי האָט פריהער מיט דער האַנד אַ שמיר געטאָן די מזוזה און אַ קוש געגעבען די פינגער — איך האָב געוואָלט אויף אַ רגע מטריח זיין דעם רבי׳ן, מאריך ימים זאָל ער זיין, מיט אַ „שאלת נשים“. נאַט אייך, רבי, זייט מוחל, דעם ליילעך.

אַז דער רב האָט זיך אָבגעפאַרטיגט מיט דעם ליילעך, איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעהייבען ווייטער לייענען:

טו

איסר וואַרגער איז געווען איינער פון די פּאָרנעהמסטע בעלי־הבתים אין צבוע'טשיץ, אַלע האָבען פּאַר איהם געהאַט דאָס ניין־יאָהרי־גע קדחת און עס האָט מיט איטליכען געוואָרפען, אַז ער האָט אַרויס־גערעדט אַ וואָרט. וואָס טייטש איסר, עפּיס אַ קליינינקייט איסר! איסר אַליין האָט נישט געהאַנדעלט, נישט אַריינגעטאָן קיין האַנד אין קאַלטע וואַסער, און פון דעסטוועגען האָט ביי איהם אין שטוב תמיד געקאָכט ווי אין אַ קעסעל, דער אַריין, יענער אַרויס, קינד און קייט אַלע ביי רב איסר'ן. מיינט איהר אפשר, איסר איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ גרוי־סער יחסן? — חלילה! אַפילו נישט קיין קליינער. ער האָט קוים־קוים געקענט דאַוונען און איז געווען, ווי מען זאָגט, „המכה בעברתו", דאָס הייסט, שטומפּיג אויף דער עברי. פון דעסטוועגען האָט ער געהאַט אַ טלית־און תפילין־זאַק זעהר אַ גרויסען, זעהר אַ גראָבען פון עטליכע בני־פּקועה'לעך, אַרומגעליאַמעוועט מיט רויטע קרייקעס. דאָרט אינוועניג האָט זיך געפונען אי אַ סידור „דרך החיים" מיט אַלע נויטיגע דינים, [אי אַ תהילים מיט מעמדות, אי אַ „חוק'ל" אין אַ „שערי ציון". אַ האַנד צום שרייבען האָט ער געהאַט זעהר אַ שווערע, די פען האָט, ווי אויף צו להכעיס, בשום אופן נישט געוואָלט ביי איהם געהן אין זיינע שליחות: ער האָט זי געשטופּט אַ הין און זי איז גאָר פערקראָכען קיין בויבעריק, זי האָט געשפּריצט, געמאַכט קלעקען, געקריצט, געדרינגעט און זיך גע־שטעלט דיבאָם. עס האָט איהם נעבעך געגנוג מיה געקאָסט איטליכס גע־שריבען וואָרט, און איידער ער האָט ביי איהר אַרויסבעקומען שוואַרץ אויף ווייס זיין חתימה „איסר" זענען איהם די אויגען פונ'ם קאָפּ שיער ני'ע'ט אַרויסגעקראָכען און איז פּשוט אָבגעגאַנגען מיט שוויס. ער פלעגט דערנאָך זיך ווישען דעם שטערען מיט דעם אַרבעל פונ'ם העמד אָדער פון דער קאַפּאָטע און סאָפּען, גלייך ווי ער וואָלט געהאַקט האָלץ. די מעלה אָבער קען מען אויף איהם יאָ זאָגען, אַז אין דעם אויסלעגען איז

ער נישט געהוען, ווי אנדערע, אַ שטאַרקער מחמיר, איין אות האָט ביי איהם נישט געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָלע. שטעה פאָרענט צי הינטען, אָדער שטעה אפילו גאָר ניט, מאַכט אויך נישט אַזוי אויס, מען וועט זיך אָנשטויסען, ניש׳קשה. און ווען ער פלעגט דרינען אַ מאָל עפּיס מסופק זיין, דאָ איז איהם די פען דוקא בייגעשטאַנען אין די נויטען. זי פלעגט זיך טאָן אַ יאָג, מאַכען אַ צוק מיט אַ קלעק און דערמיט האָט ער שוין געקענט יוצא זיין לכל הדעות. פון זיינע אַלע זאַכען שטעל איך דאָ אייך ארויס זיין „וויהאַב" מיט זיבען גרייזען און זיין עברי־וועצען אין דער הגדה: „תרח אבי, אברהם ואבי, נחור ויעבדו". וועלכעס דערפון וועט אייך בעסער געפעלען, ווייס איך נישט, מיר אָבער זענען ביידע גלייך זעהר געפעלען.

מילא דאָס האָט איהר איסר׳ס לומדות, און וואָס אַנבעלאַנגט זיין יחוס, איז נישט געווען מיט וואָס זיך איבערצונעהמען. ער האָט נישט געשטאַמט פון דער גילדענער פאָהן און האָט אין דער יוגענד קיין פלעצ־לעך מיט פוטער נישט געגעסען. דער אמת טאַקי איז, אַזוי ווי איך בין עס שפּעטער דערגאַנגען — ער איז געווען אַ קליין מענשעלע און דערמיט האָט ער אַ ים בעסער געמאַכט ווי אַן׳אַנדערער מיט זיין תורה אָדער מיט זיין סחורה. ביי דעם צבוע׳טשער גביר איז ער באמת טאַקי געווען גאָר די נשמה, נאָר עפּיס — איסר. הכלל איסר, איסר, נאָר איסר! איסר איז געווען זיין נשמה, זיין פוס, זיין האַנד, זיין אַלץ מיט אַנאַנדער, און דורכדעם ממילא אַ גרויסער חשוב, דער גאַנצער כל־וולך אין דער שטאָדט.

אָט פון דעם רב איסר׳ן האָב איך אַ סך זאַכען מיך אויסגע־לערנט. ער, טאַקי נאָר ער, איז מיין אמת׳ער רבי. ער האָט מיר גע־עפענט די אויגען; ער האָט מיר אין דעם מויל אַ פינגער אַריינגעלעגט און מיר געגעבען צו פאַרשטעהן זעהר פיעל זאַכען, וואָס געהען אין דער וועלט פאָר, מיר פאַרענטפערט האַרבע קשיות, דערקלערט גוזמות, רע־טענישען ביי אונז אין דער פיהרונג; ער האָט מיך געשטעלט אויף אַ שטיינער, מיך אויסגעריבען, אויסגעשליפען און געמאַכט פון מיר אַ כלי. קורץ, ער האָט מיר געוויזען אַ וועג און ענטפּלעקט דעם סוד, ווי צו ווערען אַ קליין מענשעלע.

דאָס לייענען ווערט דאָ ווידער איבערגעריסען. די רבי׳צען קומט אַריין, האַלטענדיג אין איין רעדען, און טהוט זיך אַ שטעל גלייך אקעגען דעם רב.

— נישט אויסצוהאַלטען — זאָגט זי עפּיס ווי אַביסעל בּייזליך — אַ פולע שטוב, אָהן עין־הרע, אַלע: וואו איז דער רב? דער רב, זאָג איך, איז אַצונד פּערנומען. עס העלפט נישט. צום רב! ווער איז דען דאָרט נישטאָ? די נעכטיגע צוויי יורדען פון דער דין־תורה — דאָ! דער בּעדער — דאָ! פּעררייכט איהם שטאָרט ניט, שרייט ער, די בּאָד, הייצט ער מעהר ניט, איז אויס שכירות דעם רב. די קצבים מיט אַ נייעם לונג־און־לעבּער — אויך דאָ! דער משולח פון רב מאיר בעל־הנס, דער פון ישיבה, יענער פון די נשרפים און די ענונה מיט די דריי קינדערלעך — אַלע אַלע דאָ! עס העלפט נישט קיין רעד, דער רב אַליין מוז צו זיי אַרויסגעהן. איך וויל מיך אפילו זיי מעהר נישט ווייזען.

דער רב הייבּט זיך אויף פון׳ם אָרט, בּעטענדיג דעם עולם, מוחל זיין אַ ווײַלע, אויף איהם וואַרטען.

— אַ, רב מענדעלי! וואָס מאַכט איהר גוטס? — ווענדעט זיך צו מיר די רבּי׳צען, נאָכדעם אַז דער רב איז אַרויסגעגאַנגען — שוין אַ לאַנגע צייט טאַקי, רב מענדעלי, זענט איהר הי בּיי אונז נישט געוועזען. האָט איהר אונז, ווייבּער, עפּיס געבּראַכט נייע ספרים?

— פּאַר ווייבּער ספרים! — טהוט אַ שמייכעל איינער פון די נגידים, וואָס מיט אַ פערקרימטע עסיג־זויערע צורה.

— די מאַנסבּילען מיינען, אַז נאָר פון זייערט־וועגען בּעדאַרף מען דרוקען ספרים — רופט זיך אָן מיט פעררדראָס די רבּי׳צען — אַלצדינג פון זייערט־וועגען. ווייבּער האָבּען נאָר קיין נשמה נישט, זענען נאָר קיין מענשען נישט און בּעדאַרפען אויף דער וועלט קיין זאַך ניט האָבען. גענוג פּאַר זיי אי דאָס וואָס זיי לעבען, וואָס זיי טראָגען, וואָס זיי האָבען קינדער און האָדעווען זיי, וואָס זיי קאָכען וואַרמעס, היטען־אָבּ די מאַנען און ווערען פערשוואַרצט.

— געלויבּט איז דער אויבּערשטער, וואָס מען זעהט זיך געזונט — ענטפער איך — ניש׳קשה, רבּי׳צען, איך האָבּ אין אייך נישט פאַרגעסען. איך האָבּ אייך געבראַכט אַ „תחינת ארץ ישראל", גאָר אַ שפּאָגעל־נייע. זעהט איהר, רבּי׳צען קרוין, איהר בּעשולדיגט אומזיסט די מאַנספּאַרשוינען, מען האָט אייך, כ׳לעבען, אויך אין זינען. קומט, זייט מוחל, און בּעטראַכט די תחינות, וואָס מען מאַכט פאַר אייך אָן. וואָס ווילט איהר האָבּען? מיר דאַכט זיך, מען האָט שוין גענוג, איבּערגענוג אייך, ווייבּער, אָנגעמאַכט... נישט דאָס בּין איך אויסען.

— אַיי־אַיי, רבי'צען! — חאַפּט זיך אָן אַ נגיד מיט אַ זיס שמייכעלע — איהר ווילט, כ'לעבען, מאַכען אַ מרידה אונטער די ווייבער! הערענדיג אײַך, וועלען דאָך אונזערע ווייבער פעררייסען די נעז, אָנהויבען פאָדערן עפּים גאָר נייע זאַכען און אונז נאָך חלילה וועלען גט'ן! נאָר איך פרעג אײַך, רבי'צען, אַז ס'איז שוין יאָ געקומען צו רעד, זאָגט־זשע, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, פאַר וואָס־זשע האָט פאָרט שלמה המלך אָנגעשריבען, אַז אפילו אונטער טויזענט ווייבער האָט ער ניט געפונען אי איינע אַ רעכטע?

— טאַקי דריבער האָט ער נישט געפונען — איז די רבי'צען אַרויס מיט אַ תירוץ — ווייל ער האָט געהאַט, מחילה, טויזענט ווייבער. מאַנסבילען, וואָס זוכען צו האָבען אַ סך ווייבער, קענען טאַקי איינע אַ רעכטע אויך נישט האָבען. זאָגט מיר, איהר וואָלט אויף זייער שטעלע בעסער געווען, מאַנסבילען?...

— נאָר פאַר וואָס אָבער — האָט נאָך איינער זיך אָנגערופען — שטעהט אין אונזערע ספרים, אַז די גאַנצע חכמה פון אַ אשה בעשטעהט איינגאַנצען נאָר אין דעם שפּינדעל?

— ס'איז דעריבער — ענטפערט די רבי'צען — ווייל דאָס האָט אָנגעשריבען אַ מאַנסביל. אודאי זענט איהר די חכמים, אַז איהר, מאַנסבילען, געוועלטיגט און האַלט די ווייבער נעבעך אין אַייערע הענד! דער שטאַרקער בלייבט תמיד דער קלוגער, דער גערעכטער, ווי זאָגט מען עפּים: דער מלאך־המות שעכט און בלייבט גערעכט. נאָר ווערטלעך אין דער זייט. איך פרעג אַייך נישט מעהר, ווי קענט איהר אונז אָב'פּסק'ענען אַזעלכם, וואָס מיר ווייסען און וואָס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען, אַז ס'איז נישט אַזוי! ווענינ ווייבער נביאות אי חכמות זענען ביי אונז יודען געווען אַ מאָל אין די אַלטע צייטען, און ווענינ ווייבער חכמות, בריות, זענען דאָ ביי אונז אויך היינטיגע צייטען, וואָס שטעהען אַ סך העכער פון אַנדערע מאַנסבילען? מיר דאַכט זיך, אַז טאַקי דאָ, ביי אונז, אין דער שטאָדט, קען מען אויפצעהלען פיעל ווייבער, וואָס נאָר זייער בריה'שקייט און חכמה אַליין האָבען די מאַנען צופערדאַנקען אַלצדינג, זייער כבוד אי זייער עשירות. ווען נישט די ווייבער זייערע, וואָלט פון זיי גאָרנישט געוואָרען. פונדעסטוועגען זאָל אויסקומען אַ מאָל עפּים ביי אַ שטאָדט־זאַך, אָדער ביי עפּים אַיין אַנדערן וויכטיגען ענין, ווייסט מען נישט מעהר ווי די דאָזיגע בעלי־הבתים, וואָס טויגען נישט, מחילה, אַ קאַץ אַנ'עק צו־

בינדען. ווייבער זענען פאַררעכענט ווי גאָרנישט, די דעה האָבען נאָר בעלי־הבתים. אַלץ בעלי־הבתים, אויף אסיפות—בעלי־הבתים, אין שוהל— בעלי־הבתים, אפילו אין מרחץ אַריין, מחילה, רופט מען אויך נאָר בעלי־הבתים — בעלי־הבתים אין באָד אַריין!...

— עפּיס זענט איהר מיר היינט, רבי׳צען, זעהר אויפגעבראַכט — האָט דער נגיד ווייטער זיך אָנגערופען — עפּיס רעדט איהר מיט פּער־דראָס, ס׳איז אַייך, אַ פּנים, עפּיס נישט גוט אויפ׳ן הארצען און איהר לאָזט אויס אייער כעס צו די מאַנסבילען, נעבעך!

— וואָס זאָל איך מאַן? — ענטפערט די רבי׳צען מיט אַ זיפץ טיעף פונ׳ם הארצען — אַז ווען עס קומט צו רעד פון אונז, ווייבער, און איך בעטראַכט אונזער פינסטערע, ביטערע לאַגע, קאָכט זיך טאַקי אין מיר איבער דאָס בלוט.

— נאַט, רבי׳צען! — חאַפּ איך מיך אונטער און גיב דער רבי׳צען אַ תחינה, וועלכע איך האָב אַרויסדערטאַפּט פונ׳ם פּעקעל — איך ווייס, אַז די תחינה איז פאַר אַייך גוט. פאַר אַייך, רבי׳צען, איז טאַקי, כ׳לעבען, גוט די תחינה...

— אמת טאַקי, רב מענדעלי! האָט די רבי׳צען זיך אָנגערופען צו־שאָקל׳ענדיג מיט׳ן קאָפּ — פאַר אונז, בידנע ווייבער, איז טאַקי נאָר גוט תחינות, איין איינציגע רפואה צו הערצער פול מיט מכות, מיט וואונ־דען; איין־איינציג מיטעל אויסצוווייגען זיך חאָטש אַ מאָל און אויסצוגיסען דאָס שווער ביטער געמיטה אין הייסע וואַרמע קוואַלען טרעהרען... ס׳איז נאָר אַ וועהטיג, אַ צווזעצעניש, ווי די מאַנסבילען, וואָס פאַרשטעהען נישט און ווילען גאָר נישט פאַרשטעהן אונזער האַרץ, ווי זיי לאַכען, שפּאָטען פון די ווייבערשע תחינות און פערגינען אונז נישט אויך די דאָ־זיגע איינציגע רפואה. זיי זאָלען זיצען אַ מאָל אין דער ווייבערשער שוהל, אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, און צוזעהן דאָרט ווי אַ סך אומגליקליכע ווייבער, וואָס האָבען זיך קוים אַרויסגעריסען פון דער היים: די מיט אַ פינ־סטערע דאָליע פון איהר מאַן, יענע אַ וויסטע עגונה, איינע מיט אַ שווער טראָגען, די אַנדערע מיט אַ פערביטערט געמיטה פון איהר׳ם אַ זייגענ־דיגס, קראַנק קינד, וואָס לאָזט זי דורך די נעכט נישט שלאָפען און פער־מאַטערט זי נעבעך, די מיט געשוואָלענע, אָבגעבריהטע הענד פונ׳ם שמעהעז ביים אויבען און יענע מיט אַ פערוואָרגט, אויסגעבלייכט פּנים פון

דער שווערער פּאַנשטשענע, פונ׳ם שטענדיגען געהן אין יאָך, — ווי די דאָזיגע אַלע פּעראומערטע דערשלאָגענע נעבעך: שטעהען אַרום דער זאָגערין דאָרט, יאָמערען, קלאָגען מיט אויפגעהויבענע אויגען צום באַרמהאַרצדיגען, געטרייען פאָטער אין הימעל, בעוואַשען זיך מיט טרעהרען און וויינען פון זיך אַרויס די נשמה — ווען זיי, די מאַנסבילען זאָלען עס בעטראַכטען און צוזעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, וואָלט, כ׳לעבען, זיי זיך נישט געעפענט דאָס מויל צו שפּעטען פון די ווייבערשע תחינות...

אַ דאַנק אייך, רב מענדעלי! וואָס איהר האָט אין מיר נישט פאַרגעסען, איך וועל אייך באַלד אַריינשיקען פאַר דער תחינה — אַזוי האָט די רבי׳צען אַ זאָג געטאָן צום סוף, ווענדענדיג זיך צו מיר, און איז שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען.

אַלע מענשען אין דעם שטיבעל זענען געבליבען שטיל, ווי דאָס לשון האָט זיי אָבגענומען. די רבי׳צען מיט איהרע רעד האָט אויף מיר אָנגעוואָרפען עפּיס אַ מרה שחורה. איך בין מיר געזעסען אומעטיג אין אַ ווינקעל און צוקיקט דער רבי׳צענס איטליכס וואָרט. איהרע ווערטער זענען געווען אָנגעזאָפּט ווי אַ שוואָם מיט שאַרפע, ביטערע געפיהלען, האָבען מיך געשטאָכען, געצופּט און אָנגעהאַפּט ביים האַרץ, וואָס מעהר איך האָב זיי צוקייעט. מיר איז דענסטמאָל געווען צו מוטה עפּיס גלייך ווי מען וואָלט פאַר מיינע אויגען געפּאַלמעסט אַ לעבעדיגען מענשען, אַרויסגענומען דאָס וואַרמע, נאָך צאַפּלענדיגע האַרץ, עס געעפענט, געשניטען אַריינצוקוקען און זעהן אַלצדינג, וואָס דאָרט אינוועניג געהט־פאָר. איך בין זיך מודה, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען איז מיר אויסגעקומען, ערנסט צו בעטראַכטען די שפל׳ע לאַגע פון די ווייבער, צו פאַרשטעהן זייער האַרץ, און צו האָבען אויף זיי רחמנות. עפּיס נאַר טאַקי אַזוי, רעכען איך, מוז זיך פיהלען אַ גוי, אַ גוטער געלערענטער גוי, אַז ער הויבט אָן צו בעטראַכטען די לאַגע פון יודען, צו שעצען זייער ווערטה און זיי צו בעדויערן פאַר די צרות, וואָס זיי, שלאַפינקע, שטעהען־אויס פון די אומות־העולם — די שטאַרקע בעלי־הבתים זייערע...

דער עולם אין שטיבעל הייבט זיך אָן צו ריהרען און איך שלאָג מיך אַרויס פון די געדאַנקען.

— וואָס דאַפּצט איהר אַזוי, רב חנאַ? — האָט איין נגיד זיך אָנגערופען און אַליין איך עפּיס ווי אַ קרעכץ געטאָן.

— עט, רב בעריש — האָט רב חנא געמאַכט מיט אַ קנייטשעל — איך ווייס, כ׳לעבען, נישט, וואָס יצחק־אברהם וויל האָבען מיט זיין מעשה. עפּיס קומט דאָ פּאָר אַזעלכע ווערטער, וואָס פּאַסען כלל נישט פּאַר איהם. וואָס זאָגט איהר, רב בעריש, צו די שטעכווערטלעך? איהר זענט אַ מבין, וואוהין זיי דערלאַנגען? ווער ווייסט ביז וואַנען דאָס לייענען וועט נאָך געדויערן. איך האָב היינט אסור נישט קיין צייט. איך זיץ דאָ ווי אויף שפּילקעס.

— איך זיץ אויך, כ׳לעבען, ווי אויף שפּילקעס — האָט רב בעריש געענטפערט — אויב איך בין אַ מבין, רב חנא!... פּע, פּע! איך וואָלט מיך אַזוינס פון יצחק אברהם׳ן קיינמאָל נישט געריכט! ער איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין נארישער מענש און פערשטאַנען אַנ׳עסק... אפשר וואָלט אַ סברה געווען, מיר זאָלען איצט טאַקי אַוועקגעהן. מיר זענען דאָך בעשעפטיגטע מענשען. אָט, כ׳לעבען, פאָלגט מיך, לאָמיר אַוועקגעהן.

— חלילה, חלילה! — האָבען זיך עטליכע נגידים אָנגערופען — עס וועט אויסזעהן, אַז מיר האָבען זיך געפונען געטראָפען. אדרבה, דוקא זיצען אויסהערען ביז אין סוף אַריין. דאָס בעסטע איז זיך נישט־וויסענדיג מאַכען.

רב חנא האָט ווייטער אַ זיפץ געטאָן און רב בעריש האָט מיט דער האַנד זיך אָנגענומען ביי דער נאָז און געברומט עפּיס אונטער זיך, ווי איינער, וואָס איז שטאַרק ברוגז.

— אַ, גוט מאָרגען, גוט מאָרגען! — זאָגט רב פייבוש אַריינקו־מענדיג אין שטיבעל זעהר פרעהליך, בגלופין, און דאָס פּנים פלאַמט איהם, ווי ביי איינעם, וואָס איז אַביסעל פאַרלעקט — איך בין ביז איצט טרוד געווען און נישט געקענט מיך אויסרייסען אַהער. וואָס איז די מעשה? — האָט ער געמאַכט אַ קוק געבענדיג אויף די נגידים — וואָס זיצט איהר עפּיס אַזוי אומעטיג?

וואָס איז די מעשה, רבי פייבוש, וואָס איהר זענט אַזוי פרעה־ליך? — פרעגען איהם די נגידים. כלומר׳שט פאַרשטעהען זיי ניט, וואָס איז די מעשה, אז ער האָט אין חברה־קדישא געחאַפּט אַ לעק.

— מען האָט שוין, אַ פּנים, דערווייל אָבגעלייענט אָהן מיר — זאָגט

רב פייבוש — אַ שאָד, כ׳לעבען, וואָס איך האָב נישט געהערט. עס האָט געמוזט זיין זעהר שען.

— אַזאַ יאָהר זאָלט איהר האָבען — ברומט רב בעריש שטיל אונטער דער נאָז.

ניש׳קשה, רב פייבוש, ס׳ איז פאַר אייך, מיין איך, נאָך אויך גע־נוג איבערגעבליבען — טרייסט איהם מיט אַ ביטער שמייכעלע איינער פון די נגידים, וואָס מיט אַ פערקרימטע, עסיג־זויערע צורה.

— אַ, גוט מאָרגען, רבי! — זאָגט רב פייבוש יום־טוב׳דיג צום רב, וואָס איז צוגעקומען צום טיש — זייט מיר מוחל, רבי, וואָס איך האָב מיך פאַרשפעטיגט. ביז אַצינד בין איך פערטראָגען געווען אַלץ ווע־גען יצחק אברהם׳ן. חברה האָט ערשט למזל זיך אויסגעגלייכט וועגען דעם קבורה־געלד. ביידע צדדים האָבען אַביסעל זיך איינגעשפּאַרט, פער׳־עקשנ׳ט. חברה איז אָבער נעווען גערעכט און האָט טאַקי אויסגעפיהרט. פון וועמען דען זאָל חברה אָבלעקען אַ ביינדעל, אַז נישט פון אַזאַ פע־טען בר־מינן? — אַ שאָד, כ׳לעבען, רבי, וואָס איהר האָט דערווייל גע־לייענט און איך האָב נישט געהערט. אָ־וואַ, אָ־וואַ! אַזאַ מעשה, כ׳לע־בען, מעג מען הערען — מתוק מדבש! פשוט מחיה געווען האָב איך מיך נעכטען הערענדיג זי פון אייער כשר׳ן מויל. דער סוף מוז זיין גאָר אַנ־טיק. אַ שאָד, כ׳לעבען, אַביסעל פערשפעטיגט, אָ־וואַ.

— אודאי, רב פייבוש — רופט זיך אָן דער רב, זעצענדיג זיך אויף זיין שטול — אודאי האָבען מיר דערווייל אָהן אייך היבש אָבגעלייענט, נאָר ניש׳קשה, ס׳איז נאָך געבליבען שירים. אָט וועל איך מיך טאַקי נעהמען לייענען ביז אין דעם סוף אַריין.

טז.

דער רב האָט נישט געמאַכט לאַנג קיין שיהות און אָנגעהויבן ווייַטער לייענען אַזוי:

בםבע איז איסר געווען אַ פערביסענער, זעהר אַ בעהאַלטענער מענש, מען האָט ביי איהם קיינמאָל נישט געקענט וויסען דאָס מינדעסטע, וואָס ער דענקט און ווי מען האַלט מיט איהם. וואָס ער האָט געמיינט, האָט ער נישט גערעדט, און וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער נישט געמיינט. אפילו דאָס ווייב זיינס האָט ביי איהם גאָרנישט געוואוסט, ער האָט פון איהר און פון זיינע קינדער זיך געהאַלטען תמיד ווייט. אַלע אין שטוב האָבען פאַר איהם געהאַט דרך־ארץ — ער האָט נישט גערעדט, נישט גע׳טענה׳ט קיין סך און קוים האָט ער עפּיס אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט עס געמוזט בעשאַפען ווערען, טאַקי גיך אין דער הייסער רגע. זיין פּנים איז שטענדיג, אין אַלע צייטען און אין אַלע אומשטענדען, געווען אַלץ איינס: תמיד ערענסט און ווי עפּיס פערטראַכט. קיין הויך געלעכטער האָט מען פון איהם קיינמאָל נישט געהערט. זעלטען־זעלטען נאָר פלעגט ער מיט אַ פערמאַכט מויל מאַן עפּיס אַ שמייכעל, נאָר דאָס זויערע שמייכעל איז אָבער געווען נישט מעהר ווי אַ ציה מיט איין זייט פון די דינע ליפען, דער איבעריגער טייל פּנים האָט דערפון אפילו נישט געהאַט קיין רמז דרמיזא, איז געבליבען אייז קאַלט, די אויגען גלעזערנע, אַזוי ווי פריהער.

אַ גוטען ברודער אָבער האָט איסר געהאַט, אין וועלכען ער האָט נעקלעפּט מיט לייב און לעבען. מיט איהם איז ער שוין געווען בערעדעוודיג, זיך נישט פאַרשטעלט אויף קיין האָר. מיט איהם האָט ער ליעב געהאַט צו פערברייננגען אָפט די צייט ביי אַ גלעזעל ווייַן, און אַריינצולאָזען זיך אין אַ שמועס. מיט איהם איז איסר עפּיס ווי איבערגעביטען געוואָרען און איז געווען נאָר ניט דער איסר. פאַר איהם איז געווען

זיין האַרץ אָפּען אויף ביידע טויערען און ער, דער גוטער ברודער זיינעד, האָט אַהין געקענט אַלע צייט פראַנק און פריי אַריינגעהן, איבערלייענען דאָרט און וויסען איסר'ס אַלע סודות. ווער שמועסט, אַז איסר איז נאָך געווען אַ קאָפּ פאַרלעקט, דענסטמאָל פלעגט ער שוין גאָר אַוועקנעהמען די האַנד פונ'ם האַרצען און וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג. ער פלעגט געוועהנטליך מיט זיין גוטען ברודער זיך פערקלייבען צו זיך אין צימער, גאַנץ אָבגעזונדערט, אַוועקשמועסען און אויסרעדען זיך פריי דאָס האַרץ. פאַר מיר אָבער איז עס קיין סוד נישט געווען. איך האָב שוין לאַנג בעקומען די נאַטור, צו שטעהן אונטער דער טיר און זיך צו־הערען צו דעם, וואָס מען רעדט

איך וויל דאָ אייך איבערגעבען אַ מקצת פון איסר'ס שמועסען מיט זיין גוטען ברודער, צו וועלכע איך האָב מיך אונטערגעהערט, וואָס דאָס וועט אייך אַביסעל חאָטש דערקלערען איסר'ס גאַנג, איסר'ס שטה אין דעם לעבען און איסר'ס בלוק אויף דער וועלט, אין וועלכען איך האָב איי־זענפעסט מיך געהאַלטען.

— הער נאָר אויס, גוטער ברודער! — האָט איסר וואָרגער זיך אָנגערופען איינמאָל, אַז ער איז געקומען מיט זיין גוטען ברודער עפּיס פרעהליך, אַביסעל פערקנאַקט, און מיט איהם זיך אַנידערגעזעצט ביי זיך אין דעם בעזונדערען צימער. הער נאָר, דו, טפּש איינער! איך זאָג דיר, אַז אַזאַ טייער, אַזאַ גוט פאָלק, ווי יודען זענען, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ. טאַקי זעהר אַ גוט פאָלק, אַ גאָלדענס, בנאמנות! מען קען פון זיי האָבען — אַ גראָשען...

— זאָג בעסער, איסר, אַ נאַריש פאָלק, ס'איז נאָך אַזעלכע נאַ־יאָנים ווי יודען אויף דער גאַנצער וועלט גאָר נישטאָ!

— גערעכט, גוטער ברודער! וואָס אמת איז טאַקי אמת. ס'איז נאָך אַזאַ טייער, אַזאַ גוט, אַזאַ נוצליך, אַזאַ גאָלדען, אַזאַ נאַריש פאָלק ווי אונזערע אתה־בחרתנו'קעס, גאָר נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ!

— וואָס האָסט־דו עפּיס אַזוי זיך צורעדט, איסר, אין די שבחים פון כנסת־ישראל? גענוג גערעדט! דערציעהל נאָר בעסער, מיט וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען דער סוף פון דער היינטיגער אסיפה?

— וואָס פאַר איין אסיפה?! וואָס פּלוידערסט־דו מיר עפּיס, גו־טער ברודער!

— רעד רבורים, איטר: וואָס הייסט, דו האָסט פאַרגעסען די אסיפה, היינטיגע אסיפה מכח דעם פלייש?

— ווייס איך פון וואָס דו רעדסט, טפש איינער! אַ וויכטיגע זאַך אַביסעל די אסיפה! זי האָט געהאַט אַזאַ ממשות, מ'שטיינ'ס־געזאָגט, ווי אַלע אַנדערע זייערע אסיפות. חע־חע, יודישע אסיפות!... דו האָסט בעדאַרפט שטעהן דאָרט און זעהן עפּיס שענס. אַריינקומענדיג אַהינצו, האָב איך געטראָפען אַ גערודער. דער עולם האָט געזוזשעט, געזוזשעט סכנות, ווי די פליגען! איך האָב מיך מישב געווען, וואָס וועל איך דאָ מיך שטעלען אים ברייען מיט דעם גאַנצען פעקעל שוטים, און נישט לאַנג געטראַכט טהו איך אַ זאָג גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין: מה רעש, אַז מעהר מיט עטליכע גראָשען? ס'איז נאָך נישט גאָר אַזאַ אומ־גליק. גלויבט מיר, יודען, אַ סך אַ גרעסערער אומגליק קען זיין, אַז דער בעל־טאַקסע וועט אין כעס ווערען און חלילה זיך וועלען אָבזאָגען! גלויבט מיר יודען, ס'איז אַזוי. — תאמר מיינסט־דו, איך האָב געוואוסט, וואָס איך רעד, פאַר וואָס ס'איז אַזוי? אסור! נו, האָסט־דו בעדאַרפט זעהן, ווי עטליכע שענע בעלי־הבתים, וואָס האַלטען זיך פאַר קלוגע, געניטע מענשען, האָבען געמאַכט ערענסטע פנים'לעך, זיך גענומען פאַר די בערדלעך און מיט אַ נאַריש קנייטשעל זיך אָנגערופען: טאַקי אמת, ס'איז אַזוי. מען האָט גאָר נישט צו רעדען, אַזוי, ס'איז געווים אַזוי... דער איבעריגער עולם האָט אַקעגען דעם נישט געהאַט, וואָס צו ענטפערן, גלייך ווי אַקעגען אַ געוויסער, שוין אַיין איסגעמאַכטער זאַך, און זענען אַלע כמעט ווי געבליבען עפּיס ווי דערוואָרגען. עמיצער זאָל עס זיך בערעכענען, האָטש זיך אַליין פרעגען: פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? איינער נאָר, עפּיס אַ שייגעץ, אַ ממזר בן־הנדה, אויף וועלכען איך האָב שוין לאַנג אַנ'אויג, האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען און אַלץ גע'טענה'ט: ס'איז גאָר נישט אַזאַ אומגליק, אדרבה, אדרבה... איז דען אַ בעל־טאַקסע מסיני? ניש'קשה, אָהן אַ בעל־טאַקסע קענען מענשען אויף דער וועלט אויך לעבען. נאָר די קלוגע, געניטע בעלי־הבתים, וואָס פאַרשטעהען אַנ'עסק, האָבען אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַ יונגעל, נישט קיין געניי־טען מענשען, מיט וועמען ס'איז גאָר נישט כדאי צו רעדען, און האָבען איהם אפילו נישט מזכה געווען מיט אַ וואָרט. פונדעסטוועגען, הערסט־דו, וויל איך דעם דאָזיגען שייגעץ פערזאָרגען, דו וועסט מיר מוזען, גוטער ברודער, אויף איהם אָנשרייבען אַ שיר־המעלה, צולעגען איהם אַ גוט קנייטעל, עס זאָל רייסען, גוט אָנרייסען... דו הייסט דאָך, איך האָב דערצו אַ שווערע האַנד.

— דאָס, איסר, איז אַ שפּעטערדיגע זאַך. מסתמא וועט שוין זײַן רעכט. לאָמיך שוין נאָר דערלעבן הערן, מיט וואָס די אסיפה האָט הײַנט זיך אויסגעלאָזן.

— וואָס פאַרשטעהסט־דו דאָ נישט, טפּש אײנער! ס'איז דען נאָך אַזאַ גוט, גאָלדען פאָלק ווי יודען ערגיץ דאָ? מען האָט אַלצדינג נאָכ־געגעבן, אַרויפגעצויגען נאָך עטליכע גראָשען, מעהר נאָך, וויפיעל מיר האָבען אַלײן זיך געוואונשען, און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען שטאַרק צופרידען. איך בין, טפּש אײנער, אודאי צופרידען...

— אודאי, איסר, מעגסט־דו צופרידען זײַן, אָבער...

— וואָס אָבער? — טפּש אײנער! וואָס אָבער? אָבער אַ רחמנות! ווילסט־דו אפשר זאָגען? האַ, אַ רחמנות אויף אַ שטאָדט אָרעמע לײַט! געה שוין געה, נאַרעלע אײנער, מיט דײַן נאַרישען פּוסטען וואָרט רחמנות! רחמנות, זאָג איך דיר, האָבען אויסגעטראַכט נאָר שלאַפּע, שלים'מזל'ניקעס, שאָף, וואָס ווײַל זײ פיהלען זײער שלאַפּקײט, אַז זײ זענען טרײגעניכסטען, אָהן כח, אָהן בריה'שקײט צו דערלאַנגען זײער וואונש, צונעהמען אַלצדינג וואָס זײ פערלאַנגען; פיהלען, אַז זײ פעהלען אי נעגעל, אי צײהן, זיך צו ראַנגלען און וועהרען, — דעריבער האָבען זײ, אָט די שאָף, אויסגעטראַכט דאָס וואָרט רחמנות, עס גענומען פאַר אַ כלי־זין, צו שרײַען, מוסר'ן, בעטען רחמים, מאַכען רחמנות־פּנים'לעך, און מײנען דעך־מיט צו פועל'ן... ס'איז אָבער שווינדעל, גוטער ברודער, לויטער שווינדעל! מען פאַרשטעהט, ניש'קשה, אַזעלכע אָנשטעלען. מען פאַרשטעהט, פאַרשטעהט אַזאַ מוסר מיט אַזעלכע מוסר־זאָגער... איך בין שוין, ברודער, אַנ'אָנגעלערנטער, אַנ'אויסגעריכערט לולקעלע, אַ שטיקעל מבין, ברוך־השם, אין דעם סדר העולם, האָטשע נישט אַזאַ גרויסער למדן. מען ברויכט גאָר דערצו נישט קײן גרויסע לומדות, גענוג, כ'לעבען, נאָר אַ גלײכען שכל, אַ שטיקעל תּפיסה, קען מען שוין תּופס זײַן, אין וואָס די גאַנצע וועלט בעשטעהט. זי בעשטעהט פון צווײ צדדים: פון שטאַרקע און פון שלאַפּע, פון וועלף, חיות רעות און פון שאָף, בהמות טהורות — די נעהמען און יענע גיבען דאָס הײטעל. אַנדערש קען עס גאָר נישט זײַן. בײַט איבער די יוצרות, וועט אויס־קומען פונקט דאָס אײגענע. לאָז דער שלאַפּער, אַ־שטײגער, נאָר בע־קומען כח, הע־הע! שוימט ער אַרויף פון אויבען, ווערט ער דער פריץ און צופיהרט זיך די הענטלעך; לאָז דאָס שעפעלע דערטאַפּען נעגעל און

צייהן, וועט עס שטאַרק קראַצען, שאַרפען די צייהן און אַראָבציהען די הויט. פריוו, אַ שטייגער, איינעם פון די רחמנות־שרייער, פון יענע שלימ׳מזל׳ניקעס און מוסר־זאָגער, פריוו זיי געבען עפּיס אַ התמנות אין קהל. אויף אַנ׳אַנדערענס אַ שטעלע, אַבּי ער וועט נאָר דערשמעקען זיין כח, אַז ער האַלט די בּייטש, הייבּט ער שוין אָן צו שמייסען און צו געהעלטוגען בּיד רמה. נעהם איינעם אַ נעבּעכעל און גיבּ די מאַקסע איהם איבּער, הייבּט ער דאָס אייגענע מאַקי אָן, לעהרנען בּלק מיט דעם עולם — צופּען, רייסען און אַרויסציהען די קליי פון די בּיינער. „ני דאַי בּאָך איז איוואַנאַ פּאַנאַ!" איז דאָ אַ ווערטעל. זעהר אַ גלייך, אמת׳דיג ווערטעל! משוגע צי חסר־דעה האָט „פּאַן" בּעדאַרפט זיין איוואַנען איבּערגעבּען די בּייטש. בּלייבּ דיר בּיי דיין רחמנות־פּנים׳ל, דו גוטע כּשר׳ע נשמה, דו פרום שעפעלע, זאָג דיר מוסר, זידעל, שריי וויפיעל דו ווילסט, פון דיינע נענעל און צייהן, ווען דו זאָלסט זיי נאָר בּעקומען, וואָלט, כ׳לעבּען, טויזענטער מאָל נאָך ערגער געווען!...

— חלילה, איסר, וואָס פאַלט דיר איין? איך מיין גאָר נישט קיין רחמנות. נאַט אייך גאָר רחמנות! עפּיס אַנדערש גאָר מיין איך. דו איסר, זאָג איך, מעגסט אודאי זיין צופרידען. מהיכא תיתי. אָבּער איך, איך!...

— רעד־זשע, טפּש איינער, ווערטער!... אַזזוי! דו ווילסט אויך צופרידען זיין? געה־זשע, זיי מוחל, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר אַהין... שמעק אַריין די לאַפּע, וועסט דו אויך האַפּען אַ לעק. בּיסט נישט קראַנק, כ׳לעבּען, אַליין צו בּעשטעהן דיין שטעדטעל. דער רוח, ניש׳קשה, האָט דיך אויך נישט גענומען. מאָרגען, בּרודער, געהט אַ נייע סדרא פון זעהר פיעל קהל׳שע ענינים, מען וועט מוזען, פאַרשטעהסט, אַבּיסעל צו־קנעלען. היינטיגע וואָך געהט בּיי אונז תּרומה. ווען, זאָגסט דו, טפּש איינער, ווען האָבּען מיר פּרשה שקלים?

ווידער אַ מאָל אין אַ שמועס מיט זיין גוטען בּרודער, זיצענדיג מיט איהם אין שטיבּעל בּיי אַ גלעזעל וויין, שטאַרק אויפגעראַמט, האָט איסר׳ן זיך געעפענט אַ מויל און אָנגעהויבּען צו רעדען אַזוי

— זעהר קלוג, טפּש איינער, האָסט דו געטאָן, וואָס דו בּיסט אַצינד געקומען, איך געה אַרום מיט אַ פול האַרץ מחשבות, ווי אַ קוה מיט פולע אייטער, עס בּורטשעט אין מיר, בּורטשעט און קען מעהר זיך נישט איינהאַלטען. איך מוז שטילערהייט אַ מאָל חאַטש דאָס האַרץ אָבּ־

ריידען. אַזוי פיעל הערען און זעהען ווי איך און שטענדיג שוויינען, טראָגען אין זיך, איז איבער אַלע מענשליכע כוחות. זאָל איך נישט האָבען, צו אַלדי שוואַרץ יאָהר, אַזא שווערע האַנד, וואָלט איך אויף פּאַפּיר מיך אַ מאָל אויסגעגאָסען און אָנגעשריבען אַ שען „טריאַטער", כ׳לעבען... פּאַסמאַקעווע נאָר דעם וויין, ברודער! האַ, וואָס זאָגסט דו אויף איהם? דאָס האָב איך היינט בעקומען אַ מתנה פאַר עפּיס אַ געשעפטעל.

— זעהר אַ גוט גלעזעל וויין, איסר... פאַר אַ געשעפטעל, זאָגסט דו, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ געשעפטעל?

— עט, אַ געשעפטעל! לעמיל׳ס עפּיס אַ משפט. לעמיל, דער שוטה, האָט מיך שוין לאַנג געבעטען, איך זאָל איהם דרינען אַ טובה טאָן, גלייך ווי איך וואָלט געווען אין „סוד" דער גאַנצער טהוער. די נאַראָנים ביי אונז אין שטאָדט מיינען, אַז אַלצדינג איז אָנבעלאַנגט אין מיר, אַבו איך וויל נאָר, קען איך העלפען. באשר עטליכע שרייבערלעך עסען ביי מיר אַ מאָל שבת פיש, ווייל די נשמה גערט זיי אוים נאָך יודישע פיש, מיינען שוין אונזערע נאַראָנים, אַז איך בין מיט אַלע דאָרט פון גרוים ביז קליין איין לעבען. ביים פּראָקוראָר פּישש, אַ כל־ולך! מיט דעם פּאָליצמייסטער אויסגעקאָכט — ברידער! אַלצדינג געווענדעט זיך אין מיר. נאָר זאָל זיין אַזוי, טפש איינער. זאָלען זיי, די נאַראָנים, טאַקי אַזוי זיך מיינען און מיך קומען אַלץ בעטען טובות. ביי מיר איז פאַר זיי תמיד איין ענטפער: מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן! מיט אַ ממה־נפשך, פאַרשטעהסט דו, זאָג איך עס — שפּילט יענער אוים, הייסט עס: איך, איסר, האָב געזעהן, האָטש איך האָב אַזוי פיעל געזעהן, ווי איך זעה מיינע אויערען, און נעהם דערפאַר אַראָב פון אויבען אַ מנה יפה. אַי וואָס, יענער פערשפּילט, פערליר איך דאָך נישט מיין ווערטה, מיינע תקיפות. יענער דענקט זיך אַזוי: איך האָב פערשפּילט נאָר ווייל ר׳ב איסר האָט נישט געוואָלט זעהן, אָבער ווען רב איסר וואָלט טאַקי באמת געוואָלט זעהן, וואָלט איך גאַנץ זיכער טאַקי אויסגעשפּילט. נו, האָט יענער אויף מיר אַביסעל פּאַראיבעל, לאָז ער מיך קומען ווערגען, לאָז ער מיך רופען קנאַקניסעל! אָבער איך האָב מיין שם „תקיף" נישט פּער־לוירען. עט, ער וועט זיך איבער׳רוגז׳ן, נאָך אַ מאָל טאַקי קומען בעטען מיין לאַסקע און איך וועל איהם ווידער נאָך אַ מאָל טאַקי ענטפערן: מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן. פאַרשטעהסט־דו, ברודער? — לעמיל׳ן

האָב איך אויך אַזוי געענטפערט: מיר וועלען זעהן! און איהם דערבײַ טאַקי בתורת עצה אָנצוהערעניש געגעבען, אָבצושטעקען עפּיס דאָרט דעם, יענעם, פאַרשטעהסט־דו? דאָרט וואו מען בעדאַרף... איך האָב זעהר גוט געזעהן, אַז מײַן זעהן אַליין קען אַזוי פיעל העלפען, ווי אַ טויטען באַנקעס. לעמיל, דער שוטה, אָבער איז בײַ זיך געווען גאַנץ זיכער, אַז איך זעה און בעט דעם גביר מײַנעם, ער זאָל אייך זעהן. היינט בײַ טאָג, אין דער גאַס, האָסט דו בעדאַרפט זעהן, ווי לעמיל מיט'ן חייב זענען בײדע מיך בעפאַלען פאַר אַנ'עדה יודען מיט אַ שמחה, אַ פרייד און מיט טרעהרען אויף די אויגען: „רב איסר, טאַטעניו, נשמה'ניו! טאַקי פריהער גאָט, דערנאָך אַייך, נשמה'ניו, האָבען מיר צו פערדאַנקען מיט אונזער עסק, וואָס מיר האָבען היינט אויסגעשפּילט. ווען איהר, רב איסר, זאָלט זיך דאָ נישט געווען אַריינלעגען, וואָלטען מיר געבעך געקענט געהן מיט די האָר. מיר זאָגען און מיר וועלען עס טאַקי דער גאַנצער וועלט זאָגען: אַז נאָר רב איסר, איין רב איסר! פערשטאַנען האָב איך, אַז געהאָלפען אייגענטליך דאָ האָט געהאָלפען מײַן אָנצוהערעניש — לעמיל האָט, אַ פּנים, אָבגעשטעקט, גוט אויסגע־פאָלגט מײַן עצה. האָסט בעדאַרפט זעהן, ברודער, בשעת מעשה, ווי זיי האָבען מיר דאָ אַזוי געדאַנקט, וואָס פאַר אַ קנײטשעלע איך האָב געמאַכט, גלײַך ווי אײנער רעדט: אי! וויפיעל געזונד און לעבען האָט מיר אײער עסק געקאָסט! וויפיעל מיה האָב איך דערבײַ געהאַט ביז איך האָב גע'פועל'ט! — לעמיל האָט מיר שפּעטער אַביסעל אָבגעשיקט אַהיים מײַן רח"ש און דערצו נאָך עטליכע פלעשלעך גוטען ווײַן. נו, טפּש אײנער, האַ?... וואָס זאָגסט דו אויף דעם ווײַן?

— הלואי, איסר, לאָז מען אַזוי האָבען צו זאָגען אויף דיר, אויף דײַנע נאַראָנים און דעם גאַנצען שווינדעל... לחיים!

— ווער דערוואַרגען, טפּש אײנער! שווינדעל, זאָגט ער, שווינ־דעל! פאַר וואָס הײסט דאָס בײַ דיר שווינדעל? וואָס זענען דען די אַלע עסקים, אַלע מסחרים, האַק־און־פּאַק פון אויבען ביז אַראָב, נישט קײן שווינדעל? איך זאָג דיר: אַלע עסקים! אַלע, אפילו אין עולם־הבא־זאַכען אויך. פאַרשטעהסט דו?... אויף וואָס בעשטעהען דען אַלע מסחרים נאָך גאָר פון דער התחלה, ווי אַזוי ווערען זיי געפיהרט און מיט וואָס לאָזען זיי זיך אויס לסוף? אפשר אויף דעם אמת, מוזט דו זיכער מײנען? נײן, ברודער! אמת איז נאָר אַ ווערטעל, וואָס איטליכער פאַרשטעהט עס אויף

זיין גאַנג, אויף אַזאַ אופן ווי איהם טויג, ווי עס פּאַסט איהם צום ענין. דער אמת'ער אמת איז גאָר נישטאָ און קען טאַקי גאָר נישט זיין, ער וואָלט אויך געשאַדט, פאַר אונזערע פיהרונגען, פאַר אונזערע מסחרים וואָלט ער גאָר נישט געווען קיין גוט אַרטיקעל. טויזענטער קאָנטאָרען, טויזענטער קלייטען און טויזענטער אַנדערע זאַכען אַזוינע, וועלכע דו זעהסט היינט ביי אונז, וואָלטען ווי שפּין=געוועב זיך פונאַנדערגעפלויגען, און עס וואָלט פון זיי קיין זכר, קיין שריד ופליט נישט איבערגעבליבען. אַ סך נגידים אונזערע וואָלטען מיט די טאָרבעס זיך אַרומגעשלעפּט. גאָט ווייסט, וואָס נאָך און נאָך אַזוינס וואָלטען געווען... אפשר אויף אַרבייטען, מיינסט דו, בעשטעהט עס אַלצדינג? אויב אַזוי, ביסט דו אַ נאַר! אַרבייטען אַרבייט אַ בעל=מלאכה: אַ האָלץ=העקער, אַ שטייגער, אַ וואַסערפיהרער, אַ טרעגער, וכדומה. מיט אַרבייט וועסט דו קיין סך נישט פערדינען, דו זאָלסט אפילו צוזעצטערהייט אַרבייטען, וועסט דו פאָרט צעהן מאָל אין טאָג פגר'ן פאַר הונגער. געה גיב זיך טאַקי אָב, אַ שטייגער, מיט אַ לעטיל'ס אַנ'עסק, וועסט דו דערויף אַרבייטען, שוויצען — וועסט האָבען דאָס לויפעניש, זיך אָבשרייבען די פינגער און לסוף, אַז עס וועט דיר שוין געראָטען, וואָס וועט דיר קלעקען דאָס פערדינסט? די חלה וועט דיר נישט קלעקען אויף דער המוציא, חלילה, אָבער, אַז געראָט דיר נישט, איז פערלוירען דיין מיה און בלייבסט נאָך ביי דער וועלט אַ קאַטשאַן, אַ טויגעניכטס, וואָס פאַרשטעהט נישט מאי דקא=אמרי רבי'צען און קען אַ קאַץ אַנ'עק נישט צובינדען. דו האָסט פוילע פיש און פערשטונקענע הערינג... קניטש, ברודער, נישט אַזוי דעם שטערען! איך זאָג דאָ דיר גאָר ניט אַזאַ פילוסופיאָ, נאָר פּראָסטע, ריינע ווערטער. פילוסופיאָ טויג אויך אויף כפרות. צו=גרויסע חכמות איז דוקא אַ גרויסער חסרון, די וועלט האָט עס פיינט, היט זיך דערפאַר ווי פאַר פייער, און איז טאַקי גערעכט. גרויסע בריות, געלערענטע מענשען געהען אַרום אין צוריסענע שטיוועל אָהן פּאָדעשוועס. פיעל בעסער געהט עס אין דער וועלט דעם קליינעם מענשעלע. מען בעדאַרף גאָר אַזוי נישט טויגען, זיין אַ גרויסער חכם, אַ בריה. דער עיקר, וואָס מען מוז אָבער האָבען, איז: אַ פּיסקעלע אויף שרויפלעך, עס זאָל זיך דרעהען, ווען עס קומט אויס, אין אַלע זייטען; אַ צינגעל אָהן ביינער, עס זאָל זיך וואַרפען אַהין=אַהער, אַ לעק דעם, אַ לעק יענעם; אַ רוקען, וואָס זאָל קענען, אַז מען בעדאַרף, זיך בויגען, איינהויקערן אין צעהנטען... — חנפה'נען, צבוע'טשען, ליגערן, הייסט עס! — וועסט=דו זאָגען, מאַכענדיג דערביי אַ פּרוּם

פנים'על. נו, לאָז זיך זיין אַזוי, וואָס זאָל מען טאָן? געלד מוז מען האָבען, אָהן געלד ביסט־דו דאָך אודאי גאָרנישט, נאָך טוויזענט מאָל קלענער, ווי דאָס קלייגסטע קליין מענשעלע. דו ביסט אי קליין אי געמיין. וואָס איז, ברודער, אין דער וועלט אַ קבצן? דו קענסט דען דיר גאָר אַזוי משער זיין, אַ פנים, ווי נגידים האָבען פיינט אַ קבצן! דאַכט זיך, זיי רעדען אַמאָל מיט איהם און האָבען אויף איהם אַמאָל כלומר'שט רחמנות, אין אמת'ן אָבער קענען זיי איהם נישט ליידען, ער איז זיי גרויס אין די אויגען און טראַכטען: צו וואָס דרעהט זיך אַזאַ נפש אויף דער וועלט גאָר אַרום? עפּיס קומט ער זיי פאַר, ווי אַנ'אָנשיקעניש — אַנ'איבערבּיינדעל, אַ שטיק ווילדפלייש און עס גיט זיי עפּיס אַ שטאָך אין האַרץ, אַז זיי דערזעהען איהם. זיי דאַכט זיך אַלץ, אַז ער איז אויסען אויף זייער לעבען — אויף זייער ביימעל; אַז ער איז להוט נאָך זייער נשמה — נאָך זייער געלד. איך האָב אָסור נישט קיין ווערטער דיר עס אַזוי ווייט אַרויסצוזאָגען. ביסט־דו, ברודער, אַ קבצן, ביסט־דו אָבגעשטאָרבען פון דער וועלט. דיינע פריהערדיגע פריינד, באַם זיי זענען רייך, האַלטען זיך פון דיר ווייט. מאַכען זיי דיר אַמאָל אַ וויזיט, האָט עס נאָר אַ פנים, ווי אַנ'אויפגעקומענע גבירה האַפּט זיך אַמאָל אַראָב ערגיץ אין אַ קליין שטעדטעל, אויף קבר־אָבות צו אַ געשטאָרבענעם טאַטען, אַ קבצן, אויספוצענדיג זיך דערביי אין פערל, אין דימאַנטען, דאָס אָרעמע קליינע שטעדטעל זאָל אָנקוקען, זאָל פון איהר הנאה האָבען... אין חומש צי אין שיר השירים, דאַכט זיך, שטעהט אויך, ווי זאָגט מען עפּ'ים: העני חשיה נח־מעם (עני חשוב כמת), דאָס הייסט אַ קבצן שמעקט מיט קברות־בלעטלעך... אין געלד, ברודער, בעשטעהט די גאַנצע חכמה, אַלצדינג... האָסט דו געלד, האָסט דו די וועלט און יענע וועלט. נאָר היינטיגע צייט געלד צו האָבען הייסט, ווי עס האָט תמיד אין אַלע צייטען געהייסען — זיין אַ קליין מענשעלע, און אַ קליין מענשעלע הייסט, לאָז זיך זיין, ווי דו, ברודער, זאָגסט — חנפ'נען, צבוע'טשען, וואָס אין דער קאָרט... לחיים, גוטער ברודער!

— לאָמיר זיין געזונד, איסר, און האָבען תמיד אַזעלכע לעמלעך!

נו, איסר, דיין גביר, ביי וועלכען דו ביסט די נשמה, וואָס איז ער אַזוינס?

— אָט פון איהם, ברודער, וויל איך נישט רעדען. פאַרשטעהסט־דו? איך וויל פון איהם נישט רעדען. פון דער צייט, וואָס איך האַלט איהם אויף דער אַרענדע, וויל איך פון איהם נישט רעדען

— וואָס הייסט, איסר, אויף דער אַרענדע? נאָט אייך גאָר אַ נײַם! וואָס הייסט, דו האַלסט דײַן גביר אויף דער אַרענדע? אַ מיהל איז ער, צו אַלדי שוואַרץ יאָהר, אָדער אַ קרעטשמע. וואָס דו האַלטסט איהם אויף דער אַרענדע?

— וואָס מאַכט עס אויס, טפּש איינער? וואָס איז די נפקא־מינה: אַ גביר, אַ מיהל, אַ קרעטשמע, אַ רוח, אַ טײַפעל און דער שוואַרץ־יאָהר ווייסט, וואָס נאָך אַזעלכעס? אַלץ איינס, אַבי אַנ'אַרענדע!... הע־הע־הע, ברודער! דו ביסט נאָך גאָר אַ מלמד, אַ שוטה, מײַן איך, אַ פּריץ. מען מוז דיר נאָך אַלצדינג אויסטײַטשען. נו, לחיים! מאַך־זשע, ברודער, נאָך אַ כּוס'ה... אַצינד וועל איך פּריוון ווי ס'איז דיר עס דערקלערען. עס וועט זײַן טאַקי אַביסעל שווערליך, נאָר ניש'קשה, וועסט נישט קראַנק זײַן זיך אָנשטויסען. לאָמיר טאַקי אָנהויבען פון אַ מיהל:

אַ וואַסער אָדער אַ ווינט איז אויף דער וועלט אַ גרויסער כּח. קומט דאָס מענשעלע, וואָס וויל מיט אַלצדינג זיך בענוצען, שטעלט אַנידער אַ געבײַ מיט רעדער, מיט שטיינער, און מאַכט, אז דאָס וואַסער אָדער דער ווינט זאָל דרעהען די רעדער. די רעדער ווידער דרעהען די שטיינער און עס מאָהלט זיך. פאַרשטעהסט דו? היינט, טפּש'ל מיינער, לאָמיר געהן ווייטער. ראשית חכמה איז כּח, דערויף שטעהט די וועלט מיט אַלע זאַכען אין איהר. אַ נגיד, ווי דו ווייסט, איז אין דער וועלט אויך אַ גרויסער כּח. אַלע ווערען פאַר דעם נגיד בטל, ווערען פאַר איהם די כּפּרה; אַלע קריכען און „שאַפּקעווען“ פאַר דעם רײַכען, אי אַזעלכע אפילו, וואָס זיי קומט פון איהם לחלוטין גאָר נישט אַרויס; וואָס האָבען פון איהם נישט געהאַט אַ מאָל, האָבען פון איהם נישט אַצינד און וועלען פון איהם נישט האָבען אי שפּעטער, קיינמאָל נישט, אפילו אַ טרונק וואַסער, נאָר טהוען עס גלאַט, ווייל אַ רײַכען קומט כּבוד, גאָר אָהן אַ שום נוצען פון איהם, ווייל אַ נגיד קומט אַלצדינג. און איך, איסר, זאָג: ניין! דער עיקר, וואָס אין אַ נגיד בעדאַרף מען שעצען, איז נאָר זײַן געלד, דער נוצען הייסט עס, וואָס מען קען האָבען פון זײַן געלד. פאַרשטעהסט דו? זײַן געלד איז נומער 1, און ער אַליין נומער 0, גאָר־נישט הייסט עס. אַזאַ נגיד, זאָג איך, וואָס ניצט דיר כּלל נישט, זאָל בײַ דיר אַזאַ אָרט פאַרנעהמען ווי גאָרנישט. ווי באַלד אַז נישט דער עיקר, צו אַלדי רוחות, וואָס־זשע איז מיט איהם אַזוי דער יחוס? קוק זיך אויף איהם אפילו נישט אום און הער איהם אַזוי ווי אין טשערנעוויטש

די מגילה... היינט בעדארפסט דו וויסען ווייטער, אז א קלוגער בעדארף מיט אלצדינג אין דער וועלט זיך בענוצען. פארשטעהסט דו? אצינד וועל איך דיר עס איבער׳חזר׳ן נאך א מאל. — נעהם דעם כוס אין דער האנד און זאג מיר נאך, מיט כונה, טפש איינער, זאג: אויף כח בעשטעהט אלצדינג. א נגיד מיט געלד איז אין דער וועלט א גרויסער כח, און א קלוגער בעדארף מיט אלצדינג אין דער וועלט זיך בענוצען, בכן בע־דארף מען פונ׳ם רייכען קענען מאכען א נוצען. וואס מיינסט דו, מען זאל ביי איהם פשוט גראב נעהמען געלד, נאר געלד? ניין! מען בעדארף אויך נעבען איהם קענען שטעלען א וווינטמיהל, ער זאל מיט זיין ווילדען כח טרייבען און דרעהען איירע רעדער — עס זאל זיך מאהלען! אדער מען בעדארף נעבען איהם זיין אזוי ווי א קאמעדיאנט נעבען דער קא־מעדיע, אדער ווי א ציגיינער נעבען זיין בער. האסטו דו מיר, מיהלנער, אבגעמאסטען א פול מעסטעל פונ׳ם קארן דיינעם, נו געה מאהל דיר גע־זונטערהייט אין מיין ווינטמיהל! האסט דו בעצאהלט מיר, קאמעדיאנט, פאר א בילעט, געה־זשע דיר אריין אין דער קאמעדיע מיינער און זעה די שענע אנשטעלען! אדער האסט דו געגעבען מיר, ציגיינער, עטליכע גראשען, וועל איך הייסען מיין בער דיר טאנצען! פארשטעהסט־דו? איך האלט מיין גביר אויף דער ארענדע, האלט איך! דו ווילסט צום גביר צו מיין ווינטמיהל — גיב־זשע מיר א „מעסטעל״. איך בין דער ארענדאר. דו ווילסט, מען זאל פאר דיר מאכען די קאמעדיע, דיך „אונטערהאלטען״ אביסעל מיט אנשטעלען — בעצאהל מיר פריהער פאר א בילעט, איך בין דער קאמעדיאנט. אדער ווילסט־דו אפשר, מיין גביר זאל זיך פאר דיר שטעלען אויף די לאפעס, לעגען זיך פאר דיר אין דער לענג, אין דער ברייט, און ברומען — ארוים פריהער מיט עטליכע גראשען, גיב מיר, זיי מוחל, וואס מיין גוטער ווילען וועט זיין, איך בין דער ציגיי־נער!... היינט פארשטעהסטו, טפש׳ל? גענוג פאר היינטיגס מאל גע־לערענט!... לחיים, גוטער ברודער!

— לחיים, איסר, פאר דיין ווינטמיהל! לחיים, לחיים, פאר דיין קאמעדיע און פאר דיין בער! דיינע רעדער זאלען זיך דרעהען, דיין קא־מעדיע זאל אנגעהן, און דיין בער זאל טאנצען, טאנצען, טאנצען...

יז.

עס פאַרשטעהט זיך, איסר׳ס דרך, איסר׳ס בליק אויף דער וועלט, איז פאַר מיר תחלת געווען צו הויך, און אַ סך ווערטער דערפון גאָר תרגום. איך האָב גאָר נים געוואוסט, מיט וואָס מען עסט עס. נאָר יענע ווערטער זיינע אָבער, אַז געלד צו האָבען הייסט צו זיין אַ קליין מענשעלע, און אַ קליין מענשעלע הייסט חנפה׳נען, צבוע׳טשען, לינגערן — דאָס האָב איך באַלד טאַקי אויפגעחאַפּט. אַט־אָ דאָ בין איך שוין דער־גאַנגען דעם רעכטען סוד. אָבער גאַנץ גוט וואָס הייסט אַזוינס חנפה׳נען, צבוע׳טשען — דאָס האָב איך נאָך לעת־עתה נישט רעכט פערשטאַנען.

איך מוז דאָ בעמערקען, אַז דענסטמאָל האָב איך נאָך נישט גוט געוואוסט בכלל צו אונטערשיידען, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. אַן׳עברה האָט ביי מיר געהייסען: קוקען, אַ שטייגער, אויף די כהנים בשעת דוכנ׳ן; נישט שלאָגען קיין כפרות, נישט געהן צו תשליך; שניידען די נעגעל כסדר, נישט איבערהיפּערן אַ פינגער איבער אַ פינגער; נישט צולעגען צו די אָבגעשניטענע נעגעל דריי פּיצלעך האָלץ, אָבגע־שניצט פון אַ סטענדער צי פון אַ טיש, זיי זאָלען אויף יענער וועלט דאָרט דינען פאַר כשר׳ע עדות; נישט גלויבען אין אַ בעל־שם; נישט גלויבען אין אַ לץ; נישט גלויבען, אַז אין דער גרויסער שוהל דאַוונען ביי נאַכט מתים; נישט גלויבען אין עולם־התוהו — דאָס הייסט: נישט גלויבען, אַז אַ סך מענשען געהען אַרום צווישען אונז, דאָ אויף דעם עולם, זיי האַנדלען, דאַכט זיך, זיי מאַכען געשעפטען, זיי פאָהרען אויף ירידען, קויפען און פערקויפען, הו־האַ־הו! און באמת זענען זיי גאָר מתים, טויטע־געשטאָרבענע, נעבעך, אויף דעם עולם־התוהו... נישט גלויבען, אַז צום בעזליוודעווער פלעגען קומען מתים צום משפט, געפיהרט פונ׳ם מלאך־הדומה מיט אַ קאָמאַנדע מלאכי־חבלה ווי אַרעסטאַנטען אָדער נישט צו גלויבען, אַז „ער“ טאַקי, עליו השלום, האָט געהאַט קפיצת־הדרך — פון דאַנען אין הימעל איז ביי איהם געווען אַ שפּיי, ער איז דאָרט געווען

אַ חשוב, געהאַט אין דער האַנד דעם שליסעל פון קינדער, פון שנייז און רעגען; נישט גלויבען אין אַ גלגול, דאָס הייסט, נישט גלויבען, אַז מענשען ווערען מגולגל אין בהמות, חיות און עופות, אַז אַ געוויסער עושר, ווי עס שטעהט געשריבען, איז געוואָרען אַ מאָל אַ חזיר; איינער, עפּים אַ פיינע בריה — איז געוואָרען, נישט פאַר אונז געדאַכט, אַנ־עזעל; נאָך איינער, עפּים אַ גרויסער פּאַדראַטשיק — אַ פויגעל, וואָס האָט, נושט פאַר יודישע קינדער געדאַכט, שטאַרק אָנגעפּייפט... ווייטער איינער, עפּים אַ „גלאַסנע", איז געוואָרען אַ פיש נעבעך, פּונקט מיט אַזאַ „גאָלאָס", אַזאַ שטימע, ווי פון אַ שלייען... קורץ, אָט אַזעלכע מיני זאַכען האָבען ביי מיר געהייסען עברות. אָבער חנפה'נען, צבוע'טשען, זיין אַ קליין מענשעלע, דאָס איז אין מיין צעטעל נישט געשטאַנען, טהיכא־תיתי, פאַר וואָס נישט זיין אַ קליין מענשעלע? מען איז דאָך רייך און גליקליך, איז דאָך טאַקי גוט. אַ קליין מענשעלע האָט מען נישט די העזה צו הרג'נען, צו שלאָגען — און אַז מען שלאָגט, טהוט דאָך עפּים אַזוי וועה! אַ שניידער, אַ שניידערקע, אַז דערלאַנגט אַ טעלעמעטשע, ווערט דאָך אַזש פינסטער אין די אויגען. ווער שמועסט — אַ חזן, אַז ער דרעהט ביים אויער, קען מען טאַקי יאָהרצייט פאַרגעסען. און אויסציהען זיך אויף דער ערד אָנצוטאָן, אָדער אויסצוטאָן יענעם קאַלאָשען, בשעת יענער האַלט זיך ביי די זייטען און קוקט אויף דער סטעליע, דאָס איז, כ'לעבען, אויך עפּים נישט קיין געשמאַקע זאַך. אודאי האָט מיר זיך געגלוסט זיין אַ קליין מענשעלע גלייך ווי די אַנדערע, פטור צו ווערען מיט אַ מאָל פון אַלע צרות און לעבען ווי יענע אַלע גליקליך, אין עושר און כבוד. דעריבער טאַקי פלעג איך בעשטענדיג מיט גרויס חשק מיך אונטערהערען אונטער דער טיר, בשעת איסר וואַרגער פלעגט שמועסען מיט זיין גוטען ברודער. איך האָב זיך אָנגעהערט זעהר פיעל זאַכען און דערנאָך טאַקי זוכה געווען צו פאַרשטעהן גוט זיינע ווערטער. איך האָב איהם מיט דער צייט אַ סך בעסער פערשטאַנען ווי דעם תלמוד־תורה־מלמד.

אמת טאַקי, אַ לעקיש בין איך געווען אין דער יוגענד, זעהר נאַ־רישעוואַטע, נאָר ווי שפּעטער הויבט זיך אַרויסגעוויזען, בין איך נישט געווען אַ נאַר פון דער נאַטור, וואָס דען־זשע? אַ געמאַכטער. די מעשה דערפון איז, וואָס תמיד, פון דער קינדהייט אָן, בין איך געווען פער־ווסט, פערוואָגעלט און דערשלאָגען. מען האָט מיך אויפגעהאָדעוועט מיט קללות, גראָבע מיאוס'ע ווערטער, מיט שמיץ, מיט קלעפּ און מיט טויט־

שלעג. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט אין מיר אַריינגעלעגט, מיר געבראָכען די דאַרע ביינער. נו ווי זאָגט מען עפּיס: פון על-חטא ווערט מען נישט פעט; פון אַ סך שלאָגען ווערט מען טאַקי דערשלאָגען. אַ קאַטאָוויס עפּיס, וואָס מיין לייב, מיין אויסגעדאַרט, אויסגעדייווערט לייב, האָט אין זיך נעבעך אַריינגענומען! איך נעבעך לייד הונגער, קעלט, פּיהל, ווי עס געהען מיר אויס די כּוחות, עס שטעכט מיך אין אַלע גלידער, ס'איז מיר נישט גוט — איז אָנשטאָט מען זאָל זאָגען: אַ רחמנות, אַ קינד נעבעך געהט אויס, אַ מענש, אָדער לאָז זיך זיין אַפילו גלאַט אַ גאָטס בעשעפעניש צאַנקט נעבעך ווי אַ ליכט, ער איז הויט און ביין, — נעהמט מען נאָך און מען רייסט מיר מיין דאַרע-קוואַרע שטיקעל פליישׁ, נעהמט מען נאָך און מען גיט מיר נאָך וועהטיג אי שטעכעניש, נעמט מען נאָך און מען צופּט מיר דאָס איבעריגע שטיקעל הויט אויס!... איך בין פּשוט געוועזען פערטויבט, פערטומעלט און פערדולט. היינט דערצו נאָך, בעדאַרף מען וויסען, בין איך געבוירען געוואָרען אין בעזלידעוו, וואָס אין תוך אַריין איז זי אַ קליין שטעדטעל, און אַ קליין-שטעדטעלדי-גער בלייבט טאַקי אַ קליין-שטעדטעלדיגער. די קליין-שטעדטעלדיגע לייט זענען עפּיס טאַקי גאָר אַנדערע מיני מענשען, מיט אַנדערע חושים, מיט אַנ'ענדער טעם, אַנ'אַנדער ריח, אַנ'אַנדער מח. זיי שטינקען נישט, זיי שמעקען נישט, נישט פיש, נישט פלייש, עפּיס פאַר זיך מיני בּרואים... איך וויל דערמיט אייך נישט מעהר אויסבּרייען, אַז איהר זאָלט זיך נישט וואונדערן, ווי קומט עס, וואָס אַזוי אַ נאַר, אַ לעקיש ווי איך, פלעג אַ מאָל פאָרט פאַלען גלייך און דענקען מיט אַ גאַנג. אמת טאַקי, אַ נאַר בין איך געווען און בין מיט מיין נאַרישקייט געפאַלען איטליכען אין די אויגען, אָבער פונדעסטוועגען נישט קיין נאַטירליכער, נאָר גלאַט אַ פער-דולטער, אַ דער'הרג'עטער, אַ דערשלאָגענער. עס האָט מיר אין קאָפּ נישט געפעהלט קיין קלעפּקע, נאָר די קלעפּקע איז נאָך נישט געווען בעאַר-בייט, אָבגעהובלעוועט. אַט-אָ דאָס בין איך געווען. דעריבער האָב איך מיך נאָך געקענט שפּעטער עפּיס אויסלעהרנען, מיך עפּיס אָנשטויסען, און דעריבער האָב איך געקענט איבערנעהמען רב איסר וואַר-גער'ס תורות.

ביי איסר וואַרגער האָב איך אָוועקגעדינט אַ סך יאָהרען. אין דעם משך צייט האָב איך מיך אויסגעשליפען, האָב גוט פערשטאַנען און גע-קענט אַלצדינג, וואָס אַ קליין מענשעלע בעדאַרף צו קענען, וואָרעם איך פלעג זיך שטאַרק צוהערען מיט קאָפּ, און בין געווען דרינען אַ מתמיד.

איך האָב שוין געקענט אין מיין גראַד אָבאַרפיטען מעשים, מאַכען פוילע תנועות און געהן אַלץ מיט שפּיצלעך. די גרעסטע הנאה האָב איך געהאַט אָפּצוטאָן איינעם אויף טערקיש, גלייך ווי איך וואָלט מיך אין איהם נוקם געווען, חאָטש ס'איז נישט געווען פאַר וואָס. גלאַט די זאַך אַליין — דאָס אָפּטאָן אויף טערקיש און דאָס אויסדרעהען זיך דערנאָך גלאַט ווי אויף אַ טעלער, האָט מיר געמאַכט פערגעניגען, פונקט ווי אַז אַ אָרמען ישיבה-בחור מאַכט פערגעניגען אַ שטיקעל אויפטהו אין דער גמרא. צי קומט דערפון עפּיס אַרויס צי ניין, אָבער אַ שעניער איינפאַל, אַ שטיקעל שכל, איז דאָך עס דערוויילע!... דאָס געפיהל פון יושר, פון רחמנות, האָט ביי מיר נישט דערלעבט גאָר אָנהויבען צו וואַקסען.

„יושר איז אַ גומיעלאַסטיק, וואָס לאָזט זיך ציהען ווי מען וויל, דאָס איז אַ „כי הנה כחומר", וועלכע דער מענש האָט כיד צו בויגען עס אַזוי אי אַזוי, צוזאַמענצוקנייטשען עפּים, וואָס עס איז נאָך זיין פערלאַנגען. רחמנות, דאָס איז אַן אויסגעטראַכט וואָרט, אינגאַנצען נאָר אַ שווינדעל. דו, אַז דו ביסט שוואַכער פון מיר, ביסט אַ שלים־מזל'ניק, אַ טויגעניכטס, ווילסט-דו מיך איינרעדען כלומר'שט רחמנות!" — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרגער.

איך בין געווען איסר'ס אַן אמת'ער תלמיד, האָב מיר געגעבען מיה, מיך געפלייסט, דעם רבי'ן מיינעם צופרידען שטעלען, טאָן אַלצדינג נאָך זיין געשמאַק, ווי איהם געפעלט, דערפאַר האָב איך געפונען חן און לייטזעליגקייט אין זיינע אויגען, אַזוי אַז ער וואָלט פאַר מיר, ווי מען זאָגט, קיין זאַך באַרשטש נישט גענומען.

אַז איך בין עלטער געוואָרען, האָב איך אָנגעהויבען מיך שטאַרק צו בעטראַכטען און זיך אַליין אַלץ פרעגען: „מתי אעשה לביתי?" ווען, הייסט עס, וועל איך שוין אָנהויבען עפּים טאַקי צו טאָן, איך זאָל אויפגעריכט ווערען? „ואני באתי בימים" — און איך בין דאָך שוין אַ בחור, ברוך-השם, מיט אַ סימן בערדעל! אמת טאַקי, איסר'ס תורה קען איך גוט, קען זי מיט אַלע פּשט'לעך, נאָר „לא המדרש עיקר" — פלעגט דער תלמוד-תורה-מלמד זאָגען — נישט דאָס לערנען איז די קונץ, דער עיקר איז די מלאכה: דאָס שמייסען". איך האָב אַלץ געטראַכט, געטראַכט, אַזוי לאַנג-אַזוי ברייט, ביז איך בין געפאַלען אויף אַ הסברה אַזוי: אַ-אַ, דו נאַר איינער! — מאַך איך צו מיר אַליין — איסר וואַרגער, דער רבי, זאָגט: „אַ קלוגער בעדאַרף מיט אַלצדינג אויף דער וועלט זיך

בענוצען. דעם נגיד, זאָגט ער, בעדאַרף מען נעהמען אויף דער אַרענדע
מיט איהם שפּילען די קאָמעדיע, מאַכען מיט איהם די קאַפּעקע׳ —
ס׳טייטש, איסר אַליין איז דאָך שוין אויך אַ נגיד, טאָ נעהם־וישע איהם,
שוטה איינער, אויף דער אַרענדע, ווער, דו בהמה, איסר׳ס אַרענדאַר,
איסר׳ס נשמה! איסר אַליין איז דאָך אויך אַ כח, נו, נעהם און שטעל אַ
גיינטמיהל, איכר זאָל דרעהען דיינע רעדער! ס׳טייטש, געבראָטענע טוי־
בען פליהען דיר אין מויל אַריין, און דו, בהמה, שרייעסט עסען!...

איך וויל אייך דאָ נישט אַ ים בריִען, איך הויב־אָן איסר׳ן חנפה׳־
נען, זוך מיר אוים טויזענטער וועגען, ווי צו איהם זיך צו־שמייכלען, ווי
איהם אינוועניג אין האַרץ אַריינצוקריכען, ביז איך האָב איהם למזל דער־
מאַפּט און ווער, אין אַ גוטער שעה, זיין נשמה!... איסר איז דאָך נישט
מעהר ווי אַ מענש, ער האָט אויך ליעב געהאַט, מען זאָל איהם חנפה׳־
נען, קעצקען, מען זאָל איהם בעוואונדערן און פון איהם שטאַרק הנאה
האָבען; הגם ער האָט זעהר גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ האַפּט, וואָס
פאַר אַ ממשות דאָס הנפה׳נען האָט. ער אַליין, אַ שמייכער, אַז ער זאָגט
איינעם: איהר זענט דאָך אַ חכם, אַ גוטער, אַ פרומער, אַ בעל־צדקה,
אַ כשר׳ער, עהרליכער מאַן, הייסט עס גאָר קאַפּויר: אַ שוטה זענט
איהר, אַן אַכזר, אַ צבוע׳ק, אַ קאַרגער הונד, אַ גנב־שבגנבים, דאָס שמאַרצ־
אַפּעלע פונ׳ם אויג! אַזוי איז שוין, אַ פּנים, אויף דער וועלט, אַז איט־
ליכער לאָזט זיך אייגרעדען, איטליכער האָט ליעב זיך צו נאַרען... נאָר
מיינט נישט, אַז דאָס איז מיר גרינג אָנגעקומען. נישט אַזוי גיך טהוט
זיך, ווי עס רעדט זיך. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מיר איז געראָטען
צו ווערען איסר׳ס חשוב. אייך וועט אפשר קשה זיין, ווי ווערט
עס פון אַ משרת אַ חשוב? אי, האָט אויף מיר קיין פאַראיבעל נישט;
זייט אַזוי, קענט איהר דאָך נישט די וועלט! כמעט אַלע משרתים ווע־
נען חשובים, און כמעט אַלע חשובים זענען משרתים...

אַז דער עולם האָט דאָ אַרויסגעזעהן מיין חשיבות, אַז איך בין
איסר׳ס נשמה, זיין חשוב׳ער משרת, האָט מען מיך אָנגעהויבען צו גלע־
טען, אָבצוגעבען מיר אַ בריטען גוט־מאָרגען, ווי דער סדר־העולם איז.
אַזוי געוועהנליך איז שוין דער מנהג משׁשת ימי בראשית. אויבען
און אונטען, אויף דער וועלט, אַז מען בעדאַרף עפּים האָבען צו דעם
פריץ, זוכט מען פריהער זיך צו־שמייכלען צו זיינע חשוב׳ע משרתים, זיי
צו געפעלען. אַריינצולאָזען זיך מיט זיי אין עפּים אַ שמועס מיט זיסע
רעדעלעך, צו ווערען כלומר׳שט מיט זיי גאָנצע שמעלקעס, אַזוי אַנגב

טאַקי אַרײַנשטופּען זיי עפּיס אין הענטעל, טראַכטענדיג זיך דערבײַ, לאָמיך זיי פערשטאָפּען דאָס מויל, לאָזען זיי זיך נישט קרימען, נישט משטין זײַן, נישט בילען. אָדער גאָר אַזוי: ניש'קשה, לאָזען זיי דעם פּריץ בײַם וועג געהענדיג אַרײַנלאָזען אין אויער אַ גוט וואָרט, אַ משרת אַ מליץ יושר קען אַ מאָל זעהר פּיעל העלפען. דאָס וואָס אַ משרת פּועל'ט אַ מאָל בײַ זײַן אדון, קענען עס גרויסע לײַט נישט פּועל'ן — דער משרת ווייסט בײַם אדון דאָס האַרץ און פאַרזועהט איהם מיט אַזעלכע זאַכען, וואָס מען טאָר נישט זאָגען... האָט איינער בעדאַרפט צו איסר'ן — און ווער האָט דען נישט בעדאַרפט צו איסר'ן? — דאָ האָט ער שוין פריהער אָבגעניצט מײַן לאַסקע, עס זאָל זײַן באַווילינגט פון מיר, איך זאָל בעטען פאַר איהם רחמים און דערמאָנען איהם צו גוטען בײַ אַ שמועס מיט רב איסר'ן. פון געלד און מתנות איז שוין קיין רעדע נישט געווען מיט „יהי־רצון" אַליין איז מען נישט אָבגעקומען. יענער האָט געמיינט אַבי בײַ מיר האָט ער גע'פּועל'ט, אַז איך זאָל בײַ רב איסר'ן פערוואַרפען פאַר איהם אַ וואָרט, איז ער שוין געהאָלפען, האָטש איך האָב מיר געוואוסט מײַנס, אַז איסר אַליין קען איהם אַזוי פּיעל העלפען, טאַקי אויף איסר'ס רעד, „ווי אַ טויטען באַנקעס". וואָס אַרט עס מיך? לאָז ער מײַנען און געבען געלד. און ווען אפילו ס'איז אַ מעגליכקייט געווען יאָ צו העלפען, וועט דאָך איסר נעהמען און טאָן זײַנס גאָר אָהן מײַן שתדלנות. יהיה־איך־שיהיה, אַזוי צו אַזוי, וועט דאָך איסר אַלץ נעהמען געלד און מאַכען ווי דער שטײַגער זײַנער: „מיר וועלען זעהען, מיר וועלען זעהען, מיר וועלען זעהען!" היינט צו־וואָס טויג איך נאָך דאָ אין דערמיט? נאָר ווײַטער טאַקי, וואָס אַרט עס מיך? לאָז יענער מײַנען און געבען געלד.

אָט אויף אַזאַ אופן האָב איך מיר אָנגעהויבען ביסלעכווײַז נתגדל צו ווערען, צו נעהמען אויף זיך לײַב און טאַקי צונויפגעקליבען שענעטליכע גילדען.

יח.

פוצען און קליידען זיך, דאָס איז געווען מיין בעסט פערגניגען, ווי דער שטייגער איז פון אַלע אויפגעקומענע משרתים, וואָס האָבען ליעב אַרויפצוציהען אויף זיך אַלצדינג, וואָס נאָר זיי קענען — צו געהן בע־האַנגען מיט בליטשענדיגע קייטלעך, קנעפּלעך, פינגערלעך און זייערע שטיוועל זאָלען גלאַנצען ווי די שפּיגעלעך, בכדי אויפרייסען דער וועלט די אויגען, זי זאָל זיך אויף זיי וואונדערן און הידוש'ן. שבת פלעג איך געוועהנטליך מיך אויספּוצען ווי אַ טאָק און דורכגעהן זיך מיט מיינע חברים, צו ווייזען זיך אויף חדושים פאַר דער וועלט און צו בעטראַכ־טען די אַלע ווייבלעך און מיידלעך, וואָס געהען קאָמפּאַניעס־ווייז שפּאַ־צירען. איך האָב געקענט אין דער שטאָדט כמעט אַלע דינסטען און גע־וואוסט מעשיות, היסטאָריעס פון אַ סך ווייבלעך, צווישען וועלכע איך האָב געהאַט זעהר פיעל בעקאַנטע.

אַז איך האָב איינמאָל שבת־נחמו געשפּאַצירט מיט חברה אין דער שטאָדט, וואו עס האָבען זיך געשאָטען יודישע טעכטער אין זיידענע און באַמעטענע מלבושים, בעהאַנגען מיט פּערעל און מיט אַלערליי מיני צי־רונג, איז מיר אַקעגען געקומען עפּיס אַ מיידעל, אָנגעטאָן זעהר פּראָסט אין אַ סיטצען קליידעל, ריין ווי זילבער. איהר פּנים האָט געשיינט ווי דער ליכטיגער מאָרגענשטערען און פערטונקעלט אַלע אַנדערע מיט זייערע פּערעל און דימענטען, זיי האָבען אַקעגען איהר זיך אָנגעזעהן ווי אַ ליכט אַקעגען דער זון. ביי דער זייט איז איהר געגאַנגען אַ יונגער מאַן, אַ סטאַטעטשנער, זעהר שען געוואַקסען. איהר שענקייט האָט מיר פערנו־מען די אויגען, איך בין געבליבען אַ היבשע צייט שטעהן ווי צוקאָכט און נישט געהערט נישט געזעהן, וואָס אַרום מיר טהוט זיך. אַז איך בין שפּעטער אַביסעל צו־זיך געקומען און מיך אַרומגעקוקט, האָב איך זי מעהר שוין נישט געזעהן. זי האָט דערווייל זיך פערמישט צווישען דעם עולם און פערשווינדען געוואָרען, אַזוי ווי אַ פליהענדיגער שטערען אין

די זומער=נעכט. נאָר איהר בילד אָבער איז מיר געבליבען איינגעבאַקע טיעף אין האַרצען. און פון יענער צייט אָן הייבּ איך זי נישט געקענט אויף אַ רגע אַרויסשלאָגען פונ'ם קאָפּ. עס האָט תמיד פאַר מיר זיך אויס= געמאָלט איהר פנים, איהר געשטאַלט, און ביי=נאַכט, אין דער פינסטער, האָבען אַקעגען מיר געפונקעלט, געלויכטען איהרע ברענענדיגע אויגען ווי צוויי ליכטיגע שטערען אויס דעם שוואַרצען אָבגרונט העט=העט אויבען אין הימעל. עס האָט מיר אַלץ גערדאַכט, אַז זי איז מיר שוין לאַנג בעקאַנט, דאַכט זיך, איך האָב זי אין מיין לעבען שוין אַ מאָל געזעהן, נאָר ווען און וואו האָב איך נישט געקענט מיך דערמאָנען. דאָס איינ= שבאַרעניש ענים זיך צו דערמאָנען און נישט קענען איז אַזאַ מין צער, וואָס צו פיהלען עס — איז אוּנשטאַנד נאָר יענער, וואָס איז דערמיט געפּריוחם געוואָרען. דאָס האָט מיר געקראַצט. געפּיקט אין קאָפּ אַ שרעק, מאַקי נאָר משוגע צו ווערען. איך האָב מיר פאָרגענומען, אַז איך מוז מיך דערגעהן, ווער דאָס מיידעל איז און אויפזוכען, וואו זי זיצט.

אַ מאָל בין איך צווישען טאָג און נאַכט גראָד געגאַנגען ערגיץ אין אַ פאַרלעגען געסעל. דער בלויער לויטערער הימעל האָט ביי די ברעגען זיך בעדעקט מיט שוואַרצע פאַסען וואָלקענס, אין וועלכע עס האָבען צ־שענוויז זיך דורכגעוואָרפען בליצען ווי לאַנגע פייערדיגע שטרייפּעלעך. אין דעם געסעל איז געווען שטיל, נישט קיין פּוס פון אַ מענשען, און איך בין מיר געגאַנגען זעהר פערטראַכט, עפּיס שטאַרק מרה=שחורה'דיג. פּלוצלים דערהער איך אַ ביטער געשריי, וואָס האָט מיך אָנגעחאַפּט ביים האַרץ. איך גיב אַ בליק — אַקעגען מיר לויפט איינער מיט אַ פּעקעל גיך און געשווינד, ווי אַ גנב, וואָס וויל אַנטרונען ווערען. שטעה! האָב איך אַ געשריי געטאָן, זיך געשטעלט בעהאַרצט דעם פאַרשוין אַקעגען און אויפגעהויבען אויף איהם מיין גראָבען שטעקען. יענער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, אַרויסגעלאָזט פון דּ הענד דאָס פּעקעל און אַליין איז ער אַנטלאָפען, גיך פאַרשווינדען געוואָרען. נישט ווייט פון מיר נעבען אַ פּלויט איז געלעגען אויף דער ערד עפּיס אַ מענש. אַז איך בין צוגעלאָ= פען צו איהם מיט דעם פּעקעל, האָט ער אפילו קיין ריהר זיך נישט גע= טאָן. אין דרויסען איז דערוויל טונקעל געוואָרען פון אַ שטיק שוואַרצער חמאַרע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויבען אין הימעל. איך חאַפּ אין איי= לעניש אָן דעם מענשען ביים קאָפּ און מונטער איהם. מיט אַ מאָל הויבט אָן שטאַרק און אָפט צו בליצען, איין בליץ נאָך דעם אַנדערן, און איך דערזעה אַקעגען מיר אַ פּאָר אָפענע ברענענדיגע אויגען. עס האָט מיר אַ

קלאַפּ געגעבען אין האַרץ, דער קאָפּ האָט מיר זיך פאַרדרעהט און איך בין געבליבען שטעהן שטאַרק פערמישט. איך האָב דערקענט זי — דאָס איז געוועזן זי!...

זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זי איז פריהער אַביסעל געגאַנגען אַליין דאָ אין דעם געסעל, איז אונטערגעשפרונגען עפּיס אַ פאַרשוין, האָט איהר דערלאַנגט אַ שטאַרקען זעץ איבער דער האַנד און געשווינד אַרויס־געחאַפּט ביי איהר דאָס פּעקעל מיט העמדער, וואָס זי האָט, ווי אַ נעה־טערין, אָנגענומען ערגיץ אין אַנ׳אָרט. ווען איך זאָל נישט געוועזן אונטער־קומען און אָבנעהמען ביים גנב די זאַכען, — האָט זי געזאָגט מיט טרעה־רען אין די אויגען — וואָלט זי געבראָכען געוואָרען פון ברויט און נאָך אַריין אין אַ מיאוס׳ן רוף ביי לייט. קיינער וואָלט איהר מעהר קיין שטאָך אַרבייט נישט געגעבען. זי האָט מיר געדאַנקט פונ׳ם גאַנצען האַרצען, דאָס פּנים האָט איהר דערביי געפלאַמט און איטליכער בליק פון איהרע פייערדיגע אויגען האָט מיך געבריהט, גע׳שרפה׳ט. איך האָב געפיהלט, אַז אָט־אָט ווערט מיר אינוועניג צושמאָלצען דאָס האַרץ ווי וואַקס.
— גאָט זאָל אייך בעצאָהלען! — האָט זי מיר צולעצט געזאָגט מיט אַ ציטערדיג קול, און געוואָלט געהן איהר וועג.
— ניין, ניין! — האָב איך מיך אָנגערופען צוקאָכט, איך וועל אייך בשום זה̇פן נישט לאָזען געהן איצט איינע אַליין, איך מוז אייך אונטער־פיהר׳ען ביז צו אייער היים

זי האָט זיך עפּיס ווי געקווינקעלט, דאָס פּנים איהרס האָט געזאָגט, אַז איהר איז עפּיס פריקרע צו געהן אין דער צייט מיט אַ פרעמדען יונ־גען־מאַן. נאָר איך האָב זי נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, געשווינד גענומען צו מיר אין האַנד איהר פּעקעל העמדער און בין מיט איהר גע־גאַנגען ווייטער דורך געסלעך, וואוהין זי האָט מיך געפיהרט. דעם גאַנ־צען וועג האָבען מיר נישט גערעדט כמעט קיין וואָרט. איך האָב נאָר אונטערוויילעכם אויף איהר געקוקט און געציטערט, ווי אין אַ קדחת. און ווען זי האָט מיך אָנגעריהרט ביי דער האַנד בשעת־מעשה, אַז זי פלעגט אַלץ וועלען צונעהמען ביי מיר דעם פּעקעל, נישט מטריח צו זיין מיך מיט דעם טראָגען, איז מיר דורך דעם גאַנצען לייב דורכגעלאָפען עפּיס אַ קעלט, דאָס בלוט איז מיר געבליבען שטעהן פערגליווערט אין די אָדערען און עס האָט מיר פערנומען דער אָטהעם. אַזוי זענען מיר ביידע

געגאַנגען ביז זי האָט מיך צוגעפירט צו אַ שטוב, וואָס אויף דעם טיר־רעל, אין הויף אַריין, איז געהאַנגען אַ קליין ווײַס שילד מיט שוואַרצע כּתיבה'טע אותיות: „דאָ זיצט גאָלדע יאַקאָבזאָהן די נעהטערין".

— יאַקאָבזאָהן! — טהו איך אַ זאָג פערוואונדערט, דערמאָנענדיג מיך אין יאַקאָבזאָהן, וואָס האָט מיך אַ מאָל אַרויסגעפירט פון דער נויט, נאָך דער מעשה מיט דעם חזן, אַז איך בין געבליבען ווי אויפ'ן וואַסער, און בײַ וועלכען איך האָב געגעסען בײַדע טעג ראש־השנה

— יאָ! — רופט זי זיך אָן — איך הייס גאָלדע יאַקאָבזאָהן. וואָס איז עפּיס אײַך אַזאַ וואונדער?

— אײַער טאַטע איז מיר פון גאַנץ לאַנג בעקאַנט — האָב איך גע־ענטפערט — ער האָט מיר אַ מאָל געהאָלפען אין אַ שלעכטע צייט.

— מײַן טאַטע איז שוין עטליכע יאָהר טויט — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיפץ, טיעף פונ'ם האַרצען.

— אײַך געדענק איך, אַז איהר זייט נאָך געווען אַ קליין מיידעלע —זאָג איך מיט אַ שמייכעל, שוין מיט מעהר מוטה אַרײַנקוקענדיג איהר אין פּנים, ווי אַ שטיקעל בעקאַנטער. —

— אזוי! זעהר אָנגעלעגט, כ'לעבען!

און אײדער מיר האָבען זיך געזעגענט האָט אַ שטאַרקער דונער געטאָן און אַ שלאַקס־רעגען האָט אָנגעהויבען צו פלייצען ווי אַ מבול. זי האָט מיך געבעטען אַרײַנצוגעהן מיט איהר צו זיך אין שטוב, איבער־וואַרטען דאָרט דעם רעגען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב עס גע־טאָן בשמחה און בין פון דעם רעגען זעהר שטאַרק צופרידען געווען. פון מײַנטוועגען האָט געמעגט גיסען אַ מבול, גאָר קיינמאָל נישט אויפהערען, און איך זאָל בלײַבען מיט איהר אינאײנעם אין שטוב ווי אין נח'ס תבה.

די שטוב, אין וועלכער איך בין אַרײַנגעגאַנגען, איז בעשטאַנען פון איין חדר, איבערגעטיילט אין דער מיט מיט שפּאַנישע ווענטלעך. איין העלפט איז געווען אַ צימער אויף צו שלאָפען, די אַנדערע העלפט — אַ צימער אויף צו זיצען. בײַם ערשטען אָנבליק האָט מען געקענט זעהר גרינג אַרויסזעהן, אַז דאָרט וואוינען מענשען אָרעמע, אָבער נישט קיין

פוילע, אָבגעלאָזענע. דאָרט האָבען, געפונען עטליכע אַלטע בײנקלעך מיט אַ קאַנאַפּקעלע, איבערגעצױגענע מיט אַ געלבליכען, אָבגעליאַקעװעטען סיטץ. נעבען דער װאַנד איז געשטאַנען אַ קאָמאָדע איבערגעדעקט מיט אַ טישטוך, װײס װי שנײ, און דערויף איז געװען אויסגעשטעלט שמאָכטעלײען: אַ פּאָר קלײנע פאָרצעלײענע שעלבלעך מיט רויטע קװײטען, אַ צװײ בלויע געשליפענע קעלישקעלעך, אַ פּושקעלע אַ שילדקרעטענס, אַ שפּיגעלע און קלײנע פּאַרפומע-פלעשעלעך, וכדומה נאָך אַזעלכע קלײניגקײטען, װאָס זענען געװען די גאַנצע צירונג, דאָס שײנדעל און שטוב. דערצו האָט מען נאָך געקענט צורעכענען די עטליכע בלומענטעפּלעך אויף די פענסטער, און מיט זײד אויסגעשטריקטען פּאָרטרעט פון משה רבינו, האַלטענדיג די לוחות אויף דער האַנד. נעבען פענסטער איז געשטאַנען אַ טיש, אָנגעלעגט מיט לײנװאַנד, מיט פּאַסמעס פעדעמלעך און מיט אַלע אַנדערע זאַכען, װאָס צו דער אַרבײט.

אַרײנקומענדיג אין שטוב, האָט גאָלדע מיך פאָרגעשטעלט פאַר איהר מוטער, אַ דאַרע, אַ שלאַפע יודענע פון אַ יאָהר פופציג, דערצעהלענדיג איהר אין-קורצען דאָס גאַנצע בעגעגעניש איהרס, ערשט נישט לאַנג, אין געסעל דאָרט. די מוטער האָט מיר געמאַכט אַ שענעם ברוך-הבא און מיך געבעטען זיצען. נעבען עק טיש אויף אַ בײנקעל איז געזעסען אַ קלײן מײדעלע פון אַ יאָהר אַכט, זי האָט כלומר'שט עפּיס װי גענעהט און אונטערװײלעכס אויף מיר געקוקט מיט ננבה'שע אײגלעך. גאָלדע האָט זיך אויך געזעצט נעבען טיש און פונאַנדערגענומען דאָס פּעקעל. װאָס זי האָט געבראַכט. איך בין געזעסען װי אַ חתן-בחור און נישט גערעדט קײן װאָרט. אויפ'ן האַרץ איז מיר געװען פרעהליך, איך האָב געקוקט, װי גאָלדע אַרבײט מיט איהרע װײסע פולע הענטלעך און עס האָט מיר עפּיס שטאַרק הנאה געטאָן.

עטליכע מינוט איז מען אַזױ געזעסען שטיל, דערנאָך איז געװאָרען אַ רעד איבער דעם װעטער, װי נױטיג דער רעגען איז, די אַלטע האָט אפשר אַ מאָל צעהן איבערגע'חזר'ט, אַז דאָס געהט נישט קײן רעגען, נאָר ברויט געהט עס, און האָט געמאַכט האָפנונגען, אַז נאָך דעם רעגען װעט מיט עטליכע גראָשען זיבער װעלװעלער װערען דער מקח פונ'ם פּוד מעהל. גאָלדע האָט עפּיס זיך איבערגעװוּנקען מיט דער מוטער און איז אַרויסגעגאַנגען. די אַלטע איז געבליבען נעבען מיר, האָט אַלץ גערעדט און אַרויפגעקומען אין שמועס דערויף, װי דער מאַן איה=

דער, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען, האָט אַ צייט געבעך געקרענקט און פערקרענקט דעם לעצטען גראָשען, ביז ער איז געשטאָרבען, און איבער־געלאָזט זי, וויסטע אלמנה, מיט צוויי קינדער ווי אויף דעם וואַסער. נאָר גאָט ברוך־הוא אָבער האָט זי געבענשט מיט אַ טאָכטער, וואָס איז ווייט אין דער וועלט צו זוכען איהר גלייכען. איהר גאָלדעניו איז גוט און פרום, מיט אַלע מעלות. זי אַרבייט נעבעך טאָג ווי נאַכט, נעהט, שטיקט און נעמט זיך די אויגען אַרויס איבער דער נאָדעל, ווי ס'איז אַרויסצוברענגען דאָס שטיקעל פרנסה. מען לעבט טאַקי אין דחקות, אין צרות, איהר ביטערע, שווערע אַרבייט קלעקט קוים־קוים אויף די נויי־טיגסטע בעדערפעניש, נאָר ניט צו פאַרזינדיגען, מען לעבט דאָך פאָרט. גאָט וויסט וואָס פון אונז וואָלט געוואָרען, ווען נישט גאָלדעניו.

— א ודאי מעג איך מיך פרעהען, זיך שעצען גליקליך מיט אַזאַ מתנה פון זיין ליבען נאָמען, נאָר ווי וויינט אין מיר אָבער דאָס האַרץ— זאָגט זי מיט אַ שטאַרקען זיפץ און טרעהרען שטעלען זיך איהר אין די אויגען — ווי טהוט מיר, אוי, וועה דאָס האַרץ קוקענדיג, ווי גאָלדעניו אַרבייט אויף אונז אַלע מיט נויט־שוויס, נעבעך, שטעלט איין דאָס גע־זונד, דאָס לעבען, און פאַרגינט נישט אויף זיך אַליין אויסצוגעבען אַ מאָל, איהר זאָלט זאָגען, אפילו אַ צובראָכענעם שילינגער. וואָס איך בעט זי אַ מאָל: גאָלדעניו, נשמה מיינע! האָב רחמנות אויף דיין לעבען, קויף דיר עפּיס אויף צו דערקוויקען זיך, און רוה זיך אַביסעל אוים, נשמה מיינע: ענטפערט זי אַלץ מיט אַ געלעכטער: איך בעדאַרף מיך נישט קוויקען, מאַמע! עס נודעט מיך חלילה נישט ביים האַרצען. לאָזען זיך קוויקען יענע, וואָס זיצען פאַרלעגט די הענד און ווייסען אַליין נישט, וואָס עס געהט זיי אָב. אויף אויסרוהען זיך איז דאָ ביי אונז אַ גרויסער טאָג שבת. אָט אַזוי ענטפערט זי אָב תמיד מיט אַ ווערטעל און טהוט טאַקי ווייטער דאָס איהריגע שטיל, פיין, ווי אַ שטילע טויב. לאָז מיר זיין פּטור איהר קאָפּ!...

אין מיטען שמועס איז אַריינגעקומען גאָלדע און אַנידערגעשטעלט אויפ'ן טיש אַ טאָץ מיט פיער גלעזער טהע!

אַז מיר האָבען אָבגעטרונקען טהע, האָט דער רעגען אויפגעהערט. גאָלדע האָט געהייסען איהר שוועסטערל זיך געהן לעגען שלאָפען

— געה, שיינדעלע — האָט זי צו איהר געזאָגט, און זי אַ גלעט געטהון איבער דעם קעפעלע — דיר איז שוין צייט צו שלאָפען. דו וועסט בעסער פריהער אויפשטעהן. דיין לעהרער וועט שוין היינט נישט קומען.

שײנדעלע האָט אַ קוש געטאָן די מוטער, אי די שוועסטער, געזאָגט איטליכען אַ גוטע נאַכט, און געגאַנגען שלאָפען. מיר איז שוין אויך צייט געווען צו געהן. איך האָב מיך אויפגעהויבען פונ'ם בײנקעל, זיך געזעגענט און אוועקגעגאַנגען.

די האַלבע לבנה האָט געשײנט און איז ווי אַ גילדען שיפעלע זיך געשוואומען אין דעם גרויסען, בלויען ים פון דער לופט, וואָס איז געווען רוהיג, שטיל אָהן אַ שום ווינטעלע. דער הימעל האָט מיט טויזענטער ליכטיגע שטערען אַראָבגעקוקט ווי אַ פאַרליבטער חתן אויף דער געליבטער ערד, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרין קלייד פון גראָז, פערפוצט מיט אַלערליי שענע בלומען, פון וועלכע עס האָבען געשמעקט זיסע, געשמאַקע ריחות ווי פון די טייערסטע פאַרפומעס. פרעש האָבען לוסטיג געקוואַקעט אין די טייכלעך און ערגיץ פון אַ גאָרטען האָט זיך אָנגערופען אויף זיין קול אַ סאָלאָוויי, איין בריה אויף דער וועלט — אַ כפרה אַלע חזנים!... מיר האָט עפּיס אויך זיך געוואָלט אויפ'ן הארץ. איך האָב געהענדיג אונטערגעזונגען און אַליין נישט געהערט וואָס. נאָר צוקומענדיג נאָהענט נעבען דער היים, האָב איך מיך עפּיס ווי אַ חאַפּ געטאָן און דערהערט לייזער דעם שניידער'ס אַ ניגונ'דעל, ווי מען באַזעצט אַ כלה. אַ, אין דר'ערד אַריין, פאַלגע! האָב איך אין שפּאַס געשאָלטען לייזער'ן און מיט אַ פרעהליך שמייכעלע איהם אָבגעשיקט צו אַלדי שווארץ־יאָהר.

הערט אַ מעשה! נאָך אַזאַ פרעהליך בעגעגעניש האָט די גאַנצע נאַכט מיר זיך גאָר גע'חלומ'ט — עפּיס טרויערדיגע סצענעס: מען וויינט מיך אָב מיט טרעהרען, קולות פון מענשען שרייען עפּיס אַרום ווי פון דער ערד — געוואַלד, וואָס האָט מען צו אונז געהאַט!...

יט.

איך האָב אָנגעהויבען צו ווערען ביי גאָלדען אין שטוב אַנ'אָפּטער גאַסט, עס האָט מיך געצויגען אַהינצו עפּיס ווי אַ מאַגנעט. מיך האָט געצויגען צו איהר נישט איהרע מעלות און מדות טובות, ווי זי דערנעהרט זוך כשר און האַלט אוים שען־פיין אַנ'אַלטע מוטער און אַ שוועסטערל מיט איהר אַרבייט. ניין! אַזעלכע זאַכען האָט איסר'ס אַ תלמיד נישט געקענט שעצען. געלד, דאָס איז געווען ביי מיר דער אַרשין אויף צו מעסטען אַיעס מענשענס מעלות, אויך דאָס וואָגשאָל, דאָס געוויכט אויף אָבצוּווּעגען אַלע מיני מדות טובות. אַ קלוגער, אַ בריה — אַ מענש, האָט ביי מיר געהייסען דער, וואָס האָט געלד און לעבט אין וואוילטאָג. ווי אַזוי ער האָט דאָס בעקומען און אויף וועמענס הוצאות ער לעבט — דאָס מאַכט גאָר נישט אוים. אין אַזעלכע זאַכען געהען אַריין מיט זייערע רעכנונגען נאָר אָרמעלייט, שלימ'מזל'ניקעס, מחמת קנאה און פערדראָס, ווי אויך מחמת דעם, בכדי מיט זייער בערעדען יענעם, צו פאַרגלעטען דערוויל זייערע אייגענע פעהלער, פאַר וואָס זיי זענען שלימ'מזל'ניקעס, טויגעניכסטען, און צו קיהלען זיך דערמיט אַביסעל דאָס האַרץ, צו טרייסטען זיך כלומר'שט פאַר דער וועלט, אַז דאָס אָרעמקייט זייערס איז נאָר פאַר זייער גוטען חאַראַקטער, דערפאַר, וואָס זיי קענען נישט ווי אַנדערע זיין פאַלשע, נידעריגע מענשען. ניין! נישט גאָלדע'ס שענע, גוטע מעלות זענען מיר געפעלען, מיר איז געפעלען געווען נאָר איהר שען פנים, מיך האָט געצויגען צו איהר אַ מגושמ'דיגע ווילדע ליבשאַפט. וואָס איך האָב מיט דער ליבשאַפט געמיינט, דאָס האָב איך מיר נאָך אַליין קיין חשבון נישט געקענט אָבגעבען — איך בין מיר דערוויל צו גאָלדען געגאַנגען. תחלת האָב איך איהר געבראַכט אַרבייט, מיר געלאָזט נעהען ביי איהר העמדער, מאַנישקעס און דערנאָך פלעג איך מיר שוין אַזוי קומען גלאַט ווי אַ גוטער בעקאַנטער.

אין דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין געגאַנגען צו גאָלדען, פלעג

איך דאָרט אין שטוב בײַ איהר אַלץ טרעפען יענעם יונגען־מאַן, וועלכען איך האָב דאָס ערשטע מאָל שבת בעגעגענט, געהענדיג מיט איהר שפּאַצירען. ער איז געווען דאָרט זעהר היימיש ווי אַן'אייגענער, אַ גאַנצער בן־בית, ער פלעגט לעהרנען מיט שיינדעלען, העלפען אין שטוב, ברענגען אַ מאָל מיט זיך פונ'ם מאַרק נייטיגע זאַכען, אויך אַ מאָל לייען און געבען אונטער אין איינגער צייט. קיינער אין שטוב האָט איהם נישט געאירצט און איהם גערופען פּראָסט ביים נאָמען — מיכל.

מיכל איז געווען אַ שרייבער, וואָס פלעגט לעהרנען מיידלעך אין יונגלעך שרייבען, און ציהען דערפון זיין שטיקעל פּרנסה. פון אַ שמועס אַ מאָל מיט דער אַלטער, האָב איך מיך דערגאַנגען, אַז מיכל איז אין דער פאַמיליע אַ גאַנצע אָנהאַלטעניש, אַ גרויסע שטיצע, אָהן איהם וואָלט אויסגעקומען אַ מאָל זעהר שלעכט. ער איז איהרער אַ קרוב און איז גאָלדעניו'ס שוין כמעט אַ חתן. לעת־עתה איז דאָס נאָך פאַר דער וועלט בסוד, נאָר אין אַ קורצער צייט פערהאָפט זי, אם־ירצה־השם, מאַכען תנאים און ברעכען טעפּ. די דאָזיגע ווערטער האָבען מיך געשטאָכען אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר איך האָב מיך געמאַכט נישט־וויסענדיג, גלייך ווי עס געהט מיר גאָר נישט אָן.

זינט יענער צייט האָב איך געהאַלטען מיכל'ען פאַר אַ שונא, וואָס שטעהט מיר אין וועג, און האָב אַלץ געטראַכט, ווי איהם בײַ־צוקומען: איך פלעג מיך ווי אַ קעצעלע צוטאַרען צו גאָלדען אי צו דער מוטער מיט גוטע, זיסע ריידעלעך, שפּילען זיך מיט שיינדעלען, און ברענגען איהר אָפט אַ צוקערקעלע, אָדער עפּיס אַ שפּילכען, אין דער האָפנונג צו ווערען דורכדעם אַ חשוב און אַראָבשטופען מיכל'ען, אָוועקשטעלען איהם אין דער זייט. איינמאָל האָב איך מיך אפילו געפּרואווט געבען עפּיס געלד, אַז איך האָב בעמערקט אין שטוב איז עפּיס איינג; נאָר גאָלדע האָט מיר געהייסען צוריקנעהמען דאָס געלד, עפּיס מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס האָט מיך געלעהרענט דרך־ארץ און וואָס איז געווען אַ סך ערגער ווי אַ פּאַטש. דאָס האָט נאָך טויזענד מאָל מעהר פערשטאַרקט מיין שנאה צו מיכל'ען. עס האָט מיך געברענט ווי אַ העליש פייער, נאָר וואָס מעהר אָבער די שנאה מיינע צו איהם איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער, האָב איך מיך אַלץ מעהר פאַרשטעלט, גערעדט מיט איהם צוקער־זיס און געוויזען איהם תמיד אַ פרעהליך פּנים. פאַרשטעלען זיך, דאָס האָב איך שוין אין יענער צייט זעהר גוט געקענט, ווייל דאָס איז די ערשטע זאַך. וואָס אַ קליין

מענשעלע בערארף קענען. אַז איסר האָט שוין פאַרגעגומען זיך איינעם צו בעגראָבען, פלעגט ער איהם אויפנעהמען זעהר פריינדליך, לויפען איהם אַקעגען מיט אַ שמחה און זיך קושען מיט איהם אין די פּיסקלעך. מאַכען יענעם די מיתה בנשיקה, דאָס הייסט, קושענדיג ביי יענעם די נשמה „כמוך", לויט די רעד פון אַ חכם, דערמיט וואָס מען קלייבט אויס פאַר דעם חבר אַ שענע מיתה, אַ שטילען טויט, אַז קיין האָהן אפילו זאָל נישט קרעהען... אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרגער!

איך פלעג קומען צו גאָלדען אויסגעפוצט און אויסגעשמירט די האָר מיט אַ סך פּאָמאַדע, בכדי דערמיט צו געפעלען און אַראָבוואַרפען אין איהרע אויגען מיכל'ען, וואָס איז געגאַנגען פּראָסט געקליידט. נאָר ביי גאָלדען האָבען קליידער גאָר נישט אַזוי אויסגעמאַכט. זי האָט מיר נאָר איינמאָל דעליקאַט אָנצוהערעניש געגעבען, אַז פון צופריעטע פּאָמאַדע זייף יענעמס קאָפּ בעקומט מען דעם קאַטער. מיכל האָט דערביי אַ שמיי-כעל געטאָן, און אינווענעיג אין מיר האָט געקאָכט, געזאָטען אויף איהם דאָס בלוט. שיינדעלע האָט אַ מאָל זיך אָבגערופען:

— פע, מיכל, ווי דו געהסט, רב איציק-אַברהם'על שיינט טאַקי, ער איז אויסגעפוצט, אויסגעצוואָגען מיט רויטע בעקעלעך און פּאַסענע ליפּעלעך ווי אַ שען מיידעל.

— נאַרעלע! — האָט מיכל איהר געענטפערט גאַנץ רוהיג — וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין אָרעם און האָב נישט אָזא דיענסט, וואָס זאָל מיר אויף אַלצדינג טראָגען.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיכל גיט מיר אַ שטעכווערטעל, אַז איך בין אַ משרת, און וויל מיך דערמיט ביי איטליכען שטאַרק אַראָב-וואַרפען. איך האָב עס אָבער אַראָבגעשלונגען, פערביסען די ליפען און נישט אָבגעענטפערט קיין קרום וואָרט.

אויף אַזאַ אופן איז אַוועקגעגאַנגען דער גאַנצער זומער און אַ שטיק פונ'ם אָסיען. איך בין שיער אויס דער הויט נישט געשפרונגען פאַר גרויס ליבשאַפט, נאָר ס'איז גאָר נישט געווען צו מאַכען. מיכל איז מיר גע-שטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז. איך האָב געזעהן, אַז איך וועל מיך נישט אַיילען דעם ביין אַרויסנעהמען, וועל איך דערוואָרגען ווערען. עס האָט שוין געהאַלטען, אַז אָט-אָט ווערט מיכל אַ חתן פאַר גאָלדען. די אַלטע האָט איהם ליעב געהאַט ווי אַנ'אייגען קינד און זי האָט געוואָלט

דערלעבען דעם טאָג צו נעהמען איהם פערבינדען מיט איהר טאָכטער אויף אייביגע יאָהר. זי האָט אַ פּאָר מאָל געמאַכט אַ שמועס פון די הכנות, וואָס מען בעדאַרף דערצו האָבען און אַלע אין שטוב זענען גע־ווען פרעהליך. שיינדעלע איז אַזש געשפּרונגען פאַר פריד, געשטיפּט, זיך גערייצט מיט מיכל'ען און געפאַלען איהם דערנאָך אויפ'ן האַלז, אַרומגעהמענדיג איהם מיטביידע הענטלעך. גאָלדע האָט געקוקט אויף זיי מיט פייכטע ברענענדיגע אויגען, וואָס האָבען אויסגעדריקט זעהר פיעל תענוג און איז רויט געוואָרען ווי פייער. ס'איז איהר דענסטמאָל אין פּנים נישט געווען אַריינצוקוקען, ווי אין דער ליכטיגער זון, אַזוי שען איז זי געווען. איך האָב אויך געמאַכט אַ פריינדליך פּנים ווי אַ היימישער מענש, וואָס עס טהוט איהם הנאה, אַז אין הויז איז אַ שמחה. נאָר אין האַרץ אָבער האָט מיר געברענט אַ גיהנם. אַוועקגעהענדיג פון דאָרט האָב איך געקריצט מיט די צייהן און געשוואָרען, אַז איך מוז זוכען עפּיס אַ גוט מיטעל, ווי צום גיכסטען אָבצוזיגען מיר דעם וועג צו גאָלדען

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דאָס מיטעל איז מיר געקומען אין האַנד אַריין. בשעת נעהמען רעקרוטען ביי אונז אין שטאָדט האָב איך אָבגעאַרבייט שמילערהייט, דורך איסר'ן, אַז מען האָט מיכל'ען גענומען פאַר אַ רעקרוט!...

איך בין געקומען צו גאָלדען, האָב איך געטראָפען, אַז דאָרט אין הויז איז תשעה־באָב. די אַלטע ליגט אין בעט, קראַנק, צובראָכען און אויפ'ן קאָפּ אַ נאַס טיכעל מיט קאַלטע וואַסער. גאָלדע איז בלייך ווי די וואַנד מיט רויטע געשוואָלענע אויגען און דרעהט זיך אַרום נעבען דער מוטער מיט צופאַטעלטע האָר, פערזאָרגט, פערזאָרגט, פעראומערט ווי אַ דער־שלאָגענע. שיינדעלען איז גאָר נישט צו דערקאָנען, אַזו געענדערט איז זי — זיצט איינגענורעט אין אַ ווינקעלע, פאַרלעגט די הענטלעך און קוקט מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען אויף דער ערד. ביי מיין אַריינקומען צוויינען זיך אַלע מיט אַ מאָל, גיסען הייסע טרעהרען, אָהן ווערטער, ווי אומ־גליקליכע, בשעת זיי דערזעהען זייער בעסטען פריינד.

— וואָס איז אַזוינס געשעהן? — פרעג איך ווי אַ תם און בלייב שטעהן כלומר'שט פערוואונדערט.

אַקעגען אַ פּאָר מינוט איז נישטאָ קיין ענטפער, דערנאָך רעדט די אַלטע אַרויס אויף אַ וויינענדיג קול, ווערגענדיג זיך מיט טרעהרען: אַז אַך

און ווינד איז מיר! מיכל... נישטאָ מיכל!... די חאַפּערס, וועה איז מיר, האָבען גענומען מיכל'ען!...

עס עפענט זיך איהר אַ פרישער קוואַל טרעהרען. גאָלדע זיצט נעבען איהר אויפ'ן בעט, אָנגעבויגען מיט ביידע הענד אויפ'ן פּנים. די קראַנקע מוטער לעגט איהר די האַנד אויפ'ן קאָפּ און אַלע ווײנען, יאָמערען, ווי מען בעקלאָגט אַ טויטען. איך מאַך אַ טרויעריג פּנים, זיפּץ כּלומר'שט, קרעכץ, און אין האַרצען טהוט מיר הנאָה קוקענדיג אויף גאָלדען, וואָס צו איהר פאַרשטעלט מיר איצט קיינער נישט דעם וועג. איך עס זי מיט די אויגען, אָנקוקענדיג זי פון אויבען ביז אַראָב, ווי אַ וואָלף קוקט אויף אַ שעפּעלע, אויף וועלכעס ער שאַרפט די צייהן. און ביי מיר אין האַרצען טראַכט איך: ניש'קשה, דו וועסט זיין מיינע, וועסט פון מיינע לאַפּעס זיך שוין נישט אויסדרעהען...

ב.

אַ פּאָר חדשים זענען נאָך דער דאָזיגער סצענע פּערגאַנגען. מיכל'ען האָט מען אָפּגעגעבען און אַוועקגעפיהרט העט ווייט, פון וואַנען מען קומט נישט צוריק אַזוי גיך. בײַ גאָלדען אין שטוב איז געווען אַ חורבן, אַלצדינג דאָרט האָט געטרויערט און פערלוירען זיין געשטאַלט, די בלומענטעפּלעך זענען געשטאַנען פּערדאַרט, ווייל ס'איז נישט געלעגען קיינעם אין זינען זיי אין דער געהעריגער צייט צו בעגיסען. די קלייניגקייטען אויף דער קאַמאָדע זענען נישט אויסגעשטעלט געווען מיט אַ שענעם סדר, ווי פריהער, און אויף „משה רבנו" איז געלעגען אַ געדיכטער שטויב. ער האָט אויסגעזעהן עפּיס מרה=שחורה'דיג און אַרויסגעקוקט פון אונטער דעם גלאָז עפּיס ווי בייז, זעהר שטאַרק ברוגז. מיר, ווייניגסטענס, האָט זיך אַזוי געדאַכט, און איך פלעג מיך היטען אויף איהם אַ קוק צו געבען... שיינדעלע האָט אויפגעהערט צו לערנען, נישט געהאַט מעהר מיט וועמען זיך צו שפּילען. זי איז אַראָב פונ'ם לייב, אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט און איז געוואָרען גאָר אוים קינד. אויף גאָלדען איז געלעגען די ערד, קיין פרעהליכע מינע האָט מען פון איהר נישט געזעהן. ס'איז איהר עפּיס ווי נישט ניחא געוו[illegible]ם לעבען. די אַלטע פלעגט קוקען אויף איהרע קינדער, שאָקלען מיט'ן קאָפּ און זיך בעחאַשען מיט טרעהרען. זי פלעגט אַלץ אַיינפאַלען און צייטענווייז ליגען אין בעט.

איך פלעג עפּטערס קומען אין הויז, זיצען בשעת גאָלדע פלעגט אַרבייטען, פלעג זי שטאַרקען מיט גוטע, זיסע ריידעלעך און מיט מיינע טרייסט=ווערטער געזוכט, אַלץ חאָס ווייטער=ווייטער זיך אַריינצו'גנב'נען אין איהר האַרץ. שפּעטער אַביסעל האָב איך בעמערקט אין שטוב אַ ביטערע עלענד. גאָלדעם האַנד=אַרבייט אַליין, ווי שטאַרק זי האָט זיך געמאַטערט, געפּלאַגט און קריעה געריסען, האָט נישט געקלעקט אויף די אַלע לעבענס=בעדערפניש, ווייל די בעלוינונג פאַר איהר אַרבייט איז געווען זעהר

קליין. דרינען האָט בעשיינפּערליך זיך אַרויסגעוויזען, ווי מיכל געהט אָב,
ווי שטאַרק נוצליך ער איז פאַר דער אָרעמער פאַמיליע געווען. זיין חלק
הילף האָט איצט געפעהלט. דערצו איז נאָך גראָד דענסטמאָל געוועזן
טאַקי ווייניג אַרבייט אויך, מען האָט בעדאַרפט געהן איינמאָל אין דער
אַפּטייק אַריין נאָך אַ רעצעפּט פאַר דער אַלטער און דערויף איז נישט
געווען קיין גראָשען. איך האָב מיך איינגעשטעלט און פאָרגעלעגט גאָלדען
צו נעהמען ביי מיר עפּיס געלד. גאָלדע איז רויט געוואָרען, האָט אַראָב־
געלאָזט די אויגען און נישט געענטפערט קיין וואָרט. מען האָט געזעהן,
אַז ביי איהר אינווייניג אין האַרץ איז נישט רוהיג. דאָרט רוישט אַ
שרעקליכער שטורמווינד פון ביטערע געפיהלען. איך האָב גאָלדען גע־
געבען צו פאַרשטעהן, אַז איך ליי איהר עס אויס נאָר אויף אַ צייט, זי
מוז עס נעהמען צוליב דער קראַנקער מוטער, וואָס געניטיגט זיך אַצינד
אין דעם רעצעפּט, וואָס זעהר מעגליך, אַז דרינען הענגט אָב איהר לע־
בען. די אַלטע האָט בשעת־מעשה ביי איהר אין בעט דאָרט גראָד אַ
שטאַרקען קרעכץ געטאָן, גאָלדע איז פערצאַפּעלט געוואָרען, גענומען ביי
מיר מיט אַ ציטערדיגער אייז־קאַלטער האַנד דאָס געלד, אַרויפגעחאַפּט
אויף זיך אַ שאַל און איז געשווינד אַרויסגעלאָפען פון שטוב...

ביי מיר אין שטיבעל בין איך איינמאָל שפּעט ביי נאַכט געלעגען
אויף מיין געלעגער און נישט געקענט קיין אויג צוטאָן; עס האָט פון מיר
זיך אָבגעטאָן דער שלאָף. די ליבשאַפט מיינע צו גאָלדען האָט מיך
שרעקליך געפּייניגט, נישט געלאָזט רוהען און איך האָב מיך גענומען
טראַכטען, וואָס קען פאָרט דערפון ווערען? ביז וואַנען נאָך וועל איך
מיך אַזוי פּייניגען און נישט ברענגען די זאַך צו אַן עק. נאָר אויף וואָס
פאַר אַן אופן אָבער ברענגט מען עס צו אַן עק? — חתונה האָבען? נאָר
דאָס איז פאַר מיר זעהר אַ שווערע זאַך, דאָס לוינט מיר נישט מכמה
טעמים: ערשטענס, וועל איך דורכדעם מוזען אויסטרעטען פון דינסט
ביי איסר'ן, און אַוועקגעהן פון איסר'ן הייסט אַזוי פיעל ווי אָבזאָגען זיך
פון פערדינען גרינג געלט, פון אַ גליקליכען לעבען אָהן צער, אָהן מיה,
אָהן קאָפּוועהטאָג און אויפגעבען אַלע מיינע האָפנונגען אויף שפּעטער;
צווייטענס, וואָס וועל איך ביי איהר נעהמען? גאָרנישט! זי איז דאָך הויל
נאַקעט אַזוי ווי די מאַמע האָט זי געבוירען. זי וועט מיר אָנהאָבען אַ סך
קינדער, פּופּקעלעך, וואָס וועלען מיר פאַרדרעהען דעם קאָפּ, איך וועל
אויפעסען דאָס ביסעל געלד און וועל דערנאָך בלייבען אַ קבצן, אַ טוי־
געניכטס, אַ לא־יוצלח צו קיין זאַך נישט אין דער וועלט, וועל ליידען,

פערשוואַרצט ווערען, ווי איך בין אַ מאָל אין דער יוגענד פערשוואַרצט געוואָרען, און צוליב וואָס? צוליב אַ ליבשאַפט!... איסר, האָב איך געטראַכט, וואָלט אויס מיר זיכער געמאַכט דעם גרעסטען געלעכטער.

„ליבשאַפט איז נישט מעהר ווי אַ שען פּנים׳ל, אַ זייפענבולבע, וואָס שפּילט פאַר׳ן אויג אין אַלערליי וואונדער־שענע קאָלירען און פּלוצלים צושפּריינגט עס, מען ווייסט נישט, וואוהין עס קומט אַהין. דאָס איז אַ שפּילכען, אַ קלייניגקייט, וואָס מען בעדאַרף עס טאַקי נאָר פאַר אַ קלייניגקייט בעקימען און וואָס עס לאָזט זיך זעהר גרינג איינהאַנדלען, אַבי מען איז נאָר קיין שוטה נישט. ליבשאַפט — דאָס איז אַ דעקטוך, אונטער וועלכען עס לאָזט זיך גרינגער איינער דעם אַנדערען צו זיך אויף אַ צייט אריינצונאַרען. דאָס איז אַ קונציג אויסגעאַרבייטע נעץ, צו פאַנגען דריינען שוואַכע מענשלעך, וואָס צוקריכען ווי אַ שנעע און צוגיסען זיך באַלד, ווי מען גיט זיי נאָר עפּיס אַ וואַרם"... — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואַרגער.

זאָל איך קיין נאַר נישט זיין און דערגרייכען מיין וואונש אָט טאַקי אויף דעם פּראָסטען אופן?... נאָר דאָס איז אָבער אַ ריינע אונמעגליכקייט. ווי איך האָב געקענט גאָלדען, איז נאָר אונמעגליך געווען אַזעלכעס אפילו צו טראַכטען. זי האָט תמיד געקענט עפּיס זיך אַזוי האַלטען, אַז מען האָט געמוזט האָבען פאַר איהר דרך־ארץ און די צונג האָט זיך נישט געלעגט אַרויסרעדען איהר אין די אויגען עפּיס אַ מיאוס וואָרט. איינמאָל האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט מיט עפּיס נישט אַזאַ שען ווערטעל, וואָס ביי אַנדערע געהט עס איין, נישט צומאַכען דערויס קיין שום פּירוש, האָט זי דערביי געמאַכט עפּיס אַזאַ מינע, אַז איך בין בטל געוואָרען און אַ קעלט איז מיר דורכגעלאָפען אין אַלע מיינע אברים. ניין! אַזעלכע ווי גאָלדע לאָזט זיך נישט איינהאַנדלען, אריינגאַרען... מען זאָל אפילו קלוג זיין ווי צעהן רוחות. וואָס־זשע דען, לאָמיך איינגאַנצען אַ שפּיי כּאן און זי פאַרגעסען? דאָס, האָב איך געפיהלט, איז איבער מיינע כּוחות, גיכער וואָלט איך מיך אָבגעזאָגט פון מיין לעבען ווידער פון איהר. די ליבשאַפט מעג זיך זיין, ווי איסר זאָגט, טאַקי אינגאַנצען אַ שפּילכע, אָבער איך האָב אַזאַ שפּילכען בשום אופן נישט געקענט אַוועקוואַרפען. איך האָב געטראַכט, געטראַכט און ווידער געקומען צום ערשטען — אין ברירה, טאַקי חתונה האָבען! אַי, וואָס,

דאָס קען מיר דאָך שאַדטען צום עסק? נו, דערצו וועט מען מוזען גע־פינען עפּיס אַ פּאַרטעל, מאַכען עפּיס אַ פּשרה, עס זאָל אי אַהין אי אַהער גוט זיין. התונה מוז מען האָבען און וואָס גיכער איז אַלץ בעסער, מעהר פלאַגען זיך האָב איך שוין קיין כח נישט. עס מוז באַלד נעהמען אַנ׳עק. גאָלדע בעדאַרף זיין מיינע!... מיט דעם דאָזי׳ געדאַנק בין איך איינגעשלאָפען און געהאַט זיסע גוטע חלומות

אויפגעשטאַנען בין איך אַביסעל שפּעטליך אויפ׳ן טאָג און האָב ביי מיר אָבגעמאַכט, עס זאָל אפילו דונערן און בליצען, מוז איך היינט פאַרנאַכט מיט גאָלדען מיך דערקלערען. דענסטמאָל איז גראָד געווען פאַר פסח, גאָלדען איז זעהר איינג געווען, זי האָט בעדאַרפט זעהר פיעל האָבען און נאָך נישט געהאַט קיין אָנהויב אויף יום־טוב. צו מיין זאַך איז דאָס געווען פונקט די בעסטע צייט. אַז איך בין גע־קומען צו גאָלדען, האָב איך זי געטראָפען איינע אַליין זיצענדיג איבער דער אַרבייט. די אַלטע איז געלעגען אין בעט אונטער די שפּאַניש־ווענטלעך, און שיינדעלע נעבען איהר. מען האָט פון דאָרט נישט מעהר געהערט ווי אַ הוסטען — דאָ הוסט די אַלטע און דאָ שיינדעלע, ביידע האָבען געקייכט אין איין אָטהעם, גליידך ווי זיי האָבען זיך פאַרהערט, ווער פון ביידע קייכט שטאַרקער. דערצו האָט נאָך צוגעגרילצט אַ גריל, און אינאיינעם איז אַרויסגעקומען עפּיס אַ משונה־שרעקליכער קאָנצערט. גאָלדע איז געווען פערזאָרגט, אַלץ גענעהט, געמאַכט מיט דער נאָדעל און נישט פערגונען זיך אפילו אַ רגע אויפצוהויבען דעם קאָפּ.

איך האָב מיר אָנגעהויבען אַ שמועס מיט מוסר זאָגען, האָב גע־מוסר׳ט גאָלדען, פאַר וואָס זי האָרעוועט אַזוי איבער די קרעפטען, פערלירט איהר געזונד און האָט נישט קיין רחמנות אויף זיך אַליין, נישט אויף דעם הויזגעזינד, וואָס האַלט זיך אייננאַנצען נאָר אויף איהר, און נישט אויף איהרע גוטע פריינד, וואָס איהר געזונד איז זיי שטאַרק טייער און וואָלטען פאַר איהר דאָס לעבען אַוועקגעגעבען... גאָלדע האָט ביי די דאָזיגע ווערטער אויף מיר אַ בליק געטאָן און אין דעם בליק איז געלעגען עפּיס אַזוינס, וואָס איז שווער איבערצוגעבען. איך האָב גערעדט נאָך מעהר בעהאַרצט, וואָס ווייטער־ווייטער אַלץ מיט מעהר פייער און בין אַרויס לסוף מיט דער גאַנצער שפּראַכע, אַז זי איז מיר ליעב ווי דאָס לעבען און איך וואָלט מיך געשעצט איבערגליקליך.

ווען איך זאָל מיט איהר חתונה האָבען. גאָלדען איז די נאָדעל פון ד פינגער אַרויסגעפאַלען און זי איז געבליבען זיצען צומישט, אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענד. אויף אַ פּאָר מינוט לערך בין איך אַנשוויגען געוואָרען, עס האָט מיך בעשלאָגען אַ שוויים און דאָס הארץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט, גלייך ווי איך וואָלט איבערגעגאַנגען אַ הויכען באַרג.

דאָס הוסטען און קייכען פון אונטער די ווענטלעך איז אַלץ געגאַנגען שטאַרקער און שטאַרקער. אַ צובראָכענע שויב פון פענסטער האָט זיך געשאָקעלט אַהין און אַהער פונ'ם ווינד און צוגעקלאַפּט צום טאַקט עפּים זעהר מרה־שחורה'דיג. מיר האָט זיך געעפענט ווייטער אַ מויל, איך האָב גערעדט מיט היץ, גערעדט־גערעדט און אַלץ איינגערעדט גאָלדען. איך האָב געשילדערט איהר איצטיגע לאַגע, ווי זי איז געקוועטשט פון אַלע זייטען. איך האָב איהר אָנגעוויזען אויף דער קראַנקער, שלאַפער מאַמען מיט שיינדעלען, ווי זיי ליידען נעבעך און קומען אָב. נאָר צוליעב זיי אַליין בעדאַרף זי עס טאָן. ביי מיר וועט דאָך זיי אַלע, אם ירצה השם, זיין נוט, מיר וועלען לעבען גליקליך און צופרידען, אַז גאָט און לייט וועלען הנאָה האָבען. גאָלדע האָט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים און הייסע טרעהרען אין גרויסע טראָפּענס, ווי פּערעל, האָבען איהר געטריפט פון די אויגען.

— לאָזט מיך צורוה, אַ קורצע צייט — האָט זי זיך אָנגערופען עפּים מיט אַ קול פון געבעט, גלייך ווי איינער וואָס איז אין דער קלעהם — איך וועל מיך אַביסעל בעטראַכטען, זיך מישב זיין מיט דער מאַמע און אייך געבען אַ קלאָרע תשובה.

אַז איך בין געקומען אויף מאָרגען צו גאָלדען, האָב איך זי געטראָפען זיצענדיג אונטער די ווענטלעך נעבען דער קראַנקער מאַמען. די אַלטע האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנד און געזאָגט, אָנווייזענדיג מיר מיט'ן קאָפּ אויף גאָלדען, אַז זי וויליגט איין אָבצוגעבען מיר אין די הענד אַריין איהר טייערן ברילִיאַנט, איהר שאַץ, איהר מתנה פון זיין ליבען נאָמען; נאָר איך זאָל אָבער וויסען, ווי זי טייער צוהאַלטען, ווי זי צו שאַצען. דערביי טאַקי האָט זי צוגעשטעלט אַ פּונקט, אַז איך זאָל זיך אָבזאָגען פון מיין שטעלע, וואָרום ווי אַ גרויסער חשוב איך בין, פּאָרט טאַקי בין איך דאָך נאָר אַ משרת; און איהר גאָלדעניו'ן אָבגעבען פאַר אַ משרת איז איהר נישט לכבוד, אויך איז נישט לכבוד איהר מאַן, גאָלדעס טאַטען, עליו השלום, און איהר גאַנצער משפּחה. איך האָב

מיך אקענען דעם געשטעלט, איהר אויסגעוויזען ווי ס'איז נישט גוט, נישט קלוג, אבצוזאגען זיך פון אזא גילדענער שטעלע, וואס טראגט מיר פיעל איין און איך קען דארט מיט דער צייט ווערען א מענש, וואס א מענש הייסט.

— א סך מיוחסים, כ'לעבען — זאג איך מיט גוואלד — ליגען מיר א מאל צו די פיס, זענען מיר מקנא און וועלען מיר ערשט שפעטער, אם ירצה השם, נאך מעהר מקנא זיין. ניש'קשה! איך בין שוין איצט אזא מיוחס ווי זיי אלע. נאר ווי די מעשה איז, אצונד אבזאגען זיך איז זעהר קרום, א גרויסע עברה. לעת-עתה איז פיעל גלייכער אין אלע אופנים, איך זאל נעבען איסר'ן אי נאך דער חתונה טאקי וייטער בלייבען. וואס מאכט עס אויס? זאל זיך דאכטען, איך בין א קרעמער און זיץ גאנצענע טעג אין קלייט, אדער איך בין א סוחר און פאהר די גאנצע וואך ארום. אין ליידיגע צייטען, ווי אויך שבת און יום-טוב, וועל איך מיר צוברענגען ביי זיך אין דער היים. לעת-עתה מוז זיין אזוי און שפעטער איז דאך גאט א טאטע... מסתמא וועט שוין זיין רעכט... אי, וואס, אייך קומט אלץ פאר פארט עפיס משרת, ס'איז אייך עפיס פריקרע פאר דער וועלט, נו, וועלען מיר אבמאכען די חתונה שטיל אהן דער פאמפע, אהן רעש, אהן געפילדער און זיך מוזען בענעהן אהן די אלע מיוחסים. אט פון וועמען, מ'שטיינ'ס-געזאגט, מען האט דא צו רעדען!...

דער שפיץ איז געווען, מיינע רעד זענען אנגענומען געווארען, און מיר האבען געמאכט א האנדשלאג.

— זעה-זשע, זאלסט אבהיטען מיין ברילאנט, חשוב האלטען מיין קינד, מיין טייערע נשמה! — האט די אלטע נאך א מאל מיך געבעטען און זיך צווויינט. גאלדע מיט שיינדעלען האבען אויך געוויינט, געחליפעט, און איך בין דענסטמאל געווען אויף דעם זיבעטען הימעל פאר פרייד, וואס מיר איז געראטען אבצומאכען די זאך גלאט, אזוי ווי איך האב מיר געוואונשען.

ל"ג-בעומר אין א שענעם טאג בין איך מיט גאלדען אינאיינעם מיט דער מוטער און שיינדעלע זיך דורכגעפאהרען נישט וויים אין א דערפעל, און פאר א מנין יודען דארט אבגעשטעלט א שטילע חתונה.

כא.

די ערשטע צײַט נאָך דער חתונה האָב איך געהאַט מיט גאָלדען ועהר אַ גוט לעבען. אַלע אין שטוב זענען צופרידען געװען. איך בין טאַקי װי פריהער געװען בײַ איסר׳ן אין הױז, האָב מיך געהאַלטען אין איהם אײַזענפעסט און געאַרבײַט אין מײַן זאַך זעהר געשמאַק, נאָך פיעל געשמאַקער װי אַ מאָל. מיר איז קײן רגע נישט אַרױס פונ׳ם זינען, אַז איך בין אַ בעװײַבטער און בעדאַרף האָבען געלד. איך האָב מיר גוט איבערגע׳חזר׳ט אין קאָפּ די אַלע הלכות „קלײַן מענשעלע״ מיט אַלע פּירושים פון רב איסר׳ן, אױך מיט מײַנע אײגענע הגהות, װאָס איך האָב דרינען װי אַ למדן מופלג אױפגעטאָן שטאַרק שכל׳דיגע גאָר אַ חריפות. לאָז די װעלט פון איצט אָן פיהלען, װאָס פאַר אַ גרױסער למדן, װאָס פאַר אַ בלי־שלמה, אַ צאַצקעלע איך בין, לאָז זי גוט טאַקי פיהלען, אַז איך האָב אַ װײַב, אַז איך בין אַ בעל־הוצאה און בעדאַרף הײַנט אַ סך האָבען; לאָז זי געבען געלד און אױסשטעהן מײַנע הוצאות. ניש׳קשה, די װעלט איז נישט קראַנק, דער רוח װעט זי נישט נעהמען! — אַזױ האָב איך בײַ מיר אין האַרץ אָבגעמאַכט און אַרױפגעצױגען די מקחים אױף מײַנע אַלע אָנשטעלען, װאָס איך האָב אָנגעהױבען שטאַרק מיט חשק צו מאַכען.

איסר׳ס גביר, דער גרױסער בער, האָט געטאַנצט בײַ איסר׳ן אין דער אױבער־קאָמעדיע, און איסר אַלײן האָט געטאַנצט װי אַ בערעלע אין מײַן אונטער־קאָמעדיע. מיר האָבען בײדע געהאַט גרױס שפע. דער נאַרישער עולם איז בײַ איטליכער געלעגענהײט צו אונז געגאַנגען בעטען, אַז מיר זאָלען טאָן, מיר זאָלען העלפען, און דערפאַר געצאָהלט געלד אין טאָג אַרײַן. מיר האָבען געמאַכט די שפּיל און זענען בײדע געװען צופרידען. איך האָב בעקומען אַ גרױסען חשק צו געלד. װיפיעל איך זאָל נישט געװען פערדינען, איז מיר אַלץ װעניג געװען, און האָב שטאַרק געציטערט איבער׳ן קערבעל.

אין דערהײם בײַ מיר האָט מען געלעבט זעהר קאַרג. איך פלעג

זעהן איינשפּאַרען, איינקאַרגען, ווי ווייט נאָר מען קען, און זעהר ברוגז זיין, אַז ס'פלעגט אַוועקגעהן אַנ'איבעריגער גראָשען. די אַלטע פלעגט זיך דערויף בלאָזען און אַ מאָל זאָגען, אַז איך צעהל די גרויפּען אין טאָפּ אַריין און פערגין קיינעם נישט דעם ביסען. איך פלעג מיך צוריק בלאָזען, און איהר געבען שטעכווערטלעך, אַז אויף פרעמדס איז איטליכער אַ וותרן; אַז מען זאָל מיך אומזיסט האָרעווען — מהיכא־תיתי, וואָלט איך אויך קיין קאַרגער נישט געווען. גאָלדען פלעגען אַזעלכע ווערטער קרענ־קען, זי פלעגט אַזש געל און גרין ווערען, און נישט איינמאָל נאָר איז צוליעב דעם צווישען אונז אַרויסגעקומען אַ רוגז. ס'איז אַ מאָל געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב מיאוס מיך צוקריגט מיט גאָלדען, זי גראָב בע־לייידיגט, געזידעלט ווי אַ משרת קען, ביז איך אין כעס אַרויסגעלאָפען פון שטוב, אַ שמאַרקען קלאַפּ געבענדיג מיט דער טיר, און אַקעגען אַ וואָך נישט געקומען אַ היים.

די פריערדיגע הייסע ליבשאַפט מיינע האָט אַלץ וואָס ווייטער־ווייטער זיך אָבגעקיהלט. גאָלדע'ס שען פנים איז ביי מיר געוואָרען אַ גע־וועהנטליכע זאַך, איך האָב שוין דרינען גאָר נישט עפּיס אַזוינס אַרויס־געזעהן, אַ פנים ווי אַלע פנים'ער מיט אַ נאָז, מיט אויגען. גאָלדע האָט ביי מיר פערלאָרען דעם חן און אויסגעזעהן פּראָסט אַ ווייבעל ווי אַנדערע ווייבלעך. איך האָב אין האַרץ חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצען שידוך. צו וואָס האָט דאָס מיר געטויגט, האָב איך ביי מיר געטראַכט, נעהמען מיר אַזאַ שווערען יאָך, אַ גאַנצע געזינד, וואָס פרעסען מיר אָב דעם קאָפּ און ברענגען מיך אויס? נאָר אַ בייזע שעה איז אויף מיר דענסט־מאָל אָנגעקומען, וואָס איך האָב מיך געלאָזט פערפיהרען פון אַ שען פנים'ל און אויסגעבראַכט דערויף אַזוי פיעל געלד. וואו איז דענסטמאָל געווען מיין שכל, מיין פערשטאַנד? האָב איך מיך גע'חידוש'ט; ווי קום איך צו אַזאַ נאַרישקייט? איך האָב אַלץ ביי מיר גערעכענט, וויפיעל די נאַרישקייט האָט מיר אָבגעקאָסט, מיט וויפיעל איך וואָלט איצט רייכער געווען, אַז איך זאָל זי נישט געווען טאָן. און דאָס האָט מיך שטענדיג געערגערט אַזוי, אַז איך פלעג מחמת דעם זיך אַלץ קרימען, קוקען אויף איטליכען אין שטוב מיט אַ פינסטער פנים און האָב נישט גערעדט דאָרט מיט קיינעם קיין גלייך וואָרט. אין אַ צייט פון אַ פּאָר יאָהר איז גאָלדע פון מיר גענוג אויסגעשטאַנען, זי האָט געהאַט פון מיר די גאַל, נאָר זי האָט אַלצדינג אַראָבגעשלונגען און פלעגט אפילו נישט הויך וויינען, קיין פּיפּס אפילו נישט געטאָן.

אין מיטען־דרינען בעדאַרף זיך גראָד טרעפען, אַז דער גרויסער גביר, הגדול והנורא, ביי וועלכען איסר איז געווען די נשמה, זאָל גאָר פלוצלים אַ שטאַרב טאָן און די ווינט־מיהל מוז בלייבען שטעהן — די רעדער קענען מעהר זיך נישט דרעהען! ... מיט דעם גביר׳ס טויט ווערט מיין רב איסר אויס נשמה, און מיט רב איסר׳ס אויס־נשמה־ווערען ווער איך דאָך אויך ממילא אויס נשמה, אויס אַלץ מיט־אַנאַנדער. דער עולם האָט ביסלעכוויז זיך אַרומגעקוקט, זיך אָבגעהאַלטען ביז ער האָט מיט דער צייט שוין גאָר אויפגעהערט צו געהן מיט בקשות צו איסר׳ן. דער־צו נאָך איז איסר׳ן שוין טאַקי שטאַרק צוגעטרעטען דאָס עלטער, ער איז געוואָרען אויסגעוועפּט, עפּיס גאָר עובר־בטל, נישט דאָס פּנים, נישט דער שכל, די חכמה, וואָס אַ מאָל. היינט אַז איסר איז אויס חשוב געוואָרען, פאַרשטעהט זיך דאָך, בין איך אויך אויס חשוב געוואָרען און שוין מעהר נישט געגאָלטען, אַקוראַט ווי אַן אָבגערופענע מטבע. ביי איסר׳ן בין איך נאָך אַלץ טאַקי געבליבען דער איינענער חשוב, און נישט אויפגעהערט ביי איהם צו גילטען; נאָר ווי באַלד אָבער ער האָט מיר שוין מעהר נישט געקענט נוצען, האָב איך איהם בעדאַרפט אויף נייניצינ טויזענט כפרות, איך האָב איהם אַזוי געהערט ווי אין טשערנעוויץ די מגילה. אַזוי האָט דאָך געזאָגט איסר ווארגער! זיינע ווערטער. איך האָב דאָך בקבלה טאַקי פון איהם אַליין. איך האָב נישט· לאַנג געטראַכט און אָבגעטראָטען פון איסר׳ן, וואָס ער האָט ביי מיר אַ פּנים געהאַט ווי אַ נבלה.

אַ גע׳פּגר׳ט בעשעפעניש מאַכט אויף דעם מענשען נישט אזא טרויעריגען, שלעכטען רושם, ווי אַ בעשעפעניש, וואָס איז „ווי גע׳פּגר׳ט״ און האָט נאָך פּאָרט אַ סימן לעבען. איך זאָג עס אַקעגען מיר און אַקעגען נאָך אַ סך נפשות, ווי אַ שטייגער, אַקעגען אַן־אויס־געוואָרענעם בעל־טאַקסע, אַן־אָבגעזאָגטען שתדלן, אַן־אויסגעמאַכטען מאַכער, אַ וואָכענדיגען כלי־קודש און אַלערליי מיני פערשוועכטע, אַראָבגעוואָרפענע קהל׳ס-לייט. מילא אַ פּגירה איז האָטש אַ פּגירה, עס לעבט נישט און בעדאַרף נישט קיין שום זאַך; יענע לייט אָבער, יענע נפשות, אַז זיי ווערען אויס און פערלירען זייער פּרנסה, אין וועלכער דאָס הויות זייערע איז געהאַנגען אַ צייט מיט יאָהרען — זיי נעבעך ווערען אמת טאַקי פּגירות, אָבער לעבעדיגע צאַפּעלדיגע פּגירות, פּגירות — וואָס ווילען עסען, טרינקען, האָטש אַ ביסעל משקה, און בעדאַרפען אַלצדינג טאַקי האָבען! נאָר וואָס העלפט עס אָבער, אַז זיי קענען זיך נישט ריהרען;

אַז זיי זענען, לא־עליכם, גרויסע ביטערע קאַליקעס, האָבען, דאַכט זיך, אַ מויל, הענד און פיס און טויגען נישט פון דאַנען אַהין!...

דאָס האַרץ, ב׳לעבען, רייסט קוקענדיג אויף אַזעלכע לעבעדיגע פגירות, אַזעלכע שלים׳מזל׳דיגע, מחילה, פערשטונקענע בעשעפעניש!

אָט אַזאַ מין בעשעפעניש בין איך געווען, נאָכדעם אַז איך האָב אָבגעטראָטען פון איסר׳ן. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מען טהוט, צו וואָס מען נעהמט זיך, וואָרום חוץ מיין קליין מענשעלדיגע פרנסה האָב איך דאָך גאָר נישט געקענט און צו קיין שום זאַך נישט געטויגט. די לאַנגע מיינע הויז דענסטמאָל געווען זעהר אַ שלעכטע. איך האָב געלעבט פונ׳ם גריימען: געבּיטען קערבּלעך און געגעסען. און ביי איטליכען קערבּעל, וואָס איך האָב צוביטען, איז מיר אָבגעפאַלען אַ שטיק פלייש, געשטאָרבען געוואָרען אַנ׳אבר. שטענדיג בין איך געווען אין כעס, האָב קיינעם אין שטוב נישט פערגונען דאָס לעבען און צו איטליכען בעזונדער זיך געזוכט. ביי איטליכען גראָשען, וואָס איך האָב גאָלדען געגעבען אויף דער הוצאה, פלעג איך איהר פערצאַפּען דאָס בלוט, אַלץ זאָגען: וואָס חיל מען פון מיר האָבען? איך קען נישט אויסהאַלטען אַזאַ געזינד.

די אַלטע האָט פון מיר געקייעט די ערד, זי האָט זיך פאַרעסען און האָט פאַר האַרצוועהטאָג מסוכן קראַנק זיך אַריינגעלעגט אין בעט אַריין. מען האָט געזעהן, אַז עס עקט זיך דאָס לעבען, זי וועט נישט געדויערן לאַנג, איך בין זיך מודה, אַז איך האָב איהר געוואונשען דעם טויט און עס האָט מיר אין האַרץ הנאה געטאָן, וואָס באַלד וועל איך פטור ווערען פון אַ מויל, און די הוצאה וועט קלענער ווערען. דעריבּער האָב איך מיך פאַרשטעלט, זיך געמאַכט, כלומר׳שט ווי איהר קרענק ריהרט מיך ביי דער נשמה, איך בין גאָר אויס מענש. איך האָב נישט געקאַרגט אויף קיין דאָקטאָר, אויף קיין אַפּטייק — אַבי גיכער זי זאָל שוין זיך איבערפעקלען... איך האָב זי בעדינט ווי אַ געטריי קינד, גאַנצע נעכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג, איהר אַיינגעגעבען די רפואות און געטראַכט דערביי: ווען וועט דער מלאך־המות דיך שוין צונעהמען? ביי איטליכען שטוב בין איך געהויבען געוואָרען פאַר מיין געטריישאַפט, דערפאַר וואָס איך לייג מיך דאָ אַזוי אַוועק און מען האָט מיר פאַרגעסען אַלע צרות, וועלכע מען איז פון מיר פריהער אויסגעשטאַנען. גאָלדע פלעגט מיך אָפט טרייבען פון דער מוטערס בעט, איך זאָל געהן אָבּי־סעל מיך אויסרוהען, נאָר זי האָט עס ביי מיר בשום אופן נישט געקענט פועל׳ען

— גנעה דו — האָב איך איהר דערויף געזאָגט — דו, נעבעך, גנעה לענג זיך אַביסעל צו און איך וועל מיר דאָ בלייבען אַליין, ניש׳קשה.

איך דערמאָן מיך איצט מיט שרעק יענע ווינטערדיגע נאַכט, ווען די אַלטע איז געלעגען שטאַרק פערדולט מיט פערגלאָצטע אויגען, גע־רעדט עפּיס נישט צו דער זאַך און אין האַרץ האָט ביי איהר שרעקליך געחריפעט, אַזוי אַז מען האָט געהערט אויף דער גאַנצער שטוב, גליך ווי עמיצער וואָלט געזעגנט האַלץ. גאָלדע איז נישט טויט נישט לעבעדיג געזעסען נעבען בעט אויף אַ בײַנקעל מיט רויטע פערוויינטע אויגען און געבראָכען די הענד. שיינדעלע, די אויסגעבליכטע, אויסגעדאַרטע, אויס־געטריקענטע שיינדעלע, האָט מיט אַ פינסטער פּנים געקוקט אויף דער גוסס־למות׳ר מאַמע, געקוקט און געחליפעט, און חליפענדיג זיך שרעקליך פער־הוסט. פלוצלים האָט די אַלטע זיך אויפגעזעצט, געקוקט אויף איהרע קינדער און טיעף פּנ׳ם האַרצען דערלאַנגט אַ זיפץ.

— איך בעט דיך — האָט זי אויף אַ שלאָף קול צו מיר זיך אָנ־גערופען, נאָכדעם אַז זי האָט פריהער אָקעגען אַ מינוט שווייגענדיג מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ בליק, וואָס האָט מיך דורך און דורך דורכגע־נומען אין אַלע גלידער — איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף מיינע קינ־דער! זיי בלייבען, נעבעך, עלענד ווי אַ שטיין — יתומים אָהן פאָטער און מוטער, אָהן אַ קריב, אָהן אַ גואל... איך וועל רוהיגער געהן פון דער וועלט, רוהיגער ליגען אין קבר, אַז דו וועסט מיר עס הייליג צו־זאָגען און טאַקי מקיים זיין...

זי האָט ווידער אַ מאָל אַ זיפץ געטאָן, אַרויפגעלעגט איין האַנד צו גאָלדען, די אַנדערע צו שיינדלען אויפ׳ן קאָפּ און זיי געבענשט שטילערהייט, קוים־קוים וואָס מען האָט געהערט איהר קול. ביידע קינדער זענען צושמאָלצען געוואָרען וויינענדיג און צוגעפאַלען צו דער מוטער, וואָס האָט זיי געהאַלזט, געקושט, צוגעקוועטשט צו איהר האַרץ. זי איז באַלד טאַקי אָהן כח אַנידערגעפאַלען ווידער אויף איהר געלעגער, זיך אומגעקעהרט מיט דעם פּנים צו דער וואַנד, אַ חראָפּע געטאָן — און אַנשלאָפען געוואָרען אויף אייביג...

גאָלדע מיט שיינדעלען האָבען אַרויסגעלאָזט אַזאַ יאָמער, אַזאַ ביטער קלאָג, אַז אַ שטיין האָט עס געקענט אַפילו ריהרען. איך האָב פאַרשטעלט דעם פּנים מיט ביידע הענד אויך — ס׳איז אַ וועהטאָג.

אַ חרפּה, אַ שרעק צו זאָגען — און עפּיס אַ שמייכעל געטאָן צופרידען,
חי איך וואָלט פון מיר אַ שווערע משא אַראָבגעוואָרפען.

די אַלטע, דאָס איז געווען לעת־עתּה דער צווייטער קרבּן,
וואָס איז דורך מיר געפאַלען. שפּעטער אָביסעל האָט בעדאַרפט
געהן אַ גאַנג אויך דער דריטער קרבּן — די דאַרע אויסגע־
טריקענטע שיינדעלע!..

כב.

מיר איז דערנאָך שטאַרק נמאס געוואָרען צו זיצען אין דער היים מיט פאַרליגגטע הענד, און לאָזען שימלען די גוטע מתנה, דאָס שטאַרקע געפיהל פון אַ קליין מענשעלע, וואָס איך האָב אין מיר געהאַט. אַ עברה, כ'לעבען, אַז אַזאַ געפיהל זאָל פערפאַלען ווערען, אַזאַ גוטע מתנה זאָל פוילען, ווערען אַ לענגער־סחורה, אין דער צייט אַז איך בין נאָך יונג מיט אַלע קרעפטען און וואָלט דערמיט געקענט מאַכען דאָס בעסטע געשעפט, געהן אין גאָלד! איז דען נאָר, האָב איך געטראַכט, איין צבוע'טשיק אַ וועלט; און ווייטער איז שוין מעהר נישטאָ קיין אַנדערע שטעדט מיט יו־דען, וואו מיין סחורה זאָל האָבען אַנ'אָבגאַנג? די וועלט, ברוך־השם, איז גרויס. עס זענען דאָ נאָך יודישע שטעדט. יודען זענען אומעטום יו־דען מיט איין טבע, מיט איין כאַראַקטער, און יודישע מאַכערס, יודישע גבירים זענען אויך דאָ, אָהן עין־הרע, ווי מיסט, וואָס לאָזען זיך מסתמא נעהמען אויף דער אַרענדע און וואָס מען קען מיט זיי מאַכען די שפּיל! צו וואָס־זשע זאָל איך פערוויסטען מיין לעבען, פוילען דאָ אין דער היים ביז איך וועל אויפעסען מיין ביסעל געלד און ליידען דערנאָך דחקות, צרות און לייד ווי אַ מאָל, וואָס אַז איך דערמאָן מיך נאָך אַ צונד, ציטערט אויף מיר די הויט און עס שטעלען זיך מיר קאַפּויר די האָר? ניין, בלייבט ביי מיר, מען טהאָר דאָ מעהר אַזוי נישט זיצען! כל־זמן איך בין נאָך יונג און האָב נאָך שענע עטליכע גילדען, מוז איך פּריוהען דאָס גליק און אויף מזל זיך אַוועקלאָזען.

— זיי געזונד! — האָב איך אין איין שענעם מאָרגען געזאָגט גאָלדען, וואָס איז דענסטמאָל געווען מעוברת, און בין אַוועק אין דער וועלט אַריין.

גלופּסק איז דער בעסטער פּלאַץ, וואָס איז מיר באַלד געפעלען. זי איז אַ גרויסע יודישע שטאָדט מיט אַ סך נאַראָנים, וואָס לאָזען זיך

פיהרען בײַ די נעז פון איטליכען בעזונדער און איטליכער טראַגט נאָך די נאָז זײַנע אַקעגען, שטופּט זיך מיט איהר פאָראױס, בכדי מען זאָל זי אָננעהמען בײַ איהם צום ערשטען, װײַל ער מײנט, אַז לאָזען זיך פיהרען בײַ דער נאָז איז אַ חיוב, אַ יודישע זאַך, װאָס אַנדערש קען עס גאָר נישט זײַן. גלופּסק איז אַ שטאָדט מיט זעהר פיעל חברות, מיט אַלערהאַנד גבאים, מיט אַלע מיני כלי־קודש און מיט אַלערלײ שעינע יודען. און נאָט שפּײַזט פון די געהערנערטע בופלאָקסען ביז די אײער פון די כנים, ער שיקט דאָרט די דאָזיגע מיני בעשעפענישען אויך צו זײער פרנסה בכבוד. קורץ, גלופּסק איז מיר באַלד טאַקי זעהר געפעלען, פאַר מיר אַקוראַט װי געװאונשען. זי איז פאַר מיר געװען דאָס, װאָס אַ שטענדיגע זומפּיגע בלאָטע איז פאַר אַ זשאַבע, װאו זי קען זיך קװאַקען און צופיהרען אַביסעל די הענד.

דענסטמאָל בין איך אַלט געװען אַ יאָהר דרײַ־פיער, און, מי יודע, אפשר פינף, זעקס, זיבען און צװאַנציג יאָהר. איך האָב מײַנע יאָהרען נישט געצעהלט, און װי אַ סך יודען בײַ אונז, אין יענער צײַט, נישט געװאוסט, װען איך בין געבוירען געװאָרען, און דאָס איז אויך נישט געשטאַנען פערשריבען, — װאָרום אַזױ, פאַרשטעהט איהר, איז געװען גלײַכער... און גאָר אַ חוץ דעם, צו װאָס האָט עס געטױגט װיסען דער טאָג פון געבוירען װערען איז בײַ מיר, װי בײַ אַנדערע יודען, נישט קײן יום־טוב. יאָהר־צײַט פונ׳ם יום־המיתה — דאָס געדענקט אַ יוד, אָבער יאָהר־צײַט פונ׳ם געבורטס־טאָג — צו־װאָס? עס קומט אויס עפּיס משונה װילד. געלד האָב איך בײַ מיר געהאַט, און דעריבער איז מיר גרינג געװען בעקאַנט צו װערען מיט די גלופּסקער פײַנע בריות. זאָגען פלעג איך זאָגען, אַז איך טראַכט דאָ מאַכען עפּיס אַ געשעפט, אָבער אין אמת אַרײַן האָב איך גאָר אַרױסגעקוקט אויף מײַן אַרענדע, װאָרום חוץ דער אַרענדע האָב איך געטױגט אויף נײַן און נײַנציג כפּרות. מײַן גאַנצע כונה איז געװען צו נעהמען דאָרט דעם גרעסטען גביר אויף דער אַרענדע און מאַכען מיט איהם די קאָמעדיע, װי רב איסר אַמאָל מיט זײַן גביר

װי איהר װײסט דאָך, איז דער גלופּסקער גביר געװען אַ גרױסער פאָרנעהם אין דער גובערניע. זײַן כח איז געװען גאָר קײן קאַטאָװעס נױט. און װי גרױס, אַזױ פראָסט איז ער בײַ זיך געװען. ער האָט ליעב געהאַט זיך אָבצוגעבען מיט אלע נאַרישקײַטען, און צו װײַ־

סען אַלצדינג, וואָס פערלויפט זיך אין שטאָדט, וואָס קאָכט זיך ביי איטליכען אין טאָפּ. און דאָס איז דאָך פּאַר מיר געווען טאַקי אַזוי ווי אָנגעמאָסטען, אַזעלכע ווי ער האָב איך טאַקי ווי אין לעבען אַריין בעראַפט האָבען. מיט אַזאַ כח ווי ער, האָב איך געפיהלט, קען מען דרעהען רעדער, קעהרען וועלטען. נאָר ווי אַזוי אָבער קומט מען צו איהם? ווי אַזוי דערטאַפּט מען איהם אין די הענד אַריין? דערצו. האָב איך אַרויסגעזעהן, קען מען אַנדערש נישט קומען, סיידען צו ווערען אַ עכטער גלופּסקער תּושב, אַריינצודרעהען זיך ווי אַ איי־נגענער צווישען די גלופּסקער כּלי־קדש און ווערען מיט זיי פערקניפּט און פערבונדען. איך האָב אָנגעהויבען מכּח דעם שטאַרק צו טראַכטען.

דערוויל איז אַוועקגעגאַנגען אַ היבשע צייט און איך בין מיט דעם פלאַץ אַלץ וואָס וויטער מעהר בעקאַנט געוואָרען. שדכנים האָבען מיך נישט געלאָזט רוהען און אַרום מיר זיך געדרעהט, ווי די בינען. זיי איז געפעלען געווען, אַז איך בין אַ אַלמן. פון וואַנען זיי האָבען דאָס געוואוסט, ווייס איך אַליין נישט, פּאַר זיי איז, אַ פּנים, גענוג געווען דאָס אַליין, וואָס איך בין אַ מאַנסביל און זיץ אַ צייט אָהן אַ ווייב, מסתּמא בעדאַרף איך און וויל התחתּנה האָבען, אַנדערש האָט זיי זיך גאָר נישט געלייגט אין קאָפּ. דעריבער פלעגען זיי מיך בעפאַלען ווי די היישרעקען און מיר אָנשלאָגען שידוכים. איך פלעג זיי צוהערען תּמיד מיט אַ שמייכעל און ביי מיר טראַכטען, וואָס אַרט עס מיך, לאָזען זיי זיך רעדען, עס איז דאָך דערוויל גלאַט גוט, אַ פערגניגען צו שמועסען פון כּלות, צו פערברייננגען די צייט אין אַ שמועס איבער שענע מיידלעך, און דוקא מיט וועמען? מיט פרומע יודען, וואָס רעדען פון מיידלעך, שטעלען אַרויס זייער שענקייט, זייער פיינקייט, וואָס לויבען־אָב אין טאָג אַריין זייערע מעלות און לעקען פון זיי די פינגער מיט גרויס חשק און התלהבות... מהיכא־תּיתי, האָב איך געטראַכט, לאָזען יודען זיך רעדען, אפילו צוזעצטערהייט, וועמען קען עס אַרען?... די שדכנים האָבען דערוויל מיך צוטראָגען אויף טעלערלעך און מיט זייערע רעד מיך אַריינגעבראַכט אין אַ גוטען שם ביי דער גאַנצער שטאָדט: אַז איך בין שטאַרק רייך, אָנגעשטאָפּט מיט געלד, אַ יחסן, אַ קלוגער, אַ בּריה — אַ מענש, איך זינג גאָר מחיה, דערצו בין איך נאָך אַ דימענט, אָהן אַ גאַל, מיט אַ יודיש האַרץ און מיט גילדענע מעלות. גאַנץ גוט, האָב איך מיר געטראַכט, רעדט, רעדט, יודישע קינדער, נאַט

אייך א טרונק בראנפֿען און רעדט ווי נייט איהר קענט!...
איינער פֿון די שדכנים האט מיר צו לעצט אנגעשלאגען א שידוך, דוקא נישט קיין געלד, אבער מיט א גרויסען פֿיינע-בריה, מיט א בעריהמטען יחסן, איינער אין דער וועלט

דער גרויסער פֿיינע-בריה, מיט וועלכען מען האט מיר גערעדט, האט געהייסען מיט א פֿיערגארענדיגען נאמען: רב יוסף-מארקעל רב מאניש-לייבעלעס. ער איז געווען איינגעטונקט אין יחוס, געשטאמט פֿונ'ם פארצייטיגען גלופסקער רב'ם געזונד. כל ימיו האט ער קיין האנד אין קאלט וואסער נישט אריינגעטאן, נאר פֿון דעם יחוס זיינעם תמיד זעהר שען געלעבט און אויסגעגעבען קינדער. גאט האט איהם געלייטזעליגט מיט א סך דארע, שווארצע, מיאוסע מיידלעך, צו אלע מעלות נאך גרויסע שלימזלניצעס, נאר ער האט זיי אלע אויסגעבראכט, ווי מען זאגט, אויפ'ן לויט. גרויסע נגידים, ווי א שטייגער, אויפגעקומענע משרתים, פלוצלים רייך-געווארענע קליינע מענשעלעך, פלעגען פשוט אויסגעהן מיט רב יוסף-מארקעל רב מאניש-לייבעל'ם זיך משדך צו זיין און זיך איינקויפֿען דורכדעם אין יחוס. קוים האט זיינע א טאכטער דערלעבט אלט צו ווערען פֿערצעהן, פֿופֿצעהן יאהר, האט זיך שוין געפֿונען אויף איהר א בעלן, האט ער איז געשווינד פֿערלאפֿען אנדערע דעם וועג, אויסגעהאפט די טייערע מציאה פֿון זיינע הענד און נאך איהם געגעבען אין בייטעל אריין. דאס מיידעל, וועלכע מען האט מיר גערעדט, איז געווען נאך שווארצער, מיאוס'ער פֿון איהרע אלע איבעריגע שוועסטער, מיט א אויסגעווייקט פנים'ל, קליין, דאר, ווי גרוגרת דר' צדוק — א פֿיינ הייסט עס, ר' צדוק'ס א אויסגע-טריקענטע פֿייג!... אין פֿערגלייך מיט גאלדען האט זי א פנים געהאט ווי א מאלפֿע אקעגען א מענשען. דער שדכן אבער האט אין איהר קיין שום חסרון נישט געפֿונען, ביי איהם אין די אויגען האט זי געהאט דעם יודישען חן.

— מילא — האט ער געזאגט — מילא, אז זי איז אביסעל טונקעל, אדער וויים איך נאך וואס אזוינס, נו מילא, וואס מאכט עס אויס? ווער קוקט אויף אזעלכע נארישקייטען און ווער'מען בעדארפֿען אזעלכע קלייניגקייטען אנגעהן? מילא וואס מאכט עס א יודען אויס שווארצליך צי ווייסליך אביסעל? עט, אלץ איינס, כ'לעבען! דער עיקר איז דאך דער קרן אליין... אט אויף וואס מען

בעדאַרף קוקען. און אויב דער קרן, וואָס איך גיב אייך דאָ פּאָר, איז גוט — דאָס, דאַכט זיך, קען אַ בלינדער אפילו אויך אָנטאַפּען.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב געלאַכט פון דעם שדכן׳ס דאָזיגע ווערטער. פונדעסטוועגען האָב איך הנאה געהאַט איהם אויסצוהערען און דער שדוך איז מיר אַלץ וואָס ווייטער מעהר אין קאָפּ אַריין. עס האָט זיך מיר געעפענט די אויגען און איך האָב דערזעהן, אַז דער איינציגער וועג, אויף וועלכען איך קען קומען צו מיין אַרענדע און מאַכען אַ גליק, איז טאַקי נאָר דורך אַזאַ מין שידוך. רב יוסף-מאַרקעל רב מאָניש-לייבעל׳ס איז דאָך אַ כלי-קודש, אַ קאָהלעפּעל, אַ גבאי אין אַ סך חברות איז אַיינגעזעהן ביי דעם גביר, וואָס לעגט אויף איהם גרויס כבוד או האַלט זיך מיט איהם עצות מכח יודישע זאַכען, הייננט אַז איך זאָל ווערען זיינער אַ איידעם, וואָלט איך דאָך געוואָרען זעהר גרינג דעם גביר׳ס נשמה, ער וואָלט דאָך ביי מיר געטאַנצט גאָר אַ וואונדער. איך וואָלט געווען געהאַט שפע, אַריין אין די גרויסע אלפים און געלעבט גליקליך, נאָך אַ סך בעסער ווי איך האָב מיר אַ מאָל פאָר-געשטעלט! נאָר אַי, וואָס, דער קרן? זי איז דאָך מיאוס? נו, מילא, באמת טאַקי, וואָס מאַכט עס אויס! נו אַז גאָלדע איז אַ שענע, מילא וואָס-זשע קומט מיר פון איהר שענקייט אַרויס? אַלצדינג איז גוט מיט ברויט...

איך האָב מיך דערמאָנט אין גאָלדען, און געהאַט גרויסע צרות, וואָס זי הענגט מיר ווי אַ קאָלטען און איז אויסען אויף מיין נשמה. איך האָב זי אין האַרצען געשאָלטען און געטראַכט, ווי מען ווערט פון איהר פטור.

דער שדכן האָט דערוויל געטאָן זיינס, מיר אַלץ געפּיקט, געפּיקט דעם קאָפּ און געזאָגט, אַז באם איך וועל מיך נישט איילען, וועט אונ-טערשפּרינגען אַ אַנדער בעלן און וועט אויסחאַפּען אַזאַ גליק, אַזאַ כשר׳ע מציאה ביי מיר פון די הענד. עס וועט מיר דערנאָך משונה באַנג טאָן. איך האָב מיך געלאָזט אַיינרעדען און דער שדכן האָט ווי אַ בריה מיך פלוצלים צוזאַמענגעפיהרט מיט רב יוסף-מאַרקעל רב מאָניש לייבעל׳ס, פאַר וועלכען ער האָט אָנגעזאָגט אויף מיר הרים-וגבעות און אויסדערצעהלט שבחים, נאָך מעהר ווי אויף אַ יודענס מצבה. אַלץ גוט, אַלץ שען, נאָר דער עיקר, וואָס דער מחותן האָט געפאָדערט, אַז

געוועז, איך זאָל נישט האָבען פונ'ם ערשטען ווייב קיין קינדער. פרעמ־ דע קינדער אָנהעגנען זיין טאָכטער האָט ער נישט געוואָלט בשום אופן. איך האָב איהם פערזיכערט, אַז איך האָב נישט קיין קינדער, דער שדכן פון זיין זייט האָט איהם וועגען דעם געשוואָרען ביי זיינע הייליגע נאמנות, אי ביי זיין חלק עולם־הבא וכדומה נאָך אַזעלכע מיני שבועות... מיר האָבען למזל געמאַכט אַ תקיעת־כף און אָבגעלעגט די תנאים אויף אַ קורצע צייט שפּעטער. איך האָב מיך געשמאַק גענומען טראַכטען, צו געפינען עפּים אַ מיטעל, ווי איך זאָל דערווייל אין דער דאָזיגער צייט לויז ווערען פון גאָלדען — שאַ, שטיל, קיין האָהן זאָל נישט קרעהען.

כג.

קענען אַ דריי וואָכען נאָך דעם תקיעת־כף איז אין צבוע'טשיץ קוּוענד־צייט אריינגעפאָהרען אַ בויד און זיך אָבגעשטעלט נעבען גאָלדעס שטוב. אַ קאַלטע לופט האָט געוועהט און אַראָבגעבלאָזען פון אַ טייל ביימער די געלע בלעטלעך, וואָס האָבען ליגענדיג אויף דער ערד זיך שטילער־הייט געשושקעט צווישען זיך עפּיס זעהר אומעטיג און אָנגעמאַכט אויפ'ן האַרץ אַ מרה־שחורה. פון'ם בויד איז אַרויסגעקראָכען אַ מענש, וואָס איז פאַמעליך צוגעגאַנגען צו דער טיר און געבליבען דאָרט אַביסעל שטעהן מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי איהם וואָלט עפּיס פריקרע געווען אָנצוגעהמען ביי דער קליאַמקע. דער דאָזיגער פּאַרשוין איז געווען טאַקי איך מיט מיין כבוד אַליין.

ביים אַריינקומען אין שטוב האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ און איך בין געבליבען שטעהן נעבען דער טיר אָהן לשון. גאָלדע איז איינע אַליין געזעסען אויף דער ערד, אין אַ ווינקעל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, מיט דעם פּנים אַראָב, אויף אַ ביינקעל, גלייך ווי זי האָט גע־דרעמעלט און נישט בעמערקט ווי איך בין אַריינגעגאַנגען. אויפ'ן פענסטער האָט מיט אַ רויטען פלאַם געברענט אַ חלב'דיג ליכטעל, דערביי איז גע־שטאַנען אַ גלאָז וואַסער מיט אַ שטיקעל ליינווענט. איך האָב באַלד פערשטאַנען, וואָס דאָס אַלצדינג בעטייט, און אין מיר האָבען געקאָכט פער־שידענע געפיהלען. איך האָב מיך דערמאָנט אין מיין ערשטען אַריינקומען אַהער, ווי פרעהליך, ווי שען דאָ האָט דענסטמאָל אַלצדינג אויסגעזעהן; ווי שטאַרק צופרידען האָט דאָ אַ מאָל זיך געלעבט אַ אָרמע פאַמיליע! אַלע דאָ אין שטוב האָבען זיך ליעב געהאַט, האָבען געהאַט גוטע האָפנונגען אויף שפּעטער, און מיט דער האָפנונג געלעבט דערווייל זעהר גליקליך. פּלוצלים האָב איך מיך אַהער אַריינגעכאַפּט, ווי אַ קאַץ אין אַ נעסט פון גליקליכע, צופרידענע טויבען און האָב פון אימליכען גע־מאַכט אַ עק. מיכל איז ערגיץ פערוואָגעלט, נישט צו וויסען, וואו זיין

געבליבן איז הינגעקומען, די אַלטע מוטער און שיינדעלען האָב איך גע־טריבן אין דער ערד אַריין, און אַצונד וויל איך איינגאַנצען עקען מיט גאָלדען — פערחיסטען איהר אויף אייביג דאָס לעבען...

איך האָב געמאַן אַ טריט ווייטער. גאָלדע האָט ווי פון שלאָף זיך אויפגעחאַפּט און מיך אָנגעקוקט אַ רגע, עפּיס ווי צומישט. מיט איהר בלייך פּנים, אויף וועלכען ס'איז געלעגען אויסגעדריקט די גרויסע צרות, װאָס זי איז אויסגעשטאַנען, אי מיט איהרע רויטע פערשוואָלענע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט איהר פינסטער געמיטה, האָט זי אין מיר אויף אַ ווײַלע דערוועקט אַ מענשליך געפיהל פון רחמנות און איך האָב נישט־ווילענדיג אַ זאָג געטאָן: וואָס מאַכסט־דו, גאָלדע?

— אַ טײַערער גאַסט, כ'לעבען! — האָט גאָלדע מיט אַ טיפען, ביטערען זיפץ זיך אָנגערופען און אַוועקגעקעהרט דעם קאָפּ — נאָך אַזאַ לאַנגע צײַט שווייגען האָט ער זיך פאָרט דערמאָנט און איז געקומען מנחם־אבל זײַן דאָס ווײַב!... אָט וואָס איך מאַך, שבעה זיץ איך... אַך, שיינדעלע, שיינדעלע!...

— גאָלדע! — האָב איך אַ זאָג געטאָן, געמאַכט עפּיס מיט דער צונג און אַליין נישט געוואוסט, וואָס איך רעד. אַזוי צומישט בין איך געבליבען פון איהרע לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט עס געזאָגט אַזוי' פּרויעריג, אַז עס האָט געקענט ריהרען אפילו אַ שטיין.

— ווייסט און פינסטער איז מיר דאָס לעבען. איך וואָלט מיר' בעסער געוואונשען דעם טויט, ווען נישט ער... קום! — האָט גאָלדע, אויפשטעהענדיג פון דער ערד, געזאָגט שוין ווײַבער אַביסעל, מיך אַרײַנגעפיהרט אין אַלקיר אונטער די ווענטלעך און איז מיט מיר צו־געגאַנגען דאָרט צו אַ וויגעלע, וואָס אינוועניג איז געלעגען אַ שלאָפענדיג קינד, מיט בײַדע צוגעמאַכטע הענטלעך אויפ'ן מײַלכען און אַ זים שמײַ־כעלע איז איהם צײַטענווייז איבערגעפלויגען איבער דעם פּנים'ל — אָט, צוליב וועמען איך וויל לעבען! — זאָגט זי, אָנווייזענדיג מיר אויף דעם קינד און דאָס פּנים ווערט איהר דערבײַ לעבעדיגער, פרעהליכער.

דאָס קינד האָט פּלוצלים געעפענט די אייגלעך, זיך גענומען וויגען אַ פינגערל, געבעבעט און געמאַכט קינדערשע אָנשטעלען. די מאַמע האָט גאָר אָנגעקוואָלען און פאַרגעסען אין דער מינוט איהרע ביטערע צרות, גלײַך ווי זי אַליין איז געוואָרען אַ קינד

— קוק נאָר, זוהן — האָט זי אויף קינדעריש גערעדט צום קינד — קוק נאָר, ווער דאָ שטעהט: טיאַ־טיאַ! מיט ליעב דיר דיין גאַסט! אַט איז דיין טיאַ־טיאַ, טיאַ־טיאַ!...

עס האָט אין מיר פּלוצלים אָנגעהויבען צו זידען דאָס בלוט, איך האָב דאָך דעם מחותן געגעבען אַ וואָרט, אַז איך האָב נישט קיין קינד אין אַצונד זעה איך נאָר ליגט פאַר מיר דאָ אַ קדיש, וואָס טויג מיר כלל נישט צום עסק. דאָס געפיהל פון רחמנות איז מיר באַלד אויסגעלאָשען געוואָרען, איך בין געשטאַנען אָנגעלאָדען מיט אַ ברוגז'דיג פּנים און אָנגעקוקט בייז דאָס אומגליקליכע קינד, נעבעך, וואָס האָט אָנגעהויבען צו מאַכען פיסקעלעך און שטאַרק צושריגען זיך.

— שאַ, שאַ! — האָט גאָלדע צו איהם געמאַכט — שאַ, נאַרעלע, וואָס האָסט דו אַזוי מורא פאַר'ן טיאַ... פאַר דיין טיאַ־טיאַ? — און בשעת זי בויגט זיך אָן צום קינד, נעהם איך אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ געשריפטס און טהו עס געשווינד אַ וואָרף איהר אין די הענד אַריין מיט די ווערטער:

— אַט האָסט־דו דיר עס פון מיר אַ גט!.

גאָלדע בלייבט שרעקליך צומישט, גליך ווי מען וואָלט איהר געגעבען מיט אַ האַק איבער'ן קאָפּ, זי גלאָצט אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגען און קוקט, נישט צו רעדען אַ וואָרט.

— הער נאָר אויס, גאָלדע! — רוף איך מיך אָב צו איהר — ווי די מעשה איז, דו ביסט מעהר ניט מיין ווייב, מיר געהערען זיך שוין ביידע נישט מעהר אָן. נאָר אַז דו וועסט קיין נאַר נישט זיין, נישט מאַכען דערפון קיין רעש און האַלטען ביי זיך דאָס קינד, וועל איך דיך מסתמא נישט פערלאָזען און וועל דיר צייטענווייז צושיקען עפּיס געלד.

ביי די דאָזיגע רייד מיינע האָט גאָלדע אויסגעשאָסען עפּיס מיט אַ משונה ווילדען געלעכטער, אַזוי אַז איך האָב געמיינט, זי איז זיכער אַראָב פונ'ם זינען. דער דאָזיגער ווילדער מין געלעכטער איז איבערגעגאַנגען דערנאָך אין אַ ביטער געשריי.

— אַרויס — צושרייעט זי זיך אויף מיר, נעהמט אָן אַ שטאָלצע מינע — דו ביסט נישט ווערטה, רשע, אַ רגע צו בלייבען דאָ אין שטוב, וואו עס האָבען געלעבט אַ מאָל עהרליכע לייט, וואָס זעגען דורך דיר

געגאַנגען פון דער וועלט! זײ רוהיג, איך וועל אַזאַ פאַרשוין ווי דו נישט נאָכיאָגען. ס'איז מיר גאָר אַ חרפה צו זאָגען, ווען איך האָב געהאַט פאַר אַ מאַן. מעגסט דיר גאַנץ רוהיג חתונה האָבען! איך און מײַן קינד בעדאַרפען מיר דײַן הילף נישט האָבען! כל זמן איך לעב, וועל איך מיר, נישקשה, מיט מײַנע הענד כשר פערדינען אונזער בעדערפעניש. אַרויס פון דאַנען, זאָג איך דיר, און פאַרגעס גאָר, אַז דו האָסט ערגיץ אַ קינד. אַרויס, אַררויס!...

איך האָב געשווינד מיך אַרויסגעחאַפּט פונ'ם שטוב און בין באַלד מאַקי אין דער אײַנענער נאַכט אוועקגעפאָהרען.

כד.

דער שווער מײַנער רב יוסף־מאַרקעל רב מאַניש־לײבעל׳ס איז געווען אַ טײַער שליסעלע, וואָס האָט געעפנט פאַר מיר אַלע טירען פון די גרעסטע גלופסקער פײַנע־בריות און מיר ענטפלעקט אַ סך סודות פון דער גאַנצער כּנופיא שטאָדט־פיהרער. זײַן יחוס און זײַנע זכות־אָבות זענען מיר בײַגעשטאַנען, צו ווערען אַ שענער יוד, אַ גבאי אין חברות, אַרײַנצושטעקען די נאָז אין שטאָדט־זאַכען און צו נעהמען לסוף דעם גלוזסקער גביר אויף דער אַרענדע. אָט דענסטמאָל ערשט האָב איך אָנגעהויבען ווערען אין שטאָדט אַ גאַנצער טהוער. געמאַכט מיט דעם בער מײַ.עם די שפּיל כּדת איסר וואַרגער, און יודען האָבען געצאָהלט פאַר אַלע אָנשטעלען אין טאָג אַרײַן. איך האָב כּחוש מאַקי אַרויסגעזעהן איסר׳ס ווערטער, אַז „אַזאַ טײַער, אַזאַ גוט, אַזאַ גאָלדען און אַזאַ נאַריש פאָלק, ווי יודען זענען, איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ“...

מײַן ודוי וועט אײַך דאָ געבען צו פאַרשטעהן אַ מעשר מן המעשר פון מײַן דרך און פון מײַן אויפפיהרונג אין מײַן לעבען.

על חטא שחטאתי באיש־קטן — דאָס טײַטש: אַ קלײן מענשעלע. אַ כּפּרה, האָב איך געזאָגט, אַלע מלאכות אין דער וועלט. פון זיי קען מען אײביג נישט אויפקומען, מען בלײַבט דערנידעריגט, דערשלאָגען, תּמיד דערשראָקען, דאָס כּפּרה־היהנדעל. לאָזען אַנדערע אַרבײַטען, פון מײַנעטוועגען האָטש די כּפּרה ווערען, איך אָבער וויל לעבען, זײַן אַ לײַדיגגעהער און מאַקי גוט לעבען.

ועל חטא שחטאתי בארענדע — די אַרענדע מײַנע, זעהר אַ גרינגע אײַנבריינגענדיגע פּרנסה, האָט מיר פערשטאָפּט דאָס האַרץ. איך האָב נישט געגלויבט אין אמת, אין אָרענטליכקייט, אין רחמנות, אין פרײַנדשאַפט און אין אַלע אַנדערע גוטע מענשליכע געפיהלען. איך האָב נישט מעהר געוואוסט נאָר דאָס, וואָס מיר טויג, וואָס מיר נוצט און

געריסען ביי איטליכען, אי ביי אָרעמע, אי ביי אַלמנות און יתומים, ווי ווייט איך האָב נאָר געקענט. אַז אַ אָרעמאַן האָט פאַר מיר געוויינט, געגאָסען טייכען טרעהרען, האָט עס מיך נישט אָנגעהויבען צו ריהרען. וואָס טויג מיר טרעהרען, פלעג איך בשעת מעשה טראַכטען, גיב בעסער געלד! תן לי הרכוש והדמעות קח לך — דאָס הייסט אויף קליינ־מענשעלדיג לשון: „זשיד דאַוואַי גראָשי!“ אָדער; הונד, גיב געלד און מיט די טרעהרען וואַרג זיך אַליין!...

על חטא שחטאתי בבל תשחית — דאָס טייטש, מען טאָר ניט פערדאַרבען, און איך האָב יאָ פערדאָרבען. איך האָב גענומען אַ גביר, גאָטס אַ מין בעשעפעניש אויף צוויי פיס מיט אַ פּנים, אַ גע־שטאַלט ווי ביי אַ מענשען און געמאַכט פון איהם אַ בער.

ועל חטא שחטאתי בבהמה זו — וואָס איך האָב געזינדיגט מיט דער דאָזיגער בהמה. דער פּירוש דערפון איז אַזוי: אלע ביי אונז יודען קוקען, ווי דער שטייגער איז, דעם גביר אין מויל אַריין און ווילען איהם צוגאַמקען אין אַלצדינג, וואָס זיי טהוען. אין זייער גאַנצער אויפ־פיהרונג: אין זייער פרומקייט און אמונה־זאַכען, אין זייער מגדל זיין די קינדער, אין זייער לעבען ביי זיך אין דערהיים און אין מאַרק, זעהט זיך בעשיינפערליך אַרויס דעם גביר׳ס גוסט, זיין געשמאַק און זיין כאַראַקטער. די אַלע דאָזיגע הנהגות פון עפּיס אַ שטאָדט, גוטע צי שלעכטע, קלוגע צי נאַרישע, געוועגדט זיך זעהר פיעל טאַקי אין דעם, וואָס פאַר אַ מין מענש דער דאָרטיגער גביר איז. דעריבער, אַז איך האָב מיט מיין גביר, די בהמה, געמאַכט נאַרישע העויות, וואָס האָט אונז שטאַרק געפּאַסט צום עסק, זענען דורכדעם אַ סך טאַקי געוואָרען בהמות און האָבען, נעבעך, זיך מיאוס נאַריש געמאַכט. וואָס מעהר נאַרישער, איז אַלץ אויס־געקומען שענער, יודישליכער. אַ נאַר האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו גילטען, וועער שמועסט דערצו נאָך אַיין עם־הארץ, דער איז גאָר אַרויף אויף אַ הויכער מדרגה... איך, וועה איז מיר, פלעג קוקען און הנאה האָבען פון מיינע נאַראָנים. איך פלעג אויף זיי קוקען ווי דער אָקסענ־הענדלער אויף זיינע אָקסען און מיט אַ פרעהליך האַרץ אָבשאַצען דעם ריוח, וואָס מען קען פון זיי האָבען.

על חטא שחטאתי בגלוי־הוראות — דאָס הייסט ענטפּלע־קונג פון נייע מיני דינים. דיינים, מורי־הוראות, די האָב איך געהאַלטען אין מיינע הענד, זיי האָבען געמוזט טאָן אַלצדינג, וואָס איך האָב געהייסען,

אויפטאָן אַזוינע משונה׳דיגע דינים, פון וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, נישט געהערט. זיי האָבען גע׳אַסר׳ט אַזעלכס, וואָס מען האָט געמעגט, וואָס כשר — געמאַכט טריף, אַלץ נאָר אַזוי ווי מיר האָט געטויגט, ווייל זיי האָבען דאָך נישט געקענט מיט מיר אַיינרייסען, אויס מורא, איך זאָל זיי חלילה נישט ברעכען פון ברויט. גרויסע גאַלגאַנסקע היהנער, אַ שטייגער, האָבען די דיינים, נעבעך, זיי געמוזט אסר׳ן און אויסדרינגען, אַז זיי זענען גאָר מיני אָדלער, נאָר מהאי־טעמא, ווייל איך האָב אַזוי געהייסען, ווייל איך האָב געהאַלטען בלאַט מיט דעם בעל־טאַקסע, און איהם האָט דאָך נישט געטויגט, מענשען זאָלען זיך גלאַט עסען אַזעלכע גרויסע היהנער, אַזוי פיעל פלייש אָהן טאַקסע און וואָס פאַר זיי קומט־איין שחיטה־געלד, ווי פאַר קליינע היהנער

ועל חטא שחטאתי בדבור־פה — בראָנאָסען הייסט עס. איז איינעם נישט געפעלען געווען אַ מאָל מיינע הנהגות אין דער שטאָדט, ער האָט נישט געקענט צוזעהן דעם שרעקליכען שווינדעל, ווי מען פאַר־בלענדט דעם עולם די אויגען; ווי מען פאַרדרעהט איהם דעם קאָפּ; ווי מען פיהרט איהם ביי דער נאָז און מען פערפיהרט איהם ביז דעם האַלז אין מיאוסע בלאָטעס אַריין — אַזעלכען פלעג איך און מיינע לייט פער־זאָרגען מיט אַ שפרוך, מיט אַ „שיר־המעלה״, אַ דאָנאָסעל הייסט עס, וואָס מיר פלעגען שיקען אַהין, וואו מען בעדאַרף. און אויף אַזאַ אופן האָבען מיר אַ סך מיילער פערשטאָפּט.

על חטא שחטאתי בהוקעס־פוקעס — איך פלעג מאַכען מיט דער רייף, צאַפּען פון דער וואַנד געלד, מאַכען פון שניי גאָמעל־קעס, אַריין יענעם אין דער גרגרת, שטעהן פון דער וויטענס און דער־לאַנגען אַ בּיס, מאַכען פון שוואַרץ וויס, רעדען מיט אַ מענשען און פון דער העלער הויט אַרומשטעקען איהם מיט פעדערען, האַפּען פיש פאַר די נעץ און מאַכען פונ׳ם מויל אַ חאָליעווע, וכדומה נאָך אַזעלכע פאָקוסען, וואָס אפילו פּיענעטע, דער בעריהמטער פאָקוסניק, איז נישט ביכולת געווען זיי צו מאַכען.

ועל חטא שחטאתי בוויבאָרעס — יענע מעלות, וועלכע מען בעדאַרף האָבען אין מענשען אויף אויסצוקלייבען זיי צו עפּיס אַ התמנות, ווי אַ שטייגער: עהרליכקייט, פערשטאַנד, אַ קאָפּ, אַ מויל און אַ פּען וכדומה — אָט די דאָזיגע אַלע מעלות, מיט וועלכע מען קען אַ פּנים האָבען פאַר דער וועלט און פיעל נוצען ברענגען דער שטאָדט,

זענען פאר מיר און פאר מיין כנופיה געווען גאר חסרונות. איך האב בעדארפט דוקא אזעלכע, וואס האבען נישט קיין פנים פאר דער וועלט און קענען קיין נוצען נישט ברענגען דער שטאדט, ווארום דאס וואס האט געטויגט דער שטאדט, האט לחלוטין מיר נישט געטויגט. איך האב גאר בעדארפט האבען עפים א לאפענמיצעל, א לא־יוצלח, א לע־דערנעם דישעל, וואס איך זאל איהם ביגען וואוהין איך וויל, וואס פאר א גראשען זאל ער פערקויפען זיין נשמה, וואס ער זאל זיך שטארק מכניע זיין און חנפה'נען מיך מיט מיין גאנצען פעקעל. און וויל דער גלופסקער עולם איז דאך געווען תמיד שטארק פערנארישט, ווי א קליין קינד, און זיך געלאזט פיהרען ביי דער נאז, דעריבער האט ער תמיד בשעת וויבארעם אויף א גלאסנע, אדער אויף א רב וכדומה, אויס־געקליבען יענעם לאפענמיצל, יענעם טויגעניכטס, יענעם לעקיש, וועלבען איך האב געוואלט, און דורך וועלבען ער פלעגט דערנאך בעקומען בויכוועהטאג. וואס ווייסט דען א נאריש קינד צו בערעכענען, וואס שפעטער וועט זיין? ער איז זעהר גערן צו פאלגען אלצדינג, אבי מען גיט איהם א שמיר איבער די ליפעלעך מיט אביסעל וויין, מען רוקט איהם אריין אין הענטעל א לעקעכעל און מען פערשטאפט איהם דאס מויל מיט א קנישיקעל... אי דערנאך וועט איהם דערפון גרימען אין בייכעל און עס וועט איהם באקום ארויספאלען, נו מילא, וועט איהם מאקי וועה טאן. דעם עולם, דעם נארישען קינד מיינעם, פלעגט דאס קנישיקעל נישט בעקומען, ער פלעגט עס שפעטער מאקי אויסקרייענקען און איז דורכדעם שטארק, נעבעך, פונ'ם פנים אראב.

על חטא שחטאתי בחברות — צדקה־חברות האב איך זעהר ליעב געהאט פאר דעם גרויסען נוצען, וואס מען האט פון זיי... מתעסקים בעקומען דאך א נאמען: בעלי־רחמים'ס, כלי־קדש, און צו דעם דאזיגען טיטעל פאלט זיי נאך שטילערהייט אויך צו א אפטער, זעהר א היבשער, א שענער גראשען. מיין שווער האט דערגרייכט דעם טיטעל „דייסטוויטעלני מאיני גבאי", דאס הייסט א גבאי, וואס חברה'ש געלד איז ביי איהם אין די הענד בסוד־סודות און קיינער חוץ איהם ווייסט נים, וואוהין דאס געלט קומט אהין... איך בין אויך אריינגע־טרעטען אין א סך חברות און זיך דערדינט צום טיטעל נאמן, דאס הייסט איינער פון יענע מיני מתעסקים, וואס מען גלויבט זיי אויף נאמנות: אלצדינג וואס זיי טהוען איז געטאן און זענען נישט מחויב

קיינעם רעכענונגען אָבצוגעבען... מיר האָבען אַלע, איטליכער אויף זיין שטייגער, געמאַכט חאַפּ=לאַפּ און אַלצדינג אא געבליבען „חאַטע פּאָקרישקע״...

על חטא שחטאתי בטאַקסע — די טאַקסע פון פלייש אָדער דאָס קעטטעלע איז דאָס פּער'עיפוש'טע, אומריינע אָרט, וואָס דאָרט האַלטען זיך וואַנצען, ווערעם און נאָך אַזעלכע מיני שרצים; זי גיט ביי אונז אַרויס יענע מיני מענשעלעך, יענע מיני שלעק, וואָס עסען=אָב דעם קאָפּ און טהוען=אָן גרויסע צרות; זי איז אַ אָנשיקעניש, אַ פּלאָג, וואָס לאָזט זיך פיהלען אין יודישע אינטערעסען און האָט אַ חלק אין אַלע צרות. דורך דער טאַקסע זענען יודען קראַנק, דאַר, אויסגעמאָגערט און ליידען ביטערע שלאַפקייטען, וואָס געהען איבער בירושה פון דור צו דור. דורך דער טאַקסע געפינט מען זיך ביי אונז תמיד אַ אויסרעד, ווי צו בערייסע דעם עולם. איטליכער גראָשען טאַקסע=געלד ציהט ווי אַ מאַגנעט צו זיך צו נאָך אַ סך יודישע גראָשענס, עס לעגט זיך אַלץ צו, עס ווערט אַלץ געהעכערט, געהעכערט אַ גראָשען אויף אַ גראָשען, ביז עס ווערט פון זיי אַ היבש בערגעל. דורך דער טאַקסע שפּרינגען חאָפּ=טעסוויז אַרויס און האָבען ביי אונז אַ קיום יענע מיני נפשות, וואָס פערשווינדלען דעם עולם מיט אַלערליי נאַרישקייטען און נאַרען איהם אויס. עס שפּרינגען דורך איהר אַרויס און האָבען דורך איהר זייער גאַנצע יניקה די אַלע גאָטס=סטראַפּטשעס, קאָכלעפעל, באַסאַקעס און אַלערליי מיני בעלי=טובות, וואָס נעהמען צו פשוט דאָס חיות מיט זייער גוטסקייט און פרומקייט. קורץ, דורך דער טאַקסע בעקומען אַ סך מענשעלעך ביי אונז כח, די שליטה, צו טאָן אַלצדינג, וואָס זיי טויג און וואָס זיי ווילען. איך אַליין, וועה איז מיר, בין דאָך געוועזען איינער פון יענע מענשעלעך. איך אַליין פלעג דאָך אויך זויגען פון דער טאַקסע און געהאַלטען פאַר איהר תמיד שטאָל און אייזען, ווייל איך האָב געוואוסט דעם סוד, אַז כל=זמן ביי יודען וועט זיין די טאַקסע וועלען זיי בלייבען אין גלות ביי אַזעלכע מענשלעך, ווי איך מיט מיין גאַנצער כנופיא, מען וועט זיי קענען האַלטען אין דער מורא ווי קליינע קינדער, אַרויספיהרען זיי אויף נאַרישקייטען, און טאָן מיט זיי אַלצדינג, וואָס מען וויל. איך האָב געהאַלטען פאַר דער טאַקסע און די טאַקסע האָט מיך געהאַלטען אויף די פיס. איך האָב געגעסען אומזיסט דאָס שענסטע, דאָס בעסטע פלייש, און די אָרעמע לייט האָבען געצאַהלט טייער און געגריזעט ביינער. ווען די אָרעמע לייט, זענען

געווען די שאָף און איך דער וואָלף, איך האָב געביסען, געוואָרגען און גענוג יודיש בלוט אין מיין לעבען אויסגעזויגען...

על חטא שחטאתי ביראת שמים — אַלע פאַלשקייטען מיינע האָב איך אַריינגעלעגט אין דער יראה. עס פלעגט עפּיס אויסקומען, אַז אַלצדינג, וואָס איך טהו, איז נור לשם-שמים, איך נעהם מיך אָן גאָט׳ס קריוודע, און וויל פערהיטען זיינע יודען, זיי זאָלען בלייבען טאַקי דאָס, וואָס זיי זענען. און וויל פאַר מיר מיט מיין כּניפיאָ איז גלייכער געווען, אַז יודען זאָלען בלייבען נאַראָנים, דערשלאָגענע מענשען, דעריבער קענט איהר דאָך שוין פאַרשטעהן, ווי מיר האָט ניט געשמעקט יענע קלוגע זאַכען, וואָס וואָלטען זיי געקענט עפענען די אויגען; ווי שטאַרק איך האָב, כּלומר׳שט פון גאָט׳ס וועגען, מיך נאַריש געמאַכט און זיך אָבגעגעבען מיט אַלע קרעפטען, די מינדסטע נאַרישקייטען צו דערהאַלטען; ווי וויית פאַלש איך בין געווען און וואָס פאַר אַ מין טעם מיין יראת-שמים האָט געהאַט. איז אַ מאָל אָנגעקומען עפּיס אַ גוטע זאַך אויף יודען, האָב איך עס גערופען אַ גזרה און אַיינגעווענדעט אַלע מיטלען אינאיינעם מיט מיינע לייט, די דאָזיגע גזרה מבטל צו זיין. יודישע קינדער, אַ שטייגער, זאָלען זיך לערנען שרייבען, רעכענען, בּכדי צו פערדינען דערנאָך זייער ברויט בּכבוד, דאָס האָט בּיי אונז געהייסען אַ גזרה. יודען זאָלען געהן שען און נישט זיין מעהר בּזוי ומבוזה מיט יענע מאוס׳ע קליידער וועלכע זייערע שונאים האָבען פאַרצייטענס זיי געצוואונגען זיך אָנטאָן, האָט ווייטער געהייסען אַ גזרה. תּאָמר איז דאָ אַ סברה, אַז די טאַקסע זאָל בּטל ווערען, האָט אויך געהייסען אַ גזרה... דערווייל האָבען מיר צו די גזרות נישט דערלעגט, פאַרקעהרט, פיעל האָבען דערפון געמאַכט אַ פּרנסה אַיין לעבען זיך דאָרט ערגיץ... גאַנץ שען נאָך בּיז אַצינד. מיר, פושע-ישראל, מיר אַ שטייגער, איז פון לאַפּענמיצלעך און יאַרמולקעס, נישקשה גענוג געלד אין קעשענע אַראָבגעפאַלען.

ועל חטא שחטאתי בּכנופיה ובכל-ולך, בּלשון הרע, בּמאַניפאַרגעס ובמסירות, בּנצחנות, בּסוף-שהור ובסוד-סודות, בּעזות, בּפאַקטרעווען, בּצביעות ובציגיינעריש; בּקאָמעדיעס, בּקהל-שטיבעל ובקאַנטאָרען, בּרכילות וברשעות; בּשטותים, בּשקרים, בּשתדלנות ובשווינדעל; בּתנועות ובתקיפות. דער פּרוש פון די דאָזיגע אַלע זאַכען ליגט פון אויבען-אויף, און איך פערשפּאָר עס אייד גאָר צו דערקלערען.

כה.

אויבען האָב איך געזאָגט, אַז בטבע בין איך נישט געווען קיין נאַר, קיין שוטה, איך בין נאָר געווען אַ דערשלאָגענער, אַ פערוואָגעלטער, אַזוי מוז איך אַצינד בעמערקען, אַז כפי עס זעהט אויס, בין איך, אַ פּנים, פון דער נאַטור אויך נישט געווען אַזוי גראָב, שלעכט, נישט מעהר איך בין געווען פערפיהרט. די גרויסע צרות, וואָס איך בין אַמאָל אויסגעשטאַנען פון דער וועלט, און אויך איסר׳ס תורות האָבען מיר פערשטאַרקט דאָס האַרץ און מיך געמאַכט שלעכט. נאָכ׳ן אָבטאָן אַ שרעקליכע מעשה רע פלעגט אין מיר אַ מאָל דורכלויפען עפּיס נישט קיין אַנגענעהמעם געפיהל, וואָס פלעגט מיך אויף אַ רגע אַ שטאָך טאָן ווי אַ שפּילקע, אָבער נאָר אויף אַ רגע און באַלד טאַקי אויפהערען. אָט האָט איהר, אַ שטייגער, גוטמאַנען! אַזאַ בראַווער אָרענטליכער מאַן מיט אַ גוט האַרץ ווי גוטמאַן, וואָס האָט מיך אַזוי פריינדליך בעהאַנדעלט, איהם, הערט אַ מעשה, איהם און אַלע אַנדערע זיין גלייכען, האָב איך געוויכט ווי אַ עיפּוש! איז מיר צו די הענד געקומען אַזעלכע ווי ער מיט ביכלעך, האָב איך איהם אָבגעטאָן שפּיצלעך ווי דעם ערגסטען שונא. ס׳איז פון מיין זייט געווען טאַקי אַ מעשה רע, איך האָב עס אַ מאָל אויך טאַקי געפיהלט, נאָר פיינט האָבען אַזעלכע האָב איך געמוזט, אַנדערש האָב איך נישט געקענט.

„יענע לייט, וואָס מאַכען ביכלעך, אַ, נישט געדאַכט ווערען זאָלען זיי! האַסען זאָל מען זיי, היטען זיך ווי פאַר פייער זאָל מען פאַר זיי! אַריינצוקריכען יענעם אין דער גרגרת זענען זיי אויסען, אָנצוטאָן צרות מיט זייערע בעשרייבעכטסען און שטעכווערטלעך. אַלץ אגיל ואשטה — קיילעכדיג און שפּיצעכדיג איז ביי זיי. אַ נס, וואָס דער עזעל האָט קיין הערנער נישט, וואָס אַזעלכע אָנשיקעניש האָבען נישט קיין געלד, קיין גראָשען ביי דער נשמה, און זענען, געלויבט דער אויבערשטער, קבצנים, גרויסע דלפנים. זיי בעדאַרפען פאָרט אָנקומען צו אונזער גראָשען, זיסט.

חאַלט געוועזן שלעכט! די איינציגע רפואה אַקעגען די וואַנצען, זיי זאָ־לען נישט אַזוי בייסען, איז ה׳ גראָשען — פערשטאָפּען זיי דאָס מויל און אגב טאַקי אונטען־אַרום זיי בעגראָבען״, — אַזוי האָט געזאָגט איסר וואָרגער!

און איסר׳ס אַ וואָרט איז ביי מיר געווען אַ תורה!

נאָר דאָס אַלצדינג איז גערעדט געווען פריהער, אַז דער יצר־הרע פון געלד איז ביי מיר געווען זעהר שטאַרק, איך האָב ווי אַ גאָמקע אַלץ געזאָפּט־געזאָפּט, און די מורא פאַר׳ן אָרימקייט מיט אַלע זיינע צרות און לייד איז מיר שטענדיג געשטאַנען פאַר די אויגען, וואָס־זשע פאַר אַ אָרט האָט געקענט ביי מיר אין האַרצען פאַרנעהמען אַ גוט גע־פיהל? העכסטענס איז עס ווי אַ בליץ דורכגעלאָפען און באַלד פער־שוואונדען געוואָרען. שפּעטער אָבער, אַז איך האָב מיך איבערגענוג אָנ־געזאָפּט, שוין געהאַפּט די זעט, די מורא פאַר׳ן אָרימקייט איז שוין אַוועק אין דער זייט, דער יצר־הרע איז געוואָרען שוואַכער, — דענסט־מאָל האָט זיך אין מיר געריהרט דער פערשלאָפענער יצר־טוב, איז אַרויס פון אַ פערבאָרגענעם ווינקעל טיעף אין מיין האַרץ מיט אַ שטיקעל מוסר, פריהער געלאַסען, שטיל, געצעהלטע ווערטער, און וואָס ווייטער־ווייַ־טער האָט ער זיך צורעדט אויפהויבענדיג דאָס קול, אַלץ העכער און העכער, בייזער און בייזער. אומשטענדען אַזוינע, נישט קיין גוטע, מיט וועלכע איך בין אין די לעצטע יאָהרען געפּריווט געוואָרען, זענען געווען ווי בוימעל אויפ׳ן פייער פון גיהנם, וואָס האָט געברענט אין מיר.

דאָס ווייב, זאָגט מען, איז דאָס הויז. ווי דאָס ווייב, הייסט עס, אַזאַ פּנים האָט דאָס הויז. און ווי איך האָב אַרויסגעזעהען, איז דאָס טאַ־קי אמת. מילא פון מיין ווייב וויל איך דאָ ניט רעדען. איך בין איהר מוחל... די רעדע איז דאָ פון מיין הויז. מיין הויז, זאָג איך, האָט קיין פּנים ניט געהאַט, איז געווען פערלאָזט, דאַכט זיך, נגידי׳ש מעבעל, צאַצקעלעך, צירונג; נאָר דאָס אַלצדינג אומריין, שמוציג, מיאוס דערויף צוקוקען, אַ פּנים ווי אַ שוואַרץ־יאָהר. עס האָט דאָרט געהערשט אַ מרה־שחורה, געשמעקט מיט חורבה, אינגאַנצען נישט ווי אַ הויז בעדאַרף זיין. אין די יונגע יאָהרען, אַז איך בין געווען מיט לייב און לעבען אַריינ־געטאָן אין דעם קערבעל, תמיד הו־האַ, פלעג איך מיך נישט־וויסענדיג מאַ־כען — מילא, עט, גאָרנישט! און אַז מיר האָט זיך געוואָלט אַ מאָל

אביסעל לעבען, אנטאן זיך תענוג, פלעג איך עס זוכען אין דער פרעמד. אויף דער עלטער אבער, אז עס ווילט זיך האבען רוה, זיצען א מאל צווישען היימישע, ביי זיך אין שטוב, האב איך שטארק געפיהלט די עלענדקייט, דאס אומגליק מיינס, אז איך האב נישט קיין היים און דאס האט געפיהרט דערצו, אז מיר איז נישט ניחא געווארען דאס לעבען. בעטראכטענדיג מיינע אלע מעשים ארום און ארום, האב איך שטארק בעדויערט, אלץ געזאגט: רבונו-של-עולם, אי, האב איך געזינדיגט! און אלץ מיך געפרעגט: צו וואס, געוואלד, האט עס מיר געטויגט, אט די גאנצע מיה, די אלע זאכען מיינע? צו-וואס די רייכקייט, פאר וועמען?... צוויי קינדער מיינע, שוואכע, קרענקליכע, זענען מיר אויך נישט לאנג געשטארבען, דאס האט מיר געבראכען דאס הארץ. און דערשלאגען ווי פון א דונער האב איך מיט א ביטער געמיטה אלץ געפרעגט דאס אייגענע מאקי: צו וואס איז די רייכקייט, אז איך בין אזוי עלענד, אז איך האב נישט קיין דאס... קיין הויז, קיין היים מיין איך? אי רבונו-של עולם, איך האב אזוי פיעל געזינדיגט — געוואלד, צוליעב וועמען?!

אט דענסטמאל פלעגט מיר אלץ זיך פארשטעלען דער גוטער און שטילער גוטמאן. ווי פריינדליך, ווי צופעלאזט ער איז צו אלע מענשען געווען. ער איז געווען, נעבעך, א ארימאן, נאר ווי געלויכטען, געפינקעלט האט אין איטליכם ווינקעלע ביי איהם אין שטוב! וויפיעל פערגניגען האט ער געקליבען פון זיין שענער טייערער וויב, א גילדענע בעל-הבית'טע, און פון זיינע גוטע, געלערענטע קינדער, וואס האבען איהם הערצליך געשעצט און געליבט! ער האט געליטען דחקות. פונדעסטוועגען ווי לוסטיג און צופרידען ער איז תמיד געווען...

א מאל, געדענק איך, האט זיין וויב, נעבעך, זעהר געוויינט ס'איז שוין געווען נאהענט צו פסח, איינגאנצען עטליכע טעג, און דא איז נאך נישט געווען אין שטוב קיין סימן אויף יום-טוב. ער האט מיך ארומגעשיקט א גאנצען טאג מיט ביכלעך, נאר קיינער האט זיי אין די הענד אפילו נישט געוואלט נעהמען. איטליכער, צו וועמען איך האב אבגעטראגען קוויטלעך, האט שטארק פאדדרעהט די נאז און מיר נישט געענטפערט קיין גוט ווארט. די מאדאם!, די גוטע טייערע מאדאם, זיין געטריי וויב, וואס האט איהם שטארק ליעב געהאט, האט נעבעך געוויינט און איז געווען זעהר פערזאמערט.

— אך — האט גוטמאן זיך אנגערופען און זי געטרייסט — זיי...

כ׳לעבען, נישט, נשמה מיינע, מיט דיינע טרערען! אונז איז נאָך בע־סער ווי אַנדערע רייכע דורך שווינדעל, וואָס מאַכען יום-טוב פון נישט־כשר פערדינטע געלד. מיר האָבען חלילה ביי קיינעם נישט צוגענומען, קיינעם קיין שלעכטעס נישט געטאָן. מיר ליידען?... נאָר פאַר דעם אמת צו ליידען איז פיעל בעסער און שענער ווי פון דעם שקר גליקליך צו זיין. זאָרג נישט, מיין לעבען, זאָרג, כ׳לעבען, נישט! גאָט האָט גע־האָלפען, גאָט וועט ווייטער העלפען. אַ ברירה וועט ער דען האָבען? מסתמא וועט ער דאָך מוזען ווי ס׳איז עפּיס אַרויסהעלפען. וואָס ניצט מיר באמת צוויי רעק מיט אַ פעלץ? טראָגען טראָגט מען דאָך נאָר איין ראָק, נישט קיין צוויי, און דער פעלץ איז, כ׳לעבען, אויך איבעריג, עס געהט דאָך צו זומער, ליגענדיג אין קאַסטען קען איהם נאָך גאָר דער מאָיל אויפעסען. אָט, כ׳לעבען, אַבראַם, פויל זיך נישט, נעהם טאַקי באַלד דעם פעלץ מיט מיין ראָק און גאָה פערזעץ זיי, טהו מיט זיי וואָס דו ווילסט, וועלען מיר האָבען מצה אויף פסח, כרפס און מרור מיט אַלע זיבען זאַכען.

די דאָזיגע סצענע האָט מיר תמיד זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיינע אויגען. איך האָב געזעהן, אַז גוטמאַן איז גליקליך געווען אָהן געלד. איז דאָך, אַ פנים, געדרונגען, אַז דאָס גליק בעשטעהט נישט אין געלד, נאָר אין עפּיס אַנדערש — אַז נאָר עהרליכע לייט זענען גליקליך און צו־פרידען. דערביי איז מיר נאָך אַרוף אויף דעם זינען, וואָס ער האָט אַ מאָל געזאָגט יאַקאָבזאָהנ׳ען: „ליידען הייסט חנפה׳נען, צבוע׳טשען. דער חונף, דער צבוע׳ק מוז תמיד זאָ זיך פירכטען, תמיד זיך היטען אַזוי ווי דער גנב״. איצט ערשט האָב איך אָנגעהויבען בעשיינפערליך אַרויסצוזעהן, ווי אמת, ווי ריכטיג זיינע ווערטער זענען. גוטמאַן האָט נאָר מיט דעם שכל זיינעם פערשטאַנען, אַז דעם חונף, דעם צבוע׳ק איז אַזוי שלעכט ווי דעם גנב, וואָרום זיי אַלע מוזען שטענדיג מורא האָבען, זיך היטען, מען זאָל זיי נישט דערטאַפּען, מען זאָל נישט דערגעהן זיי־ערע מיאוס׳ע זאַכען — און צו זיין שטענדיג אין דער מורא, צו בעדאַר־פען שטענדיג זיך בעהאַלטען, איז עפּיס נישט אַזאַ געשמאַקע זאַך. איך אָבער האָב דאָס אייגענע טאַקי געפיהלט ביי מיר אין האַרץ, געפיהלט, אַז אַ פאַלשען מענשען איז עפּיס גלאַט שלעכט גאָר אָהן אַלע טעמים. עפּיס מאַטשעט עס איהם, עפּיס ליגט איהם ווי אַ שטיין אויף דעם האַר־צען, עפּיס קאָכט אין איהם דאָס בלוט, דער קאָפּ ווערט איהר שיער נישט צוזעצט, עס ברענט אין איהם אַ גיהנם, אַ העליש פייער, עפּיס

איז איהם ענג די וועלט און ער ווייסט נישט, זיך וואוהין צוטאָן. ער וואָלט געשפּרונגען אויס דער הויט און גערן געוועזן פון זיך אַליין צו אַנט־לויפען ערגיץ, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, העט־ווייט־ווייט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר

איך פלעג אויך האָבען בייזע, ביטערע חלומות. עס פלעגט מיר זיך אויסדאַכטען, אַז איך האַלט אַ חלף און קוילע. איך פלעג הערען קרעכצען, זיפצען, חאָרחלען, גוסס'ען און מיינע פאַלעם זענען געווען פערשלומפּערט אין בלוט. מיכל, דער גוטער, דער שטילער מיכל, פלעגט מיר אָפט זיך דרעהען פאַר די אויגען, טויט בלאַס ווי די וואַנד. ער פלעגט אויף מיר קוקען זעהר בעטריבט, מיר ווייזען אויף די קייטען, אין וועלכע ער איז געווען געפּענטעט, און מיט אַ טרויעריגע פּנים מיך אַלץ פרעגען: גוואַלד, יצחק־אברהם, וואָס האָב איך דיר געטאָן?...

די אַלטע אין שיינדעלע פלעגען אויסוואַקסען, ווי פון אונטער דער ערד, ביידע פלעגען הוסטען, זיך פערקייכען; ביידע פלעגען זיך איינ־עסען אין מיר מיט רויטע ברענענדיגע אויגען און שרייען: אָט איז אונ־זער מלאך־המות! אָט איז ער, דער רוצח, דער קוילער! פּלוצלים פלעגט פון זיי ווערען אַ הויפען ביינער, פון די ביינער פלעגען אַרויס־קריכען ווערים און גיפטיגע שלאַנגען, זיך לאָזען צו מיר מיט אָפענע מיילער און מיך בייסען, שטעכען, ווי מיט שפּילקעס...
מעהר פון אַלע פלעגט מיך קריינקען גאָלדע. זי פלעגט מיר זיך

אויסדאַכטען, ווי זי זיצט דערשלאָגען, פערוויסט, פאַראומערט מיט עפּיס אַ שטיקעל אַרבייט אין די הענד. זי נעהמט און צושטעכט זיך די פינ־גער, נאָר זי פיהלט אָבער נישט, גיט זיך אפילו נישט קיין קרים, זי נעהמט אַלץ ווייטער, ווי אַ מאַשינע, און שאָקעלט, וויגט מיט'ן פוס אַ שווערע סקריפּענדיגע וויג, צוזינגענדיג דערביי „אַליו־ליו־ליו־ליוניו“! אויף אַ משונה אומעטיג קול. די וויג אָבער איז לעדיג, קיינער איז אין איהר נישטאָ. גאָלדע! שריי איך, וואו איז ער? וואו איז דאָס קינד? גאָלדע וויגט און זינגט הייבט נישט צו רעדען מיט מיר קיין וואָרט:

אַ ליו־ליוליו בּידנע קינד,
וועה איז דער מאַמע, וועה און ווינד!

אינווענינג און וויגע,
ליגט אַ קלאָר ווייס ציגעלע
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ניט=ושע שריי, ניט=ושע וויין,
ביסט דאָך עלענד ווי אַ שטיין —
ציגעלע מע! ציגעלע מע!

ווייסט און פינסטער איז דיין וועלט,
לייד=ושע שטיל הונגער און קעלט—
ציגעלע מע! צינעלע מע

דאָרט אין דרויסען, הער נאָר, הער,
וואַיעט אַ וואָלף, ברומט אַ בער —
ציגעלע מע! ציגעלע מע

לעדיג, לעדיג איז דאָס וויגעלע,
אוי, נישטאָ מיין קלאָר ווייס ציגעלע!
אַ ליו=ליו=ליו בידנע קינד —
וועה איז דער מאַמע, וועה און ווינד!

ביי די דאָזיגע ווערטער שטעהט גאָלדע אויף, בלוטיגע טרעהרען טריפען איהר פון די אויגען, זי שטרעקט אויס די הענד אין אַלע זייטען און שרייט אויף אַ ווילד קול: אוי, נישטאָ מיין קלאָר ווייס ציגעלע! איך לויף אַרויס פונ׳ם שטוב שטאַרק צוקאָכט, עס דאַכט זיך מיר וועלף, בערען!... וועלף, בערען קנאַקען מיט די צייהן יונגע ביינדעלעך — און עס לאָזען זיך הערען פון דער ווייטענס ביטערע קולות פון אַ בידנע אומ־גליקליך ציגעלע..

כו.

דאָגה בלב⸗איש, איז אַ מענשענס האַרץ פול מיט צרות — זאָגט דער פסוק — ישחנה, זאָל ער אַרויסדערצעהלען. טראָגען אין זיך צרות, נישט אַרויסזאָגען זיי, איז אַ וועהטאָג, וואָס נישט צו דערהאַלטען, אַ קעסעל פון אַייזען, אַ קאָכענדיגס, קען צעזעצט ווערען, אויב די צונויפשטיקענדיגע פּאַרע אין איהם געפינט נישט קיין אָרט אויף אַרויס⸗צוגעהן. בײַ מיר אין האַרץ האָט געקאָכט שטאַרקער ווי אַ קעסעל — עס האָט דאָרט געברענט אַ גיהנם!... אַלטע חשבונות פון מײַנע זינדיגע מעשים, ביטערע געפיהלען און שרעקליכע פינסטערע חלומות אַלע אינ⸗איינעם, ווי געדיכטע פלאַמענדיגע זײַלען פון פייערשפּייענדיגע בערג, האָבען אין מיר זיך געריסען, גאָר אומצוקומען. פיעל בעסער פאַר דעם זינדיגען מענשען זײַן אין גיהנם, ווי דער גיהנם זאָל זײַן אין איהם.

דענסטמאָל ערשט האָב איך אַרויסגעזעהען, אַז דער מענש טראָגט גיהנם און זײַן גן⸗עדן אין זיך. דער שופט זײַנער זיצט אויפ'ן גע⸗ט⸗שטול אינוועניג אין איהם. אוי, איך זאָל געוואָלט קענען אויסגיסען מײַן האַרץ, לינדערן אַביסעל מײַנע וועהטאָגען! איך האָב אָבער נישט געהאַט פאַר וועמען. גאָלד און זילבער האָב איך ערוואָרבען אויף דער וועלט אַ סך, אָבער גוטע פריינד — נישט איינעם.

פאַר אַ גרויסען חסד פונ'ם אויבערשטען האַלט איך עס, וואָס ער האָט מיר אײַנגעגעבען אין זינען אַרויסצוזאָגען זיך, ווען נישט דורך דעם מויל, זאָל עס זײַן דורך דער פען.

דער גאָט, וואָס האָט אָנגעוויזען אַ בוים, אויף זיס צומאַכען דער⸗מיט דאָס ביטערע וואַסער אין מרה, ער האָט עס מיר אָנגעוויזען אויף צו לינדערן מײַנע יסורים — די פען.

אין שווערע ביטערע מינוטען, ווען אויפ'ן האַרצען איז מיר געווען שטאַרק נישט גוט, פלעג איך אויפ'ן פּאַפּיר אויסגיסען מײַן ביטער גע⸗

כיטה, ווי איך האָב געקענט. פריהער איז עס מיר אָנגעקומען שווערליך, איך בין נישט געווען געוועהנט, דערנאָך האָט זיך עס געגאָסען עפּיס ווי פון זיך אַליין, גלייך ווי איך וואָלט איינעם אַ גוטען ברודער מיינעם דערצעהלט, איהם ענטפּלעקט מיין האַרץ. אין פערלויף פון דער צייט איז אויסגעוואַקסען פאַר מיר אַ גאַנצע לעבענס־בעשרייבונג — און, הערט אַ מעשה, ביים איבערלייענען עס פון׳ם אָנהויב ביז׳ן סוף איז מיר אַביסעל גרינגער געוואָרען אויפ׳ן האַרצען! די חטאים זענען מיר שוין נישט אויס־געקומען אַזעלכע שווערע, דאָס הייסט די חטאת־היחיד, מיינע זינד, זענען נישט אינגאַנצען מיינע אייגענע זינד, נאָר אויך חטאת הצבור, אין זיי האָבען אַ חלק — און אפשר נאָך דעם גרעסטען חלק — די געמיינדע, מיט איהרע שלעכטע איינפיהרונגען

אָט נעהמט די יודישע תלמוד־תורות!

מען נעהמט אָרימע קינדער, יתומים, נעבעך, און פערטרייבט זיי ערגיץ אין אַ חורבה, אַ שטאַל, משטיינס־געזאָגט, וואו זיי וואַלגערען זיך הונגעריגע, אָבגעריסענע אין מיסט, אין שמוץ, חאַפּען קלעפּ און שמיץ וויפיעל אין זיי געהט אַריין, און לערנען — לערנען זיי דאָרט נישט קיין וואָרט. מען מאַכט פון זיי לעדיגע, אומגליקליכע מענשען, טויגעניכטסען, נישט צו גאָט, נישט צו לייטען. — און נישט בעסער פון די ווילדע מלמדים זענען אויך, משטיינס־געזאָגט, די גבאים, וואָס טרייסלען פּוש־קעס, רייסען פון וואַנען זיי קענען, כלומר׳שט פון יודישע קינדער וועגען. איין וואָרט איז ביי זיי אַלץ: מאַכען די אָרמענקע פאַר יידען — און מאַכען זיי פאַר בהמות, אוים מענשען!..

אַ קליינינקייט עפּיס בין איך, איך עלענד יתום׳ל, אויסגעשטאַנען קינדווייז אין דער תלמוד־תורה! איך רעד שוין נישט דערפון, ווי מ׳ען האָט געפּייניגט מיין אויסגעדייוועדט שטיקעל לייב, דערויף בין איך דאָך געווען אָרעם, אַז איך זאָל ליידען הונגער, קעלט און קלעפּ, אָבער נעוואַלד, רבונו של עולם, וואָס האָט מען געהאַט צו מיין נשמה? מען האָט דאָך דערנידעריגט אין מיר די מענשליכע נשמה. נישט גענוג, וואָס מען האָט מיך נישט געלעהרענט צו קענען לעבען ווי אַמענש אויף דער וועלט, האָט מען געטוידט אין מיר דאָס געפיהל פון כבוד, פונ׳ם מענש־ליכען ווערטה דורך אַ גראָבער בענעהמונג מיט מיר — דורך זידלע־רייען, מיאוס׳ע, גראָבע ווערטער.

ט דאָס איז די תורה, דאָס יודישקייט, מיט וועלכע יודען בעלי־רחמים׳ס פערזאָרגען אָרעמע קינדער!

נאַט אַייך אויך בײַ אונז די מלאָכה, אַ שטייגער:

מלאכה, ווי ס׳איז בעקאַנט, איז מיאוס געפאַלען בײַ יודען. אויף אַזוי פיעל ווי אַ ליידיגגעהער, אַ קלויזניק, איז אַ שיינדעל, איז אַ בעל־מלאכה אַ פלעק אין דער משפחה. דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ שטיקעל בעל־הבית, ער מעג זיך חאָטש געשוועלען פאַר הונגער, וויל נישט די קינדער זיינע לערנען וועלכע ס׳איז מלאכה. דערויף זענען דאָ פערוואָהרלאָזטע יתומים, קינדער פון נידעריגען, גראָבען עולם. אָט אַזעלכע שטעלען זיך עס פאַר לערניונגלעך בײַ בעלי־מלאכות און חעמענס דאגה איז עס אַכטונג צוגעבען, ווי זײַ לערנען זיך און ווי מען בעגעהט זיך מיט זײַ דאָרט. די מלאכה הויבט זיך געוועהנטליך אָן מיט כל־עבודות פרך: פאַמייניצעס טראָגען, וואַסער אָנטראָגען, מיט דעם בעל־הבית׳ס, קינדערלעך זיך אַרומטראָגען, דער בעל־הבית׳טע ביים אַיינקויפען אַלצדינג צו־טראָגען, שטיקלעך אַרבייט אַהין־אַהער אָבטראָגען, מיט דער בעל־הבית׳ישקייט שטענדיג זיין פערטראָגען און איטליכענס קאַפּריז, קלעפּ און בעליידיגונג איבערצוטראָגען. אַ צוגאָב דערצו איז אָנהערען זיך צווישען פּועלים מיאוס׳ע נבול־פּה, מעשיות פון ליבעס אַזוינע און אַזוינע, וואָס תּאָמר איז נאָך אין דיר איבערגעבליבען אַ פונק מענשליכקייט, לעשען זײַ עס אויס אינגאַנצען. אָט דערמיט הויבט זיך אָן די מלאכה און אויסלאָזען לאָזט זי זיך אויס מיט גאָרנישט — מען איז אַ פּאַרטאַטש, אַבי־אָט, הייסט עס, מען אַרבייט.

שולדיג מאַכען אינגאַנצען די בעלי־מלאכות קען מען אויך נישט. זײַ אַליין זענען דאָך אויך אַזוי, נעבעך, פערשוואַרצט געוואָרען, האָבען, ווי איך און ווי טויזענדער אַנדערע אָרעמע קינדער, אויך אָנגעהויבען די אַרבייט פון טראָגען פאַמייניצעס וכדומה ווייטער און ווייטער אַזוינע זאַכען. אַצונד ערשט קלינגען מיר טרויעריג אין די אויערען דעם שוסטערילס לידעל, מיט וועלכען ער פלעגט מיר אויף שפּאַס צו־שפּילען בשעת אַרויסטראָגען בײַ איהם אַ פאַמייניצע: „תן כבוד לאיציניו! טראָג, טראָג איציק־אַברהמוניו! אין דיינע יאָהרען האָב איך גענוג פאַמייניצעס איבערגעטראָגען!"

רבונו של עולם, איך בין זינדיג, נאָר די זינד פאַלט נישט אויף מיר אינגאַנצען. איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיר געעפענט די אויגען!

דו האָסט מיר געעפענט די אויגען, רבונו של עולם, נישט אומ־זיסט. איך וויל טאָן אַזוינס צו פערהיטען דערמיט אַנדערע פון בייז און צו גליך ווייזען יודען אַ וועג, צו פעררעכטען זייערע פעהלער, וואָס זיי זענען בעגאַנגען ביז אַ הער אַקעגען אָרמע־קע קינדערלעך, נעבעך.

לויט דער צוואה מיינער, פון וועלכער איך שיק אייך דאָ אַריין, רבי, אַ קאָפּיע, לאָז איך איבער דאָס גרויסע הויז מיינס אויף צומאַכען דאָרט פאַר אָרעמע קינדער אַ תלמוד־תורה און אויך אַ שול, צו לעהרנען זיי דאָרט מלאכות. די הכנסות פון די קלייטען דאָרט און אַ טייל פּראָצענט פונ׳ם קאַפּיטאַל, וואָס איך לאָז איבער אויף עולמית, זאָלען געהן אויף אויסצוהאַלטען די ביידע שולען. אין דער תלמוד־תורה, וויל איך, זאָל געלערענט ווערען, חוץ יודישקייט און לשון־קודש, אויך דאָס לשון פונ׳ם לאַנד און וועלטליכע זאַכען, בכדי צו מאַכען פון די קינדער יודען און מענשען צוגלייך, זיי זאָלען טויגען צו גאָט און צו לייט. אין דער צוויי־טער שול, וויל איך, זאָל געלערענט ווערען תורה און מלאכה אינאיינעם, די לערעניונגלעך זאָלען דערצויגען ווערען אַזוי, אַז זיי זאָלען נישט וויסען פון קיין חרפות, בעליידיגונגען און דערנידערונגען און זאָלען אַרויסגעהן פון דאָרט גוטע געלערענטע בעלי־מלאכות, וואָס וועלען וויסען אַליין זייער אייגענעם ווערטה און דערמיט טאַקי צווינגען אַנדערע זיי צו שעצען, וויסען זייער ווערטה.

און כּדי צו דערגרייכען דעם דאָזיגען וואונש, זענען אין די דאָזיגע שולען נייטיג צו האָבען גוטע לעהרער, מענשען מיט געפיהל און פער־שטאַנד, מיט האַרץ און מיט קאָפּ, זיי זאָלען פאַרשטעהן און ליעב האָבען זייער זאַך. דער עיקר איז ליעבע, ווייל זיי וועלען דאָך האָבען צוטאָן מיט אָרעמע, פערוואָגעלטע, עלענדע קינדער, וואָס לעבצען נאָך ליעבשאַפט, אַזוינס, וואָס אַ יונג הערצעל, אפילו פון אַנדערע לעבעדיגע בעשעפעניש, גלוסט זיך, און זיי מאַנגעלט עס נעבעך. יענעמס אַ גוט וואָרט נעהמט זיי בעסער פון אַלע שטראָף־רעד און מוסר־זאָגען אין דער וועלט און זענען גרייט צו פאָלגען אין פייער און אין וואַסער אַריין. דאָס האָב איך געפיהלט אַ מאָל קינדווייז אין מיר.

דאָס אַלצדינג אָבער פאָדערט גוטע פיהרער, וואָס אונטער זייער השגחה זאָלען די אַלע זאַכען אויף דעם בעסטען אופן דערפילט ווערען, און אַזעלכע פיהרער, ווינש איך, זאָלען זיין איהר, רבי, און דער הער גוטמאַן. מיט אייך ביידע וועט אין די נייגעמאַכטע שולען זיך פעראייניגען

תורה מיט חכמה. איהר, רבי, וועט קוקען אויף די יודישע למודים, זיי זאָלען געלערענט ווערען גוט, געהעריג, און גוטמאַן, פון זיין זייט, זאָל האָבען אַ אויג אויף די איבעריגע ענינים אין השכלה=זאַכען. ווי איך קען זעהר גוט אייך ביידען, פערהאָף איך, אַז איהר וועט ביידע איינער פונ׳ם אַנדערען צופרידען זיין. איהר ביידע ווינשט דאָך גוטס דעם פאָלק ישראל און איטליכער פון אייך וועט טאָן פאַר איהם פון זיין זייט, ווי אַזוי ער קען, און איהם בריינגען נוצען מיט וואָס ער קען. די בעלוינונג פאַר אַזאַ מיה איז בעשטימט ביי מיר אין דער צוואה.

די הכנסות פון דעם עולמות=געלד זאָלט איהר אינאיינעם מיט גוטמאַנען געברויכען אויף נאָך גוטע זאַכען אין שטאָדט, וועלכע איהר ביידע וועט געפינען פאַר נייטיג. אויב עס וואָלט אַ סברא געווען, איינ=צופיהרען אין דער שטאָדט עפּיס אַזאַ מין חדר פאַר אַ סך קינדער, מיט אמת גוטע מלמדים און לעהרער, וואָב דאָרט זאָל געלערענט ווערען געטריי יודישע למודים און וועלטליכע זאַכען; וואָס דאָרט זאָלען די קינדער זיך אויסלערנען צו זיין עכטע יודען און אויך ניצליכע, פאַר=שטענדיגע מענשען, — אויף אַזאַ מין שטאָדט=חדר וואָלט מיר זעהר ניחא געווען, איהר זאָלט אַלע יאָהר געבען אַ געוויסע סומע פון די הכנסות פונ׳ם עולמות=געלד, נאָר בתנאי, אַז איהר מיט גוטמאַנען זאָלט האָבען די השגחה איבער דעם דאָזיגען חדר.

איך וויים, אַז אַזאַ מין שטאָדט=חדר, וואָס זאָל געפיהרט ווערען דורך אַזעלכע מענשען, ווי איהר און גוטמאַן, וואָלט פאַר יודישע קינדער געווען אַ גליק. נאָר איך וויים אָבער צוריק, אַז ווייל טאַקי פאַר יודישע קינדער וואָלט אַזאַ חדר געווען אַ גליק, וועט עס אַ סך מיני מענשעלעך כלל נישט שמעקען, זיי וועלען אַקעגען דעם זיך אַרויסשטעלען, זיי וועלען אַריינלעגען זייער שמד=שטיק אין דער יראה, כלומר׳שט איז אַזוינס עפּיס נישט יודישליך, און וועלען זוכען אַלע מיני מיטעל אַזעלכעס נישט צו=צולאָזען. פונדעסטוועגען, איהר, רבי, זאָלט פון אייער זייט פּרוּווען טאָן וועגען דעם אַלצדינג, וואָס נאָר מעגליך. אולי ירחם.

דאָס אָבער וואָס דורך מיר וועט געטאָן ווערען פאַר אָרעמע קינדער רואָ, אין מיין שטאָדט, איז נאָך נישט גענוג. איין שוועלבעלע קען קיין זומער נישט מאַכען. מען בעדאַרף בעוועגען דערצו אַנדערע, זיי זאָלען אייך אַזוינס טאָן אין די אַלע יודישע מקומות דאָרט. דעריבער פערלאַנג איך, אַז מיין ווידוי מיט דער דאָזיגער צוואה מיינער זאָלען אָבגעדרוקט

ווערען, זיי זאָלען קלינגען אין די אויערען פון נגידים, פיינע־בריות, אומעטום צווישען דעם יודישען עולם. ווען אפילו די ווערטער מיינע וועלען נישט ווירקען אויף זיי, צו בעסערן זיך ביים לעבען, צו פאַר־שטעהן, ווי צו אַרבייטען פאַר זייערע אָרמע ברידער, צו טאָן גוטס און ווי צו לעבען, וועלען זיי, לכל הפחות, זיך אויסלערנען ווי צו שטאַר־בען... וויפיעל נגידים מיר איז אויסגעקומען צו קענען אין מיין וועלטעל, זענען ביז דער לעצטער מינוט זייערע געבליבען דאָס, וואָס זיי זענען געוועזען — געשטאָרבען ווי נאַראָנים. אָט לאָזען זיי הערען דעם ווידוי און די ווערטער מיינע און אויף מיר קוקענדיג, זיך אויסלערנען כאָטש שטאַרבען, אַוועקגעהן פון דער וועלט ווי מענשען.

שטאַרבט, נגידים, שטאַרבט — שטאַרבט ווי מענשען!...

נאָר „נגידי עירך קודמין". דאָס הייסט, ביז מיין ווידוי וועט אָנ־קומען אַנדערע צו די אויערען, זאָלט איהר דערווייל, רבי, פאַר דער קבורה מיינער, עס פאָרלייענען די אַלע אונזערע היגע נגידים. מיר וועט עס זיין אַ כפרת עון און זיי — אַ מוסר. נישקשה, לאָזען זיי וויסען!...

אויף מסדר צו זיין מיינע דאָזיגע פּאַפּירען ווי געהעריג, אויסצו־בעסערן די גראָבע גרייזען מיינע דאָרט, צו־צוגעבען אַביסעל פּעפער, אַביסעל געווירץ, עס זאָל לאָפּצען, עס זאָל אַ טעם האָבען, אָבצודרוקען זיי אין בעזונדערע ביכלעך און צו פערברייטען זיי דערנאָך אין דער וועלט — דערויף איז דאָך איין בריה טאַקי רב מענדעלי מוכר־ספרים. איך געדענק איהם נאָך פון צבוע'טשיץ, בשעת ער איז נאָך געוועזען אַ יונגער־מאַן, אַ בעל־הבית'ל. איהם זאָלט איהר עס איבערגעבען און ער וועט, אַזוי פערהאָף איך, דערפילען מיין וואונש ווי צום בעסטען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ער בעדאַרף פאַר זיין טרחה זעהר שען בעלוינט ווערען.

⟵——⟶

כז.

אז דער רב האָט אָבגעלייענט אינגאַנצען און אַנידערגעלעגט די פּאַפּירען, איז צווישען דעם עולם אין שטיבעל געוואָרען אַ קאָכעניש. די נגידים זענען געווען שטאַרק אין כעס. אַ טייל האָבען געביסען פּאַר פּערדרוס די ליפּען און געשוויגען. אַ טייל האָבען געזוזשעט ווי די פליגען און אַ טייל האָבען געזיפצט, געאָכט, געאַייקעט.

— וואָס זיפצט איהר אַזוי, רב חנא! — האָט איין נגיד זיך אָנגערופען, און אַליין אויך אַ זיפץ געטאָן.

— טאַ־טאַ־טאַ! — האָט רב חנא געמאַכט, צושאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ — עט, וואָהין... וואָהין ער איז פערקראָכען! היינט געה, גלויב מענשען... די וועלט איז שוין, כ׳לעבען, קיין וועלט נישט... טאַקי קיין וועלט נישט, אַזאַ אַ חרפה! אַזאַ־זאַ־זאַ... האַ, וואָס? אַ שרעק, חי איך בין אַ יוד!... עס קומט דאָך שוין היינט אויס טאַקי, רב בעריש... נו, אַ מעשה, אַזאַ מעשה!...

— איך האָב שוין אָבער פריהער פערשטאַנען — ענטפערט בעריש — וואָהין די קויל פליהעט. אַי־אַי, בין איך אַ מבין, רב חנא... צו־וואָס האָבען מיר, נאַראָנים, בעדאַרפט זיצען ווי די פערד, זיצען, וואַרטען ביז די קויל וועט אונז טרעפען? האָב איך דען נישט געזאָגט: פּע, פּע... קומט! וואָס־זשע, האַ, זייט איהר געבליבען, ביז אין סוף אַריין הערען די אַלע שטעכווערטלעך?... נאָר צוריקשמועסענדיג! בע... מילא וואָס?... ס׳איז אַביסעל טאַקי דאָס... פערדראָסיג, נאָר עט, נישקשה, רב חנא, מען האָט שוין אַזעלכע זאַכען געהערט. מילא וואָס איז אַזוי די מעשה?!... אודאי, לכתחילה זייט איהר אפשר אַביסעל גערעכט, ס׳איז טאַקי אַביסעל דאָס... ווי הייסט מען דאָס?... נאָר בדיעבד איז — עט, גאָרנישט!... אַ נאַר בלייבט אַ נאַר און די וועלט בלייבט אַ וועלט, טאַקי ווי פריהער אַ וועלט...

— ניין, ניין, רבי! — האָבען עטליכע נגידים געשריגען שטאַרק אויפגעבראַכט — אַזעלכעס איז נאָך נישט דערהערט געוואָרען... ס'טייטש, מען זאָל נעהמען מענשען און זאָגען זיי אין די אויגען אַריין אַזעלכע מיני זאַבענישען!... ס'טייטש, ס'טייטש, וואָס הייסט? מאַכען פון מענשען, פון אונז אַלע מאַכען, מחילה, דאָס... ווער האָט איהם געבעטען אַזוינס צו זאָגען?... אויף דיר אַליין זאָג, שרייב, אָבער וואָס געהערט דיך אָן יענער? וואָס איז דיין עסק אַריינקריכען צו יענעם... ניין, רבי! ס'איז אַ גרויס אומרעכט.

— נו, רב מענדעלי — מאַכט דער רב צו מיר נאָכדעם, אַז די נגידים זענען אַוועקגעגאַנגען — זאָגט מיר, איך בעט אייך ווער איז עס אַזוינס ביי אייך אין צבוע'טשיץ דער הער גוטמאַן?

— פון צבוע'טשיץ, רבי, בין איך שוין לאַנג אַרויס. באַלד ווי איך בין געוואָרען אַ מוכר=ספרים, בין איך מיט דעם הויזגעזינד מיינעם אַרויס פון דאָרט קיין קאַבצאַנסק און איך בין היינט אַ קאַבצאַנ= סקער יוד!

— אָבער גוטמאַנען קענט איהר, רב מענדעלי?

— יאָ, רבי, איך געדענק איהם זעהר גוט — אַ דייטש מיט אַ געפוצט בערדיל, אָבער זעהר אַ גוטער, עהרליכער מאַן. מען זאָגט: בעסער אַ יוד אָהן אַ באָרד, ווי אַ באָרד אָהן אַ יודען.

— בעט איך אייך טאַקי, רב מענדעלי, איהר זאָלט מוחל זיין פאָהרען קיין צבוע'טשיץ בלי=נדר טאַקי מאָרגען, אָבגעבען דעם הערן גוטמאַנען מיין בריף און זעהען מאַכען ווי איהר קענט, אַז ער זאָל, למען השם, גיך קומען אַהער, בכדי מיר זאָלען קענען באַלד טאַקי מקיים זיין צוואת המת. און ווייטער בעט איך אייך, ליב=האַר= צעדיגער רב מענדעלי, איהר זאָלט נעהמען אויף אייך, אָבצודרוקען די אַלע דאָזיגע פּאַפּירען אין אַ סך ביכלעך, און אויסברענגען זיי בכל תפוצות ישראל פאַר אַ וואָלוועלען מקח, בכדי דער עולם זאָל זיי מעהר קויפען. מכח אייער בעלוינונג איז נישטאָ וואָס צורעדען, עס וועט אם ירצה=השם, זיין רעכט.

* *
*

צוריקקומענדיג צום בית-מדרש האָב איך געטראָפען מיין פערדיל אין זעהר אַ שלעכטער לאַגע, נעבעך. קונדסים, ווייסע-חברה האָבען איהם אויסגעריסען כמעט אַלע סטרונעס, איבערלאָזענדיג איהם נאָר אקע-נען אַ פערציג האָר אין דעם וויידעל. עסען האָט ער געהאַט מכות. ער איז געשטאַנען ערענסט, אַראָבגעהאַנגען די אונטערשטע ליפּ, געקוקט אין ביידעל אויף די ספרים און געטראַכט. וואָס אַ פערד טראַכט קוקענ-דיג אויף ספרים — דאָס איז נישט פאַר אונזער מח צו פאַרשטעהן. איך וויים נישט מעהר, מיין שלימזלניק קוקט און טראַכט, לאָז זיך זיין חאָטש פערדיש, אָבער אַלץ אַ קוק איז דאָך עס פאָרט... נישט דאָס בין איך אויסען. נו, חכם מיינער! רוף איך מיך אָן, אָננעהמענדיג איהם, דעם שלימזלניק מיינעם, ביי דער פאה, די טשאָפּרינע הייסט עס, דיר קומט היינט אַ סך האָבער. דו האָסט טאַקי געטאָן אַ גרויסע חכמה, וואָס דו האָסט מיך געפיהרט קיין גלופּסק. מיט דיין חכמה האָסט דו געבראַכט נוצען אי מיר, אי דער ליטעראַטור. דו ווייסט, פערד! וואָס אַזוינס דו האָסט געטאָן? וואָס פאַר אַ שענעם חבור מיר איז אַצונד בעשעהרט דער וועלט אַרויסצוגעבען, נאָר צוליעב דיר טאַקי, צוליעב דיין מח, וואָס האָט גראָד אַ נעהם געטאָן גלופּסק? פון היינט אָן פיהר דו מיך, פער-דיל, דו חכם מיינער, איך לאָז אָב די לייצעז און לעג פאַר דיר אַוועק די בייטש!...

אויף מאָרגען האָב איך מיך גרייט געמאַכט מיט אַלע נייטיגע זאַכען און מיך געריהרט אין וועג צוריין.

אין צבוע'טשיץ קומענדיג האָב איך מיך דערוואוסט, אַז גוטמאַן איז אַרויסגעפאָהרען פון דאָרט, נישט צו וויסען וואו ערגיץ ער געפינט זיך היינט. איך האָב מיך גענומען צו מיינס און געאַיילט גיכער אָבצודריקען דעם דאָזיגען ספר, נישט געשפּאָרט מיה, ער זאָל אַרויסקומען, ווי מען זאָגט, „אגיל ואשמח" — קוועלעכדיג און שפּיצעכדיג... איך טהו נאָך אויך דאָס און דרוק דאָ:

אַ מודעה!

רבותי! ווער פון אײַך ווייסט, וואו ערגיץ געפינט זיך הער גוט־מאַן, אָדער ער וועט זיך מיט איהם ערגיץ בעגעגענען, זאָל מוחל זיין מיט איהם צו רעדען, אַז ער זאָל למען־השם ולמען־השם תיכף טאַקי קומען קיין גלופסק, וואו דער רב קוקט אויף איהם אַרויס, ער זאָל איננעם מיט איהם אײַנפיהרען אַ בעריהמטע תלמוד־תורה מיט אַ שול פאַר בעלי־מלאכות און מתקן זיין דאָרט נאָך אַ סך אַנדערע גוטע זאַכען.

ישראל בני רחמנים, האָט רחמנות און טהוט עס צוליעב אָרעמע יודישע קינדער!......

פישקע דער קרומער 3 ב.

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

דריטער באַנד

נײַע פֿערבעסערטע אויסגאַבע

פֿערקויף: געזעלשאַפֿט „צענטראַל״ וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1 9 2 . 8

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אַבראַמאָוויץ)

פישקע דער קרומער

פערלאַג „מענדעלע" וואַרשא

1 9 2 8

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Druk. Sikora i Mylner Warszawa Nowolipki 6.

„פישקע דער קרומער“

„פישקע דער קרומער“ איז צום ערשטען מאָהל אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך מענדעלע־מוכר־ספרים אין זשיטאָמיר, אין 1869, גלייכצייטיג מיט דער „טאַקסע“. דורך דער צענזור איז דאָס ביכעל דערלויבט געוואָרען אין 1868. אין זיינע „רשימות לתולדותי“, געדרוקט צוערשט אין נ. סאָקאָלאָוו׳ס „ספר הזכרון“ 1889 (אין יודישער איבערזעצונג — אין באַנד XX פון דער איצטיגער אויסגאַבע) גיט מענדעלע אָן דאָס בוך מיט דעם פאָלגענדיגען צושריפט: „אַ מעשה פון יודישע אָרימע לייט, און איצט האָב איך עס איבערגעמאַכט פאַר אַ נייעם בעשעפעניש, און ס׳וועט זיין דאָס ערשטע בוך פון אַלע מיינע ווערק אין דער נייער אויסגאַבע, וואָס וועט בקרוב ערשיינען“.

אין דער ערשטער אויסגאַבע איז „פישקע דער קרומער“ געווען גאָר אַ קליין ביכעל, פון קוים 45 קליינע זייטעלעך. „אין דעם דאָזיגען קוים־אָנדערהאַלבען בויגענדיגען ביכעלע שרייבט ש. ניגער — ליגט שוין, ווי אַ בלום אין איר קנאָספּ, איינגעוויקעלט דער גאַנצער שפּעטערדיגער כמעט צוועלף־בויגענדיגער ראָמאַן“ 1).

דער צווייטער וואַריאַנט איז — לויט ש. ניגער — בעשאַפען געוואָרען נישט שפּעטער ווי אין יאָר 1876, און איז, משמעות, נישט געדרוקט געווען. ער איז צוגעשטעלט געוואָרען דער צענזור, מענדעלע האָט גערעכענט עס צו דרוקען. אין אָט דעם וואַריאַנט זיינען געמאַכט געוואָרען נאָר געוויסע ענדערונגען, אַ רייה שפּראַך־

---

1) ש. ניגער — אַ בלאַט מענדעלע, „קינסט־רינג“ II, כאַרקאָוו 1919, איבערגעדרוקט דערנאָך אין בערלין 1923, ז״ז 166 — 186.

אויסבעסערונגען און אויך דער אינהאַלט איז אין עטלעכע ערטער געענדערט געוואָרען: אייניגע שטעלען — אויסגעמעקט, אַנדערע — צוגעגעבען, אייניגע — געענדערט.

דער דריטער, און לעצטער, יורישער וואַריאַנט איז, ווי מענדעלע אַליין זאָגט, גאָר אַ ניי בעשעפעניש. עס איז די אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען אין 1888 אין אָדעס, 20 יאָהר נאָכ'ן דערשיינען פון דעם ערשטען קליינעם ביכעלע. „פישקע דער קרומער" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך א. וואַרשאַווער מיט אַ געצייכענטען שער־בלאַט פון ס. קישינעווסקי — מענדעלע־מוכר־ספרים מיט זיין פערד און בויד, און אויפ'ן שער־בלאַט דער אויפשריפט — אַלע כתבים — מענדעלע מוכר ספרים, אָפּגעדרוקט ביכערווייז, כסדר, איינס נאָך דאָס אַנדערע. דאָס ערשטע בוך — פישקע דער קרומער [2].

דער פערטער וואַריאַנט איז די העברעאישע איבערדיכטונג, געמאַכט אַליין דורך מענדעלען (אונטער'ן נאָמען „ספר הקבצנים"), וואָס איז דערשינען אין אָדעס אין 1913.

דער אינהאַלט פונ'ם העברעאישען נוסח אונטערשיידט זיך פונ'ם יודישען נאָר אין גאָר קליינע פּרטים, סטיליסטיש אָבער איז עס גאָר אַ נייע שאַפונג. מענדעלע האָט יעדע פראַזע נישט איבער־געזעצט, נאָר איבערגעדיכטעט, צוגעגעבען דעם גאַנצען טעם און חן פון מענדעלע'ס כפעציעלען פעריודישטען העברעאיש.

די אַלע שפּעטערדיגע אויפלאַגעס פונ'ם יודישען „פישקע דער קרומער" זענען אַלזאָ איבערגעדרוקט אָן קיינע שינויים פון דער צווייטער אויסגאַבע (לויט'ן חשבון — דריטען וואַריאַנט), נאָר אין דער ווענדונג צו מנשה מרגולית זענען פון דער יובילעי־אויסגאַבע (יאָהר 1907) אָן אַריין אַ פּאָר קליינע ענדערונגען.

אין „פישקע דער קרומער" שילדערט מענדעלע דאָס לעבען פון די יודישע אָרימע לייט, וואָס ער האָט קענען געלערענט נאָך גאָר אין דער יוגענד, בעת ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אברהם'לען דעם הינקענדיגען. ווי מענדעלע'ס נאָענטע פריינד און

2) די רעפּראָדוקציע פונ'ם שער־בלאַט ווערט צוגעגעבען צו דעם בוך.

ביאָגראַפען דערציילען, האָט מענדעלע בעזונדערס געפּאָרשט דאָס
לעבען פון די יודישע קבצנים אין דער שטאָט באַרדיטשעוו, „וואו
עס פלעגען זיך צונויפקומען יודישע בעטלער פון דער גאַרער
וועלט און פון אַלערליי מינים: פוס=אָרימע=לייט און בויד=אָרימע=
לייט, שטאָדט=אָרימע=לייט און פעלד=אָרימע=לייט. ער פלעגט
אָנשפּאַרען אַליין אין זייערע פּאַרוואָרפענע אכסניות, ליב האָבען
אויספרעגען זיי פון אַלץ, וואָס עס קומט פאָר ביי זיי אין זייער
משונה׳דיגער וועלט" 3). צ פטמאָל איז איהם אַפילו אויסגעקומען
צו זיין אַ שופט ביי זיי, אויסגלייכן זייערע סיכסוכים. —

שוין אינ׳ם אַרטיקעל פון דוד פרישמאַן, גלייך נאָכ׳ן דער=
שיינען פון דער אויסגאַבע פון 1888, איז מער=ווייניגער ריכטיג
אויפגעכאַפּט געוואָרען די בעדייטונג פון מענדעלע׳ס שאַפען און דער
ווערט פון „פישקע דער קרומער". ד. פרישמאַן שרייבט צווישען
אַנדערע: „פישקע דער קרומער" איז נישט אַ ווערק, וואָס האָט
זיך אַרויסגעגאָסען פונ׳ם צאַפּען אין איין גוס. מענדעלע האָט
נייגטהאַלבען בויגען צו=דערצעהלט, צו=געטשעפעט, צו=געטראַכט,
צו=געפילאָזאָפירט... מענדעלע מוכר ספרים איז נישט קיין מעשה=
דערצעהלער, ער איז אָבער אַ מייסטער מיט אַ פּאָר גוטע אויגען
און אַ פּאָר גוטע אויערען, און ער זעהט און ער הערט אַלצדינג.
זיינע שטיקלעך זענען קולטור=היסטאָריע... זיין בוך האָט איבער
דעם נישט דעם ווערט פון איין דערצעהלונג, וואָס איז געשריבען
לויט די ריכטיגע דינים פון איין דערצעהלונג, און נאָר דעם ווערט
פון קולטור=בילדער און כאַראַקטער=שילדערונג, אָבער אויך דער
אופען פון זיין שרייבען האָט אַ בעזונדערען ווערט, דען ער פער=
שטעהט שעהן און אָנגענעם, וויציק און גייסטרייך צו שרייבען". 4)

„און אויס דעם גאַנצען שרייבען, עס מעג זיין נאָך אַזוי
סאַטיריש און נאָך אַזוי וויציק, קלינגט אַרויס דער טרויעריגער

---

3) י. ה. ראַווניצקי — ביאָגראַפיע, אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס, ב. I,
ז. XXXIV, אויך אין „השלח״, כרך ל״ד, ז. 27.

4) דוד פרישמאַן, באַנד III, ז. 177, 185. דער אַרטיקעל איז געשריבען
געוואָרען אין יאָהר 1889.

ניגון, וואָס זינגט זיך איהם אין האַרצען, איבער דעם אונגליק און עלענד פון זיין פאָלק. מענדעלע זאָגט פון זיך אין זיין הקדמה: „מיר חלומ'ט זיך נאָר בעטלער וכו, וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען — זעה איך פאַר מיר די טאָרבע וכו', און אַלץ די טאָרבע, די יודישע טאָרבע!...״

רעדענדיג מיט העבער 20 יאָהר שפּעטער וועגען „פישקע דער קרומער״ (אין יאָהר 1910), שרייבט, אַגב, דוד פרישמאַן: „אַלם ספור-המעשה פאַר זיך איז „פישקע״ שוין אַ ביסעל צו איינפאַך. בכלל צייכענט זיך דאָך מענדעלע נישט אוים אַלם מעשה-שריי-בער מיט פערוויקעלטע און פערציקעלטע געשעהענישען; על פי רוב האָבען מיר אין זיינע מעשיות קיין שום „האַנדלונג״ נישט, און זיי זענען אַזוי איינפאַך, אַז ווען אַן אַנדערער זאָל קומען, וועלכער בעזיצט נישט דעם טאַלענט פון מענדעלע, וועט ער גאָר-נישט וויסען, וואָס מיט דעם דאָזיגען שטאָף אָנצוהויבען. אייגענטלעך, געפינסט דו דאָרט גאָרנישט דאָס, וואָס מען רופט „קאָמפּאָזיציע״, און געפינסט נאָר אַ צונויפשטעלונג פון בעזונדערע מעשה'לעך, שטיקלעך, עפּיזאָדען, בעטראַכטונגען, נאַטור-שילדערונגען און וואונדער-שעהנע שטעלען... דאָס קליינע מעשה'לע מיט פישקע דעם קרומען, דאַכט זיך, איז ביי מענדעלע-מוכר-ספרים גאָרנישט דער עיקר; דער עיקר איז די גאַנצע סביבה: דאָס לעבען פון יודישע אָרימע-לייט, וועלכע געהען איבער די הייזער, שנאָרען — אַ בילד, וועלכעס נעמט אָן ביי דער נשמה...

אין דער דאָזיגער דערצעהלונג האָט אונז מענדעלע צום ערשטען מאָהל געוויזען, ווי וויט זיין קראַפט גרייכט אַלם מאַלער און צייכנער און דיכטער, בשעת ער קומט אונז דערצעהלען דאָס אונגליק פון זיין פאָלק. דער שרעקלעכער דלות פון אַ גאַנצע אומה פייפט אונז אַקעגען פון יעדען ווינקעלע — אַן אומה, וועלכע טרינקט זיך און זינקט זיך אין אַ ים פון צרות, די צרות פון קבצנות, און דער דיכטער רייסט פון איהר פאַבעם פלייש לעבע-דיגערהייד דורך זיין ביטערסטען שפּאָט״ [5].

---

[5] ד. פרישמאַן, באַנד IV, ז. 113 — 143.

„פישקע דער קרומער" איז פון מענדעלע'ס אינטערעסאַנטסטע און רייכסטע ווערק. אין אָט דעם ווערק שפּיגלען זיך אָפּ די וואונדערבאַרע אייגנשאַפטען פון מענדעלע דעם אייגנאַרטיגסטען יודישען קינסטלער. דאָס צופעליגע און עיקר'דיגע, די זייטען־וועגען און דער ברייטער וועג פלעכטען זיך דאָ ביי מענדעלען קונציג. „מענדעלע—שרייבט יעקב פיכמאַן וועגען „פישקע דער קרומער"— איז אַן עפּיקער, ביי וועלכען דאָס געוועהנלעכע און אונגעוועהנלעכע זענען גלייך נאַטירליך, ווייל דאָס, וואָס טרעפט זיך אַלע טאָג, און דאָס, וואָס — א י י ן מאָהל אין טויזענד יאָהר, זענען ביי איהם גלייך וויכטיג. ביים עכטען עפּיקער ווערט אויך דאָס פאַנ־טאַסטישע — ווירקליכקייט, ווייל אין זיין באַוואונדערונג און פרייד איבער אַלעם ווערט אויך די גרויסע לעגענדע פערוואַנדעלט אין אַלטעגליכע מעגליכקייט...

...די עפּישע איינהייט פון דעם צופעליגען געפינען מיר אין די גרויסע קינסטלערישע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים. זי איז שוין שאַרף אויסגעדריקט אין „פישקע דעם קרומען" — אין דער מאָלערישער זאַמלונג פון סטעפּ־פּייזאַזשען, דאָרף־בילדער און אומגעריכטע בעגעגענישען, בעשרייבונגען, ערצעהלונגען און אותות ומופתים, וואָס געהען דורך פאַר אונז פערפּלאָנטערט און פער־דרעהט, אָהן אַ שום אויסערליכען פּלאַן, כמעט אָהן אַ פאַבול, און דאָך אינערליך עפּיס פעראייניקט און פול מיט האַרמאָניע. איהר פרעגט נישט דעם קינסטלער, וואוהין ער פיהרט אייך, וואָס איז ער אייך אויסען צו דערצעהלען, נאָר איהר נעהט איהם נאָך אַ בעצויבערטער פון גאָט'ס וועלט איבער פעלדער און וועלדער, איבער דערפער און וועגען און קלייבט נחת פון אַלסדינג, וואָס איהר בעגעגענט — זאָל עס זיין אַן אַלטער יקנה"ז, אָט דער גלות'דיג דערשלאָגענער יוד מיט'ן שווערען האַרץ און מיט די פעראומערטע געדאַנקען וועגען זיינע שלעכטע געשעפטען און דער־וואַקסענע טאָכטער, דער יוד, וואָס קאָן שוין גאָרנישט בעגרייפען, ווי האָט עס אַ יוד הנאה פון גאָט'ס שעהנער וועלט. נאָר וואָס ווערט אונז אַלץ נעהנטער און ליעבער, וואָס מעהרער ער דער־צעהלט וועגן זיינע שלימזל'דיגע, לעבערליכע געשעפטען; זאָל עס

זיין ר׳ מענדעלע אַליין, אָט דער גאָלדענער טיפּ פון דעם גלות־דיגען און פרייען יודען צוזאַמען, וואָס פערשטהעט אַלסדינג און נעהמט אָהן אַלעם פאַר ליעב און איז זיך שטענדיג פאַרטיג אָנצונעהמען אַן אַנדערענס קריוודע און איז פאָרט גרייט זיך איבּעריצובּעטען מיט׳ן רבונו של עולם פאַר אַ מינדסט ליעב ווינטעלע אין אַ הייסען טאָג, פאַר אַ שמעקענדיג גרעזעלע, וואָס דערקוויקט די נשמה״... 6)

„פישקע דער קרומער״ — זאָגט בעל־מחשבות — איז דאָס בּוך פון דער פעראַכטונג צו דער יודישער מאַסע... אין „פישקע דעם קרומען״ שילדערט אונז אַבּראַמאָוויטש די גשמישע וועלט פון דער יודישער מאַסע... „פישקע דער קרומער״ לייענט זיך ווי אַ משל, ווי אַ צוגלייכעניש צו דער יודישער אָרימקייט בּכלל... ער מאָלט אונז דעם יודישען כּלל אין דער געשטאַלט פון אַ מחנה בּעטלערס און שלעפּערס... הינטער דער דערצעהלונג פון „פישקע״ זעהען מיר אַרויסשיינען די גרויסאַרטיגע בּנינים, וואָס עס האָט זיך געבּויט אַן עדה קבּצנים. מיר זעהען דעם יודישען הקדש, די יודישע בּאָד, די פאַרצייטיגע יודישע קרעטשמע...

קיינער האָט נישט אַזוי קלאָר אונז געשילדערט אָט די פערצייטיגע יסודות — דעם יודישען כּלל־לעבּען ווי אַבּראַמאָוויטש. און דער קינפטיגער היסטאָריקער פון דער יודישער מאַסע אין רוסלאַנד וועט זיך נישט גענוג אָבּדאַנקען פאַר די זייטען (31—36, 52—54, 103—106) אין „פישקען״, וואו אַבּראַמאָוויטש מאָהלט אונז מיט אַן עפּישער רוהיגקייט פון אַ סאַטירישען האַמער דעם הקדש, די בּאָד און די יודישע קרעטשמע״. 7)

נ. מ.

---

6) יעקב פיכמאַן — אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס, „קריטיק״, ז. 168 — 165.

7) בעל־מחשבות — געקליבענע שריפטען, ב. I, ז. 55 — 59.

פּישקע דער קרומער

מיין ליעבען, טייערען פריינד

מְנַשֶׁה מַרְגָלִית

ברענגט דעם דאָזיגען ספר במתנה פונ'ם גאנצען הארצען דער מחבר.

טַייעֶרעֶר פְרַיינד!

טרויעריג איז מיין ניגון אין דער קאפּעלע פון דער יודישער ליטעראטור. אין מיינע חבורים ליגט אויסגעדריקט א יוד מיט די ביי־נער, וואָס ווען ער זינגט אפילו אַמאָל אפרעהליכס, דאכט זיך נאָר אוים פונדערוויטענס, עפּים קלאָגט ער, פארגעהט זיך וויינענדיג. אין זיינע זמירות הערט זיך עפּים א אומעטיגער שטיינער פון איכות; לאכט ער, שטעהען איהם אין די אויגען טרערען, וויל ער א ביסעל לוסטיג זיין, רייסט זיך איהם דערביי טיעף פונ'ם הארצען א ביטערער זיפץ—און תמיד אלץ אוי ווערה, ווערה־געשריגען!...

איך רעד מיך חלילה נישט איין מיט גדלות, אז איך בין א סאָלאָוויי אין אונזער יודישער ליטעראטור, נאָר אין איין זאַך אבער בין איך אין איהם יאָ שטארק געראָטען, דער דאָזיגער מרה־שחורה'־דיגער משורר פון די פייגעל שפּיעלט זיינע נגונים און צוגיסט זיך

אין אומעטיגע שטייגער דוקא נאָר אין ווערנע־צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז ווי ניי געבוירען, ווען עס בליהט, עס שמעקט מחיה אומע־כּום, עס שיינט, עס לויכט און איטליכען איז פּרעהליך אויפ׳ן האַרצען.

מיר ביידע, טייערער פריינד, האָבען אָנגעהויבען אונזער אַרבייט אין דער יודישער ליטעראַטור פּונקט אין דער ווערנע־צייט פונ׳ם יו־דישען לעבען דאָ ביי אונז און לאַנד. פונ׳ם זעכציגסטען יאָהר אין אונזער צייט, הויבט זיך פאַר יודען אָן גאָר אַ ניי לעבען — אַ לעבען פוין מיט אַ גרינגער געמיטה, פול מיט גוטע האָפנונגען אויף שפּע־טער. דענסטמאָל זענען מיר געווען ביידע נאָך זעהר יונג און האָבען מיט אַ ברען זיך אַ נעהם געטאָן צו דער פען, געאַרבייט געשמאַק, איטליכער אויף זיין גאַנג, דער עולם האָט פון אייער שרייבען גע־לעקט די פינגער, גאָר אָנגעקוואָלען הערענדיג, ווי אַזוי איהר רעדט צוקער־זיס איבער פיעל וויכטיגע זאַכען אין דעם יודישען לעבען; ווי אַזוי איהר זענט אויף יודען אַ מליץ יושר און לערענט זיי מיט גו־טען, גאַנץ פריינדליך, צו קענען זיך אַליין, צו וויסען פון זייער לע־בען צו זאָגען, אַפּנים צו האָבען און זיין לייטען גלייך. עס האָבען אייך אויס דעם מויל זיך געשאָטען פּערעל, וואָס פינקלען, לויכטען און וועלען אייביג זיין אַ צירונג אין דער יודישער ליטעראַטור. איך פון מיין זייט האָב אין יענער פּרעהליכער ווערנע־צייט מיר אויך אונטערגעברומט, געשריבען, געשפּילט אויף מיין שטייגער. אין מיין שפּילען האָט געוועהנטליך איין סטרונע געברומט טרויעריג און גע־מאַכט אויף די צוהערער אַ שטיקעל מרה־שחורה. אַ טייל האָבען מיך געהערט גערן מיט אַ פּערקלעהמט האַרץ, ווידער אַ טייל האָבען זיך געקרימט, משונה זיך געקראַצט. נישט צופרידען געווען, וואָס איך ריהר זיי אָן ביי דער לעבער און דערמאָן זיי נישט קיין פּרעהליכע זאַכען נאָר, ווי די מעשה איז, איך האָב מיר געשפּילט און געטאָן מיינס.

יענע שענע ווערנע־צייט איז אַוועק. אַז אָך און וועה איז דעם יודענס לעבען! און מיר איז פאַר צרות פּערגאַנגען דער חשק צו שרייבען. עס האָט מיר אַ צייט לאַנג אַבגענומען דאָס לשון.

און ווען איך נעהם אַצינד אַפיר מיין פערדאַרטע, פערטריקענ־טע פען און גנעה ווידער מיט דער שפּראַכע אַרויס, האָב איך עס צו פערדאַנקען אייך, נאַר אייך, וואָס אין אייער געזעלשאַפט איז מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט. אייערע קלוגע רייד, אייער אַרבייטען שטענדיג פאַר אונזער פאָלק האָבען מיך דערפרישט און מיר צוגעגע־בען חשק צונעהמען זיך אויך פאַר עפּיס אַן אַרבייט. פון הייליגען פייער, וואָס ברענט תמיד אין אייער יודיש האַרץ, האָט זיך פערטראָ־גען אַ פונק צו מיר אין מיין האַרץ, עס האָט זיך אָנגעצונדען און ברענט אַצינד ווי אַ מאָל אין די יונגע יאָהרען.

יאָ, מיר ביידע האָבען אָנגעהויבען אונזער אַרבייט אין דער ליטעראַטור גלייך אין איין צייט, נאַר דאָס מזל אונזערס איז ניט גלייך; איהר זייט דאָרט אַרויף אויבען, אין די הויכע פענסטער; איהר האַנדעלט דאָרט מיט בריליאַנטען און דימאַנטען פון דער יו־דישער היסטאָריע; איהר שטעלט אַרויס די שענסטע צירונג פון אונזער פאָלק פּאַרצייטענס, דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע אין זיין לעבען. איהר האָט איבערגעהאַט עסקים מיט הלל, רבי מאיר, רבי עקיבה און מיט נאָך אַנדערע גרויסע לייט, מיוחסים פון הויכען סאָרט. מענשען מיר אַקעגען איז בעשעהרט געווען זיך אַראָבצולאָזען אויפ׳ן נידעריגען טרעפּעל פון יודישען לעבען אונטען אין די קעלער. מיין „ישׂ־בכּאָן״ איז: שמאַטעס און פּוילע סחורה. איך האָב נאָר שטענדיג צוטאָן מיט אביונים, קבצנים, אומגליקליכע נעבעך; אויך מיט מענשעלעך דראַבעס, פּאָקוסניקעס וכדומה אַזעלכע מיני נפשות, קליינטשקע, נידעריגע פאַרשוינען. מיר חלומ׳ט זיך נאָר בעטלערס. פאַר מיינע אויגען שוועבט תמיד אַ טאָרבע — די אַלטע, גרויסע יודישע טאָרבע הענגט מיר תמיד, ווי יענעם מרה־שחורה׳ניק אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז. וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען, זעה איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט הערען עפּיס דערצעהלען אָדער זאָגען, קומט מיר אַפיר די טאָרבע!...

אוי, אַלץ די טאָרבע, די יודישע טאָרבע!

יאָ, טייערער פריינד, דורך אייך האָב איך בעקומען ווידער אַ ברען צום שרייבען — און אָט האָט איהר אייך היינט, בעוונותינו־הרבים, טאַקי ווידער אַ טאָרבע: אַ פּישקע דעם קרומען, משטיינס־געזאָגט, מיט וועלכען איך טרעט אַרויס פאַר דעם עולם, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט שטילשווייגען. איך ווייס, אַז מיין פּישקע דער קרומער איז עפּיס נישט אַזאַ מתנה אויף אָבצודאַנקען אייך מיט איהם פאַר אייער פריינדשאַפט, נאָר ווייסענדיג ביי מיר אייער גוט האַרץ, אייער צוגעלאָזטקייט צו מענשען, פערהאָף איך, אַז איהר וועט מיין אָרעמען פּישקען אויפנעהמען מיט „אַ ברוך־הבא“. זעהר מעגליך גאָר, איהר זאָלט איהם נאָך אַ ריינ־בעטען אין זאַל אַריין, איהם בעקענען מיט אייער הויזגעזינד און מיט אייערע געסט דאָרט. פּישקע וועט זיך ביי אייך אָבלעגען מיט דער טאָרבע, אייך דערצעהלן מעשיות, און איהר וועט פון זיי הנאה האָבען. און פאָרשטעלענדיג זיך אַזוינס, שמייכעלט פאַר פרייד און דאַנקט אייך פון גאַנצען האַרצען.

דער מחבר

א.

קוים גיט אַ שיין די ליכטיגע זון און זומער=לעב אין דעם לאַנד, מענשען ווערען ווי נייגעבוירען און דאָס האַרץ פרעהט זיך זיי, קוקענדיג אויף גאָטס וועלט דער שענער, — דענסטמאָל הויבט בײ יודען זיך אָן די רעכטע אומעטיגע צייט, צו קלאָגען און פערגיסען טרעהרען. עס געהט דאָס גאַנצע צעטעל טרויער: תעניתים, פייניגען זיך, יאָמער און געוויין פון ספירה ביז העט אין די גרויסע בלאָטעס און נאַסע אָסענדיגע קעלט. דענסטמאָל שטעלט זיך פאַר מיר, מענדעל מוכר=ספרים, דער גרויסער יריד, איך אַרבייט, פאָהר בעשטענדיג אַרום, צו פערזאָרגען יודישע קינדער אין אַלע שטעדטלעך מיט די אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען צום וויינען מיט קינות, מיט סליחות, ווייבערשע תחנות, מענה=לשון׳ס, שופרות און מחזורים. הכלל, יודען קלאָגען, פערוויינען דעם זומער — און איך מאַך דערווייל געשעפטען, נישט דאָס בין איך אויסען.

אונטערוועגענס איינמאָל, שבעה עשר בתמוז, גאַנץ פריה, זיץ איך מיר אויף דער קעלניע פון מיין ביידעל אין טלית און תפילין מיט דער בייטש אין דער האַנד, גאַנץ יודישליך. די אויגען זענען מיר צוגעמאַכט, בכדי נישט אָנצוקוקען ביים דאַווענען די ליכטיגע וועלט. מעשה=שטן אָבער איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען וואונדער=שען, גאָר אַ בילד. און עס האָט מיך געצויגען, עפּיס ווי אַ כשוף, אַ קוק צו טאָן. איך האָב אַ היבשע צייט מיך געראַנגעלט מיט מיר אַליין. דער יצר=טוב זאָגט: פע!... מען טהאָר נישט!" דער יצר=הרע אַקעגען טאָרעט: „נישקשה! האָב הנאה, נאַרעלע!" און

עפענט מיר דערביי טאַקי אויף איין אויג. עס טהוט מיר אַ שיין, נאָר ווי אויף צו להכעיס, עפּיס אַ בילד־שענע פּאַנאָראַמע: פעלדער גע־שפּריינקעלט מיט בליהענדע רעטשקע וויים ווי שנײַ נעבען געלב־גיל־דענע ראַצעמאַרענע פּאַסען פון ווייץ און מאַט־גרינליכע, הויך געוואַק־סענע קוקורוזעס; אַ שענער גרינער טאָל, בעדעקט פון ביידע זייטען מיט וועלדלעך נים־ביימער; אונטען פלייצט אַ טייכעל, ריין, קלאָר ווי קריסטאַל, און וועלכען עס טוקען זיך די שטראַהלען פון דער זון און בעלעגען עס מיט פינקעלדיגע גילדענע פליטערלעך. די שאָף און די קיה אויף דער פּאַשע דאָרט זעהען פונדערווייטענס אויס ווי טונקעלע, רויטע, געפלעקטע פינטעלעך. — „פע, פע! — מוסר'ט מיך דער יצר־טוב מיט יענע ווערטער פונ'ם פרק: אַ יוד אונטער־וועגענס אַז ער איז מפסיק דאָס לערנען און זאָגט „ווי שען דער בוים איז, ווי שען דאָס פעלד, איז גלייך ווי ער טהוט זיך אַליין אַ מעשה אָן". — דער יצר־הרע אָבער פערטראָגט מיר אונטער דער נאָז מחיה'דיגע ריחות פון סטערטעס היי, געווירץ און קרייטעכצער, וואָס צוגעהען זיך אין אַלע אברים; ער צוגיסט זיך אין קונציגע ניגונים פון אַלערליי שפּיל־פייגעלעך, וואָס קיצלען ביי דער נשמה; ער לאָזט מיך פיהלען אויף מיין פּנים אַ וואַרם ווינטעלע, וואָס גרייזעלט מיר די פּאות, שושקעט מיר אין די אויערען: קוק, האָב הנאה און זיי אַ מענש, דו נאַרישער יוד איינער! — איך בעבע, מריקע מיר, משטיינס־געזאָגט, אַליין ניט רעכט צו הערען, וואָס איך בעבע. עפּיס טראָגט מיר דער מוח, עס פּיקט מיר אין קאָפּ און עס טראַכט זיך זידלע־רייען: גע'פגר'טע נפשות!... אָהן לייב, אָהן לעבען... נשמות פער־רוקטע אין טשאָלענט!.... אָהן ריח, אָהן טעם... דראַפּאַטשעס צושאָ־טענע!.... פערדאַרטע אָבגעשלאָגענע הושענות!.... איך צושאָקעל מיך מיט געמאַכטער כּונה, בכדי עס זאָל זיך נישט טראַכטען, און דערהער גראַד, ווי דאָס מויל לאָזט פון זיך אַליין אויס יענץ שטיקעל דאַווענען מיט די ווערטער: „המחזיר נשמות לפגרים מתים", דאָס הייסט אויף קרבן־מנחה־טייטש: דער דאָ קערט אום די נשמות צו די טויטע פּגרים.

האַ, וואָס! אַקעגען וועמען? טוה איך מיך אַ חאַפּ, פאַרשעמט

פון מיינע אייגענע מיאוס'ע געדאַנקען. און בכדי צו פאַרגלעטען מיין פעהלער אַקעגען דעם רבונו־של־עולם, מאַך איך קלאָמפּערשט אַ מי־נע, ווי נישט זיי מיין איך, דאָס פערדעל מיין איך... דערלאַנג דעם

שלימזלניק מיינעם אַ שמיצעל מיט דער בייטש, מאַכענדיג דערביי: אַ=אַ=אַ=, פגירה איינע!

אַ שענער אײַנפאַל אַפילו! נאָר היינטיגס מאָל האָט עס וועניג געווירקט, עס האָט מיך שטאַרק געקרענקט, פאַר וואָס גראָד היינט זאָל מיר נאָר אײַנפאַלען אַזעלכע געדאַנקען — היינט, ווען וויינען און קלאָגען בעדאַרף מען אויף דעם גרויסען חורבן, אויף די גרויסע צרות, וואָס די קינדער ישראל האָט געטראָפען: — די קאָמאַנדע פון נבוכדנצר מלך בבל איז אַריין אין ירושלים און פון איהר אַ תל געמאַכט... איך מאַך אַ רחמנות=פּנים און זאָג די סליחות צום היינטיגען שווערען טאָג אויף אַ וויינענדיג קול, וואָס איז געגאַנגען אַלץ העכער און טרויעריגער אין דעם פזמון דאָרט, ביי יענע ביטערע ווערטער:

„והשפיפון מצפון — און דער פיפערנאָטער, דער טאָטער פון צפון=זייט, כשבולת שטפני — האָט מיך ווי אַ שטראָם וואַסער פערטראָגען ווייט, והציד — און דער יעגער, דער טויט=שלעגער, שלח יד — מהוט אַ לאַפּ, אַ חאַפּ, והצפיר והשעיר — אויף די ציג, אויף דער צאַפּ".

אַ יוד אַבי ער שרייט זיך אַביסעל אויס מיט אַ פּ ז מ ו ן, רעדט זיך אָן ווי אַפּויק און זאָגט אָב אַ ס ל י ח ה, דאַכט זיך איהם, ער האָט שוין אַלצדינג אָבגעטאָן און איז, ווי אַן אָבגעשמיסען קינד נאָכ'ן אויסוויינען זיך, וויטער זיך גאַנץ צופרידען. איך זיץ מיר אָנגעלעהנט אויף דער קעלניע, גלעט מיר דאָס בערדיל, שוין מיט אַ גרינגען געמיטה, גלייך ווי איינער רעדט: „מיינס האָב איך געטאָן, געגוג יוצא געווען, אַצינד גאָטעניו, איז נאָר געווענדט אין דיר, וויז זיך, טאַטע=פאָטער, רחום ־דיק" — „געה שוין, געה, זיי מוחל!" מאַך איך צום פערדיל מיט גוטען, איבערבעטענדיג עס אין האַרצען פאַר דעם צונעמעניש „פגירה" פריהער. מיין שלימזלניק טהוט זיך אַ קניה אויף די פערדערשטע פיס, אַ בוק מיט'ן קאָפּ צו דער ערד און קרעכצט, עפּיס אַזוי ווי גערעדט: אַדוני=פריץ! און וואָס איז עפּיס מכח עסען?" — קלוג, כ'לעבען, ווי דער טאָג! זאָג איך, געבענדיג איהם בשעת מעשה אַ צייכען, אַז ער מעג אויפשטעהן, זיך שטעלען אויף די פיס, נישט אומזיסט שטעהט אין די קינות: „ציון, בך כל=בהמה ועוף חכמו", דאָס הייסט: ביי דיר כנסת=ישראל, זענען אַלע בהמות קלוג!... נישט דאָס בין איך אויסען.

פון דער דאָזיגער מימרא בין איך טראַכטענדיג ווייטער אַרויף אויף די כנסת־ישראל, זיך פערטיעפט אין די געדאַנקען מכח זייער חכמה, זייער פיהרונג, זייערע פיינע־בריות און מכח זייער לאַגע נעבעך. דער קאָפּ טאַלאַבענדעט זיך מיר אַהין, אַהער. עס דאַכט זיך מיר עפּיס דער פּיפערנאָטער, נבוכדנצר מיט דער קאָמאַנדע, אַ שרעקליכע מלחמה, אַ קלאַפּעריי, אַ געשלעגעריי, די קאָמאַנדע ברעכט ווענט, זעצט אוים טי־רען, שויבען, יודען, אַ טייל מיט פּעקלעך סחורה און אַלטע חפצים טוהען זיך אַן אַ כח, שרייען געוואַלד און לויפען... איך האָב אַ שטע־קען, לאָז מיך — און בוך אויף דער ערד, אויסציהענדיג זיך ווי גרוים איך בין.

אַ פּנים, אין דאַוונען האָב איך, זאָל נישט אויסגערעדט זיין, גע־האַפּט אַ דרעמעל. מיין בײדעל, טהו איך אַ בליק, איז אַריין אין קאַ־ליזשע, וואָס אויף דעם בעל־העגלה׳שען לשון הייסט עס אַ „טינטעריל״, אין דעם הינטערשטען רעדעל איז פאַרטשעפּעט אַן אַקס פון עפּיס אַ אַנדער בײדיל. דאָס פערדיל מיינס שטעהט אין געהאַקטע וואונדען מיט איין פוס איבער דער האָלאָבלע, פאַרדרעהט אין די לייצען און סאָפּעט ווי אַ גאַנז. פון יענער זייט בײדיל שיטען זיך טויטע קללות, אויף יודיש, מיט אַ קייכען און הוסטען אינאיינעם. אַ יוד! טראַכט איך מיר, איז אָהן כּכנות — און טוה מיך אַלאָז אין איין כּעם אויף יע־נער זייט וואָגען. דאָרט אונטערן וואָגען ליגט פערפּלאָנטערט אין טלית און תפילין אַ יוד, די בייטש פאַרדרעהט מיט די רצועות, צאַפּעלט און אַרבעט מיט אַלע כּוחות זיך אויסצודרעהען. איך שריי: ס׳טייטש! ער — ס׳טייטש, ס׳טייטש! איך בטל צו איהם אוים אַלע חלומות, ער בטל׳ט צו מיר, נישט אָנצוקוקען איינער דעם אַנדערענס פּנים. איך פילדער: ווי שלאָפט עס אין דאַוונען אַ יוד! ער צוריק: ווי פאָפּט עס אַ יוד! איך גיב איהם אין טאַטען, ער מיט אַ צוגאָב אין דער מאַמען אַריין! איך שמיים זיין פערדיל, ער, אויספלאָנטענדיג זיך, לויפט און שמייסט מיין פערדיל, בײדע פערדלעך שטעלען זיך דיבאָם און מיר שטאַרק אָנגעצונדען, לאָזען איינער צו דעם אַנדערען זיך צו הענדום־פענדום, ווי די הענער, מיט דער דעה אָנצונעהמען זיך פאַר די פאות. אָקעגען אַ רגע שטעהען מיר שטיל, שאַרף אָנקוקענדיג איינער דעם אַנדערן. עס האָט געמוזט זיך אויסזעהען משונה] ווילד, האָבען דעם זיבעטען חן: צוויי יודישע גבורים אין טלית און תפילין שטעהען אָנגעדרודעלט גרייט.

צו בעווייזען זייער גבורה און זיך פּאַטשען אויפ׳ן פריִעם פעלר, ווי אין אַ בית־מדרש להבדיל!... אַזעלכעס האָט מען באמת געמעגט אויף חידושים געהן זעהן. מיר שטעהען, קוקען און אָט בעדאַרף שוין פּלי־הען הייסע פּעטש, פּלוצלים שפּרינגען מיר איינער פון׳ם אַנדערן אויף עטליכע טריט אָב און לאָזען ביידע שטאַרק פערוואונדערט אין איין קול אַרויס: אוי, ר׳ אַלטער!... אוי־אוי, ר׳ מענדעלי! —

אַלטער יקנה״ז איז אַ יאָדערדיג יודעל, אַ געשפּיקעוועטער מיט אַדיק בייכעל. זיין פּנים איז געדיכט בעוואַקסען מיט שמוציג־געלע האָר, פון וועלכע ס׳איז דאָ געגוג אויף פּאות, אויף אַ באָרד און אויף וואָנצעס אי פּאַר זיך, אי אויף נאָך עטליכע יודען צו בעטיילען. אין דעם ים האָר ליגט אַ וויספּע — אַ ברייטע, פליישיגע נאָז, וואָס איז דאָס רוב יאָהר פערלייגט, אָהן אַ שום התמנות. נאָר ווען עס מאַכט זיך אין איהר אַ מאָל עפּיס אַ פּאַרענדערונג, אונטער אַ פּאַר־פּסח, אַ שטייגער, בשעת עס לאָזט אומעטום, עס געהט די קרעע, און דער בעל־הבית איהרער נעהמט זי אין דער אַרבייט מיט אַלע פינף פינגער, דענסטמאָל בלאָזט זי הילכענדיגע תּקיעות, ווי אַ שופר; דענסטמאָל קלינגט מיט איהר גאַנץ טונעיאַדעווקע. אינאיינעם מיט די אינדיקעס דאָרט גיט זי דענסטמאָל קאָנצערט. אַלע אין שטעדטעל בלייבען פערגאַפט און עס שיטען זיך איהר שמעק־טאַבאַקע פון אַלע זייטען מיט ווינ־שעוואַניעס יקנה״ז׳ן אָהן אַ צאָהל: אַסים, אַסים! — איבערהויפּט אין די יודישע שטעדטלעך צושפּיעלען זיך די נעז אין יענער צייט. מסתמא שמעקט דאָך עס מיט עפּיס און עס האָט אַ טעם... דאָס איז שוין דאָרט אַזוי געעטעלט, ווי פּרשה יתרו ציגלען זיך די ציגען. נישט דאָס בין איך אויסען. אַלטער יקנה״ז איז אַ טונעיאַדעווקער מוכר ספרים, מיינער אַ בעקאַנטער פון אַלטע יאָהרען. ער איז אַ מענשעל פאַר זיך, נישט שטאַרק איבערגעשפּיצט, נישט קיין גרויסער בעל־דברן, שטענדיג אָנגעבלאָזען, ווי ברוגז אויף דער וועלט. הגם ער איז בטבע נישט קיין שלעכטער מענש

נאָך דעם ברייטען שלום־עליכם פון ביידע צדדים, נעהמען מיר זיך איינער דעם אַנדערן אויסצופאָרשען, דאָס הייסט ביי אונז יודען געוועהנטליך: אַ טאַפּ טאָן אין וואָגען, אָדער אַ שמעק טאָן, וואָס הערט־זיך

— וואוהין פאָהרט עס אַ יוד?—גיב איך אַלטער'ן אַ טאַפּ,

— וואוהין עס פאָהרט אַ יוד? עט... ענטפערט אַלטער צוריק מיט אַ פרעג, ווי דער שטייגער איז פון יודען, נישט צו ענטפערן גלייך, נָאָכצופטר'ן יענעם מיט „עט" און אַנצושטויסען זיך אויפ'ן ווינק— די אַלע חכמות, וואָס אין דער מלאכה אָנשמעקען, אַ טאַפּ טאָן שטעקען...—אַ יוד פאָהרט! אין דער ערד מיט דעם קאָפּ פאָהרט ער... און ר' מענדעלי פאָהרט עס וואוהין! — טהוט ער מיך צוריק אַ טאַפּ.

— אַהין!... וואוהין געוועהנליך איך פאָהר אין דער צייט.

— איך שטוים מיך שוין אָן וואוהין; אַהין, קיין גלופסק, וואוהי'ן איך פאָהר אויך אַצונד—מאַכט אַלטער מיט אַזאַ מינע עפּיס, ווי עס אַרט איהם, צום פדיון זאָל עס חלילה נישט שאַדטען—נאָר פאַר וואָס ר' מענדעלי, איז ביי אייך היינט עפּיס מן הצד, מיט אַ הינטער־וועגעלע און פאָהרט נישט אַהין מיט'ן גלייכען שליאַך?

— היינטיגס מאָל איז מיר גראָד אַזוי אויסגעקומען, ס'איז רעכט! שוין טאַקי אַ לאַנגע צייט בין איך אויף דעם וועג נישט געווען. און ביי אייך, ר' אַלטער, פאַר וואָס איז דאָס עפּיס הינטען־אַרום?—טוה איך אַ שמעק—פון וואַנען קומט עס אַ יוד?

—פון וואַנען אַ יוד קומט! פון אַלדי שווארץ יאָהר!.... פון דעם שענעם יריד. נאַט אייך אַ יאַרמעליניץ! איינגעזונקען זאָל זי ווערען!

און דערווייל ווי אַלטער מיינער שילט, פלוכט יאַרמעליניץ מיט דעם יריד דאָרט, פאָהרען אָן אַקעגען גוי'אישע פוהרלעך מיט אַ גע־שריי, פאַר וואָס דער וועג איז פאַרשטעלט. דערנאָך ווי זיי האָבען דער־זעהן צוקומענדיג מיך און אַלטער'ן,ביידע אין טליתים מיט גרויסע של־ראש'ן אויפ'ן קאָפּ און לאַנגע ברייטע רצועות, צושרייען זיי זיך שוין גראָבליך, מיט געשפעט:

—באַטשיטי, יאַקיי פאַני־בעריי, צאַטצי, ע־ע! טראַסצאַ וואַשי מאַטערי, דאַיטע דאַראָגי! היי חודקאָ זשידקי, לאַבּבאַרדאַקי!

איך מיט מיין אַלטער'ן טהוען מיר געשווינד זיך אַ נעהם צו די ביידלעך מיט אימפעט. אַ פּאָר פון די פויערען, חאָטשע נישט פון יודי־שע קינדער נאָר אמת מוז מען זאָגען, האָבען געהאַט אַזוי פּיעל

יושר צו העלפען אונז אין דער נויט. און בזכות זייער שטופ טאַקע איז מיין בײדיל באַלד אַרויס פונ'ם טינטערל. זיסט, וואָלטען מיר זיך אַוועקגעבאָבּרעט גאָט ווייס וויפיעל, און נאָך געקענט מיאוס צוזייסען אונזערע טליתים. מיט די עשו'ם אינאיינעם איז שוין אויסגעקומען גאָר עפּיס אַנדערש: זיי האָבּען געשטופּט אויפ'ן רעכטען אמת טאַקי, והידים ידי עשו, באַלד צו דערקענען געווען עשו'ם הענד, און בּיי אונז, להבדיל, איז נאָר געווען הקול קול יעקב, דאָס הייסט, מיר האָבּען זיך נאָר געקוועטשט, זיך געמאַכט ווי מיר שטופען קלאָמפערט... נישט דאָס בּין איך אויסען. ווי באַלד נאָר דער וועג איז געוואָרען פריי, זע־נען די גראָבּע חמ'ולעס זיך געפאָהרען זייער וועגס, אויסדרעהענדיג די פּרצ'עס צו אונז, אַלץ געלאַכט. געשפּעט, וואָס מיר געהען אָנגע־טאָן, ווי גלחים, להבדיל, נעבּען די פערד אין וועג, און דינען דעם בּורא מיט דער בּייטש אין דער האַנד... אַ טייל האָבּען, טייטענדיג אויף אונז מיט אַ עק פּאָלע, ווי אַ „חזיר־אויערל“. געשריגען: „זשיד חאַלאַמיי!“ אַלטער'ן האָט עס נישט אַזוי געאַרט. אויך מיר לייט! —מאַכט ער מיט אַ קנייטשעל—פאַר וועמען, משטיינס געזאָגט, מען האָט זיך דאָ צו שעמען!.... מיך אָבער האָט דאָס שפּעטען זייערס יאָ געאַרט, געוואַלד, רבונו של עולם, פאַר וואָס? פאַר וואָס? פאַר וואָס?...

—אַלמעכטיגער גאָט!—זאָג איך מיט אַ געבּעט אויף תחינה־לשון— עפען דיינע אויגען און טהו לוגען פון דיין הארבעריג, דאָס איז דער הימעל, ווי דיינע פאָרכטצומע יודעלעך זענען צו שפּאָט און צו שאַנד נייערט וועגען דעם כבוד פון דיין ליבען נאָמענס וועגען, וויל זיי פאָרכטען דיין פאָרכט, זיי אַכפּערען דיינע געבּאָט האָפערדיג מיט וואָהרהאַפטיקייט. דאַרום וועלגער אויף אונז דיין בּאַרעמהאַרציקייט און לאָמיר טאָן געפינען לייטזעליקייט און חן אין דיינע אויגען און אין די אויגען פון אַלע מענשען. באַשירעם דיינע האָפערדיגע געליבּטע שאָף, דיין רחמנות זאָל טאָן ברומען אויף דיינע פאַרשטענדיגע פאָרכטער. טהו אויך באַגיטיגען מיין מזל פאַר מיין לויכונג און בעשיינונג היינט דיין נאָמען בּעשיינפערליך מיט אַכפּערקייט. טהו צושיקען מיר, דיין קנעכט מענדיל, דער זוהן פון דיין דינסט גנענדיל, און כל ישראל עפּיס פּרנסה, אַ גוט געשעפטיל מיט נחת רוח, אָמן!

ב.

נישט לאַנג שיהות געמאַכט, קריכען מיר אַרויף אויף די ביידלעך און היידאַ ווייטער אין וועג אַריין. איך פאָהר פאָראויס און אַלטער הינטער מיר אויף אַ ביידעל פון אַלטע צעריסענע ראָגאָזשעס, פיער רעדלעך נישט קיין גלייכע, געקרעמפּעוועטע מיט שטריקלעך און אַ קרעמפּעלעך צווישען די פלעקלעך. די אויסגעסמילעוועטע קלעצלעך וואַרפען זיך אין אַלע זייטען אויף די אַקסען, סקריפּען, קוואַקען און קענען קיין אָרט זיך נישט געפינען. דאָס ביידיל אינגאַנצען איז זיך מטריח צו שלעפען אַ הויכע, זעהר אַ דאַרע שקאַפע מיט אַ קרעציגען, אָנגעביסענעם ריקען, נאָלע אייטער, גרויסע אויערען אין אַ קאָלטענעוואַטע גריווע, פערפלאָנטעט מיט היי און קלאָטשע, וואָס קריכען אַרויס פונ׳ם אַלטען חאָמוט.

פונ׳ם דאַוונען איז מיר איבערגעבליבען נאָר די שטיקלעך דרויב צום לעצט, פון וועלכע מען מאַכט געוועהנטליך עפּיס נישט אַזאַ פּירוש. אָבגע׳פּטר׳ט דעם דאַוונען, הויבט זיך אָן גאָר אַ נייער עסק מיט דעם יצר-הרע. נעהם, טאָרעט ער, נעהם אַ ביסעל בראַנפען! דערקוויק דאָס האַרץ.--אי... אי! וועהר איך מיך אָב מיט אַ קנייטשעלע, שבעה עשר בתמוז, אין אַזאַ תענית! — עט! בעקום איך אַ ענטפער, אַ שייכות אַ ביסעל צווישען אַ יודעל היינט און נבוכדנצר׳ן פאַרצייטען!... גרעסערע צרות איז דאָ און פונדעסטוועגען — גאָרנישט. זיי נישט קיין נאַר. דו ביסט נעבעך אַלט, שלאַף, ניש׳קשה! — איך גיב אַ מאַך מיט דער האַנד איבער׳ן פנים ווי אָבצוטרייבען אַ פליג אַ זלידנע און חאַפּ דערוויל אַ קליין קוקעלע אויפ׳ן רענצעלע דאָרט אין ביידיל, וואו עס געפינט זיך ביי מיר תמיד אַ גוט ביסעל ספּירט, רעטשענע קיכלעך, קאָרנלעקעך, קנאָבעל, ציבעלע און שאָר ירקות. די סמאַהע געהט איבער די ליפּען, דאָס האַרץ חלש׳ט, דער מאָגען בורטשעט: געוואַלד, אַ ביסעל בראַנפען! געוואַלד, עפּיס פערבייסען! — איך קעהר געשווינד אַוועק דעם קאָפּ אין דער זייט, און קוק, בעטראַכט אַלצדינג אין פעלד אַרום מיר, כדי צו פערשלאָגען דעם בייזען גערעאַנק.

דער הימעל איז בלוי, לויטער אָהן אַ פיצעל וואָלקען. די זון בראָט, סמאַלעט, עס וועהעט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין ליפטעלע, די תבואה אויף די פעלדער, די ביימער אין די וועלדער

שטעהען שטיל, ווי צוגעקאָוועט, קיין שאָקעל אַפילו זיך נישט צו טאָן. קיה אויף די פּאַשע ליגען מיד, אויסגעשטרעקט די העלזער, שאָקלען צו=ווילען די אויערען, קייען און מעלה=גרה'ן, אַנדערע גראָבען אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שאַרען מיט די קאָפּיטעס און רעווען, שרייען פאַר גרויס היץ, דער בוהאַי פערדרייסט דעם עק, לויפט גאַלאָפּ, וואַרפענדיג דעם קאָפּ אין אַלע זייטען, שטעלט פּלוצלים זיך אַנידער, אָנגעבויגען דעם שטערן האַרט צו דער ערד, שמעקט, פּאָכט מיט די נאָזלעכער, לאָזט אַרויס אַ ברומען, כאָפּעט און דריגעט מיט די פיס. נעבען זיין אַלטער, אויסגעקרימטער און האַלב=פערדאַרטער ווערבע, איבערגעשפּאָלטען אין דער העלפט אַ מאָל פון אַ דונער, שטעהען פערד, איינער אויפ'ן אַנדערען פערלעגט די קעפּ, צו מאַכען חאָטש עפּיס אַ שאָטען, און שמייסען מיט די ווידלען, פּטור צו ווערען ווי ס'איז פון די בייזע פליגען. — אויף אַ צווייגעל אין דער הויך וויגט זיך אַ סאָראָקע, אויסזעהענדיג פונדערווייטענס ווי אָנגעטאָן אַ ווייס טלית'ל מיט פּאַסען תכלת פּאָרענט, און דאַווענט, שאָקלענדיג זיך. זי בוקט זיך, פאַלט תחנון מיט'ן קעפּעל, שפּרינגט אַביסעל אונטער, אַ קליין קראַקעלע געבענדיג אַ פּאָר מאָל. בלייבט דערנאָך ווייטער שטעהן אָהן לשון, שטרעקט אויס דאָס העלזעל און קוקט, גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, מיט פערשלאָפענע אייגעלעך. — אויף דעם גאַנצען וועג איז שאַ=שטיל, מען זאָל דאָס הערען ערגיץ אַ שאָרך, אַ פּיפּס, מען זאָל דאָס זעהן פליהענדיג ערגיץ אַ פויגעל, נאָר קאָמאַרען, מיקען טראָגען ווי די רוחות זיך אין דער לופט אַרום, פליהען טאַנצענדיג פאַרביי די אויערען, טהוען אַ גרילץ, אַ זזשע, אייגראַמענדיג עפּיס אַ סוד און באַלד טאַקי מאַרש ווייטער; נאָר צווישען היי, צווישען תבואות דאָרט שמוצערען די גרילען, זומזען, צימבעלען און געהען מיט די טאַנצען . . .

ס'איז היים, ס'איז שטיל, וואונדערליך שען. שאַ! גאָטס בעשעפעניש רוהען...

איך ליג מיר פאַר גרויס היץ פּשוט צולעגט אויף דעם וואָגען אין העמד, מחילה, מיט דעם טלית=קטן, אונטערגעהויבען אויפ'ן שפּיץ קאָפּ דאָס געשטעפּטע פעלפענע היטעל און אַראָפּגעלאָזען ביז די פּיאַטעס מיינע אונטערגענייהטע ברעסלער וואָלענע זאָקען, וואָס איך טראָג, בעונותינו הרבים, אין זומער אַפילו און האָב משונה שטאַרק געשוויצט.

איך וואָלט דערפון גאַנץ הנאה געהאַט אפילו ווען די זון זאָל מיר נישט געווען זיין גלייך אַקעגען פנים, מחמת איך האָב ליעב צו שוויצען און קען שעה׳ן לאַנג אַוועקליגען אין באָד העט־העט אויף דער אויבערשטער באַנק, בשעת דער גרעסטער היץ. מיין טאַטע, זאָל זיך מיהען, האָט מיך פון קינדווייז־אויף דערצו געוועהנט. ער איז געווען אַ הייסער, געבראָטענער, אַ ברענענדיגער פייערדיגער יוד. ער האָט שטאַרק ליעב געהאַט זיך צו פּאַרען, צו שוויצען און דערמיט אָבגענומען די וועלט, זיך שטאַרק בעליעבט געמאַכט ביים יודישען עולם. עס האָט געשטעקט דרינען דאָס פינטעלע יודישקייט מיט דעם ברען און מען האָט אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ שענעם, בענאַטישען יודען, געמאַכט מיט דרך־ארץ: „יאָ, אין שמייסען־זיך איז ער אַ למדן־מופלג, ער פערשטעהט דעם ענין מרחץ. ער קען, ער קען שוויצען גאָר אַ חריפות״.—

שוויצען איז אַ יודישע זאַך. נישטאָ קיין שבת, קיין יום־טוב, וואָס אַ יוד זאָל פריהער נישט גוט שוויצען. ווער אונטער אַלע פעלקער פון די שבעים אומות שוויצט נאָך אויף דער וועלט מעהר ווי יודען?... נישט דאָס בין איך אויסען.

און בשעת שוויצען, אַי ווילט זיך עס קוויקען! עס טריקענט מיר אין האַלז, עס ברענט מיך אַ טרונק, איך שטאַרב עסען. דער יצר־הרע נעהמט מיך ווייטער אָן, שטאַרקער ווי פריהער, רעכענט מיר אויס דאָס גאַנצע צעטעל יודישע מאכלים: אַ געבראָטענע לעדוויצע מיט קאַשע, אַ ראָסעלפלייטעל, אַ לאָקשען־קוגעל מיט אַגנב — אַיין אָנגעפילט העלזעל אינוועניג—פאַרפעלעך איינגעפרעגעלט מיט גריווען. איך בין טויט מיט אַלע אברים, דער אַפּעטיט איז אַ שרעק, און ער אַליין טאַקי ווייטער; חרעמזעל, פראַקעס, פעטשע מיט לעבערלעך פעניצלעך, רעטיך מיט ציבעלע, אַ קראַפּ פון אינדיק אין אַ פאַסטאַרנאַק־צימעס. און פלוצלים, איך געדענק גיט ווי אַזוי, וואַקסט פאַר מיינע אויגען ווי פון דער ערד אויס דאָס רענצעלע... לחיים, נאַרעלע! רעדט אויס מיר דער רוח. נענוג זיך נאַריש געמאַכט, דו לעקיש איינער!״ — די האַנד מיינע שטרעקט זיך עפּיס, ווי אַליין פון זיך, אויס, עפענט אויף דאָס רענצעלע און גיט אַחאַפּ דאָס פלעשעל געשווינד. איך קוק מיך אַרום, ווי אַ גנב, אין אַלע זייטען און מיין קוק בעגעגענט זיך מיט דעם בליק פון פערדיל, וואָס האָט, קראַצענדיג זיך איז דעם שפּיץ האַלאָבלע,

אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום ביידיל און קוקט אויף מיר עפּיס שטאַרק אָנגעבלאָזען, גלייך ווי עס וואָלט גערעדט מיט פּאַראיבעל: „נאַ, זעה! אַ הינטערשטער פוס איז מיר שטאַרק געשוואָלען, פערבונדען מיט שמאַטעס, ער רינט מיר נאָך אַ אויג, יאַטרעט זיך מיר דער האַלז, דאָס מויל זאָל מיר אָבנעהמען, אויב איך ווייס דעם טעם פון אַ האָבער. פונדעסטוועגען — וואָס זאָל איך טאָן? — שלעפּ איך מיך הונגעריג, קראַנק, צובראָכען, נישט אויסצושפּאַנען זיך חלילה פון דער עבודה״... דאָס פלעשעל גליטשט זיך פון די הענט מיר אַרויס, צוריק אין זיין רוה אַריין. איך שטופּ דאָס רענצעלע פון מיר אַוועק ווייט זעהר פאַרשעמט, מאַכענדיג דערביי מיט אַ קרעכץ טיעף פונ׳ם האַרצען: אָט, פון וועמען בעדאַרף אַ יוד זיך אַ מוסר נעהמען, ביי וועמען זיך לערנען שכל! מלפנו מבהמות ארץ: ער לערענט אונז פון די בהמות אין דער וועלט... ניין, פערדיל מיינס; איך געה אויף אין יאָך און שפּאַן מיך פון דער עבודה נישט אויס... ניש׳קשה, ר׳ פערדיל, דער רוח וועט אונז ביידע נישט נעהמען! אדם ובהמה, אַמענש אַבהמה תושיע ה׳. העלפט גאָט!... נישט דאָס בין איך אויסען.

אַ יוד אַבי ער האָט איין מאָל גענעבען אַ בראָך די מיאוס׳ע תאוה פון עסען, מאַכט איהם שוין די אַכילה אַזוי נישט אויס, און קען דאָס גאַנצע לעבען זיינס אָבקומען כמעט מיט גאָרנישט. אי היינט נאָך, אין אונזערע צייטען, געפינען זיך זעהר פיעל יודען, ביי וועלכע ס׳איז דאָ נאָר אַ סימן פון מאָגענס, טאַקי עט־וואָס, ווי אַ כזית. און ס׳איז דאָ אַ גרויסע האָפנונג, אַז מיט דער צייט—די טאַקסע, בעלי־טובות און דעסגלייכען לאָזען נאָר נישט פאַרשטערט ווערען—וועלען זיי פונ׳ם עסען אַלץ מעהר מעהר זיך אָבגעוועהנען, ביז עס וועט קומען דערצו, אַז ביי יודען אין די שפּעטערדיגע דורות וועט, חוץ מערידען, אפילו אויך קיין סימן פון קיין מאָגען ניט זיין. יודען וועלען דענסטמאָל אין דער וועלט זעהר אַ שען פנים האָבען...

מיט דעם דאָזיגען שמועס אַצינד בין איך אויסען, אַז נאָכ׳ן אַוועקשטופּען דאָס רענצעלע פון מיר, בין איך געוואָרען עפּיס שטאַרקער און מיך שוין געפיהלט גאָר קיין מעשה נישט. איך האָב מיר געטראַכט פון מכחר און אונטערגעברומעלט עפּיס אַ תשעה־באָב׳דיג ניגונ׳דעל. שוין, דאַכט זיך, גאָר גוט. ראָגט דער רוח אָן אַ יונגע ערל׳טע, אַ מבוערת, מיט אַ טעפּעל ... ניצעס, דאָס בעסטע לאַקעטקע מיינס.

איין אַנדערער אויף מיין אָרט, פון יענע גוטע לייט, וואָלט עס גענומען אויף זיינע כלים, דאָס איז דער יצר־הרע אַליין אין דעם געשטאַלט פון אַ אשה געקומען מיט איין אויסרעד.. נאָר, לא היה! חיך בין אַ בעלן געווען און זיך גוט צוגעקוקט. פשוט, איין ערל'טע אָהן חכמות! און בעטענדיג מיך אַוועקצוקויפען ביי איהר די פיליניצעס אינאיינעם מיט דעם טעפעל פאַר צעהן גראָשען, רוקט זי עס מיר אַונטער גלייך אונטער דער נאָז. דער ריח איז מיר פערגאַנגען שטאַרק אין דער נאָז, עס וועסערט מיר דאָס מויל, עס קלעהמט מיר דאָס הארץ, טונקעל ווערט מיר אין די אויגען. עס גלוסט זיך מיר אַ שרעק! און מחמת מורא, איך וועל מיך נישט קענען איינהאַלטען, חאַפּ איך און שפרינג אַראָב אויף דער ערד שטאַרק צוקאָכט, ווי איינער ראַטעוועט זיך אין אַ שרפה, אַז איך האָב נישט צובראָכען ריק און לענד, איז גאָר גרויסע נסים, און לאָז אַרוים נישט מיט מיין קול אַ געשריי: ר' אַלטער!—די כונה מיינע איז דערמיט געווען, אַלטער זאָל זיין אַ שומר.

אויפ'ן וואָגען אין דער לענג ליגט ראַקום, מחילה, מיין ר' אַלטער אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, רויט ווי אַ צוויק, צוחראַש־טעט מיט דעם רויטפּערוואָקסענעם האַרצען אין דרויסען, פאַרברענט, פערבראָטען און נויטשוויים בעשלאָגט איהם, אַז, דאָס האַרץ, שונאַ־ציון, האָט געריסען קוקענדיג אויף איהם.

—האַ־אַ?—מאַכט אַלטער, דערהערענדיג מיין געשריי, עפּיס אויף קיהיש, נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט—וואָס איז?

יענע מיט דעם טעפיל פיליניצעס, גיב איך אַ בליק, איז שוין נישטאָ, ווי אויסגעטריקענט געוואָרען. איך מאַך מיך איין אויסרעד און טהו אַ פרעג אַלטער'ן:

—וויפיעל, מיינט איהר, זאָל אַצינד האַלטען אַ זייגער?

—אַ זייגער אַצינד וויפיעל זאָל האַלטען?—ענטפערט אַלטער מיט אַ פערדומפּט קול— וויים איך? צו די ערשטע שטערען וועלען די אויגען אויסקריכען געגוג וואַרטענדיג, נו מילאָ... אָ, שטאַרק היים!

—אַ געשמאַקע היץ, אַ־אַ־אַ!—רוף איך מיך אָן, געהענדיג צופוס

נעבען אַלטער׳ס ביידיל—איהר שוויצט,ר׳ אַלטער? איך מיין, שוין צייט צופּאַסען. אונזערע אַדלער זענען נעבעך מיד, קוים וואָס זיי שלעפּען זיך. צום טראַקט אויף גלופּסק איז נאָך דאָ אַ פּאָר ווערסטלעך, אפשר נאָך מיט אַ שמיצעל. ניט ווייט פון דאַנען, דאָרט וואו עס הויבט זיך אָן ציהען אַ וואַלד העט־העט ביז צום שלאַך, זעה איך אין דער זייט, לינקס. זעהר אַ גוט אָרט צו פּיטערן.

אין עטליכע רגע אַרום האָבען מיר אַראָבגענומען זיך אין דער זייט פונ׳ם וועג און צוגעקומען צו יענעם אָרט, וואו ס׳איז געווען וואַלד, שענע פעלדער, אַ געמייזעכץ און אַלע גוטע זאַכען. מיר האָבען אויסגעשפּאַנט אונזערע לייבען, געלאָזט זיי פריי פּיטערען זיך דאָרט ביים ברעג וואַלד און אַליין האָבען מיר זיך אונטערגעלעהנט אונטער אַ בוים.

ט.

אַלטער יקנה״ז האָט קוים געאָטהעמט פאַר היץ, אַנגסטען האָבען איהם בעשלאָגען. ער האָט געזיפצט, געקרעכצט, אַזוי אַז עס האָט זיך פאַרוואָהר ביים האַרצען אָנגעהאַפּט, און בכדי איהם צו מינטערן אַביסעל, אויך טאַקי צו רעדען, צו פאַרברענגען אַביסעל די צייט, לאָז איך מיך אַריין מיט איהם אין אַ שמועס אַזוי:

—אַ פּנים, ר׳ אַלטער, אייך איז געשמאַק היים?

—בע!—ענטפערט אַלטער גאַנץ בקיצור, עפּיס ווי אָנגעברוגז׳ט רוקענדיג זיך אונטער דעם בוים, וואו עס איז נישט געווען אַזאַ גרויסע באַהעלטעניש פון דער זון, וואָס עס האָט אַריינגעשיינט דורך די צווייגען.

—פע, נישט גוט פון דעם תּענית! וואָס, איהר קרעכצט אַזוי?

—מונטער איך מיין אַלטער׳ן, פעסט ביי זיך אָבגעמאַכט, מיין טויט זאָל דאָ זיין, מוז איך אַרויסבעקומען ביי איהם אַ וואָרט.

—בע!—מאַכט אַלטער, און ווייטער טאַקי אַ רוק אונטער׳ן בוים

מיט „בע״ אליין אָבער האָב איך נישט געוואָלט מיך בעגנינגען. אָי, טראַכט איך, דו ביזט אַ געבראָטענער עקשן! ניש־קשה, דו וועסט בײַ מיר רעדען, היץ, שוויים אין דער זייט, עס מוז זיך אָנהויבען פון געשעפט, דאָס בעסטע, איינציגע מיטעל רעדענדיג צו מאַכען אַ יודען. אַ יוד בשעת דער גסיסה אַפילו, קוים דערהערט ער נאָר עפּיס געשעפט, ווערט ער לעבעדיג און דער מלאך־המות אַפילו קען דענסטמאָל צו איהם אויך נישט צוטרעטען. דעם ערגסטען שונא מיינעם ווינש איך נישט אַריינקומען צו אַ סוחר בשעת עס דאַכט זיך איהם נאָר געשעפט. ער איז מבטל דענסטמאָל איטליכען, אַפילו דעם בעסטען פריינד, אַ אייגענעם ברודער, מיט דעם בליק... נ׳שט דאָס בין איך אויסען. איך וועגד מיך צו אַלטער׳ן מיט אַזאַ שמועס!

— מיר ווילען, דאַכט זיך, ר׳ אַלטער, מאַכען אַ געשעפטיל! גוט, כ׳לעבען, וואָס מיר האָבען זיך דאָ היינט בעגעגענט. אָט האָב איך עס היינט מיט מיר אַ מין סחורה, גין־גאָלד!

דאָס מיטעל מיינס האָט געווירקט. אַלטער איז ווי איבערגעבויטען געוואָרען. ער הייבט זיך אַביסעל אונטער און קוק אויף מיר מיט אויפגעשטעלטע אויערען. איך גיב איהם ווייטער איין פּיזעם אַזוי:

היינטיגס מאָל, ר׳ אַלטער גערט דאָס געשעפט צווישען אונז אויף מזומן געלד. איהר פאָהרט דאָך פון יאַרמעליניצער יריד און מוזט, אָהן עין־הרע, האָבען פולע קעשענעס.

— פולע קעשענעס, יאָ! אַ האַרץ פול מיט מכות האָב איך — זאָגט אַלטער שטאַרק אָנגע׳ברוגז׳ט — איך זאָג אייך, ר׳ מענדיל... נאָר נישמער גאָרנישט; אַ מענש אָהן מזל זאָל נישט געבוירען ווערען גלייכער... עסקים, עס האָט מיר זיך געגלוסט נייע עסקים! איין אַנדער אויף מיין אָרט — הע־הע־הע! בײַ מיר אָבער איז גאָרנישט, מיט דער פּוטער אַראָב. אַזאַ אומגליק! אַ וועהטיג נאָר צו דערצעהלען. שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פּנים. נישטמער וואָס, גאָרנישט.

איך האָב גוט אַרויסגעזעהן, אַז מיט מיין אַלטער׳ן איז עפּיס נישט גלאַט, ס׳איז דאָ אַ צרה. אַבי נאָר עס האָט אידם זיך געעפענט אַ מויל, איז שוין גענוג געווען אַ קליין קוועטשעלע, עס זאָל איהם זיך שיטען ניין מאָס רעד. פון מיין זייט איז קיין מניעה נישט געווען. איך

האָב געמאַן אַ גוטען קוועטש און מיין אַלטער האָט זיך צו־וויגט, אָנ־געהויבען צו דערצעהלען זיין אומגליק אויף זיין שטייגער אַזוי:

— מילא קום איך מיר צופאָהרען אויף יארמעליניצער יריד. קומענדיג אויפ׳ן יריד, שטעל איך מיך מיט מייןביידיל אויף דעם פלאַץ, פאַרשטעהט איהר מיך, און צופאַק מיר דאָס ביסעל סחורה. מילא בקצור — גאָרנישט. שטעה איך מיר און קוק אַרוים אויף לייזעכטס. געטראָגען אויפ׳ן יריד האָבען מיך די צרות. איך בין הײנט, נישט פאַר אייך געדאַכט, מיאום אין דער קלעהם. דער דרוקער מאָנט געלד. מילא דאָס איז גאָר נישט — מאָנט ער. ער וויל אָבער, פאַר־שטעהט איהר, מעהר נישט געבען קיין סחורה!... מיין עלטערע בתולה איז שוין אין די יאָהרען; אַ בתולה, פאַרשטעהט איהר, בעדאַרף חתונה האָבען. מילא געה־זשע דרעה דעם קאָפּ, זוך אַ חתן. חתנים זענען דאָ, אָבער אַ חתן, דאָס הייסט, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ חתן! איז נישטאָ... מיין ווייב בעדאַרף זיך צו די צרות פערגלוסטען האָבען אַ יונגעל, און נאָך ווען — פאַר פסח. איהר פאַרשטעהט, וואָס הייסט אַ ווייב האָט אַ יונגעל? אַ חתונה, חתונה הייסט עס! נישמער — גאָרנישט.

— נעהמט נישט פאַר אומ־גוט — זאָג איך צו אַלטער׳ן — וואָס איך פאַל אייך אַריין אין די רעד. למאַי האָט איהר אויף דער עלטער גענומען אַ יונג ווייב, זי זאָל אייך אַזוי פיעל קינדלען?

— גאָט איז מיט אייך! — מאַכט אַלטער פערוואונדערט — איך האָב דאָך געמוזט נעהמען אַבעל־הבית׳טע אין שטוב אַריין. וואָס וויל דען אַ יוד מיט דעם חתונה האָבען? גאָרנישט! אַ יוד וויל נעבעך האָבען אַ גוטע בעל־הבית׳טע...

— למאַי־זשע, ר׳ אַלטער — טהו איך אַ פרעג — האָט איהר גע׳גט אייער ערשטע ווייב און איהר פערוויסט דאָס לעבען? זי איז דאָך געוועזען אַ גוטע בעל־הבית׳טע!

— בע! מאַכט אַלטער, פערקנייטשענדיג זיך מיט אַ פינסטער פנים.

— קיין עקרה, געלויבט השם יתברך, איז אייער ערשט ווייב אויך נישט געוועזן — לאָז איך אַלטער׳ן מיינעם אַלץ נישט אָב — וואוהין זענען הינגעקומען די קינדער נעבעך? הא, וואָס?

— בע!... בעקעט אַלטער אָהן לשון, אַ קראַץ געבענדיג

זיך אין דער פּאה, אַ מאַך מיט דער האַנד און אַ זיפץ טיעף פונ'ם האַרצען.

„בע"איז בײַ אונז יודען, אַ טײַער וואָרט, וואָס האָט זעהר פיעל טײַטשען און איז אַ תירוץ אויף אַלע קשיות. „בע" קען מען געבּרויכען אַלע צײַט אין אַ שמועס און עס זאָל תמיד פּאַסען. אַ יוד קען מיט „בע" זיך תמיד אויסדרעהען, ווען ער איז נעבּאַך אין דער קלעהם און שטעהט שמאָל. מיט „בע" סלוק'ט אַ שווינדלער, אַ אָנזעצער, אַז די בעלי־חובות טרעטען צו מיט שטאַרקע טענות. „בע" שטעהט אַ יודען בײַ אין דער נויט, ווען עס בּעווײַזט זיך, אַז ער איז נעבעך אַ ליגנער מיט „בע" קען מען אָבּענטפערן יענעם, וואָס דולט אָן אַ קאָפּ צווײַ שעה, נישט צו הערען, נישט צו פאַרשטעהן אַפילו איין וואָרט פונ'ם גאַנצען שמועס. מיט „בע" קומט אָב אַ שענער, צובּראָכענער יוד, ווען ער דערלאַנגט שטילערהייט אַ ביס; אַ שענע־מורנו, ווען ער טהוט אָב אַ מיאוס'ע מעשה; אַ דימענטיג מענשעל, אָהן חכמות, ווען עס לאָזען זיך גאָר אויס, ער איז גע'מלאָכה'ט, האָט פול פּלײַ אין דער נאָז. הכּלל, „בע" האָט אַלערלײַ טעמים, משונה ווילדע פירושים, ווי אַ שטײַנער: רוף מיך קנאַקניסעל. לאָר מיך צום ונתנה־תוקף, מהיכא תיתי, קוממיות, געפּאַפּעהע דיר פאַרפול און נאָך טײַטשען אָהן אַצאָהל. דאָס יודישע קעפּיל שטויסט זיך תמיד אָן, וואוהין דאָס וואָרט „בע" צילט, און פאַרשטעהט דעם רעכטען פשט דעפון, ווי עס פּאַסט צום ענין. —

אַלטערם לעצטער „בע" איז געווען אַ ביטערעס מיט גרינע ווערים. אין איהם איז געלעגען עפּיס ווי חרטה, אַ ביינק־טאָן, אַ בּעשולדיגונג זיך אַליין. עס האָט איהם זיכער געמוזט ליגען אויפ'ן האַרצען ווי אַ שטיין זײַן מיאוס'ע בּענעהמונג אַקעגען דעם ערשטען ווײַב און די קינדער פון איהר. ער האָט געמוזט אין איטליכם אומגליק, וואָס איהם טרעפט, זעהען אַ שטראָף פון גאָט פאַר זײַנע זינד. דאָס האָט בּעשײַנפּערליך אַרויסגעוויזען זײַן ביטערער זיפץ און דאָס מאַך־געבּען מיט דער האַנד, אויך דער קראַץ אין פּאה דערבײַ, האָט אַזוי פיעל געהייסען „פערבּיים די ליפּען און שטום... אין דער ערד מיט'ן קאָפּ!"

איך האָב מיך אין האַרצען שטאַרק בּעשולדיגט, למאי האָב איך אויפגערירהט אַלטער'ם אַלטע וואונדען. דאָס איז טאַקע די מעשה.

מיט אַ יודען, אַריינצומישען זיך אין יענעמס היימישע זאַכען און אַריינ־צוקריכען מיט שאלות יענעמס אין דער נשמה אַריין, בשעת זי טהוט ווען און וואַרגט זיך נעבעך מיט די צרות שטילערהייט פאַר זיך אַליין. אַחוץ דעם האָט מיך טאַקי געערגערט, וואָס די מיה מיינע איז אינ־גאַנצען פערלוירען. אַלטער האָט זיך שוין אַזוי פיין צו־ווינט און גע־רעדט מחיה, דאָס צינגעל האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגער, פּלוצלים בע־דאַרף איך אָנריהרען אינוועניג אַ רעדעל און דער אומרוה איז געבלי־בען שטעהן! איבער־אַניים מיינע מיטעל, איבער־אַניים פּיזעם ר' אַלטער'ן. איך האָב נישט געקאַרגט, ווייטער אַיינגעגעבען אַלטער'ן רעד־מיטעל מיט דער פּולער מאָס. צוגעפּאַסט צו איהם אַ גוט שליסעלע, אָנגעדרעהט איהם מיט קונצען — און דער אומרוה, דאָס צינגעל זיינס, האָט ווידער זיך צושאָקעלט.

ד.

— מילא שטעה איך מיר אַזוי נעבען מייןביידעל — האָט אַלטער ווייטער אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיט זיין לשון — בקיצור, ווי איך שטעה מיר דאָ, קוק איך און בעטראַכט מיר דעם יריד, אַ יריד — אַ יריד, עס קאָכט. דער עולם איז גרויס. יודען מאַכען געשעפטען, שטאַרק פּערטראָגען, פּשוט זיי לעבען. אַ יודעלע אויף אַ יריד איז אַ פישעלע אין וואַסער. דאָרט, פאַרשטעהט איהר מיך, לעבט עס. יעקב אבינו'ס ברכה טאַקי: וידגו — און זיי זאָלען זיך פישלען, בקרב הארץ — אויף דער וועלט. — אמת, ר' מענדעלי׳ שטעהט טאַקי אַזוי געשריבען ווי יודען זאָגען: „אופן היטעל אַ יריד"; הייסט עס, אַפנים, די עולם־הבא פאַר יודען איז אַ יריד!... מילא שטעהט, נישט שטעהט, יודען ירידעווען, לויפען האַנדלען, שטעהען נישט איין אויף איין אָרט. צווישען די סוחרים, זעה איך בערעל טע־לעצע, אַ מאָל אַ בעהעלפער, דערנאָך אַ משרת, היינט רב בער, שטעהט מיט אַ גרויסע קלייט, פלאַמט אופין יריד. בקצור, גאָרנישט. ס'איז אַ טאַראַכאַם, אַ קאָכעניש. דאָרט, זעה איך, לויפט אַ יודעל, אַ צווייטער, אַ דריטער, אויך פאַרלעך, פערשוויצט שטאַרק, דאָס מיצעל אויפין שפּיץ קאָפּ, דאָ אַ טאָפּ, דאָרט אַ טאָפּ, אַ מאַך אַהין, אַ מאַך אַהער,

אַ זרעה מיט׳ן גראָבען פינגער און אַ קיי דאָס שפּיצעל בּערדעל, גע=
כּהלען, אַ פּנים, אויף אַ המצאה. עס לויפען גאָר אָהן אַ נשמה מעק=
ל׳ער, שדכנים, טאַנדעטניקעס, מאַחליאַרקעס, קורלאַפּניצעס, יודענעכ
מיט קוישען, יודען מיט טאָרבּעס, מיט פינף פינגער, בעל=הבית׳לעך מיט
שטעקלעך בּעלי=בּתים מיט בּייכלעך, איטליכען פלאַמט דאָס פנים, נישטאָ קיין
צייט, אַ רענדעל אַ מינוט. מילא, בקיצור, גאָרנישט, עס האָט אויסגע=
זעהן, אַט חאַפּען זיי דאָס גליק. אַי=אַי, בּין איך עס מקנא חי איט=
ליכען געהט דאָס מזל! איטליכער פערדינט, שעפּט גאָלד, און איך,
שלים׳מזל, וואָס? שטעה ווי אַ לייםענער גולם, פאַרלעגט די הענט נעבען
מיין צעריסען בּיידעל, בּעהאַנגען פון בּיידע זייטען מיט ציצית, קמיע=
לעך און אינוועניג שמאָכטעס, פעקלעך ספרים. אַ קאַטאָוועס כ׳לעבען,
התחנות שרה בּת=טובים! שרה בּת=טובים אינגאַנצען איז וערטה אַ דרייער...
געה לעב, צופיהר זיך מיט איהר די הענט, מאַך חתונה אַ מיידעל!
איך שילט אין האַרצען זו, דאָס בּיידעל, די דאַרע שקאַפּע מיינע,
הלואַי וואָלטען זיי אויף דער וועלט נישט געווען! געגוג, מען בּע=
דאַרף פּריווען דאָס מזל, אויך עפּיס טאָן! אַרבּייטען. השם=יתברך קען
אפשר רחמנות האָבּען, וואָס דען? בּקצור, עס פערדרייסט זיך מיר
דאָס היטעל, עס פערקאַטשען מיר זיך די אַרבּעל, מיינע פיס געהען
צו, ווי פון זיך אַליין, צו אַ וואָגען און בּאַלד טאַקי קיי איך מיר
אַ שטרויעלע, וואָס איז פונ׳ם וואָגען פערקראָכען מיר גלייך אין
מויל אַריין. מילא קיי איך מיר דאָס שטרויעלע און דער מוח מיינער
צורבּיט. אַ קנייטשעלע, אַהער, אַהין און בּאַלד טאַקי אַ קלאַפּ מיט׳ן
פינגער אין שטערען: ס׳איז דאָ! אַ שען געשעפטיל, — אַ שידוך צווי=
שען צוויי סוחרים, לייטישע מענשען, וואָס שטעהען מיט קלייטען
אויפ׳ן יריד. פאַרשטעהט איהר מיך, ווער? איינער איז ר׳ אליקים, ר׳
אליקים שאַראָגראַדער! דער אַנדערער—ר׳ געצעל גריידינגער. פאַרבּייג
איך מיך מיין עסק, אין דער ערד מיט׳ן קאָפּ דאָס בּיידיל מיט דער
שקאַפּע, מיט דעם דרוקער אינאיינעם! טהו מיך אַגעשמאַקען נעהם
צום נייעם עסק׳ל. למזל, עס ריהרט זיך!... אַ האָפנונג, עס וועט
פאָהרען, בּקיצור, איך טרייב, אָן עס רוקט זיך. מיינער ווייסט נישט
מעהר, ווי קאַלענדרעווען, לויפען פון רב געצלען צו רב אליקים׳ן פון
ר׳ אליקי׳ם צו רב געצלען. איך לויף שוין, ברוך=השם, לייטען גלייך, שטאַרק
בּעשעפטיגט, נישט ערגער פון אַלע יודען. איך האָרעווע, אַקער מיט
דער נאָז די ערד, עס מוז ווערען — און דאָ טאַקי, אויף דעם

יריד. וואָס דען? איז דען דאָ נאָך אַ בעסער אָרט ווי אויפ'ן יריד! בקיצור, אין האַפּעניש, אין אַיילעניש, די מחותּנים קוקען זיך אָן, איינער דעם אַנדערען געפעלט, ביידע בעקומען חשק, ווילען שטאַרק. נו, וואָס-זשע בעדאַרף מען נאָך? אַז ביידע מחותּנים צאַפּלען, ברענען, האָבען חשק און זענען פאַרטיג!... איך ווער גרעבער ווי לענגער פאַר שמחה. דאָס פערדינסט איז ביי מיר גלייך ווי אין קעשענע. איך קלער שוין אפילו וויפיעל נדן מיין בתולה צו געבען. דרילך אויף איינשיטען האָב איך אויף דעם ספק געהאַנדעלט נאָך פריהער, שוין געהאַלטען אפילו אין קויפען ביי אַ טאַנדעטניק אַ גענוצט סאַמעטען מענטעלע. העמדער, וואָס איז שוין די לעצטע דאגה, ווי גאָט וועט געבען... מילא, בקיצור—גאָרנישט. נאָר הערט אַ מעשׂה, וואָס קען זיך פערלויפען! אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל, זאָל מען בעסער נישט געבוירען ווערען.—אַז עס האַלט שוין ביי טעפּ ברעכען און מען דערמאָנט זיך גראָד אַרום חתן-כּלה, לאָזט זיך גאָר אויס... וואָס מיינט איהר? — אַ חעהטיג, כּ'לעבען, צו דערצעהלען — לאָזט זיך גאָר אויס בוידעם! ניין, בוידעם איז נאָך אַ הונט אַ גאָרנישט. עס לאָזט זיך אויס קאַפּויער! הערט נאָר דאָס אומגליק, דעם שטראָף פון גאָט! ביידע מחותּנים האָבען — וואָס מיינט איהר, האָבען זיי? ביידע האָבען—בחורים!...

ס'טייטש, אַלטער! — שים איך אויס מיט אַ געלעכ-טער — איך בעט אייך איבער, ווי אַיין אייגענע מוטער: ווי פאַלט איהר אויס צו טאָן אַזאַ שטות'ערײַ — רעדען אַ שידוך איידער איהר ווייסט, ווער פון די מחותּנים האָט אַ בתולה און ווער אַ בחור'ל?!

— אַודאַי, פשיטא! — גיט זיך אַלטער אַ קרים שטאַרק מיט פערדראָס — איך האָב נאָך, כּ'לעבען, אַזוי פיעל שׂכל ווי אַנדערע און בעדאַרף מיך ביי קיינעם נישט לערנען. כּ'לעבען, איז ער דען אַ יוד און ווייסט דען נישט, ווי אַזוי עס ווערען שידוכים!!... דאַכט זיך, ר' מענדעלי, איהר ווייסט זעהר גוט דעם יודישען אייגפיהר, דעם גאַנצע שטייגער אין דעם משדך-זיך זיין און חתונה האָבען ביי אונז יודען. וואָס-זשע חידושט איהר זיך אַזוי אויף דעם אומגליק מיינעם, וואָס האָט זעהר גרינג געקענט מיט איטליכען זיך מאַכען? — איך האָב זעהר וואויל געוואוסט, אַז ביי ר' אליקים'ן איז מחויב זיין אַ בתולה און נאָך וואָס פאַר אַ בתולה! אַזאַ שטיק גאָלד זאָל איך האָבען!

איך האָב זי מיט אַ יאָהר פריהער געזעהען אַליין מיט מיינע אויגען, אַזוי זאָל איך זעהען פיעל גוטס. נישמער גאָרנישט, אַז קיין מזל איז נישטאָ, העלפט ניט קיין חכמות. בעדאַרף די שענע בתולה קיין צייט נישט האָבען און אויף צושפרינגעניש חתונה האָבען. עפּיס אַ אויס-האַפּעניש אויף איהר געקומען ווי אין דער בהלה. איך זאָל דאָס אָנ-הויבען האָפּשע עפּיס צו וויסען. וויסען זאָל איך אַזוי פון מיין דלות! היינט פרעג איך אייך, אדרבה, גערעכנט-זשע, אַז איך קום דאָ וועגען דעם שידוך און זאָג גאַנץ יודישליך, ווי געוועהנטליך: ר׳ אליקים! איך וויל אייך משדך זיין מיט ר׳ געצלען. וועמען האָב איך פון מיין זייט געקענט מיינען? מסתמא ר׳ אליקים׳ס בתולה. זי, עס פאַרשטעהט זיך, מיט ר׳ געצעל׳ס בחור׳ל. אַרויסרעדען עס בפירוש איז נאָר אַ געלעכטער, אַ איבעריגע זאַך, וואָרום די קשיא איז דאָך: פשיטא! וואָס לאָזט דו מיך הערען? עס פאַרשטעהט זיך, אַז נעהמען נעהמען זיך נישט צוויי זכרים, ווי דען-זשע? אַ זכר מיט אַ נקבה, ווי דער שטיינער איז. דאַכט זיך פון מיין זייט האָב איך געהאַנדעלט ווי עס געהער צו זיין, קיינער, ביי מיין יודישקייט! וואָלט בעסער נישט געהאַנדעלט. בקיצור, איך האָך גערעדט ריין, שאַרף, דעם רעכטען עיקר: מכּוח נדן, מכּוח קעסט. דערביי מוזט איהר נישט פאַרגעסען, אַז אויף אַ יריד, און דערצו נאָך מיט סוחרים, קען מען גאָר נישט רעדען איבעריגע רעד, ביי-זאַכען, נאָר געצעהלטע ווערטער, דעם עיקר, דאָס געשעפט אַליין: נישטאָ קיין צייט. מילא, האָט איהר אייך אַ ענטפער פון מיין זייט. היינט לאָמיר גיהן צו ר׳ אליקים׳ן. ר׳ אליקים ווידער פון זיין זייט, הערענדיג, ווי איך רעד איהם אַ שידוך מיט ר׳ געצלען האָט זיכער דערונטער געמיינט זיין בחור, אַנדערש קען עס דאָך גאָר נישט זיין. איהם אַליין רעדט מען מיט ר׳ געצלען? ווי שיקט זיך עס און איינפאַלען אַ בתולה האָט איהם אויך נישט געקענט, אַז ער ווייסט ביי זיך זעהר גוט, ער האָט חתונה צו מאַכען אַ בחור, נישט קיין בתולה. מילא, קומט אויס, ביידע זענען גערעכט. נישמער גאָרנישט, היינט פאַרשטעהט איהר שוין?

— בע!...— מאַך איך קוים איינהאַלטענדיג זיך פאַר געלעכ-טער און אָנטהוענדיג זיך אַ כוח אָנצונעהמען אַ ערענסט פּנים.

— נו, געלויבט איז גאָט, אַבי איהר פאַרשטעהט! — זאָגט אַלטער, אַ מיט געבענדיג אויף מיר מיט׳ן גראָבען פינגער און מאַכענ-

דיג דערבײ צוצװיגען „אַ״! גלײך װי איך האָב מיט מײן „בע״ גע-
טראָפען פונקט אין קאַרב.

און דעם אמת מוז איך זאָגען, איז מיר אַלטער׳ס דערקלערונג
אַרײן טאַקי דערנאָך אין קאָפּ. טאַ, פאַר װאָס ניט? אויף דעם יודישען
גאַנג, װי עס װערען געשלאָסען שידוכים בײ אונז, פאַר װאָס זאָל
זיך טאַקע אַזױנס נישט מאַכען? — עס חאַפּט זיך מיר פונ׳ם מױל
אַרױס נאָך אַמאָל „בע״ אַקוק געבענדיג אויף אַלטער׳ן עפּיס גאַר
ברײנדליך.

— אַ, יאָ! — מאַכט אַלטער, װײטער אַטײט געבענדיג מיט׳ן
פינגער — אַ, יאָ, איהר פאַרשטעהט! נישמער גאָרנישט. איהר זײנט
נאָך נישט פאַרטיג. עס האָט נאָך געצאַנקט אין מיר עפּיס אַהאָפנונג,
גליך צו אַ עסק׳ל, לאָז איך עס אַזױ גיך נישט אָב.

— ר׳ אַלטער, גאָט איז מיט אײך! װאָס רעדט איהר?—שפּרינג
איך אַזש אונטער פאַר גרױס װאונדער און מײן זיכער, אַלטער איז אין
תמוז פאַר גרױס היץ משוגע געװאָרען — װאָס פאַר אַ האָפנונג, ר׳
אַלטער, האָט געקענט איבערבלײבען נאָכדעם, אַז עס האָט זיך אַרױס-
בעװיזען צװײ חתנים?!

— לאָזט זיך דינען! — נעהמט מיך אײן אַלטער — לאָזט
זיך דינען, ר׳ מענדעלי! ס׳איז רעכט. עס האָט זיך נאָך געשלאָגען
בײ מיר אַ אָדער. גאָט גיט די רפואה פאַר דער מכה. פאַרשטעהט
איהר מיך, עס האָט געטאַנצט אין קאָהן טעלעצע. נאָך גאָר אויפ׳ן
אָנהױב איז מיר אײנגעפאַלען טעלעצע. דאָרט זענען שױן דאָ מײדלעך
זיבעלע, איהר מעגט מיר גלױבען. עס האָט מיר תחלת זיך געדרעהט
אין קאָפּ מיט אַמאָל: אליקים, געצעל, טעלעצע. פון זײ האָט מען
בעדאַרפט אױסקלײבען אַפּאָר. האָב איך בעדאַרפט גראָד בלײבען בײ
ר׳ אליקים׳ן, און טעלעצע דערװײל אַװעקשטעלען אין דער זײט. מילא
אַז דאָס אומגליק האָט מיך דאָ אַזױ געטראָפען, װאָס-זשע טהוט מען?
בעדאַרף מען אַרױספיהרען אויפ׳ן פּלאַץ טעלעצע, געהױכט, געקרױנט,
שױן מיט דער גאַנצער מורנו: ר׳ בעריש׳ל! בקיצור, איך פּעררײב
דעם פעהלער בײ די פריהערדיגע בײדע צדדים. שולדיג-שמולדיג זײ
אַביסעל, איך אַביסעל, און אַביסעל אויך דאָס מזל אונזערס. מסתמא

איז נישט געווען מן השמים, נישט בעשערט, פארשטעהט איהר מיך?...
עס הויבט זיך אן דער גרויסער מזמור: ר׳ בעריש׳ל איז אהן עין־
הרע א גביר, א דימענט, א בעל־צדקה, א גבאי אין פיעל חברות. ס׳טייטש,
ר׳ בעריש׳ל! דעם טיטעל „חכם" רעכען איך נישט, ווייל עס פאר־
שטעהט זיך אליין, עס ליגט שוין אין דעם נאמען גביר... מילא,
גארנישט. דער פונק האפנונג האט אין מיר זיך אלין ווייטער מעהר
צובלאזען. גם זו לטובה טראכט איך, וואס זענען ווי בוימעל אויפ׳ן
וואסער ארויפגעשוואומען צוויי בחורים, א צינד איז דא פאר זיי ביידע
טאקי צוויי בתולות, גלייך ווי אנגעמעסטען. ר׳ בעריש׳ל וועט מיר
צורעכט מאכען אלצדינג און עס וועט אם ירצה־השם זיין גוט. אהער—
אהין, בקיצור, איך ארבייט אויף אלע כלים. איך האב ווייטער דאס
לויפעניש. דאכט זיך, אין פלוג, גאר נישקשה׳די עס האלט אויף
א שטיקעל שטיינער, נישמער גארנישט. בעדארף זיך אין מיטען
דרינען וואויסלאזען דער יריד. א איבערקערעניש, אלע צופאהרען
זיך, צולויפען זיך, אויס געשעפטען, און פערפאלען מיין מיה, אזוי
פיעל מיה!

— היינט פארשטעהט איהר?—ווענדט זיך אלטער צו מיר מיט
א ניגון פון געבעט, אויסשטרעקענדיג ביידע הענד, ווי ער קלאגט זיך,
גיסט אויס זיין שווער, ביטער הארץ און פערלאנגט פון מיר עפיס
א הילף — פארשטעהט איהר שוין? אז ס׳איז ניטא קיין מזל, דאס
פיצעלע מזל, העלפען נישט אלע חכמות. אוי, א צארן פון גאט איז
שוין פון א צייט אויף מיר אויסגעגאסען געווארען, אשטראף פאר
מיינע זינד.—„אויף מזומן געלד!" זאגט איהר? אאיבריגען גראשען
האב איך דען אין קעשענע, אז אך און וועה און ווינד איז מיר!

— אי, ווי אין באד! — צוהייץ איך מיך אויף א קול און מוז
מיך א געשמאקען רוק.

אלטער שטעלט אויף מיר אויס א פאר אויגען, שאקעלט מיט
דעם קאפ, שטארק אויפגעבראכט, מאכענדיג דערביי ווי אין דער
וועלט אריין:

— א גנב אביסעל פון א יודען! א מענש ווערט שונא ציון,
צוזעצט, די נאל שפרינגט איהם פאר צרות, רעדט, און ער —
גארנישט! האט אין זינען זיין נפש׳ל. א קאטאוועס, ס׳איז היים ווי

אין באָד: וועט צישמאַלצען ווערן... איך פאַרשטעה, ניש'קשה, יודיש? אָנשטעלען, דאָס וויל אַ יוד אַ חאַפּ טאָן זיך צוריק, אַרויסזעהענדיג, אַז ביי יענעם איז קיין מזומנים נישטאָ, קיין געשעפטען מיט איהם וועט ער נישט מאַכען.

— כלעבען... — הויך איך מיך אָן, אַ ציה געבענדיג אַלטער'ן פאַר דער באָרד, כמנהג יוד — וואָס פאַלט אייך איין, ר' אַלטער! אַזעלכס צו טראַכטען? איך מיין גאָר עפּיס אַנדערש. איער סוף מעשה, אַצינד אויף דעם יריד האָט מיר דערמאָנט אין זעהר אַ שענער מעשה, אַ מאָל אין באָד, וואָס ליגט מיר עד היום אין טעם און קען עס נישט פאַרגעסען. אויך די איגענע מעשה, עס זאָל דאָס פעהלען אַ האָר. נאָר דאָרט איז עס געווען בקיצור און זיך אויסגעלאָזט מיט'ן קנאַק. מען מעג עס הערען. אָ, איהר שוויצט, ר' אַלטער: רוקט זיך, זייט מוחל, אַ קאַפּעלע אַ הין, וועל איך מיר ליגען אָט אַזוי מיט דעם רוקען צו דער זון און דערצעהלען.

אַלטער ווישט מיט'ן עק אַרבעל פונ'ם העמד אָב דעם שוויס פון זיין פנים, נעהמט פון דער בוזעם-קעשענע אַרויס זיין פאַרצולייען פּיפּקעלע מיט עפּיס אַ יפה-פה אויסגעמאָלט דערויף; מאַכט אויס מיט אַ דרעטעל, וואָס הענגט אויף אַ קייטעלע ביים טאַמבאַקאָווען דעקעל פון דעם לולקעלע, דאָס קורצע ציבעכעל, פון וועלכס דאָס דינע אויסגעבויגענע מונדשטיקעל, ווי איך דער אונטערשטער טייל, זענען גרויש-וואַרצליכע ביינדעלעך און דאָס מיטעל-שטיקעל אַ ווייכס, אויס-געהעפּט אַרום מיט זאַמד-פּאַטשערקעס; פערדרייכערט דערנאָך דאָס פּיפּקעלע, טהוט דערביי אַ קליין קוקעלע אויף דער יפה-פה און ציהט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אונטער דעם בוים. איך דוסט מיך אויס, טהו מיך אַ רוק און הויב אָן מיין מעשה אַזוי:

ה

אין דער גלופּסקער געמויערטער באָד האַלט זיך זינט אַ לאַנגער צייט אויף אַ בחור — פישקע דער קרומער. ווער פישקע איז, פון וואַנען ער איז — דאָס איז נישט מיה, נישט קיינעם אַריינגעפאַלן צו וויסען.

גאָרנישט! עס דרעהט זיך אַרום אַ בעשעפעניש, אַ פישקע, ווי אַלע אַנדערע פערוואָהרלאָזטע נפשות, זײַן גלײַכען, וואָס גיבען זיך אַ וויז בײַ אונז, יודישע קינדער, עפּיס פון דער העלער הויט, ווי די שוועמליך, פּאַרטיג מיט אַ מאָל, מיט די אַלע חנ׳דלעך, מען זאָל עס געווען אָנהויבען זעהען, ווי זיי האָבען בּיסלעכווייז געשפּראָצט, חאָטש האָבען פון זיי פריהער עפּיס אַ סימן!... עס זיצען זיך ערגיץ אין לעכער קבצנים, קינדלען זיך, שטילערהייד — וועמעס עסק איז עס? — פּריכפּערען זיך און מעהרען. ס׳איז אָהן עין־הרע אַ גרויס געדעטעניש דאָס קלײנוואַרג גיט זיך אַ הייב אויף די פיסלעך און פּלוצלים שפּרינגען אַרויס אין דער וועלט פרישצאַפּלענדיגע קלײנע יודעלעך: פּישקעלעך, הייקעלעך, חיים׳לעך, יאָסעלעך, נאַקעטע, באָרפיסע, מיט לײַבּסערדאַקלעך, פּלאָנטען זיך אומעטום פאַר די פיס, אויף די גאַסען, אין די הײַזער און די קלײזלעך. — קיין שטאַרק גרויסען פאַרשוין קען מען פּישקען נישט אָנרופען. ער האָט אַ גרויסען פלאַטשיקען קאָפּ, אַ ברייט גרויס מויל מיט געלע קרומע ציין, רעדט שטשיפּלאַווע, קען נישט קיין „ריש״ שאַרף אַרויסזאָגן און הינקט שטאַרק אויף אַ פוס. פּישקע איז שוין געווען אין די יאָהרען, פון זיינעט־וועגען האָט ער שוין געקענט לאַנג חתונה האָבען און מזכּה זיין גלופּסק מיט עטליכע קינדערלעך; נאָר אויף זיין פינסטער מזל, האָט מען אין איהם זיך פאַרגעסען, און ער איז, ווי אַ פוילער מין אין אונזער ספרים־האַנדל, געוואָרען אַ לעגער־סחורה. מען האָט אין איהם זיך פאַרגעסען אַפילו בשעת דעם רעקרוטען־נעהמען פאַר חאָלערע: חתנים, דאָס הייסט: בשעת גלופּסקער קהל האָט געחאַפּט אין דער בהלה וויסטע קאַלעקעס, דראַבּעס, שלעפּערס און זיי חתונה געמאַכט אויף דעם הייליגן אָרט צווישען די קברים, מיט אַבי־אָט מיידלעך, בכדי דורך דעם זאָל די שלאַפקייט אויפהערען. אָנשטאָט איהם האָט קהל דאָס ערשטע מאָל מכבד געווען מיט חתונה־האָבען דעם בערימטען קאַלעקע יאָנטלען, וואָס רוקט זיך אויף זיין געזעס מיט צוויי קלײנע הילצערנע בײנקעלעך אין די הענט. מען האָט איהם געפּאָרט מיט דער אָרעמער יודענע, די מפורסמת, וואָס האָט גרויסע ציינער ווי לאָפּעטעס אָן אַיין אונטערשטע ליפּ. די חאָלערע האָט זיך פאַר זיי שטאַרק דערשראָקען, און נאָכדעם אַז זי האָט פאַר שרעק מזיק געווען אין גלופּסק אַ סך מענשען, האָט זי געחאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און איז אַנטלאָפען... דאָס צווייטע מאָל האָט מען אויסגעקליבען נחום׳צע דעם שטאָדט־מעגעגע

דעם געוויסען לעקיש. לעקיש האָט אויף דעם בית־עולם, פאַר אַ גאַנצער עדה שענע יודען, צוגעדעקט דעם קאָפּ פון יענער מויד, וואָס איהר קאָפּ איז פון קינדווייז־אָן בעדעקט, איך בעט אייך מחילה, מיט אַ קרוין און אויף וועלכער עס געהט אין דער שטאָדט אַרום אַ קלאַנג, אַז זי איז אַ אַנדרוגינוס. דער עולם, זאָגט מען, האָט אויף זייער התונה זיך גאַנץ שטאַרק משמח געווען, מען האָט זיך וואויל געטאָן און עפּיס גאָר אַ ים בראַנפען צווישען די מצבות אויסגעטרונקען. אָט, האָט מען געזאָגט, נישקשה! לאָזען זיך פּרובפּערען, לאָזען יודישע קינדער, דער חלערע אויף צושפּרינגעניש, זיך מעהרען, לאָזען אָרימע קאַ־לעקעס נעבעך אויך הנאה האָבען... נישט דאָס בין איך אויבען. הכלל, פּישקען האָט קהל פאַרגעסען. אויף גלופּסק איז געקומען ווייטער אַ האָלערע און פּישקען האָט עס פּאָרט נישט געהאָלפען. ער איז גע־בליבען אַ בחור ווי פריהער. אפילו די מוהמע אָהן אַ נאָז, וואָס איהר שטייגער איז צו הערצקען זיך אין מיטען דער גאַס, בשעת איהר בליזמר׳ל סקריפּעט אויף עפּיס אַ מין פידעלע, צווינגענדיג דערבײַ אויפ׳ן בײַ־קולבען, נעהמט צונויף אויף אַ טעלערל נדבות, בכדי צוויי מתים זאָלען געהן טאַנצען, קאַלעקעס, קבצנים, אָרימע מיידלעך זאָ־לען חלילה נישט פערזיצען, — אַפּילו די גוטע, בארמהארצדיגע מוהמעניו האָט אין פּישקען זיך גאָר פאַרגעסען און איהם געלאָזט אומגעהען אָהן אַ ווייב. ס׳איז אודאי נעבעך אַ גרויס רחמנות, אַ צער בעל־החיים, נאָר מסתמא איז זיין מזל שוין געווען אַזוינס. — פּישקע׳ס גאַנג איז געווען געוועהנטליך בּאָרפיס, אָהן אַ קאַפּאָטע, נאָר אין אַ גראָב געלאַטעט העמד מיט אַ לאַנגען פאַרשמאָלצעוועטען ארבע־כנפות און תחתונים פון גראָבע לייוועגט מיט אַ סך פאַלדען. זיין אַרבייט איז געווען צו געהן רופען אויף דער גאַס: „בעלי־הבתים אין באָד אַריין!“ פרייטאָג און „ווייבערלעך אין באָד אַריין!“ מיטוואָך. — זומער, ווען עס פלעגט זיך אָנהייבען וויזען גאָרטענוואַרג, האָט אין דער יודישער גאַס זיך געלאָזט הערען זיין קול ווי פון אַ שלייען:

„יודעלעך, אַהער! יונגער קנאָבל, יודעלעך!“ אין באָד פלעגט ער היטען דאָס אָנטאָן, אונטערטראָגען אַ שעפעלע וואַסער און אַריינלאָזען אַ קייטיג העמד אין דעם אַרבעל אַריין מיט אַ קנופּ אינעווייניג, ווי אַ מייסטער, דערלאַנגט אַ קויל פייער, וואַרפענדיק עס פון איין האַנד אין דער אַנדערער, צו פערדרייכערען אַ ציגאַר טיטון, און כאַפּען דער־בײַ מיט אַ מאָל אַ האַרטען צווייער, אָדער אַ דרייער. פּישקע האָט

זיך שוין נערעכענט דערמיט פאַר אַ שטיקעל כלי־קודש און געהאַט דאָס רעכט אויף געוויסע זאַכען, ווי אַ שטייגער, אַרומגעהן אינאיינעם מיט דעם פעקעל שמייסער, באַדליעט, איבער די הייזער, נאָך פורים־געלד, חנוכה־געלד, קומען מיט דער קאָמפּאַניע אויף אַ לעקעך־און־בראַנפען, אויף אַ קריאת־שמע לייענען, אויף אַ ברית ביי בעלי הבתים אין באָד און האַפּען אַ כוס׳ע מיט אַ שטיקעל האָניג־לעקעך און אַרומגעהן פּסח מיט אַ טאַרבע צונויפנעהמען ביי די בעלי־הבתים שטיקלעך מצה. — איך האָב פּישקע׳ן זעהר גוט געקענט, פלעג ליעב האָבען אַריינצולאָזען זיך מיט איהם אין אַ שמועס און אָנקוועלען אַ מאָל פון זיינע ווערטער. ער איז גאָר נישט געוועזען אַזאַ מיאוס׳ער שוטה, ווי ער האָט אויס־געזעהען. וואָרום ווען איך בין נאָר אין גלופּסק, איז ביי מיר די ערשטע זאַך פון אַלע מלאכות זיך אָראָבצוחאַפּען אין דער געמויערטער באָד, אויסצופרודען די זאַכען, די זאָקען און צו פּאַרען די ביינער אויף דער אויבערשטער באַנק. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, דאָס איז דער בעסטער תענוג ביי מיר. וואָס קען, דאַכט זיך, בעסער זיין פון שוויצען? איך זאָג אייך בפירוש נאָך אַמאָל, אַצינד־אָ אפילו וואָלט איך אויך שטאַרק הנאה געהאַט פונ׳ם ביסעל שוויס, ווען די זון זאָל מיר נישט זיין אַקעגען פּנים. —

—רוקט זיך נאָר, ר׳ אַלטער! רוקט זיך, זייט מוחל, ווייטער אַביסעל! — אָ איהר האָט איצט אָהן עין־הרע גאָר דעם גוטען שוויס! טהוט זיך נאָר, זייט מוחל, אַ רוק אָט אַזוי, אַזוי.

—נו, איין עק. אַ סוף זאָל עס האָבען! — מאַכט אַלטער אָנגעברוגז׳ט — איך ליג שוין, דאַכט זיך, גוט. ציהט נישט, איך בעט אייך, ביי דער נשמה און מאַכט עס בקיצור.

—האָט צייט, ר׳ אַלטער! דער טאָג איז נאָך גרויס — רוף איך מיך אָן און הויב אָן ווייטער צו דערצעהלען:

—אַז איך בין געוועזען מיט עטליכע יאָהר צוריק אין גלופּסק און פונדערוויטענס אויף דער גאַס דערזעהען פּישקען, בין איך פּשוט אויס דער הויט געשפּרונגען פאַר גרויס וואונדער. פּישקע מיינער, זעה איך, געהט מיט די קרומע פיס, אָנגעטאָן ווי אַ שטשאָגעל אין אַשפּיגעל־נייע משער־קאַסענע קאַפּאָטע מיט נייע שיך און זאָקען. אויפ׳ן קאָפּ אַ גרויס פליסען

היטעל און אויפ'ן הארץ בלישטשעט איהם ערשט ניי פון דער נאָדעל. אַ לייבצודעק פון הארט אָנגעקראָכמאָלטען ציטץ מיט גרויסע רויטע קווייטען! וואָס קען עס בעטייטען? טראַכט איך ביי מיר, זאָל זיין אפשר, קהל האָט איהם אויסגעקליבען פאָרט פאַר אַ האָלערע־חתן? נאָר אויף גלופסק אָבער איז אין יענעם יאָהר קיין האָלערע נישט געקומען, נישט דעריבער, ווייל מען האָט אפשר אויסגערייניגט דעם טייך, צוגענומען די בערגלעך עפוש'דיגע בלאָטע און די גע'פגר'טע קעץ פון די גאַסען, אָדער בעלי־הבתים האָבען געמאַכט אַ האַסלע, אויף צו־להכעיס דעם גאַנץ אַלטען מנהג, ווייטער נישט אויסצושיטען דעם מיסט, אויסצוגיסען די פאַמייניצעס אונטער דער נאָז, פאַר די הייזער? חלילה! ווי קען מען אויף אַזאַ יודישער קהילה אַזוינס גאָר טראַכטען! נאָר וואָס דען? ס'איז גלאַט געווען נאָר ריינע נסים... יודען האָבען אַפילו דענסטמאָל זיך געקלאָגט אויף די בייכער, צובּיסלעכווייז אויך אונטערגעשטאָרבען. נאָר דאָס איז געווען גלאַט אַזוי, איין איבער־גאַנג. מען האָט עס צוגעשריבען די גרינגע אוגערקעס. דער אָרימער עולם האָט מיט אַ הייסען הונגער זיך צוגעהאַפּט צום יונגען גאָרטענ־ווארג און... ס'איז, געלויבט גאָט, מיט חסד... נישט דאָס בין איך אויסען. דערוויל, ווי איך טראַכט דאָ און וואונדער מיך אַזוי, איז פישקע פערשווינדען געוואָרען. גראָד בין איך, נישט היינט געדאַכט, דענסטמאָל געפאַלען אויף די קריזשעס, געליטען שטעכעניש. שוין טאַקי אַ לאַנגע צייט נישט געלאָזט צו דער אָדער, נישט געשטעלט קיין באַנקעס, אַ חוץ נאָר אַ קענען אַ צעהן פיאַווקעלעך אין דער גאַנצער צייט פון עטליכע חדשים!... נו, האָב איך מיר פירגענומען, מאָרגען, בלי נדר, געה איך בייצייטענס אין באָד, וועל דאָרטען צוברענגען גוטע עטליכע שעה און שוין אָנשמעקען דאָרט אַלצדינג... נישט דוקא וועגען פישקען אַליין, ווי אויך טאַקע וועגען אַנדערע וויכטיגע זאַכען: מבוח פאָליטיקע, פאָטשטען און אַלצדינג, וואָס קאָכט זיך, פערלויפט זיך אויף דער וועלט און אין דער שטאָדט. דאָס איינציגע שטיקעל אָרט פאַר יודען אויף צו שמעקען, אַרויסצוגעבען וואָס עס בורטשעט אינ־וועניג אין זיך און האַפּען צוריק עפּיס אַ לעק פון אַנדערע. דאָרט, אין דער באָד, ווערט מען געוואָהר פון זעהר פיעל סודות, דאָרט ווערט אָבגעמאַכט זעהר פיעל געשעפטען און עס רודעוועט זיך מעהר נאָך ווי אויף אַ יריד. מען בעדאַרף אַהין קומען אין אַ פרייטאָג, זעהט מען שענס: אין איין ווינקעל זיצען רופאים מיט דעם קליפערצייג, אַרום זיי יודען

אַ סך. איין רופא גאָלט קעפּ, דער אַנדערער רופא מיט אַ ברייטווע צוקאַדראַשעטע פּלייצעס, שטעלט באַנקעס דעם, האַפּט אַראָב געשטעלטע באַנקעס ביי יענעם, און יודיש בלוט גיסט זיך טייכענווייז אויף דעם פּאָל, אונטער מענשען, פערמישט אינאיינעם מיט בלעטלעך פון בעזימער און אָבגעגאָלטע האָר. דעם רופא׳ס ברענענדיג ליכטעל שמעלצט זיך מיט אַ צופּלאָכטענעם קנויט, שפּריצט, בריזגעט מיט אַ בייזער, מיט אַ פּלאַם־פּייער פון אַ מיתה־משונה־קאָליר. — אויף די ווענט, אויף דער סטעליע נעבען אויווען הייגען, ווי אין דעם גרעסטען מאַגאַזין, אַלערליי קליידער: העמדער, זאָקען, כל־אַ מיני לייבצודאַקען, אַלע סאָרטען תחתונים, קאַפּטענס, קאַפּאָטעס, אויך קיילעכדיגע פּעלפּענע היטלען. — פון דער אויבערשטער באַנק לאָזען זיך הערען שרעקליכע קולות, אַ טייל יודען ליגען דאָרט אָהן כוחות, זיפצען און קרעכצען, אַ טייל זענען געוואָפּענט מיט בעזעמלעך און שרייען. געוואַלד, יודישע קינדער! געוואַלד האָט רחמנות! געוואַלד! געוואַלד פּאַרע! ... אין באָד ווערט קאַלט, אַלע שרייען, און איינער שטרעקט נישט אויס אַ האַנד אויפצוגיסען אויפ׳ן שטיין, ביז צום סוף געפינט זיך עפּיס אַ ווייסע־חברה׳ניק און מאַכט אָן אַזאַ היץ ווי אין גיהנום, אויף דערשטיקט צו ווערען. צוויי אויסגעווייקטע יודען שלאָגען זיך דאָרט פאַר אַ ראַשקעלע, אויסרייסענדיג איינער פונ׳ם אַנדערענס הענד מיט זידלעריי אַ שרעק. אַ דאַרער מלמד, וואָס בלאָנקעט זיך דאָ אַרום אָהן געצייג, לעגט זיך אַריין אין שלום, מאַכט אַ פּשרה — און אַלע דריי טונקען זייערע פערשמאָלצעוועטע פּאַטשיילבענס און וואַשען זיך פון איין ראַשקעלע. אויבענאָן אין אַ קופּקעלע, זיצען מיוחסים, נגידים, לייטישע מענשען און שמועסען עסק, פון תוך־זאַבען: מכּוח די טאַקסע, מכּוח היינטיגע עזות־פּנים׳ער, מכּוח דעם נאַבאָר, מכּוח די וויבאָרעס אויף גלאַסנעס, אויף אַ רב, מכּוח אַכטצעהן און דרייצעהן און מכּוח דעם נייעם פּאָליצמייסטער. צו זיי שאַרט זיך צו ווי אַ קעצעלע עפּיס אַ שענער יוד און מאַכט אַ שמועס מכּוח דער תלמוד־תורה, מכּוח די נייע גזרות, מכּוח חטאים אין שטאָדט און רייסט דערביי איטליכען איין סודות אין אויער... פּלוצלים קומט־צו איינער אַ וואוילער יונג, וואָס שאַרפט די ציינער אויף גלאַסנע און פאַרבעט מיט אַ חניפה־שמייכעלע איך דער אייבערשטער באַנק דעם גרעסטען יחסן און בעל־דעה, וועלכען ער וויל אַביסעל אויספּאַרען טשאַקענדיג מיט זיין כבוד אַליין. דער שענער יוד, וואָס האָט אויך אַ קוק איך עפּיס אַ התמנות און וויל אָבלעקען אַ ביין, פּאַלט

דעסגלײַכען אויף דער אײַנענער המצאה. טהוט זיך א בײג מיט א חנופה'לע און פארבעט אייך א יחסן צום טאנץ. אלע קריכען-ארויף אויבען אויף דער באנק, די בעזעמלעך הײבען זיך און די געשעפּטען זענען אבגע-מאכט .. בזכות די מיוחסים ווערט אין באד געשמאק הײס. קלײן און גרויס, יונג און אלט האפּען זיך צו די כלים. דער עולם קרעכצט, אײַקעט, פּאַסמאַקעוועט זיך אויף אלערלײַ קולות, און דענסטמאָל קריכט מײַנער ארויף העכט-העכט הויך אין א ווינקעלע, ביחידות, פאר זיך אלײן און טהוט זיך א נעהם פארען די בײנער אויף װאָס די װעלט שטעהט.

— אוי, רב אלטער, א רוק! װאָטש א קלײן רוקעלע, אהין, אהין אביסעל קיין צפון-זײַט!...

אלטער קוקט מיך אָן עפּיס ווי א אָנשיקעניש, מאַלענדיג מיט די אקסלען: נא, נאַ!

— האָט צײַט א ביסעל — נעהם איך איהם אײַן — װאָס איז אזוי דאס האפּעניש? באלד, באלד! לאמיך נאר א קאפּעלע זיך אברוהען׳

ו.

אָלטער האט זיך עפּיס צושטארק געפּארעט מיט דעם מונדשטוקעל, װאָס איז געװען מיאום פערלײַגט. דערנאך האט ער עס אבגעדרעהט פון ציבעכעל, שילטענדיג עס מיט פערדראס, אײַנגעזעצט אנשטאט איהם א נעגעלעך-פענרעל, פערדרײַבערט אויף דאס נײַ זײַן פּיפּקעלע — פּוף-פּוף-פּוף — און ארויסגעלאזט ווי פון א קוימען א גאנצען װאָלקען רויך. איך האב אביסעל אויסגעגלײַכט די אלטע בײנער און ווײַטער אנגע-הויבען צו דערצעהלען.

אויף מארגען בין איך געקימען אין באד בײַצײַטענס, א סך פריהער אײדער דער עולם איז זיך ביסלעכווײַז צונויפגעקומען. בערעל דער שמײַסער איז געזעסען אין הויז אויף א באנק צווישען ראשקעלעך, אויפגעשטעלט ווי א טורעם אײנע און די אנדערע און געבונדען בעזעמלעך, איבער-

קוקענדיג די בלעטלעך מיט אַזאַ ערענסט פּנים, ווי אַ יודענע קלויבט אַרבעס. נישט ווייט פון איהם שטעהט נעבען אויווען איציק דער היטער, אַ יוד מיט אַ גרויסער באָרד, וואָס איז אין דעם ברויט אַ יאָהר דרייסיג, טהוט נישט מעהר ווי קוקען מיט צונויפגעלעגטע הענד אויף די פּעקלעך זאַכען, צו־ווינשעוודיגע איטליכען ביים אַרויסגעהן פון מרחץ „צו רפואה!” און ציהט דערפון דאָס שטיקעל פּרנסה. ער גענעצט אויף אַ קול, אויסציהענדיג דערביי די הענט אין דער הויך, מאַכט אַ חשבון, וויפיעל דאָס ווייב בעט אויף שבת, שמועסט־איבער מיט בערלען פון די היינטיגע שענע פערדינסטען, שפּעט־אויס איטליכען פון די בעלי־הבתים בעזונדער. מאַכט אַלע אויסצודרעהען, דער איז אַזוינער, יענער—אַזוינער, נישטאָ די מענשען וואָס אַמאָל, גאָר נישט דאָס מרחץ וואָס פריהער. ווענינער פון אַ זעקסער האָט דער קאַרגסטער אַפילו נישט געוואוסט, און היינט... טהוט ער אַ שפּיי און לאָזט־אויס: היינט מעגען זיי אַלע די כפּרה ווערען! —

בערעל און איציק האָבען מיר געמאַכט אַ גרויסען „ברוך־הבא”, שוין מאַקי אַ היבשע צייט אַז מיר האָבען זיך נישט געזעהן און איך בין ביי זיי געווען זעהר איין אָנגעלעגטער גאַסט, מיר האָבען זיך צושמועסט וועגען פיעל זאַכען און כ׳בין אין דער מיט שמועס אַרויפגעקומען אויף פּישקען. וואו, פרעג איך, איז אונזער פּישקע?

—פּישקע!—מאַכט בערעל, אַ טרעסע געבענדיג דאָס בעזעמעל— ז׳ גהעע! פּישקע איז אַ מענש, אַ בעל־הבית׳על, איבערגליקליך!

—פּישקע!—זאָגט איציק, צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ—פּישקע איז היינט אַ פּריץ! אויסער זיין שאָדען, געזאָגט געוואָרען אויף אַ סך!... נו, פּישקע! ער האָט זיך גאָר קיינמאָל אַזוי גוט נישט געחאַלמט.

אָט וואָס בערעל דער שמייסער האָט מיר לסוף דערצעהלט:

—אַ דאָנערשטאָג פאַרנאַכט איינמאָל, איינהייצענדיג אין אַלע אויווענס און זיך שמאַרק אָנגעמאַרדעוועט פון דער אַרבייט, לעג איך מיך מיט חברה אין באָד אויף די ביינק, אָבּיסעל דעם אָטהעם צו חאַפּען, חוץ אונז זענען דאָרט געלעגען אויסגעצויגען נאָך עטליכע יודען בטלנים, וואָס האַלטען זיך דאָ אויף. ווי מיר ליגען זיך דאָ אַזוי רוהיג, רייבערען און שמועסען זיך אַזוי גאַנץ פרעהליך, מיט אַמאָל

הערען מיר, ווי מען פאָהרט עפּיס צו, גלייך צו דער באָד. נו צוגע־פאָהרען—צוגעפאָהרען, וואָס מאַכט עס אויס? איידער מיר קוקען זיך אַרום, קומען אַריין דריי אייזערנע, געזונטע פאַרשווינען, אַלע אין איין קול: „גוט נאָווענט, ידען! וואו איז פּישקע? גיט אַהער פּישקען!...“ דאָ האָב איך מיך שוין טאַקי אַביסעל ווי דערשראָקען: וואָס הייסט עס פאַר אַ לשון, עפּיס גאָר אין איין אָטהעם: „גיט אַהער פּישקען“ באַלד אָבער האָב איך זיך צוריק מישב געווען, וואָס איז דאָ אַזוי דער שרעק? קיין גנב חלילה איז פּישקע ניט, עפּיס געשעפטען גרויסע מאַכט פּישקע אויך ניט און ווען אפילו די פאַרשווינען זענען חאַפּערס, וואָס־זשע הערט זיי פּישקע? אַקוראַט ווי דאָס מילבעדיגע קלינגעל. מיט זיינע מעלות איז פּישקע, ברוך־השם, בעוואָהרענט פאַר אַ רעקרוט.

—פּישקען בעדאַרפט איהר?—רוף איך מיך אָן בעהאַרצט—ער איז אַצונד נישטאָ. נאָר זאָגט מיר, פעטערס, צו וואָס טויג אייך פּישקע? איך וויל עס וויסען.

די יודען קוקען זיך איבער אַ ווילע צווישען זיך, דערנאָך טרעט איינער פון זיי אַרויס און מאַכט צו מיר: מהיכא־תיתי, מיר ועלען אייך זאָגען. פאַר וואָס נישט? מען האָט חלילה דערמיט זיך נישט צו שעמען: דאָס איז אַ יודישע זאַך. די מעשה דערפון איז אַזוי:

די בלינדע יתומה קענט איהר דאָך, די בלינדע יתומה, וואָס זיצט שוין פון גאַנץ לאַנג נעבען דערטוי טער שול, ביים אַלטען בית־עולם, און בעט נדבות מיט דעם בעקאַנטען לידעל, וואָס איינער פון די בריות האָט אויף איהר געמאַכט. די דאָזיגע בלינדע יתומה איז היינטיגס יאָהר געבליבען אַ אַלמנה. זי האָט זיך געאיילט גיך צו פער׳קנס׳ען מיט עפּיס אַ טרעגער, זיך מתחיב געווען, איהם אויסצוקליידען בעל־הבתיש און געבען איהם זיין בעדערפעניש, דערצו נאָך אַביסעל געלד. היינט האָט געזאָלט זיין די חופה. מען האָט אָנגעגרייט זעהר אַ גוטע וועטשערע: בראָנפען, בולקעס, פיש און טאָפּ־געבראָטענס. אַ גילדע־נע יויך מיט עופות, ווי דער שטייגער איז ביי יודישע קינדער. דאָס אַלצדינג קאָסט געלד. אַז מען איז איינגאַנצען פאַרטיג געוואָרען, די כלה אויסגעפוצט, אויסגעשלייערט, שיינט, לויכט, ווי אַ יודישע טאָכטער, איז מען געגאַנגען צו דעם חתן נעהמען איהם צו דער חופה. דער תכשיט אָבער, הערט נאָר, איז גאָר נישטאָ אין דער היים! מען וואַרט אַ שעה, נישטאָ, מען

וואַרט נאָך אַ שעה, ער קומט נישט, ער איז ווי אויסגעטריקענט געוואָרוען וואָס לאָזט זיך צום סוף אויס? דער בחור, ברענגען זאָל ער, האָט חרטה! באַשר זיין באָבע, וואָס איז אַזוי פיעל יאָהר שוין אַ קעכנע ביי אונזער גביר, לאָז געזונד זיין, וויינט, ליאַרעמט, פילדערט, שרייעט אויף דעם שידוך, סאיז איהר נישט לכבוד. זי דינט פאַרט אַזאַ צייט ביים היגען גביר, איז אויגעקאָכט מיט אַסך בעלי־הבתים אין דער שטאָדט, וואָס געהען צום גביר אויף דער הינטערשטער טיר דורך דער קיך. זי קען מאַכען אַ גוטען קוגעל מיט חאַנציעס קבלה און צו איהרע חרעמזלעך איז קיין גלייכען נישטאָ. עפּיס אַ קאַטאָוועס אַ קעכנע אין דעם גביר׳ס געזינד, וואָס האָט אין יאַטקע די גרעסטע דעה, וואָס דער שמש פון דער שוהל ברענגט איהר מיט זיין כבוד אַליין דעם אתרוג בענשען, וואָס דער אונטער־חזן אין דעם קלייזעל לייענט איהר פורים די מגילה אין דער קיך און ריקלע די זאָגערין טרינקט ביי איהר אַ גלעזעל ציקאָריע ראש־השנה נאָך אויסגעהמעניש. פאַר וואָס־זשע זאָל היינט דאָס איניקעל איהר אויף דער עלטער דאָס פּנים פערשוואַרצען און צושטערכען איהר דעם גאַנצען יחוס? ניין, חאָטש האָקט איהם און בראָקט איהם. שריי חי וקים, עס העלפט נישט. ער וויל נישט דעם שידוך, וויל נישט די כלה. רופט מיך, זאָגט ער, קנאַק־ניסעל און לאָזט מיך צום ונתנה־תוקף—מיר אַלע זע־נען געבליבען ווי אויף דער מילכעדיגער באַנק. עס טהוט אָבער קיינעם נישט אַזוי באַנג דער חתן ווי די וועטשערע. וואָס טהוט מען מיט דער וועטשערע, מיט אַזעלכע פיש און געבראָטענס? מיר מתעסקים האָבען אַ גאַנצען טאָג זיך אָנגעמאָרדעוועט, אַרומגעלאָפען, געטאָן, געאַרבייט. אונז קומט נאָך אויך פונ׳ם שדכנות. אַ עברה, כלעבען, אַזוי פיעל מיה אונזער מיה, אונזער אַרבייט! מיר האָבען געטראַכט, געטראַכט, גע־קלערט, געקלערט און אונז איז איינגעפאַלען פישקע! לאָז ער, כ׳לע־בען, אַרויספיהרען איטליכען פון דער נויט. לאָז פישקע, כ׳לעבען, זיין דער חתן, וואָס מאַכט עס אויס? וואָס קען עס איהם אַרען? מיר זענען דאָס אַצונד געקומען נעהמען איהם באַלד טאַקע צו דער חופה אָנשטאָט דעם טרענער.

אין דעם ווי די יודען טענה׳ן דאָ אַזוי, קומט אָן פישקע. מיר האָבען איהם געטאָהן אַ נעהם, געחאַפּט די כשר׳ע מציאה, נישט צו מאַכען מיט איהם קיין פיעל הסברות, קיין לאַנגע שאלות: געה, בחור, מיט די קראַנקע פיס, גענוג זיך געפּאַסעט, געה, בחור, אונטער דער חופה!—

מען האָט אַלצדינג אָבגעמאַכט גאַנץ געשווינד, נאָך איידער פישקע האָט צייט געהאַט אפילו זיך אַרומצוקוקען. חברה האָט געהאַט אַ גוטע מעטשערע, געגעסען, געטרונקען אויף וואָס די וועלט שטעהט און צוגעווינטשעוועט דעם נייעם פאָר־פאָלק.

פישקע געהט עס היינט אין דער טשערקאַסענער קאַפּאָטע, וואָס אין איהר האָט געזאָלט געהן דער טרעגער און איז גאָר דער וואוילער יונג. זיין אַרבייט איז היינט, אַרויסצופיהרען אַלע פריה־מאָרגען זיין ווייב, די בלינדע יתומה, אויף איהר אָרט נעבען אַלטען בית־עולם און תחילת הלילה אַוועקצופיהרען זי פון דאָרט צוריק אַ היים. מיט עסען און טרינקען האָט פישקע נישט וואָס צו זאָרגען. זיין ווייב איז איין אשת־חיל, האָט אַ שטענדיגע גוטע פרנסה אין די הענד. דאָס פּאָר'ל האָט זיך ליעב, איינער דעם אַנדערען האָט נישט הלילה אויסצוזעצען קיין חסרונות.

אָט דאָס, ר' אַלטער, האָט מיר דערצעהלט בערעל דער שמייסער. זעהט איהר שוין, רוף איך מיך אָן, וואָס אויף דער וועלט קען זיך טרעפען. ווי אַזוי מען פאָרט ביי אונז יודעלעך הינקעדיגע מיט בלינדע, ווי אַזוי מען שטעלט חופות, מאַכט זיווגים, צוליעב וואָס? די מהוערם זאָלען זיך זאַט אָנעסען, אָנטרינקען! אַזוי איז ביים געמיינעם עולם, ביי די אָרימע און אַזוי אויך ביי די נגידים. דאָרט ווערט אויך זעהר אָפט געשלאָסען אַזעלכע מיני שידוכים, וואָס נישט געשטויגען. עס פאַרשטעהט זיך, צוליעב איין אַנדער מין וועטשערע, מיט איין אַנדער חן... נישט דאָס בין איך אויסען. זאָרגט, כ'לעבען, נישט, ר' אַלטער! אויב אייך איז נישט געראָטען פאָרען מיט אַ בחור אַ זכר, דערפאַר וועט אייך געראָטען, אם־ירצה־השם, צוזופיהרען עפּיס איין אַנדער מין שידוך. פאַלט נאָר ביי אייך ניט אַראָב. ניש'קשה, כ'לעבען! איך זעה, איהר טויגט, איהר האָט נעהאַפּט דעם סטריה באַלד מאַקי, נאָר לומד'יש. פאַרקעהרט, אדרבה, אָנגעהויבען אייער ניי געשעפט האָט איהר גאַנץ גוט, ווי אַ לאַנד־שדכן טאַקי. אי וואָס, דער בחור... נו, בע, כ'לעבען! דערפאַר אָבער אַז איהר וועט ערגיץ שוין אָנשמעקען אַ מויד, וועט עס שוין געהן ווי אַ מזמור. אַ בלינדע, אַ שטומע, אַ קרומע, נעה, טאַכטער, געה מיט מזל אונטער דער חופה! דער דרוקער מאַנט געלט, די שקאַפע בעדאַרף עסען, די בתולה מיינע מוז חתונה האָבען,

מײן װײב איז געלעגן געװאָרען, למזל, מיט אַ יונגיל, געה־זשע, טאַכטער, געה, רוק זיך אונטער דער חופה!...

רוקט זיך נאָר, אין מחשבות׳ן, ר׳ אַלטער װײטער אַביסעל. אָ, איהר שװיצט, אָהן עין־הרע, װי אַ ביבער! שװיצט, שװיצט געזונדערהײט!

ז.

מילאָ בקיצור, װי די מעשה איז, דערװײל איז שפּל! — מאַכט אַלטער, װי אַלײן צו זיך, מיט ׳ קרעכץ, בעטריבט, פערראומערט און גרויסע טראָפּען שװײס טרעטען איהם אַרױס אױפ׳ן פּנים. ער הײבט אױף די אױגען, דערלאַנגט אױף מיר אַ בליק, עפּיס מיט אַזאַ ריהרענדיג קנײטשעלע, מיט אַזאַ רחמנות־פּנים׳על, װי אַ זױגענדיג קינד קוקט אױף דער מאַמע, בשעת עס לעכצט נאָך דער ברוסט. אַלטער נעבעך האָט געמײנט פּרנסה, עס האָט איהם געצױגען צו מאַכען מיט מיר עפּיס אַ געשעפטעל, װאָרום װי ליגען עס צװײ יודען מיט בערד, אין מיטען העלען טאָג, גלאַט [illegible] אָהן עסק? װען צװײ יודען זאָלען אַ שטײגער, פערװאָרפען װערען ערגיץ אין אַ עק אױף אַ װיספּע, װאו הוץ זײ איז נישטאָ קײן לעבעדיג בעשעפעניש, איז גאַנץ זיכער, אַז אײנער װעט מיט דער צײט מאַכען עפּיס אַ קלײטעל, דער אַנדערער — אױך עפּיס אַ שטיקעל געשעפט, בײדע צװישען זיך װעלען האַנדלען, אײנער דעם אַנדערען בּאָרגען, געבען אין קאָמיסיע און אײנער פונ׳ם אַנדערען ציהען דאָס שטיקעל פּרנסה. אַלטער האָט באַלד טאַקי אַ פרעג געטאָן: „װאָס געפינט זיך בײ מעלתו׳ הײנט עפּיס אין בײדעל?״ עס האָט אַזױ פּיעל געהײסען װי: מאַמע, טיטע!... צופּאַקט אײך, ר׳ מענדעל, און אַרױס מיט דער סחורה!

אין ברירה! מען טאָר זיך ניט פֿױלען. איך נעהם אַפילו מײן פּעקעל סחורה, אַלטער זײן פּעקעל און נעהמען זיך קנעלען, געשמאַק צום עסק. מיר סטעבעװען, בײטען, איך גיב אַלטער׳ן אין חילוף אַרײן בריה׳שע ביכלעך מיט קורצע שורה׳לעך און הה, אהה, װעה־געשרײ־

גען! — וואָס איך וויל זיי פּטור ווערען, ער איז אָבער אויך קיין גישט און וויל זיי אַפילו אין די הענד אַריין נישט נעהמען.

— פּוילע סחורה! — זאָגט אַלטער, פערקרימענדיג זיך — שמאָכטעס פון עפּיס פערשימעלטע באַנק־קוועטשערס, אָרימע בעלי־עברות! ווייס איך וואָס זיי האָבען דאָרט עפּיס אָנגעמאַכט! פאַר ווענען? קיינער פונ׳ם עולם פאַרשטעהט דאָרט נישט אַפילו קיין וואָרט. עפּיס טערקיש, משטיינס געזאָגט, לשון!.. איינמאָל שוין געטאָן אַ נאַרישקייט פיהרען מיט זיך אַזאַ לענגער־סחורה. פע, כ׳לעבען! גיט אַ הער, ר׳ מענדעלי, עפּיס רעכטס!

איך לייג אַרויס רומי״ל, איין מין נאָך דעם אַנדערען, מיין אַלטער קווינקעלט זיך אַלץ, זעצט־אויס חסרונות. צו איין מין אָבער בעקומט ער שטאַרק חשק און איז צו איהם ווי צוגעזאָטען געוואָרען. ס׳איז באמת געווען גאָר אַנטיק. די בלעטלעך פון כל־אַ־מיני קאָלירען, און נישט פון איין גרויס. די אותיות אַביסעל מטושטש פון אַלערליי שריפט: רש״י, דימענט, פּערל, פּרקים, גרויס און קליין וועליש. דאָס אויס־שטעלעכטס גאָר אַ וואונדער, שמאָלע פּאַסיקלעך אָנגעדרוקט מיט קליינע אותיות׳לעך ביי די זייטען, אַ ברייטער פּאַס מיט גרעסערע שריפט אינווייניג אין דערמיט, אונטען אַ בויך מיט פּיצעלעך אותיות, אָנגעזיצט ווי מאָהן, און צווישען די אַלע שטיקלעך ציהען זיך אין דער לענג, אין דער ברייט סטעזשקעלעך, ווי ווייסע שמאָלע בענדלעך, די אַלע גוטע מעלות, וואָס יודען אין אונזער ווינקעל האָבען ליעב. פאַרוועגדטע בלעטלעך איז אין פּיעל שטעלען אויך געווען. דאָס איז דאָך ערשט די גאַנצע חריפות: אדרבה, לאָז אַ יוד ברעכען דעם קאָפּ, פּאַלען אויף דעם שכל און געפינען. גלאַט אַזוי, פּראָסט, ווי עס געהער צו זיין, קען דאָך אַפילו אַ גראָבער יונג אויך אָנטאַפּען... פון גרייזען רעדט מען שוין נישט, דאָס מוז שוין דאָך זיין. און ווענען געהען זיי אָן? אַ יוד האָט אַ קעפּעל און איז נישט קשה נישט קראַנק זיך אָנצושטויסען, וואָס מען מיינט. נאָר אַ לשון, אַ לשון איז עס דאָרט געווען קונציג וואויל נאָר נישט צום פערשטעהן! אַקוראַט אין דעם יודישען גוסט. אָן־קוצין איז דאָך עפּיס אויך גענוג גוט, הארבליך מחיה, נאָר אָן־קוצין־לשון שרייבען ביי אונז היינט געוועהנטליך אויך פּיעל אַנדערע, מען קען פאָרט ווי עס־איז די איינבייסען, טרעפען וואָס זיי מיינען. מילא

וואָס=זשע איז דאָס אַזאַ חשיבות? וואָס=זשע לאָזען זיי מיך דאָ הערען? גוט, אמת גוט איז בײַ יודען נאָר אַזוינס, וואָס ברעכט דעם מוח און אוממעגליך צו פאַרשטעהן. אַז מען פאַרשטעהט עס נישט, מסתּמא מוז ראָך דרינען עפּיס שטעקען... נישט דאָס בין אויסען.

מײַן אַלטער האַפּט דעם דאָזיגען מין סחורה מיט בײדע הענד און מען זעהט, ווי עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונד. דערנאָך בײַטען מיר תחינות אויף בבא=מעשיות, מענה=לשון׳ס אויף טוזענט=און אײַננאַכט, שיר=המעלות׳ן אויף קמיעלעך; סטעבעווען אַ מאה זשיטאָמירער סליחות אויף בערשעטער טלית=קטנ׳ס, ווילנער קינות אויף שופרות, חנוכּה=לעמפּלעך אויף וואָלפציײַהנדלעך, שבת׳דיגע מעשענע לײַכטער אויף הבדלות און קינדערשע בליטשקענע יאַרמולקעלעך. בײדע צדדים האָבען דערווײַל פּונ׳ם גאַנצען משא=ומתן קײן גראָשען אין די אויגען נישט געזעהען און געבליבען שטאַרק צופרידען, גלאַט פּונ׳ם האַנדעל אַלײן. מען האָט דאָך געטאָן, געהאַנדעלט, געמאַכט געשעפטען, נישט געזעסען לײדיג. אַלטער׳ס מרה=שחורה איז ווי אַ רויך פערשווינדען געוואָרען, ס׳איז איהם געווען צו דערקענען אין דעם פּנים, אַז יאַרמעליניצער יריד מיט זײַן פינסטער מזל איז איהם פון׳ם זינען אַרויסגעגאַנגען. ער רעכענט עפּיס שטילערהײט פאַר זיך אויף די פינגער, האַלטענדיג דעם לינקען אויער אָנגעבויגען, גלײַך ווי אין קאָפּ בײַ איהם חשבונ׳ט אַ בוכהאַלטער, צו וועלכען ער האָרכט זיך גוט צו, און, אַ פּנים, דער חשבון ווײַזט אויף אַ פערדינסטעל, אם=ירצה=השם, ווײַל דאָס מויל שפּאַלט זיך איהם אין דער גאַנצער ברײט און פון צווישען זײַנע געדיכטע וואָנצעס בליצט אַרויס אַ זיס שמײכעלע.

ערווײַל איז געוואָרען מנחה=צײַט. אַ געשמאַק ווינטעלע הויבט=אָן צובלאָזען און אויפ׳ן הימעל ווײַזען זיך שטיקלעך וואָלקען, אויף וועלכע מען האָט, ווי אויף טײַערע געסט, שוין אַ לאַנגע צײַט אַרויסגעקוקט. די בוימער הויבען פּאַמעליך אָן זיך צו שאָקלען, אײנער צום אַנדערען אײַנגעבויגען דעם קאָפּ. און פיהרען צווישען זיך אַ שמועס אויף זײער לשון, נאָכדעם אַז זײ האָבען אַזוי לאַנג געשוויגען שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפגעוועקט די שלאָפעדיגע תבואה, אַלע זאַנגען האַפּען זיך ווי יונגע קינדער אויף מיט אַ קול און צוקושען זיך גאָר פרײַנדליך. גאָטס בעשעפעניש ריהרט זיך אומעטום: אויפ׳ן פעלד, אין וואַלד און אין דער לופט. אײנס נאָך

דאָס אַנדערע מרעטען שפּילפייגלעך אַרוים, אויף צווייגלעך, ביימלעך, נידעריג און גאַנץ הויך, פּוצען זיך די פעדערלעך, אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסע, אַ שאָקעל און הויבען אָן די זיסע זמירות, צו זינגען, צו שווישטשען. באַבעטשקעס, רייך געקליידט אין אַטלעס, סאַמעט, מאָדע-אַנטיק מיט טייערע צירונג האַפּען אַ טענצעל, שוועבענדיג אין אין דער לופט, הויבען זיך, דרעהען זיך און מאַכען חן. צוויי בושלעס, גוואַרדייצעס, מיט לאַנגע, רויטע פיס שטעהען אויפ'ן גראָז, פּערדרייסענדיג די קעפּ אין דער הויך און קוקען מיט גדלות. עפּיס אַ קונדעס, אַ פויגעל, שטיפּט, פליהט פון איין בוים צום אַנדערען, מאַכט „קיקו, קיקו!״ ווי ער שפּילט זיך אין באַהעלטעניש. איהם ענטפערט אָב פון צווישען ווייץ און קאָרן איין אַנדער מין פויגעל עפּיס. „פּיק-בער-וויק, פּיק-בער-וויק!״ ווי גערעדט: אייביג וועכט-דו מיך דאָ נישט חאַפּען, האַטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפ'ן עק, פּאַקט זיך, ר' קרוב, ווייטער און אַוועק, אַוועק!... נישט ווייט אין אַ וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָוויי, צולאָזט זיך אויף זיין העלזעלע, מאַכט זיסע שטייגער און שפּילט גאָר מחיה, איטליכער, וואָס קען נאָר עפּענען אַ מויל, האַלט דעם וועלט-בעריהמטען חזן אונטער. ושאַבעס אפילו פון די טייכלעך ערגיץ מערעלייקען, אפילו פליגען, בינען האָבען נישט געשוויגען און דער זשוק, דער שייגעץ, דער אָנחאַפּער, האָט פליהענדיג אויך געזוזשעט. דאָס איז געווען אַזאַ קאָנצערט, וועלכען מען האָט געמעגט אויף בילעטען געהן הערען... די גאַנצע וועלט איז עפּיס ווי לעבעדיג געוואָרען און בעקומען אַ פרעהליך פּנים. אַ פרייד, אַ פאַרגעניגען צו הערען, צו זעהען, צו שמעקען די זיסע ריחות פון אַלע זייטען.

— ר' אַלטער, ס'איז גוט! ר' אַלטער, ס'איז שען! עס ציהט עפּיס ביי דער נשמה, עס רעדט עפּיס צום האַרצען: גאָטס וועלטעל איז שען, גאָטס וועלטעל לעבט! עס ציהט און גלוסט זיך אַריינוואַרפען זיך עפּיס אַהין, אַהין מיט הענד און מיט פיס...

— ר' מענדעלי, בע... ר' מענדעלי, עט... פע! — טהוט אַלטער אויף מיר זיך אַ קרים — שוין צייט בעסער מנחה דאַוונען, פאַרגעסט בעסער נישט פון אייערע אַלע זאַכען, צו זאָגען "ענגו"...

איך פערבינד די זאַקען, גאַרטעל-אַרום מיט אַ פּאַסיק די קאַפּאָטע און הויב-אָן זאָגען „קטורת״ אויף אַ ביי-קול, גאַנץ לוסטיג. מיין אַלטער, זאָל

לעבען, צולאָזט זיך באַלד טאַקי נאָך מיר אויף דער גראָבער סטרונע, אויף דער געמבע, און מיר ביידע גיבען־אָב אַ שבח זיין ליבען נאָמען, בשעת אַלע קרייטיכצער און בלעטלעך אויף די פעלדער, אַלע חיות און עופות אין די וועלדער לויבען גאָט, זאָגען שירה.—

נאָך ביים אָנהייב „פטום הקטורת”, אַז אַלטער איז אַרויס מיט דעם גאַנצען אַפּטייקעל קרייטיכצער און געווירצען: החלבנה—טייווילש־קויט, והלבונה—לויטערע ווייעך, הצפורן—אַ וואָרצעל גלאַט ווי אַ נאָגעל, אינגבער און שטיינגלעך זאַפרען, האָט ער אַרויסדערטאַפּט פון אונטער דער קעלניע דאָס בעל־העגלה'שע טריף־געווירץ, אַ קליין פּעסעלע „מאַזניצע” מיט כמאַלע. מיט דעם דאַווגען איז ער פאַרטיג געוואָרען גיך, און בשעת איך האָב נאָך געהאַלטען אין דער מיט, האָט ער שוין געשמירט די רעדער.

— האיעט נישט, ר' מענדעלי, מאַכט עס בקיצור—טרייבט מיך אַלטער אונטער—נעהמט זיך איהר דאָ צו אייער וואָגען און איך וועל דערווייל אַ גער טאָן נאָך די פערדלעך, צייט צו פאָהרען. ביז נאַכט קענען מיר גאַנץ ווייטליך איינפאָהרען.

אַלטער גערט באַלד טאַקי אַוועק און איך נעהם מיך צו דעם וואָגען, טאָן איהם זיין רעכט. איך איל מיך גישט, שמיר די רעדער בעל הבת'יש, איך קאַרג נישט קיין טריף־געווירץ, בעטראַכט מיר די אַקסען, איטליכס פּיצעלע בעזונדער. דאָס האָט געדויערט אַ היבשע צייט — און מיין אַלטער קומט נישט. די פערדלעך האָבען געמוזט פאַרגעהען ווייטליך אַפּיסעל אין וואַלד און זיך גוט אונטערגעפּאַסעט. אַזוי דענק איך מיר און טהו אַקוק אויף דער זון, וואָס האַלט נאָהענט ביים אונטערגעהן. איך שטעה מיר אַזוי אַוועק ווייטער אַ היבשע צייט. די זון האָט זיך שוין געזעגט. איהרע לעצטע שטראַהלען קריכען ביסלעכווייז אַראָב פון די ביימער, אויף וועלכע זיי האָבען ערשט אַזוי פרעהליך־לויבטענדיג זיך געשפּילט, זאָגען דעם וואַלד: אַ גוטע נאַכט!...

עס בעפאַלט מיר עפּיס אַ מורא. אפשר איז אַלטער'ן נישט גוט געוואָרען? אַ קאַטאָווער נאָך אַזוי פיעל שוויים, נאָך אַזאַ לאַנגען טאָג פאַסטען! אפשר איז ער דאָרט ערגיץ חלשות געבליבען, אָדער אפשר איז איהם דאָרט עמיצער בעפאַלען? ס'איז דאָך אַ וואַלד, אַ פאַרלעגען

אָרט, אין דער זייט וועג! מען טהאָר אַזוי די זאַך נישט לאָזען, מען מוז געהן זעהן.

איך מאַך מיר הארץ און געה אין וואַלד אַריין. איך געה און זוך, אַ עברה אָבער די מיה, אַלטער און די פערד זענען אַזוי ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלען. איך בין שוין פערגאַנגען טיעפליך און קום לסוף צו עפּים אַ לאַנגען, שמאָלען טאָל, וואָס האַקט פאַר מיר איבער דעם וואַלד אין צוויי טייל. דער טאָל איז בעוואַקסען מיט געשערעט און מיני בוימלעך שטעכעדיגע ווי דערנער, און ציהט זיך מיט איין זייט שום שליאַך, מיט דער אַנדערער ערגיץ אַנדערש, העט־ווייט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר. דער וואַלד שטעהט און שלאָפט, איבערגעדעקט פון אויבען עפּים מיט אַ טונקעלען פאָרהאַנג. אַרום און אַרום איז שטיל. נאָר צייטענווייז הערט מען, ווי צוויי הויכגעוויקסיגע ביימלעך, נאָהענטע שכנים, שושקען זיך מיט אַראָבגעלאָזענע קעפ צווישען זיך, איינער דעם אַנדערען אַ קיצעל געבענדיג הינטערוויליכם מיט די צווייגען; אָדער ווי אַ פּאָר בלעטלעך ערגיץ פלאַטערען, בעריהרען זיך, גלייך ווי עם גרימט זיי עפּים און לאָזט זיי נישט רוהען, דאָס רעדט דער וואַלד פון שלאָף. דאָס חלומ'ט זיך איהם געכטיגער טאָג מיט אַלע לייד און פרייד אין איהם. דער שאָרך פון די דאַרע ריטלעך דאָרט— דאָס קומען איהם צו חלום ביימער נעבעך, וועלכע מען האָט פאַר דער צייט אויסגעהאַקט. דער קלאַפּ ביים אַראָבפאַלען עפּים פון דער הויך— דאָס בעטייט אַ נעסט מיט יונגע אונשולדיגע פייגעלעך, וואָס דער שפּאַרבער, דער זשוליק, האָט פלוצלים צושטערט, און דאָס טאַקי פלאַטערען די בלעטלעך דאָרט אויף דער טויטער מוטער מיט איהרע דער'הרג'עטע קינדער, וואָס קומען אַ צונד איהם צו חלום... עפּים אַ גאַנצער וואָלקען מרה־שחורה רוקט זיך אָן אויף דעם וואַלד און אויך אויף דער נשמה מיינער. דער כוח־המדמה, דער פאָקוסניק, דער וועלט־בעריהמטער ליגנער, מעקלערט־אוים מיט שווינדעל עפּים אַ מין שותפות־געשעפטיל, אַ קאָמיסיע צווישען מיר און דעם טאָל, וועלכען איך שטעה און קוק אָן. איך בעקום פון איהם אַ טראַנספּאָרט משונה שרעקליכע בילדער, און פון מיין קאָפּ־פאַבריק געהען די אייגענע סחורה, איבערגעמאַכט אויף אַ אַנדער שטייגער, מיט נאָך פיעל ווילדע זאַכען, אַהין צוריק. אין איין טראַנספּאָרט קומט מיר פון דאָרטען אָן אַ מת, אַ דער'הרג'עטער אַלטער יקנה"ז, און ביינער פון

אוזערע פערד, צווי פגירות. ביי מיר אין קאפ ווערט עס קונציג אויסגעארבייט מיט טויזענטער פערפוצונגען, און באלד טאקי, גיך, פלינק טראנספארטירט צוריק מיט א גזלן א רויטען, א געזונטען און א וואקף מיט א קארק און שרעקליכע צייהן א צוגאב דערצו.—

און ווי איך האלט שוין אויף אראבצוגעהן אין דעם טאל, שטעלט מיך פלוצלים אפ א געדאנק אזוי: די ביידלעך שטעהען דארט אויפ'ן פעלד הפקר, פונ'ם גאנצען ביסעל פארמעגען אונזערס קען חלילה נישט בלייבען קיין זכר. עס וואלט נישט געשאדט פריהער א קוק צו טאן. נאר זעהר מעגליך אפשר, אז אלטער האט שוין לאנג זיך צוריק געקעהרט מיט די פערד און בעאומרוהיגט זיך א צונד וועגען מיר, דער דאזיגער געדאנק לעגט זיך מיר אויפ'ן מוח און ווער ביי מיר עפּיס שטארקער. די האפנונג ווערט אלץ גרעסער, גרעסער אזוי, ביז זי צערייסט די געדיכטע וואלקענס מרה־שחורה און עס לייטערט מיר זיך ביסעל־אויס אויפ'ן הארצען.

איך לאז מיך געהן געשווינד צוריק.

ח.

גאט האט געהאלפען, איך בין געקומען בשלום און נישט אויס־געבראכען קיין פוס ביי איטליכס מאל פאלען אויפ'ן וועג, אין איילעניש אנשלאגענדיג זיך אין א בוים. דאס אויפשטעהן א געפאלענעם אין וואלד איז חלילה נישט מיאוס אזוי ווי אין שטאדט, וואו מענשען שטעהען און לאכען. דעריבער פלעג איך איטליכס מאל מיך גאנץ פיין אויפ־הויבען פון דער ערד מיט גרויס הנאה און געלויבט גאט, וואס האט'ש מיט חסד. און אז דער חסד פון גאט איז יא אזוי גרויס מיט מיר, האב איך שוין געהאט דאס רעכט צו טראכטען, מסתמא וועל איך קומענדיג אויך זוכה זיין צו טרעפען מיין אלטער'ן מיט די פערד. נאר אזוי פיעל גנאד פון זיין ליבען נאמען האב איך נישט פערדינט.—

אלטער איז נישטא!

איך בלייב שטעהן ווי אבגעבריהט. זעהר נישט גוט אויפ'ן הארצען! גאט ווייסט, וואס מיט אלטער'ן איז געשעהען, וואו זיין

געבּיין איז אַהינגעקומען. דאָ האָט דאָס פינסטערע מזל זיינס זיך טאַקי געמיהט. אַזוי גלאַט איז די זאַך זיכער נישט. הײַנט איז אויך די שאלה מיט מיר, וואָס טהוט מען? וואָס קען פון מיר ווערען? דער חשבון מיינער איז געווען: אָבּזיצען אין גלופּסק מיינע זאַכענישען, אָננעהמען דאָרט ווי מעגליך מעהר קינות אויף צו בּעטיילען די אַלע שטעדטלעך אַרום און אַרום, ווי דער שטייגער מיינער איז תמיד. ס'איז שוין די „דריי וואָכען". די צייט איז קורץ, אַ שעה טאָר מען נישט פערלירען. בּאַם חלילה איך פערהאַיע מיך דאָ אין וועג, בּלייבּען יודען אין די שטעדטלעך אָהן קינות. אַ קאַטאָוועס עפּיס, יודען אָהן קינות!... איך קען מיר פאָרשטעלען דעם גוטען תשעה=בּאָב: יודען האָבּען זיך שוין אָבּגעפּאַרטיגט מיט די מילכיגע לאָקשען. אַרייַנגעלעגט אין בּויך דאָס האַרטע איי אַיינגעטונקט אין אַש, זיצען שוין בּרוגז, אָנגעלאָדען אויף דער ערד נאָר אין זאָקען מיט אויסגעטרעטענע פּיאַטעס, פליי בּייסען, קינדייסים האַלטען די בּערלעך גרייט צום וואַרפען, מען וואַרט נאָר הערען אַ אָנהויבּ, עפּיס אַ גוט וואָרט, און פּלוצלים—נישטאָ קיין קינות. מענדעלי איז צו אַלדי שוואַרצע יאָהר פערפאַלען געוואָרען, נישט געבּראַכט קיין קינות!... צעהן יודען אויף איין קינה. ס'איז אַ שטופּעניש, אַ קוועטשעניש, אַ פערמישעניש מיט די פליי, אַ פערפּלאָנטעניש מיט די האָר: בּערד, פּאות פול אָנגעזעצט מיט בּערלעך. עס גיט=זיך=נאָך אייער, לאָקשען, וואָס קריכען פונ'ם האַלז, איינעם דעם אַנדערען אונטער דער נאָז... פון די ווייבּער איז די יסורים נאָך נישט אַזוי גרויס, זיי בּעהמען וואָס ס'איז, אַבּי געדרוקטס, אַ תחינה, אַ בּענשערל, די דינים פונ'ם טרייבּערן, אַ הגדה—אַלץ איינס? — וואָס מאַכט עס אויס? —— וויינען יאָמערען איבּער דעם דעם הויך אויף אַ קול. און וואָס בּעדאַרף מען דען מעהר ווי פערגיסען טרעהרען?

אוי, אַ מיאוסע לאַגע. נישט פרעהליך אַרום און אַרום, בּיטער אויפ'ן האַרצען... נישט דאָס בּין איך אויסעז.

אָבּהענדיג פונדעסטוועגען טהאָר מען נישט זיין. מען מוז עפּיס טאָן, נישט זיצען מיט פערלייגטע הענד. מען מוז ווייטער טאַקי געהן זיבּען. איך טהו אַקוק אויף די שטערען און דערמאָן מיך, שוין צייט אָנצובּייסען. איך נעהם מיך צום רענצעלע, שמועס איבּער, פּאַר צרות, מיט דעם פלעשיל בּראַנפּען, בּול=בּול=בּול גלייך אין מויל אַריין, חאַפּ אין אַיילעניש עטוואָס פערבּייסען, טאַקי נאָר פון יוצא וועגען. געזעגען מיך

מיט דעם פלעשיל, נאך א מאל בול-בול-בול און לאז מיך געהן אלץ טאקי געשווינד.

איך בין ווידער אין וואלד, ווידער נעבען טאל און באלד טאקי בין איך שוין אין דעם טאל. נאר לאמיר נישט זאגען קיין ליגען. איך בין דארט נישט אליין, אויפ'ן הארצען איז מיר איך נישט אזוי שלעכט ווי פריהער. איך געה אין-צווייען. שמועס מיר סכות מיין איצטיגען עסק און גאנץ ניש'קשה'דיג, גאר נישט אומעטיג! — א פנים, בשעת געהמענדיג זיך אין איילעניש צום פלעשיל נאך אזוי פיעל פיין און יסורים, האב איך איבערגעהאפט די מאס, א איבריגען זופ געטאן אויפ'ן ניכטערען מאגען און געגעסען האב איך כמעט גארנישט, ס'איז מיר אין האלז נישט געקראכען, מיך געווארגען מיט דעם ביסען. דער דאזיגער איבעריגער זופ איז מיר ביינעשטאנען אין די נויטען ווי א טאטע. ער האט מיר אונטערגעגעבען מוטה און מיך שטארק בע- רעדעווודיג געמאכט אויף מיין שפאציר. נישט היינט געדאכט. אזוי איז שוין דער שטייגער מיינער תמיד. פון א איבריגען לעק משקה, פורים אדער שמחת-תורה א מאל. שיט זיך פון מיר רייד ווי פון א לעכערדיגען זאק. איך רעד צו דער וואנד און שמייכעל מיר דערביי זעהר זיס. בין גוט און וויך, האטש צו-צולעגען מיך צו א געשוויר דענסטמאל צוציהט זיך מיין גוף ווייטליך. עפיס איז ער גרינג, שיטער ווי לעמעשקע. עס באמבלען זיך ארום איהם פון אלע זייטען עפיס הדקים'לעך מענדעלי. נישט רעכט צו פיהלען וואו איז דאס וויכטיגסטע, מיטעלסטע פינטעלע, ביי וואס אנצוגעהמען. עס ווערט דענסטמאל פון מיר. דאכט זיך, גאר צוויי מענדעלעך. איינער קריכט קיין יהופעץ, דער אנדערער קיין בויבעריק, די בשורה-פות'ע פיס ווערען משוגע, נישט צו וויסען וועמען צו פאלגען. איינער פרעגט, דער אנדערער ענטפערט. די רעד מיינע קומען מיר, ווי פון דער זייט א ווידער-קול, צוריק טאקי אין מיינע איערען ארייין, עפיס גאר נים מיין שטימע, א קול ווי פון א פוסטער פאס. דעם קאפ אינגאנצען פונדעסטוועגען פערליר איך נישט, עפיס בלייבט מיר נאך איבער א שטיקעל זכר ווי אין חלום.

— גוט'ן אווענט! — וויטע איך מיך מיט א פערבייג — וואוהין געהט עם מען ביי נאכט דא? — עט... טיפשים, פערדישע קעפ! — ענטפערט צוריק א מענדעלי מיט א גוט, זיס שמייכעלע—זיי צו ווערען פערפאלען

אָקסלעך, וואָס טהוען זיך וואויל איבער אַ זעקיל פּאַלאָווע, און זייען זייער אורח אויף וועטשערע. נאָר ביים געהן פערהאַקט זיך די אַקס פון זיין וואָגען אין אַ רעדיל פון אַ אַנדער פוהריל, שיער אומצוואַרפען עס. יענץ פערדיל דאָרט, אַרויסשפּרינגענדיג פון די האַלאָבליעס, טרעט־אָן אַ אַנדער פערד אויפ׳ן פוס, עס טהוט אַ הירזשע און שטעלט זיך דיבאָם. די ציג דערשרעקט זיך, טהוט גיכער אַ שפּרונג און טרעט אָן דעם דאָרפס־הונט אופ׳ן ווידיל. ער שפּרינגט דערשראָקען אַוועק אויף דריי פיס, היילענדיג אויף אַ קוויטש מיט אַ צעהנגאַרענדיגען שלשלת.

מיט גרויס מיה שלאָג איך מיך דורך צווישען די אַלע פוהרלעך, גוט צוקוקענדיג זיך, טאָמער איז דאָ דאָס, וואָס איך זוך, און לאָז מיך אַריינגעהען אין קרעטשמע.

דאָס אַלצדינג, וואָס אינוועניג אין קרעטשמע טהוט זיך, דער־פיהל איך ביסלעכווייז, איינס נאָך דאָס אַנדערע כסדר, נישט אויף איין מאָל. דעם ערשטען כבוד דאָרט האָט מיין נאָז. באַלד ביים אַריינקומען, נאָך אויף דער שוועל, טהוט מיר אַ זעץ אַ שאַרף ביטערער צאַפּענשטינקענדיגער ריח פון בראָנפען, מאַהאָרקע און מענשענשוויים אינאיינעם. אַז די נאָז ניסט־אָב איהר „מה־טובו״ פון אַזאַ ברוך־הבא מיט אַ הילך, צוגיסענדיג זיך אין שטייגער, געהען צום סמיך די אויע־רען. אַ רעש, אַגעפּילדער פון אויסגעמישטע אינאיינעם דינע, גראָבע, הייזעריגע, צוריפּעטע און חריפּעדיגע קולות קייקלען זיך אַריין אין זיי מיט אַ גרילצען, נאָר טויב צו ווערען. אַז די נאָז מיט די אויערען האָ־בען שוין זייערס אָבגענומען, געהאַט זייער עהרליך אויסקומעניש, זענען שטאַרק אין דער אַרבייט נעבעך די אויגען אָכדעם ווי זיי בלאָנקען זיך פריהער אַרום אין דער טונקעלניש צווישען אַ געדיכטען עולם מענשען, צונויפגעשמאָלצען אינאיינעם, נישט צו האָבען אַפּיצעל סימן פון עפּעס אַזאַך דערזעהען זיי פון־דערווייטענס אויף אַלאַנגען הילצערנעם טיש אַ חלב׳דיג ליכטיל אין אַ ליימען לייכטרול, וואָסברענט מיט אַ רויטען־שטעכענדיגען פלאַם, אַרומגערינגעלט מיט נעל־גרין־בלוי־גרויע רעדער ווי רעגנבויגענס פון דער הייסער פּאַרע און זיילען רויך, וואָס שלעפּען זיך איבער דער שטוב אַרום. ערשט דערנאָך הויבען־אָן אַרויסצושווימען פונ׳ם טונקלען טומאַן כסדר: נעז, בעדר, בערלעך,

זיך פערגלוסט זיי. אַ געלעכטער, כ׳לעבען! — אַ גרוב, ר׳ מענדעלי היט אייך די ביינער, —יאָ, ווי איך בין אַ יוד, אַ גרוב! איך געפאַלען בין שוין אַפילו. דאָס צוואַנציגסטע, דאַכט זיך, מאָל. — שטעהט־זשע, זייט מוחל, אויף! נישט קיין דרך־ארץ עפּיס זיך צולעגען אַזוי. — אַ שענעם דאַנק, ר׳ קרוב. איך מיט דער בייטש טאַפּ ווייטער שוין... אַ געלעכטער, כ׳לעבען, ביימלעך געהען! געזונטערהייט!... קומט בקום־פּאַניע. פע, דראַפּעט נישט!... אַי, ווייטער אַ דראַפּ! פע, פע, אויגען אַרויסגענומען שיער מיר, טפו! — שפּייט, ר׳ מענדעלי, אויף זיי! זייט באַלד פּטור ווערט מען זיי. אויף אַ סטעזשקעלע אַרויס דאָ געהט, זייט מוחל, אויפ׳ן פרייעם פעלד. — גוט, בין שוין דאָ! אַי, אַ לבנה, אַ באַק־דווזשע, אַ שענע אַדעסער לבנה! אַ נאָז מיט אויגען!... שאַ, מקדש זיין די לבנה! שלום עליכם! — עליכם שלום! — שלום עליכם? — עליכם שלום! אַזוי ווי איך אַקעגען דיר שפּרינג, און אַנריהרען דיך נישט קען איך... שפּרינגט־זשע, פעטער! — האָץ, האָץ, האָץ! אַזוי מיך אַנריהרען זאָלען מיינע שונאים נישט... וואָס זיי צו אונז האָבען וואָס? — צוחליפּע איך מיך פלוצלים — וואָס איך שולדיג, אַז איך לעב איך און וויל עסען איך? נאַ, אַ לייב, משטיינס־געזאָגט, אַ שפּענדיל! שטענדיג קרענק! וועהטיגען... איך געהאַט אַ מאַמע, מיך געגלעט, געקושט האָט זי... וועה מיר, איך בין אַ יתום, אַ יתום! — צו־וויין איך מיך נאָך שטאַרקער. — שאַ, שאַ! — ענטפערט זיך צוריק מיט אַ טרייסט — וואָס קען מען טאָן? ווי שעמט זיך עס נישט אַ אַלטער יוד מיט אַ באָרד, אַ בעווייבטער, אַ מטופל מיט קינדער צו וויינען אין־דרויסען פאַר דער לבנה! שאַ, נישט קיין דרך־ארץ, כ׳לעבען! שאַ, דער רוח וועט אייך נישט נעהמען, נישקשה, היט זיך בעסער, אָט איז אַ פּלייט. — יאָ, ווי איך בין אַ יוד, טאַקי אַ פּלייט. שוין אַ גוטען זעץ געטאָן מיך אַפילו. וואָס טהוט מען? — מען נעהמט און קריכט אַריבער. אָט אַזוי, אַזוי. — אַ שענעם דאַנק: איך שטעה שוין מיט ביידע פיס אין גאָרטען. — ברוך הבא, מחותן! זייט זיך מטריח ווייטער. — האָט קיין צרות נישט, איך געה. וואָס פאַר אַ גערעטעניש! באָב, אַרבעס אָגגע־זעצט, אוגערקעס גאָר אָהן אַ צאָהל! — מאַכט ברכה, פעטער, לאָזט זיך נישט בעטען. — יישר כוח! אוגערקעס גאָר אַ דערקוויקעניש! געשמאַק מחיה!... האַ, אַ קלאַפּ! וואָס בעטייט דער קלאַפּ? פון וואַנען דער קלאַפּ?

דער קלאַפּ איז געווען פון אַ געזונטען ערל, וואָס האָט הינטען־ אַרום מיך געטאָן אַחאַפּ און מיר גוט געגעבען אָנצוהערעניש, אַז אין אַ פרעמדען גאָרטען איז נישט שען צו קריכען. דער קלאַפּ האָט בעטייט, אַז פרעמדע אוגערקעס נעהמען ביי נאַכט טאָר מען נישט. פון די קלעפּ, און מעגליך אפשר אויך טאַקי פון די פרישע אוגערקעס, האָב איך כמעט אינגאַנצען מיך אויסגעניכטערט. איך בין געשטאַנען אַ ווילע פערדולט, ווי אויפּחאַפּענדיג זיך פון שלאָף. דאָס ערשטע וואָרט מיינס, עס פערשטעהט זיך, איז געווען: געוואַלד!... באַלד דערויף בין איך מיך מישב, לאָמיך קלאָמפערשט מאַכען זיך נישט וויסענדיג אַון גיב אַ פרעג דעם ערל מיט גוטען, אויף זייער גראָב לשון. „צי ני באַטשילי, טשויעש, טוטעטשקי זשידקאַ אים קינאַמי? קאַזשי־נאָ טשילאָוויטשע!‟— דער ערל אָבער טהוט זיין זאַך, וויל נישט הערען, שלעפּט מיך ביים אַרבעל, דערלאַנגט מיר אַמאָל אויך אַשטופּ פון הינטען אין איין קול: קום, קום: עס העלפט נישט, איך גער, מען קען קיין חזיר נישט זיין און מיר קומען אַזוי צו ביידע עפּיס נעבען אַשטוב, ביי וועלכער עס שטעהט אַגעשפּאַנט בריטשקעלע מיט פּיער גוטע פערד, און עס לייכט פון די פענסטער.

ביים אַריינקומען אין שטוב טהוט דער ערל מיך אַ,שטופּ פאָראויס און אַליין שטעלט ער זיך נעבען דער טיר אָהן אַהיטעל. אין ברירה, איך נעהם אויך אַראָב דאָס היטעל, קראַץ מיך אין קאָפּ און קוק ווי אַ נעכטיגער.

ביי אַטיש זיצט אַ שרייבער איל און שרייבט, סקריפּענדיג מיט דער פען, וואָס בעט זיך איטליכע רגע אין טינטעריל אַריין, אָבצונעצען אַביסעל דאָס מיילכען איהרס, נאָכדעם ווי זי ברעכט מיאוס אָן אויפ'ן פּאַפּיער. דאָס שרייבעריל האָט מיט איהר דאָס לאַפּעניש, קרימט זיך און זידעלט זי ביי איטליכען טונק. מען זעהט, ביידע פּייניגען זיך נעבעך, ביידע זענען נישט צופרידען: זי מיט זיין שווערער האַנד, מיט זיינע מיאוס'ע גרייזען, און ער—מיט איהרע חלשות'דיגע קלעקען. ער—איהר אַ קוועטש, און זי—איהם אַ קלעק... אין מיטען שטוב שטעהט אַ רויטער קאָלנער מיט מעשענע קנעפּ, עפּיס אַ מין מענש מיט אַ בויך און אַ אָנגעבלאָזען פנים. גלאַנצט מיט די קליינע אויגען און בשעת עס פערוואַרפט זיך איהם דאָס שוואַרצאַפּעלע קוקט אַרויס דאָס ווייסעלכען פון אויג פערלאָפען מיט בלוט. ער דרעהט די לאַנגע וואָנצעס און רעדט אויפ'ן גיידער, בייזערענדיג זיך.

צו צוויי פאַרשוינען מיט אָנגעבויגענע קעפּ אין דער זייט פון דער טיר, איינער אַ הויכער מיט אַ געזונטען קאַרק, אונטערגעגאָלט דער האַלז און אַ זילבערן רייפעלע אין לעפעל פונ׳ם לינקען אויער, דער אַנדערער אַ דאַרער מיט אַ שפּיצאַסט בערדיל, אויפ׳ן האַרצען אַ בלעך, האַלט אַ לאַנגען שטעקען מיט ביידע הענד, בלינצעלט מיט די אייגעלעך און בוקט זיך איטליכע רגע. דער רויטער קאַלנער בייזערט זיך אויפ׳ן ערשטען פון די צוויי פאַרשוינען, שרייט: אין קייטען! קיין סיביר אַזאַ סטאַראָסטע!... און אויפ׳ן צווייטען: פּאַסען וועל איך פון דיר שינדען, דו, סאַטסקע, אַזוינער און אַזוינער, אין דיין מאַמען! —

איך בין טויט מיט אַלע מיינע אֵברים. עס וואַרפט מיט מיר ווי אין אַ קדחת. עס רוישט מיר אין קאָפּ, קלינגט אין די אויערען. איך הער נישט און זעה נישט, וואָס אַרום מיר טהוט זיך. איך האָב נישט רעכט געהערט אַפילו די טענות פון מיין ערל, בשעת קלאָגענדיג זיך אויף מיר. נאָר אַז דער רויטער קאַלנער האָט אַ היק געטאָן אויף מיר מיט דעם האַרבען וואָרט אויף יונית, האָב איך מיך באַלד אויפגעחאַפּט און שוין גוט געהערט. פאַר די אויגען מיינע שוועבט אַ קולאַק און עס הערען זיך שרעקליכע ווערטער: גנב, קאָנטראַבאַנדשטשיק. טרפה־סחורה, בייטעל־שניידער, קייטען, טיורמאַ, קנוטעס, סיביר!... ער זוכט זיך פּלוצלים צו מיינע פאות און נאָכקרימענדיג מיך שטאַרק אין כעס האַפּט ער אין אימפּעט פונ׳ם טיש אַ שער און שערט מיר אָב אינגאַנצען איין פאה! — איך בעוואַש מיך מיט טרערען, קוקענדיג אויף דער ערד מיין פאה, מיין גרוי־אַלטע פאה, וואָס איז געוואַקסען מיט מיר פון קינדוויין־אויף ביז אין מיינע אַלטע יאָהרען; וואָס האָט איבערגעהאַט מיט מיר פרייד און לייד געגוג אין מיין לעבען. די מאַמע האָט זי אין דער יוגענד געגלעט, געצוואָגען, נאָר נישט געקענט זאַט אָנקוקען זיך אויף די שוואַרצע, שענע גרייזעלעך איהרע. זי איז געווען אַ צירונג מיין פנים אין מיינע גוטע טעג, ווען איך בין געווען פריש און שטאַרק. זי איז פריה פאַר דער צייט גרוי געוואָרען פאַר צרות נעבעך, און איהר גרויקייט האָט מיר חלילה נישט געמאַכט קיין בושה. ביידע האָבען מיר זיך פריה געעל־טערט פאַר פּורעניות, נויט, עלענד, גריזאָטע. אומזיסטע פיינדשאַפט און רדיפות אין דער וועלט. ווען, חלילה, האָט זי געשאַדט? ווען, חלילה, האָבען מיינע גרויע האָר עפּיס שלעכטס געטאָן? — עס וויינט

אין מיר דאָס האַרץ, שרייט געוואַלד שטיל, נישט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּען קיין וואָרט. איך קוק שווייגענדיג ווי אַ שעפּעלע ביים בעשוירען עס, און פון די אויגען קאַפּ, קאַפּ, טרעהרען ווי די באַב... מיין הויל געבליבענע באַק האָט מיר שטאַרק געפּלאַמט, דאָס פּנים האָט געטמוזט מיר זיך פאַרענדערן אַ שרעק. עס האָט געמוזט זיין אַ רחמנות מיך אָנצוקוקען דענסטמאָל, וויל באַלד דערויף האָט דעם רויטען קאָלנער עפּיס ווי אָבגענומען דאָס לשון, שוין גערעדט מיט גוטען, אַרויפלעגענדיג ביידע הענד מיר אויף די אַקסלען. אונטער דעם מעשענעם קנעפּיל, אַ פּנים, האָט זיך געריהרט אַ מענשליך האַרץ. מיינע גרויע האָר און מיין גאַנץ אויסזעהען האָבען איהם בעוויזען מיין אָרענטליכקייט, און ווי איבערבעטענדיג מיך, פאַלט ער מיט אַ בייזער אָן אויף מיין ערל, וואָס פאַר עפּיס אַ אוגערקע שלעפּט ער אַ אַלטען מענשען נעבעך, טהוט אַ היק און טרייבט איהם אַרויס. ער אַליין נעהמט דאָס היטעל, דרעהט זיך אַביסעל אַרום, זאָגענדיג דעם, יענעם אַ וואָרט, געהט דערנאָך אַרויס און באַלד הערט זיך, ווי דאָס בריטשקעלע פאָהרט אַוועק.

די אַלע מענשען אין שטוב ווערען לעבעדיג. דאָס שרייבעריל טהוט אַוואָרף די פּען, אָבשיקענדיג זי צו אַלדי רוחות. דער סטאַראָסטע און דער סאָטסקע גלייכען זיך אויס, אויפהייבענדיג די קעפּ איטליכער גיט אַ מאַך מיט דער האַנד צו דער גאַס־צו און די אויגען זייערע ריידען: יברכך! פאָהר געזונטערהייט און לאָז מען דיך נישט אָנקוקען!... דער סטאַראָסטע האַפּט דעם אָטהעם, פאָהרט אַריין מיט אַלע פינף פינגער צו זיך אין די האָר פון׳ם קאָפּ, טהוט איהם אַ גוטען שאָקעל און מאַכט דערביי: נו, אַ סטאַנאָוואָי!..״

די גוים האָבען מיר געראָטהען, נאָכדעם אַז איך האָב זיי דער־צעהלט וועגען מיין אומגליק, צו געהן צו דער קרעטשמע ביים דאָרף, נישט וויט פון דאַנען. דאָרט בעדאַרף זיין אַצונד אַ עולם מענשען, צוריקפאָהרענדיג פון׳ם מאַרק־טאָג: מעגליך ביי זיי וועל איך עפּיס מיך דערגעהן. איך הייב־אויף מיין פּאַה, בעהאַלט זי אין קעשענע, בינד אונטער די באַק מיט אַפּאַטשיילכען, זאָג אַ גוטע נאַכט און געה אַוועק.

ט.

די קרעטשמע איז געווען בעלאַגערט אין=דרויסען מיט פוהרל'עך
און וועגעלעך אַלערליי. אַ טייל לעדיגע נאָר מיט אַביסעל שטרוי, אַ טייל
בעלאָדענע מיט מיני זאַכען און חפצים, סיי נישט קיין פערקויפטע,
סיי געקויפטע דאָרט אויפ'ן מאַרק. אויף איין פוהריל ליגט אין אַ זאַק
אַ חזיר, אַרויסגעשטעקט פון אַ לאָך זיין שען פיסקעל און מאַכט לעבער
אין קאָפּ, שרייענדיג משונה אויף אַ גרילצענדיג קול. הינטער אַ וואָגען,
אָנגעלעגט מיט נייע לאַפּטיעס, מיט נייע לייםענע טעפּ, טעפּלעך און
מאַקערטעס, שטעהט צוגעבונדען אַ רויט=געפלעקטע קוה מיט איין
האָרען און רייסט זיך מיט אַלע כוחות זיך צו בעפרייען, גיכער קומען
צו איהרע אַלטע חבר'טעס אין שטאַל מיט דער בשורה: נישקשה, מען
איז איהרער נאָך נישט פטור געוואָרען, געלויבט דער שור=הבר, מען
זעהט זיך געזונט!... אַ פּאָר גרויע, ברייט=בייכיגע, פיינע אָקסען שטעהען
געשפּאַנט אין דעם יאָך, מאַכען אַזוי ערענסט מיט דעם מויל און
מעלה=גרה'ן געשמאַק, קיין מינוט נישט מפסיק צו זיין, גלייך
ווי זיי זענען פערטיפט אין אַ וויכטיגער זאַך און טהוען מיט זייערע
אָקסענע קעפּ אויף עפּיס אַ גרויסען שכל. דעם אַרענדאַרס ציג שטעהט
דערוויל אויפ'ן וואָגען, שטעקט הינטערווייליכס אַריין דעם קאָפּ אין
אַ זעקעלע דאָרט, נעהמט באַלד איהם אַרויס מיט אַ פול מויל, פּירקעט,
דרעהענדיג דאָס עקיל, קייעט, מאַכט מיט די באַקען, טרעסעט דאָס
בערדיל גיך, געשווינד, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען. איין אַלטער,
אויסגעדאַרטער דאָרפס=הונד, לעבט אויף דער עלטער פון קצבה, אָהן אַ כטע=
לע מיט אַ הינקעדיג פיסעל און אַ קאָלטון באָמבלענדיג זיך איהם אויפ'ן עק,
שאַרט=זיך=צו נאָהענט צום וואָגען, קוקט מיט דרך=ארץ, קומט דערנאָך
צו נעהענטער אויף עטליכע טריט, שמעקט, זוכט מיט דער נאָז, דער=
טאַפּט עפּיס אַ טרוקען, אָבגעלעקט ביינדיל, לויפט מיט דער מציאה
אָב אַביסעל ווייטער, שטרעקט זיך אויס אויף דער ערד און נעהמט
זיך קנאַקען דעם ביין, האַלטענדיג דערביי דעם קאָפּ אין דער זייט
אויף די פּאָדערסטע לאַפּעס.—דאָס פערדיל דאָרט אין יענעם וואָגען,
נמאָס ווערענדיג איהם, אַ לאַנגע צייט צו שטעהן אויף איין אָרט, נאָר=
נישט צוטאָן, נאָר דרעמלען, מאַכען מיט דער מאָרדע און שאָקלען
די אויערען, איז זיך מישב אָבצושטעקען אַ וויזיט אַ פּאָר אַיינגעשפּאַנט

טשופרינעס, גאַנצע פּנים׳ער און צורות פון מאַנסבילען און נקבות עס שווימען אַרויס רעדלעך מענשען, אַ טייל האַלטען זיך אויף די פיס, ערשט נאָכ׳ן פערטען, פינפטען טרונק בראַנפען. אין דער זייט האַלזען זיך צוויי שיכורים׳לעך, זידלען זיך פאַר גרויס ליעבשאַפט מיט מיאוס׳ע ווערטער. נעבען זיי שטעהט אַ פלונית׳טע באָרפיס אין אַ קורץ קליידעל מיט אַ געשטיקט העמד אויסגעשניטען ווייט און האָט הנאה, פּאַטשט איינעם, דעם אַנדערען אויפ׳ן רוקען מיט גוטען, מאַכענדיג דערביי: גענוג, אַ היים, אַ היים! דאָס שיכורע פּאָר-פאָלק אָבער שמעלצען זיך נאָך מעהר פאַר ליעבשאַפט, נעהמען זיך שטייפער אַרום און פאַלען. ווידער אַ טייל זיצען אויף לאַנגע בייַנק נעבען פלעשלעך משקה מיט פערבייסען, צוויי בעלי-הגוף׳ן טרינקען איינער צום אַנדערען לחיים און זענען ביידע, ווי מען זאָגט, בגילופין. איינער׳ אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון׳ם ביטערען טראָפּען און וואָס דאָ איז שטענדיג זיין מקום-מנוחה, וויטעט זיך פונדערווייטענס, רייכערענדיג זיין ליולקעלע, דאָס מיט די דאָזיגע צוויי לייט, דאָס מיט יענעם׳ דאָס מיט איין אַנדערען און ווינשעוועט-צו: לחיים, לחיים! חאָטש מען קוקט זיך אַפילו אויף איהם נישט אום. און גאָר צו לעצט שווימט אַרויס אין דעם געשטאַלט פון אַ יודענע, אַ ריהרענדיגע, אַ זשוואַווע, מיט אַבגעבלאַקעוועטע פעלענע מושקעס און עפּיס אַ מין טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, דעם שיינקערס ווייב מיט איהר כבוד אַליין, נעבען פעסלעך: פלעשער, קעלישקעלעך, גלעזלעך, קרענצלעך בייגעל, געקאָכטע אייער, דאַרע פישלעך און שטיקלעך פערהאַרטעוועטע לעבער. דאָס מויל מאַכט איהר זיך קיין רגע נישט צו, די הענד איהרע רוהען אויך נישט פונ׳ם טענה׳ן, רעדען מיט איטליכען בעזונדער, פון געבען און נעהמען גרייט געלד מזומן, אָדער משכנות אָדער מיט אַ קריידיל אָנשרייבען אויף דעמס, אויף יענעמס חשבון פּאַסקעלעך און רינגעלעך.

איך דרעה מיך אַרום ווי אַ גר צווישען דעם דאָזיגען גאַנצען עולם, פּריוו רעדען מיט דעם, מיט יענעם, און דער שפּיץ איז אַלטעריס ווערטעל מאַקי: מילא, בקיצור, גאָרנישט.

אין קרעטשמע ווערט שיטערער, דער עולם הויבט אָן זיך צו פּאָהרען און איך לאָז מיך צוגעהן צו דער בעל-הבית׳טע, האַלטענדיג די ביטש אונטער׳ן אָרעם אַקעגען איהרע אויגען. דאָס מהו איך בכיון

מיט איין אויבער-הסברה, ווייל קרעטשמערקעס בבלל האבען ליעב בעלי-העגלות, קויפען זיי אונטער מיט בראנפען, מיט ‏‏עסען און מיט נאך עפּים, בכדי זיי זאלען פערפאהרען צו זיי מיט פארשוינען. די בייטש איז מיר געווען א מליץ און מיר געגעבען חן און לייטזעליגקייט אין דער בעל-הבית׳טעס אויגען. עס הויבט זיך צווישען אונז אן אזא שמועס:

— גוט נאוועגד! — גוט יאהר! — וואו איז דאס אייער מאן? — וואס טויג אייך מיין מאן? — גלאט אזוי זיך. — זאגט, אפשר וועל איך טויגען. — טא... מהיכא-תיתי! — אהער, אהין, מיר צושמועסען זיך ברייטליך. איך דערצעהל איהר דאס אונגליקל, וועלכעס מיך האט דא געטראפען, מיין איצטיגע מיאוסע לאגע. זי טרייסט מיך מיט א זיפץ, אונטערשפארענדיג דעם קאפ מיט דער האנד און צוויי פינגער אויף דער באק, מאכט אלץ: „א מעשה, א מעשה! און ווייטער א זיפץ. — איך טהו איהר צוליעב, דערצעהל אלצדינג, ווער איך בין, ווי איך היים, מיט וואס איך האנדעל, און זי פון איהר זייט בעשיט מיך מיט רעד, זאגט מיר ארויס איטליכעס פיצעלע, וואס ביי איהר אונטער׳ן נאגעל, פון איהר מאן דעם שלימזלניק, פון די קינדער און פרנסה... עס ווערט צווישען אונז א נאהענטע בעקאנטשאפט. מיר רעכענען זיך אויס, אז מיר זענען גאר ביידע שטיקלעך קרובים! זי הייסט חיה-טריינע, נאך מיינס א קאלטער מוהמע פון דער באבעס צד. א שמחה, א פרייד! זי פרעגט מיך אויס אויף מיין ווייב, אויף די קינדער, אויף איטליכען ביי מיר בעזונדער, און אז דער מאן איז דערויף אנגעקומען, זאגט זי איהם אן די בשורה גיך אין איין אטהעם: מיר האבען א גאסט .. א טייערען גאסט, ר׳ מענדעלי מוכר ספרים!... מיינער א קרוב! און לאזט אויס מיט גדלות צום מאן, אנגענעהמענדיג זיך מיט ביידע הענד ביי די זייטען:

— הא, מיינסט אפשר, פון א שטאל האסט-דו מיך ארויסגענומען! נישקשה, איך וועל, ברוך-השם, פאר אנדערע נישט מבויש ווערען, מענסט זיך, כ׳לעבען, איבערנעהמען מיט מיין משפחה!

טא, רבונו של עולם! — טראכט איך מיר — לאז זיין אזוי: שאול האט געזוכט אייזלען, און געפונען די מלוכה, איך זוך פערד און געפונען א חיה-טריינע!...

חיה־טריינעס מאַן איז געווען אַ ייד מיט אַ לאַנג ענאָז. דאָס שיטערע בערדיל, די פּאָוס און די ברעמען—העל־בלאָנד ווי פּלאַקס. בשעת שווייגען קייעט ער די צונג און איידער ער קלייבט זיך צו רעדען בע־לעקט ער זיך פריהער, אַזוי אַז איהם אָנקוקענדיג דערנסטמאָל, פאַר־שטעהט מען, וואָס טייטש לעקיש... ביים אָבשטעקען מיר אַ שלום־עליכם מורמעלט ער עפּיס גאָר אָהן ווערטער און פּונ׳ם גאַנצען בע־נעהמען זיינעם דערקען איך באַלד, אַז ער ליגט אונטער׳ן ווייבס פּאַנ־טאָפעל, האָט פאַר איהר דאָס ניין־יאָהריגע קרחת. ווי עס האָט שפּעטער מיט דער צייט זיך אַרויסגעוויזען, הייסט ער אין דער סביבה: חיים־חנא חיה־טריינעס, און חיה־טריינע אַליין הייסט: חיה־טריינע קאָזאַק.

— וואו האָסט־דו עס ביז אַצונד געהינעט?—נעהמט חיה־טריינע דעם מאַן אויפ׳ן ציהונדער — וואוהין האָט עס דיך, שלימזל, דער שוואַרץ־יאָהר געטראָגען? האָסט דו געהערט? הען אַביסעל!... מען זאָל אַוועקוואַרפען אַ שטוב מיט דעם בעל הבתישקייט און גאָרנישט... נישקשה, ר׳ מענדעלי איז אַ אייגענער, פאַר איהם מעג מען זאָגען, וואָס פאַר אַ שלאַק דו ביסט, אַ שלאַק פון זיין ליבען נאָמען. קוקט איהם אָן, שטעהט ווי אַ ליימענער גולם און קייעט די צונג...

— דו האָסט דאָך מיך אַליין, האָסט דו מיך געשיקט צו גבריאל׳ן נאָך אַ זאַק קאַרטאָפלעס מיך געשיקט! — פאַרענטפערט זיך חיים־חנה, בעלעקענדיג זיך פריהער מיט דער צונג.

— און דער רבי, דער שענער רבי איז קראַנק געווען ברענגען צוטראָגען דעם זאַק קאַרטאָפלעס! עסען, נישקשה, קען ער פאַר צעהן.

— דער רבי איז דאָך געגאַנגען, דער רבי, אָבפיהרען די פּעריסטע קיה מיט דעם קעלביל אין פעלד אָבפיהרען! — גיט חיים־חנא דעם ווייב צו פאַרשטעהן.

— אָט שווייג שוין, שוייג, קיי דיר בעסער די צונג! — מאַכט חיה־טריינע, קוקענדיג ביז אויפ׳ן מאַן. דערנאָך ווענדעט זי זיך צו מיר מיט אַ גאַנצען שמועס, וואָס זי האָט פון איטליכען אויסצושטעהן. העם נישט זי, וואָלט די גאַנצע שטוב שוין לאַנג האָרנעס־קאָרנעס איבערגעקעהרט געוואָרען, און מישט אַלץ אַריין אין די רעד: „נישקשה, פאַר אייך מעג מען, ווי פאַר אַ טאַטען, איהר זייט דאָך אַ אייגענער, ר׳ מענדעלי!“

איך לעג מיך אַריין אין שלום און פּערריכט פּיי חיה־טרײַנען דעם מאַנס דאַליע. פון שלום וועגען זאָג איך אַביסעל אַליגען, בעי־שולדיג בכלל אַלע מענער, מיך דערהמער אויך אַביסעל, און חנפה, לויב אין טאָג אַרײַן די אַלע ווײַבער, בעזונדערם חיה־טרײַנען, חלילה ועק נישט זי, וואָלט די וועלט קיין וועלט נישט געווען... חיה־טרײַנע איז געוואָרען ווײַבער.

— געזונט זאָלט איהר זיין, ר' מענדעלי! — זאָגט זי מיט שײַנענדיג פּנים'יל און מאַכט באַלד טאָקי צום מאַן מיט גוטען:

— גענוג צו קײַען די צונג! נעהם בעסער, חיים־חנא, וויש־בער דאָ די קעלישקעלעך און די טעלער, פון וועלכע עשו האָט געפרעסען. — ר' מענדעלי מוז אודאי גוט הונגעריג זיין — טהוט זי אַ זאָג צו מיר, אויפהייבענדיג זיך פונ'ם געזעס איהרס ביים שײַנקעל — איך פיהל עס אין מיר אַליין טאַקי. אין אַ מאַרק־טאָג פערשפּעטיגען מיר זיך תמיד מיט דער וועטשערע. נישטאָ, נימער ערגער, קיין צייט. קומט, זייט מוחל, מיר בעטען זעהר שען צו אונז אין שטוב!

גלייך פונ'ם שײַנקיל קומט מען אַריין אין אַ פינסטער אַלקעריל, וואו אַקעגען איז אָפען אַ טיר נאָך אין אַ אַלקיר און לינקס אין דער זייט פיהרט אַ טיר אין אַ היבשען חדר, אַ נידעריגער אָהן אַ דיל מיט קליינע פענסטערלעך. די שײַבלעך זענען אַ טייל צושפּאָלטען, אַ טייל געלאַטעט פון צונויפגעקלעפּטע שטיקלעך און אַ טייל אינגאַנצען אויס־געשלאָגען: נאָר ערגיץ אין אַ ווינקעל שטעקט אַ איבערגעבליבענע שטיקעל גלאָז, ווי דער איין־איינציגער צאָהן ביי אַ זקנה, וואָס ביי נאָר עפּים אַ ווינטעל שאָקעלט זיך עס, שטיל געבעבעט: זים־זים־זים, זעהר אומעטיג. אין איין עק שטוב, צו דער גאַס־צו, שטעהט אַ טיש, נעבען איהם, ביי די ווענט, לאַנגע, שמאָלע בײַנק, נישט געפאַרבט. אין דעם אַנדערען עק אַקעגען שטעהט אַ בעט מיט אַ סך בעבעבעס, אָהן עין־הרע: מיט קישענס, גרויסע, מיטעלע, קליינע, קלײַנטשקע, אַ הויכער טורעם ביז אין דער סטעליע. און ביי דער זייט אויווען דאָרט ציהרט זיך אַ ברייטע באַנק, וואָס דינט ביי־נאַכט פאַר אַ בעט צום שלאָפען. אַרום די ווענט אין דער הויך הענגען פּאָרטרעטען בעדעקט מיט שפּין־וועבס, מיט גע'פגר'טע פליגען, אויסגעטריקענטע אייער פון פ'ייסען און פליגענקויט. פונ'ם קויט אויף די דאָזיגע

פאַרפרעטלעך קוקען אַרויס עפּיס געשטאַלטען: אַ „מזרח" מיט קראָליקלעך, מיט משונה־ווילדע חיה'לעך, האַלב ציג—האַלב הירש, האַלב לייב—האַלב אייזעל, האַלב לעמפּערט און האַלב פּיפּערנאָטער. אַ הויכער המן, געקליידעט ווי אַ אונטער אָפיצער, הענגט אויף אַ תליה, וואָס גרייכט איהם קוים ביז צום אַקסעל, אַזוי אַז גיכער הענגט די תליה אויף איהם! דערביי שטעהט מרדכי אין אַ שטריימיל, אַ ראַצעמאָרענע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטעל, אויבען אַ טיזליק, אין שיך און זעקעלעך מיט פּאה'קלעך, מאַקי נאָר „מאָנדרוש". אַרום איהם „בעבערדעלטע, בענאָזענדיגע" יודען מיט כּוסות אין די הענד און מאַכען: „לחיים, רבי מרדכי!" צו זרש'ן מיט'ן טאָפּ האָבען זיך זעהר מיאוס צוגעחאַפּט די פליגען, האָבען פון איהר, נעבעך, איבערגעלאָזט נאָר אַ האַלבען קאָפּ מיט אַ שטיקעל פּערדער־חלק. נאַפּאָלעאָן, נעבעך, איז אויך אַריינגעפאַלען אַהינצו אין יודישע הענד. אַז אַך און וועה איז צו איהם, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט! ער איז געהאַנגען צווישען פּוטיפר'ס ווייב, עפּיס אַ פאַרזעהע־ניש, אַ מיאוסקייט, וואָס מאַכט חן, שלעפענדיג יוסף הצדיק ביי די פּאָלעס, און צווישען אַ שמאָלען, פערשמאָלצעוועטען, שטאַרק־אָנגעבוי־גענעם שפּיגעל, הינטער וועלכען עס האָט געשטעקט אַ פערדאַרטער לולב און אַלטע אָבגעשלאָגענע הושענות.

אין שטוב דרעהט זיך אַרום אַ דיקע, אַ ברייטע אַ האָרעפּאַשנע מויד מיט אַ פּאָר באַקען ווי די פּאַמפּושקעס; אויפ'ן קאָפּ זעהר וועניג האָר און צוויי קליינע צעפּעלעך פון הינטען. די הענד האַלט זי ביז די איילענבויגענס שטייף צו ביידע זייטען, די אָרעם אויסגעשטרעקט גלייך פאָרענט ווי צוויי האָלאָבליעס, צווישען וועלכע זי רוקט זיך, שליי־טעלט זיך נישט צוהייבען קיין פיס, אַרויסשיקענדיג דעם קאָפּ אַביסעל פריהער פאַר איהר. רוקט זיך גיך, טראָגענדיג אין די הענד אַ טישטוך מיט טעלער און גרייט צום טיש. חיה־טריינע רוימט איהר עפּיס אין אויער איין, זי קעהרט אויס די האָלאָבליעס, דער קאָפּ לאָזט זיך פאָראויס, זי אַליין מיט די פיסעלעך בלד טאַקי נאָך איהם און ווערט גיך אַנטרונען פון דער שטוב. אין אַ ווינקעלע קריגען זיך אַ שטיק פיער קינדער, מיידלעך מיט יונגלעך, רייסען זיך עפּיס איבער אַ קליין הינטעלע, אַ מאָפּסיק, וואָס פּישט[illegible], נישט צו הערען, צו זעהען וואָס הינטער זיי טהוט זיך אין שטוב. חיה־טריינע בעפאַלט זיי פלוצלים, טהוט שטילערהייד אַ קניפּ דעם, אַ צופּ [illegible]עת, חאַפּט דאָס פיצעל הינטעלע און וואַרפט עם אַרויס. די קינדער

שטעקען זיך אונטער די נעז אַב פייגען און צולויפען זיך אין די ווינ־קעלעך. באַלד קומט אָן חיים־חנא מיט אַ גרויסע לאַדיש סמעטענע. דאָס ווייב נעהמט עס ביי איהם צו, פאָרעט זיך דערמיט אַביסעל דאָרט פאַר זיך און הייסט זיך אונז וואַשען.

אַ בחור׳יל אָהן אַ קאַפאָטקע, באָרפיס, אין אַ לייבסערדאַקיל מיט הויזלעך, לויפט אַריין מיט אַ שמחה: דער רבי האָט געחאַפט אין שטאַל אַ וואָראָבייטשיקעל!... אַלע קינדער בלייבען פערגאַפט מיט אויסגעצויגענע פנים׳ער פאַר גרויס וואונדער, און איידער זיי זענען צו זיך געקומען, קומט אַריין אַ יונגער־מאַנטשיק עפּיס מיט אַ געשוואָלענער נאָז און גראָבע ליפען, וואַשט זיך גיכער איבער דער פאָמויניצע, זעצט זיך דערנאָך צום טיש און רוקט אַריין אין מויל אַ גרויס שטיק ברויט, אַלץ אין חאַפעניש, אין אַיילעניש, נישט צו שענקען קיינעם אַ קוק, גלייך ווי אויס מורא, ער זאָל, חלילה, נישט פאַרשפּעטיגען, מען זאָל אָהן איהם נישט אָבעסען. דערווייל רוקט זיך אַריין יענע ברויטע מויד מיט די פאַמפּושקעס אויסגעפוצט שבת׳דיג און זעצט זיך אויך צום טיש. חיה־טריינע מאַכט צו מיר, ווייזענדיג מיט אַ פינגער אויף דער מויד: דאָס איז מיין עלטערע טאָכטער, חאַסיע־גרונע. דער עולם עסט, פריהער עפּיס מיט דרך־ארץ, אַ שעפּ מיט דעם לעפעל און אַ לעג אַ נידער דערנאָך הויבט עס אָן געהן לעבעדיג, רעש׳יג: אַ צעהן לעפעל אַרבייט׳ן געשמאַק אין איין שיסעל און פליהען פון דאָרט געשווינד אין צעהן מיילער, וואָס זופען, איטליכס אויף זיין שטייגער. ס׳איז אַ חאַפעניש, אַ בהלה, אַ זופעריי: וואופּ־הופּ, הופּ־פּופּ! מיינע ניי־געפונענע קרובים טרייבען מיך אַלץ אונטער: עסט, לאָזט זיך נישט בעטען! און איך: וויפּ־פּפיפּ! אויף מיין נוסח. דער יונגערמאַנטשיק מיט דער געשוואָלענער נאָז פוילט זיך נישט, אַרבייט פאַר צעהן און גרונטעוועט זיך ביז דעם פויגעל, וואָס קומט לסוף אַרויס, אויסגעמאָלט אינוועניג אויפ׳ן דעק פונ׳ם שיסעל. אָבגעפאַרטיגט זיך פון דער אַרבייט מיט אַ זיפץ טיף פונ׳ם בויך, שטעלט ער אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגען און קוקט אויפ׳ן עולם; מהוט פלוצלים אַ שטרעק די האַנד, אונטערהייבענדיג זיך אַביסעל פונ׳ם אָרט, גלייך צו מיר, מאַכענדיג דערביי: שלום עליכם! איהר זייט מיר עפּיס קענטליך... מה שמכם?— איך זאָג איהם מיין נאָמען. ער שפּרינגט אויף אונטער פאַר גרויס וואונדער.

— ר׳ מענדעלי!... ר׳ מענדעלי מוכר ספרים!! פישש!... א קאטאָוועס עפּים! ווער קען נישט ר׳ מענדעלי׳ן?! איך האָב געהאַט אַמאָל די זכיה, אין גלופּסק נאָך, קויפען בײ איהם אַ בענשעריל.

— ר׳ מענדעלי איז מײנער אַ קרוב — זאָגט חיה־טרײנע מיט גדלות, שמעלצענדיג זיך פאר פרייד, און אָנווײזענדיג מיר אויפ׳ן יונגען־מאַנטשיק מאַכט זי: דאָס איז אונזער רבי!— אַ נו הושיקעלע— ווענדעט זי זיך צום בחור׳ל אָהן דעם קאַפּאָטקעלע—ר׳ מענדעלי ווערט דיך פאַרהערען. שעם דיך נישט, נישקשה, דער פעטער וועט דיך נישט אויפעסען.

הושיעקעלע האַלט אַ פינגער אין דער נאָז, קוקט אין דער זײט אָנבלאָזענדיג זיך, פערציהט דעם אַקסעל און מאַכט: איך סעם מיך, סעם מיך...

—וויפיעל איז אַלט אײער הושיעקעלע, זאָל לעבען? — פרעג איך די מאַמען.

—מײן הושיעקעלע, זאָל לעבען, איז אין ווענע געוואָרען בר־מצוה—ענטפערט די גליקליכע מאַמע.

—נו, הושיעקעלע—נעהם איך דעם בחור׳ל אָן פאַר׳ן בעקעלע— זאָג, שעם דיך נישט, וואָס געהט היינט פאַר אַ סדרה?

—זאָג, זאָג!—טרייבט מען הושיעקעלען אָן פון אַלע זייטען—ער שטעלט אוים אַ פּאָר אויגען און שווייגט.

—ב... ב... ב...— מאַכט דער רבי מיט די גראָבע ליפּען.

—ב־ב... בהאַי! — לאָזט הושיעקעלע אוים אויף אַ קויל, קוקענדיג צום רבי׳ן.

—נו, בלק, בלק...—זאָג איך אונטער און גיב ווייטער הושיעקעלען אַ פרעג—וואָס האָט אַזוינס בלק געשיקט זאָגען?

דער רבי לעקט דעם פינגער, בכדי דער תלמיד זאָל זיך דערמיט אָנשטויסען.

— לעקען—טהוט הושיעקעלע אַ געשריי מיט אימפּעט.

— ווער, ווער? — טרייבט הושיקעלען אונטער דער רבי, און עס

ווערט איהם גרינגער אויפ'ן הארצען, מיינענדיג אז ער האלט שוין מיט דעם תלמיד ויינעם אויף א שטיקעל דרך — ווער, הא?

— דער רבי! — שרייט הושיעקעלע אוים אויף א קול.

— דו פארשטאפטער קאפ איינער! — צוהיצט זיך דער רבי מיט כעס — ווער זאגט בלק, ווער לעקען?

— יודען!... — טהוט הושיעקעלע גיך א זאג אויף א קוויטשינגען קול'כעל.

— די יודען, די יודען... הושיעקעלע! — זאג איך, א גלעט געבענדיג איהם דאם בעקעלע — זעהר וואויל, דו קענסט.

די מאמע איז גאר איבערגליקליך, האלט די הענט אויפ'ן בויך און קוועלט: אז וואויל איז, כ'לעבען, דעם בויך, וואס האט אזא תכשיט געבוירען! דער טאטע קייעט די צונג און האט שטארק הנאה.

נאך דער וועטשערע שמועסט מיט מיר חיה־טריינע איבער וועגען מיין עסק אזוי: אין א פאר שעה ארום בעדארף אנקומען מיין יאנקא מיט די פערד. דענסטמאל, ר' מענדעלי, זעצט איהר אייך אויף רייטענדיג אויף איינעם, מיין מאן אויף דעם אנדערען פערד און פאהרט פארנעהמען די ביידלעך מיט די סחורה דערוויל אהער. און ווייטער וועלען מיר שוין זעהען. לעת־עתה לעגט זיך א ביסל צו, אט האט איר אייך א בעט מיט איבערבעטען.

— א שענעם דאנק! — רוף איך מיך אן — אין די בעבעכעס אז איך וועל אריינפאלען, וועט שוואר זיין דערנאך ארויסצובעקומען מיך פון דארט. גאט ווייס וויפיעל איך קען דארט אבשלאפען, און דא איז די צייט טייער. איין אנדערס מאל, אם־ירצה־השם, אז איך וועל קומען צו אייך מיט מיין ווייב און די קינדער צו גאסט, דענסטמאל, זעהט איהר, געזעגען איך מיך מיט אייך אלע און ווארף מיך, אויף גאטס בעראט, אריין טיעף אין דעם תהום בעבעכעס אויף א לאנגער, לאנגער צייט.

— מיר בעטען, מיר בעטען — מאכט חיה־טריינע מיט חן — זעהט־שע, מיט אלע קינדער טאקי; נעהמט אייך מיט יאכנע־סאסען, זאגט־זשע זיך נישט אב, חאטש נעהמען א קישעלע אהין אין אל־קעריל.

— שלאָפט געזונד! — געזעגנט זי זיך מיט מיר — נישקשה, פּייגער וועט פֿיַיך גאַנץ פריה, בלחוך השור, אויפוועקען!

ז.

היה-טריינע איז טאַקי אַ כּשר׳ע יודענע, אַ גוטע, נאָר וואַנצען האָט זי געהאַט אין שטוב רשעים, זעהר ביזע. זיי זענען מיר בעפאַלען ווי באַלד איך האָב מיך געלעגט אויפ׳ן טאַפּטשאַן אין אַלקעריל און די מלחמה צווישען אונז האָט זיך אָנגעהויבען. ביידע צדדים האָבען זיך פּערעקשנ׳ט, געאַרבייט אין עסק: זיי — מיט׳ן מויל, איך — מיט די הענד; זיי קריכען, איך שפּרינג אונטער; זיי מיט טענות: דער טאַפּטשאַן איז אונזערער, דרך-ארץ זשע, ר׳ יוד, און לאָזט זיך בייסען״ — איך זיפּץ, פּערבייס די ליפּען, קראַץ מיך מיט אַלע כּוחות; זיי אַ ביס — איך אקראַץ; זיי אויף מיר — איך אויפ׳ן קישען, אַראָב, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, דאָס קישען! דאָס הינקעדיגע ביינקעל אויף דריי פּיסלעך פּאַלטאום; דאָס לײמענע קריגעל מיט נעגעל-וואַסער טראַך-טראַך; טאַראַקאַנעס אויפ׳ן ציל לויפען, דראַפּען, האַרמידערען; פּעדער׳ען פון דעם צעריסענעם קישען פליהען אין דער נאָז, אין די אויגען אריין; דער טאַפּטשאַן אונטער מיר ריפּעט-סקריפּעט. אַ טאַראַראַם, אַ גערודער! איך בין דול, צומישט, צאַפּעל מיט אַלע גלידער און וואַרף מיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. עס הערט נישט אויף צו בייסען. עס שטינקט וואַנצען! — נמאָס וועט׳ענדיג מיר די גאַנצע מעשה, בלייבט ביי מיר עוקר צו זיין. איך פּערלאָז מיין געלעגער, שפּרינג אַראָב גלייך צום פּענסטער, צו אָטהעמען אַ ביסעל פריי און טהו אַ קוק אין דרויסען, אויף גאָטס וועלט.

אויפ׳ן בלויען הימעל שטיל, רוהיג געהט די גילדערנע לבנה, איהר שיינענדיג פּנים איז זעהר ערענסט, עפּיס שטאַרק פּערטראַכט. שאַ אַרום און אַרום!... איהר פּערטראַכטקייט וואַרפט אויף מיר אַן אַ זיסע מרה-שחורה, זי רעדט עפּיס צו מיין האַרץ, די נשמה מייני נעהמט זי פיר אַרויס מיט איהר אויטליכען בליק. זי רופט אין מיר אַרויס אַ

ים געפיהלען און עס טראַכט זיך, טראַכט זיך עפּיס גאָר פון זיך אַליין. עס טראַכט זיך פון דעם ביטערען לעבען פול קרענקונג, אַלערליי ליידען מיט בעליידיגונג, פול פּלאָגען, אָנשיקענישען, אַלטע אויך נייע, און צופּיעכטע מיך פאַר איהר ווי אַ שלאָף קינד, נעבעך, פאַר דער מוטער: אוי מאַמע, עס טהוט וועה!... אוי, ווערט מען עס פּערשוואַרצט, קומט מען עס אָבּ!... קאַרג קאָפּידרעהענש, בוויכוועהטיג, איז מען נאָך גרוים אין די אויגען; קאַרג אייגענע מכּות און וואונדען, האָט מען נאָך אויסצוזאָגען געבראָטענע לייד; קוים-קוים וואָס מען זשיפּעט, פּערגינט מען נאָך נישט דאָס שטיקעל געפּלאָגטע לעבען. אוי, מאַמע, עס שמאַרצט, אוי, עס טהוט וועה!... די לבנה קוקט אויף מיר מיט איהר ליכטיגער צורה אַלץ ערענסט, פּערטראַכט און דאַכט זיך, זי נעהמט מיך איין: „שאַ, בידנע קינד, שאַ! וואָס זאָל מען טאָן?"... דאָס האַרץ וויינט אין מיר נאָך מעהר, הייסע טרעהרען טרעטען מיר אַרוים אין די אויגען, איך שפּאַר אָן דעם קאָפּ אויף מיין אָרעם, די זייט מיט דער אָבגעשווירענער פּאה דער לבנה אַקעגען, נאַ, זאָל זי זעהן, זאָל זי חאָטש זעהן!... עפּיס עפענט זיך אין מיר אַ קוואַל פון געפיהלען, צופּען מיך ביים האַרצען, פּערפלייצען מיר די גראַנקען. די אויגען, אָנגעקוואָלענע ווי די באַנקעס, קוקען אין דער וועלט אַריין מיט אַ ריהרענדיג געבעט: געוואַלד, העלפט, האָט רחמנות! עס טהוט וועה, וועה, וועה... אַזוי חאַפּט זיך אויף פּונ׳ם שלאָף ביי דער נאַכט אַ קראַנק קינד, נעבעך, יאָמערט פונ׳ם האַרצען פאַר זיך אַליין, קוקט מיט די אויגעלעך, בעטענדיג רחמים.—נישטאָ קיינער! קיינער! קיינער הערט נישט! אַלע שלאָפען, שאַ!... אַ הינטעל נאָר שטעהט אויף דער גאַס וואַך, דער ווידעל צווישען די פיס, דער קאָפּ פּערריסען הויך און בילט מיט אַ קאַלטער לעבער אַקעגען דער לבנה, זי געהט איהר וועג רוהיג, פּערטראַכט, פון אַ הונדס בילען זיך גאָר נישט צו מאַכען....

זיפ׳ן האַרצען ווערט מיר גרינגער. עפּיס וואַרעמט מיך אינעווייניג אַ געפיהל פון האָפענונג און טרייסט אָהן ווערטער—אַזאַ געפיהל, וואָס אַ יוד פיהלט, אַז ער וויינט זיך אוים פאַר גאָט אויף זיינע צרות; אַזאַ געפיהל, וואָס מאַכט דעם מענשען וועך ווי טייג, גוט אָהן אַ ברעג, דייט איטליכען אַוועקצוגעבען די נשמה, אַרומצונעהמען די גאַנצע וועלט און זי אַ קוש צו טאָן פאַר גרוים ליעבשאַפט.—

און זיי, די ווענצעלעך, זענען דען נישט גאָטס־בעשעפעניש? וואָס זענען זיי שולדיג, אַז זיי שטינקען, נעבעך? וואָס זאָלען זיי טאָן, אַז עס ליגט שוין אַזוי אין דער טבע זייערער צו בייסען? טהוען עס נישט פאַר שלעכטס, פאַר שנאָה און צו להכעיס, נאָר פאַר דעם שטיקעל פּרנסה: זיי ווילען, נעבעך, טרינקען, אָנזעטיגען זיך מיט יענעמס בלוט. מילא לאָז שוין מיינס איבערגעהן. עפּיס דאָס ערסטע מאָל אין לעבען איז מיר דען וואַנצען? און וועלכער יוד האָט דען נישט פון זיי צו זינגען און צו זאָגען?...

איך געה אַוועק פון דעם פענסטער און זאָגענדיג: „אין דיין האַנד טהו איך מיין זעעל בעהאַלטען" גיב איך מיך אַ וואָרף אויף׳ן טאַפּטשאַן און — גאָרנישט, איך שלאָף! . . . חלומות האָב איך פיינט צו דערצעהלען . נאַרישקייטען!

דאָס אויפשטעהן אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט מיר געקאָסט גרויס מיה . עס האָט מיר וועה געטאָן איטליכס אֵבר. נאָר די נויט האָט מיך געצוואונגען און מיט מיר אַ טראַג געטאָן פון מיין געלעגער. אַ יוד לעבט מיט אימפעט. די נויט טרייבט איהם צו לויפען, אַרומצו־יאָגען, צו טאָן, צו אַרבייטען. לאָז נאָר שוואַך ווערען אַ קאַפּעלע דער אימפעט , בלייבט ער ליגען ווי אַ דער׳הרג׳טער . יום־טוב דערפיהלט אַ יוד זיינע וועהטאָגען , דענסטמאָל האָט ער געוועהנטליך צייט קראַנק צו זיין . . .

די נויט האָט מיך פון מיין געלעגער אויפגעהויבען, די נויט האָט מיך אויף די פיס געהאַלטען , די נויט האָט מיך רייטענדיג אויף אַ פערד אויפגעזעצט , די נויט האָט מיר אין קאַרק געגעבען און איך האָב מיך גערירט פונ׳ם אָרט אינאיינעם מיט חיים־הנה חיה־טרײנעס מאַן. האַרב איז ביי אַ יודען נאָר דאָס ערשטע ריהר, דערנאָך, אַבי אַ קוועטש די ספּרונזשינקע, געהט עס שוין ווי אַ פּוטער, ער קריכט שוין אַפילו וואוהין מען בעדאַרף נישט , וואוהין מען האָט איהם כלל נישט געבעטען. ער דראַפּעט זיך אַפילו אויף די גלייכע ווענד. איך קום באַלד צו מיינע קרעפטען, בין פריש און שטאַרק אויף דאָס ניי .

אַז דער עולם זאָגט: „אַ יודישע נשמה קען מען נישט שאַצען", מסתמא איז רעכט. גאָר אין אָנהויב האָב איך געדעבענט, חיה־טרײנע פרעהט זיך דאָ מיט מיר אַזוי פּשוט , וואָס זי האָט דערטאַפּט פּלוצלים

אַ קרוב און נאָך אַזעלכען, וואָס רייבּט זיך אַרום ספרים! דאָס רייבּען זיך אַליין אַרום עפּיס אַ זאַך האָט שוין אַ גרויסען ווערטה בּיי יודען. אַ יוד, פון די שענע בּעלי=הבּתים אַפילו, ווען עס קומט איהם אויס צו האָבּען אַ עסק אין די פּריסוטסטוועס, הויבּט אָן צום ערשטען פון סטאָראָזש—ער רייבּט זיך דאָך פּאָרט אַרום די אַדונים דאָרט—שמועסט מיט איהם איבּער און גְעהט אַוועק צופרידען. לעֵת=עתּה, טראַכט ער, איז גענוג. דער סטאָראָזש איז נישט קיין שלעכטער מענש. — דער שמש, וואָס רייבּט זיך אַרום אַ יודישער שקאָלע, הייסט בּיי אַ טייל פון יודישען עולם: דער אינספּעקטאָר; דער יודישער בּריף=טרעגער—פּאָטשטאַר, דער יוד פון דער פּאָטשט, אַזוי פיעל כּמעט ווי פּאָטשט=מייסטער. קורץ, ווי מען זאָגט טאַקי: „דעם רב׳ס שיקסע קען פּסקע׳נען שאַלות״... בּיי דער וועטשערע, אָנקוקענדיג די דיקע, בּרייטע מויד, וואָס שוין צייט איהר אונטער דער חופּה, איז מיר שוין אַריין אין נאָז, אַז חיה=טריינעס פּרייד בּעטייט, איך קען איהר צוניץ קומען צו אַ שידוך... און, דאַכט זיך, גאָר אויף מיר גופא האָט זי אַ אויג. דעריבּער טאַקי האָט די מויד אַזוי שבּת׳דיג זיך אויסגעפּוצט... דאָס איז מיר דערנאָך קלערער געוואָרען פון חיים=חנא׳ס רייד, פאָהרענדיג מיט מיר אויפ׳ן וועג. עפּיס האָט ער צופיעל אויסגעפרעגט מיך וועגען מיין בּחוריל מיט אַזאַ שמועס:

— אַזוי! איז אַייער בּהוריל שוין געוואָרען, אַייער בּחוריל, בּר=מצוה און נאָך נישט קיין חתן, נישט! איך אין זיינע יאָהרען האָבּ שוין חתונה געהאַט, אין זיינע יאָהרען. — מיין חיה=טריינע לאָזט מיך די נעכט ניט שלאָפען: געוואַלד, אַ בּחוריל! וואָס ליגסט דו, גזלן, אַזוי?... געוואַלד, אַ חתן! — די בּתולה מיינע האָט איהר דאָך געזעהען, די בּתולה, אַ גוטע בּעל=הבּית׳טע. אפשר טאַקי שוין צייט איהר חתונה=צומאַכען, שוין צייט אפשר? — וואָס זאָגט איהר, ר׳ מענדיל? עפּיס זייט איהר דאָך אַ יוד, אַ למדן, שוין צייט? מיינע האָט מיט מ׳ היינטיגע נאַכט איבּערגעשמועסט... איהר זייט בּיי איהר שטאַרק חשוּ זייט איהר. אַלץ קומט אומגעריכט. בּעדאַרף זיך גראָד מאַכען אַ מעשׂה, און איהר האָט פערבּלאָנדזעט צו אונז... זעהר אָנגעלעגט, כּ׳לעבּען איז אַייער בּחוריל שוין, זאָגט איהר, בּר=מצוה, אַייער בּחוריל?

אין דעם ווי מיר שמועסען דאָ אַזוי, קומען מיר צום אָרט פון די בּיידלעך. פריהער בּעטראַכט איך גוט מיין בּיידיל און אימליכס

ב

חינקעל׳ע. ברוך־השם, אַלצדינג דאָ אינגאַנצען, און לאָז מיך צוגעהן דערנאָך צו אַלטער׳ס בײדיל. דאַכט זיך, איך נישט גערירט, עס שטעהט אויף זיין אָרט. נאָר קוים נעהם איך מיך צום לאַנטוך, מיט וועלכען דאָס בײדיל איז איבערגעדעקט, און טהו אַ טאַפּ, בין איך פערצאַפּעלט געוואָרען, עס ריהרט זיך עפּיס אונטער איהם... איך שפּרינג אָב שטאַרק דערשראָקען אויף צעהן אײלען אין דער זייט. דאָס לאַנטוך הייבט זיך דערווייל אויף און איך דערזעה פאַר מיינע אויגען זיצענדיג אויפ׳ן וואָגען מיט אַ פערבונדענעם קאָפּ — אַלטער יקנה׳ן! . . . ,

---

יא.

וואָס מיט אַלטער׳ן איז פירגעגאַנגען, וואו ער איז הינגעקומען, פון וואַנען ער האָט פּלוצלים זיך גענומען און פאַרוואָס דער קאָפּ איז איהם פערבונדען — די דאָזיגע שאַלות דערקלערט אונז באַלד אַלטער מיט זיין כשר מויל אַליין, אַזוי:

מילאָ געה איך מיר נאָך די פערדלעך. בקיצור נישטאָ קיין פערדלעך! נישמער, טראַכט איך מיר, גאָרנישט. אַ פּנים, זיי זענען פערגאַנגען וויטליך. גראָז אין וואַלד איז זעהר גוטע, שאָטען אויך דאָ, פאַר וואָס נישט? אַ מענש, להבדיל, זוכט אויך, וואו גוט איז. מילאָ געה איך מיר ווייטער, ווייטער, פאַרשטעהט איהר מיך, מען הערט נישט, מען זעהט נישט. וואָס מהוט מען דאָ? ס׳איז דאָך עפּיס שפּל! פּלוצלים דאַכט זיך מיר אין וואַלד עפּיס אַ שאָרך אויף יענער זייט פון אַ טאָל. מיינער באַלד טאַקי אַראָב, אַרויף, אַהין, בקיצור גאָרנישט. דערווייל ווערט שפּעטליך, ס׳איז שוין טונקעל, עפּיס גאָר נישט קיין גוטער משא־ומתן!... דאַכט זיך מיר ווידער אַ שאָרך, איך ווייטער אַהין, דרעה מיך, זוך און ווייטער גאָרנישט. עס פאַרדריסט מיר שוין, פאַרשטעהט איהר מיך, וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג? בקיצור, ווידער אַ שאָרך און עפּיס ווי טריט.—אָט האָבט־דו זיי, די שיינע לייט! אַ קרענק זיי אין די ביינער! פלוך איך שטאַרק אויפגעבראַכט און דערשלאָג מיך אַהין, ערגיץ אין אַ העק, צווישען געדיכטע צווייגען. אַהאַ, ס׳איז דאָ,

דערטאַפּט!... וואָס? צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, עפּיס אַ רויטע קוה
אַ קוה, וואָס, ווי געוועהנטליך, זיך פון דער טשערעדע אָבגעריסען און
פערגאַנגען אין וואַלד. אַצונד וואָס? איך וויים גאָר ניט, וואו איך בין.
נישמער שטעהן איז קיין תכלית נישט, מילא געה איך מיר אין צרות,
אויף גאָטס בעראָטה, און פאַרגעה מיר צו אַ פייערל, וואָס האַלט ביים
אויסגעהן. האָלאָטעשקעס רייכערען זיך, ס'איז נאָך דאָ אין זיי אַ פונק.
דאָס גראָז אַרום און אַרום אויסגעטרעטען, עס וואַלגערען זיך ברעקלעך
ברויט, שאָלעכטס פון אייער, פון אוגערקעס, ציבעלעס און קנאָבעל,
אויך צעריסענע שמאַטעס און שמאַטקעלעך. דאָ איז, אַ פּנים, געווען
אַהיבשע קאָמפּאַניע, און ווי עס זעהט אויס, אַ חאָפּטע ציגיינער. גאָר
עפּיס נישט קיין גוטער עסק! ציגיינער האָבען ליב צולקחענען. פּלוצ-
צלים דאַכט זיך פון גאַנץ ווייט עפּיס אַ קול. אפשר רופט עס דאָרט
ר' מענדעלי? געהט מיר איבער אַ געדאַנק, און איך לאָז מיך געהן
גיִשווינטער. דאָס קול, דאָ הערט עס אויף, דאָ לאָזט עס זיך ווידער
הערען און וואָס נעהענטער ווערט עס אַלץ שרעקליכער, ווי איינער
שרייט געוואַלד!... עפּיס גאָר אַ שרעק, כ'לעבען! נישמער גאָרנישט.
איך טהו מיר מיינס און געה. עס העלפט נישט, נאָר קוק מיך גוט
אַרום און היט די ביינער. בקיצור, אַקעגען מיר וואַקסט אויס פונדער-
וויטענס עפּיס אַ קרעטשמעלע, אַ חורבה'לע אויף הינערשע פיסלעך.
עפּיס איז מיר עס נישט געפעלען. איך בעהאַלט מיך אַ ביסעל אין
דער זייט צווישען צווייגען. גראָד טאַפּ איך דאָרט אָן עפּיס אַ דרענגיל.
נעהם עס אין דער האַנד, פאַרשטעהט איהר מיך, ליתר-בטחון. זיץ
שטיל און קוק מיר, וואָס וועט דאָ זיין. עס קומט מיר אין קאָפּ אַריין
שרעקליכע זאַכען, מעשיות מיט גזלנים און גלופסקער גנבים. פּלוצלים
וויטער אַ געשריי, אַ ביטער געשריי, ווי פון איינעם, וואָס איז אין אַ-
גרויסער סכנה, און, דאַכט זיך, דאָס ביטערע געשריי איז פון חורבה'לע.
עס חאַפּט מיך אָן ביים האַרצען. עס טראָגט מיך אונטער פונ'ם אָרט
און איידער מיך צו בעטראַכטען שטעה איך שוין נעבען קרעטשמעלע,
אַליין נישט רעכט צו געדענקען, ווי אַרום האָב איך מיך דאָ גענומען.
עפּיס געפיקט האָט מיר אַלץ אין קאָפּ: אַ אייגענער, אַ אייגענער! אַ
קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז גאָר ר' מענדעלע אין אַ סכנה. איך
וויים דען, אַ פּנים, וואו איך בין? ס'איז טאַקי אַ מורא, נישמער גאָר-
נישט! מיין טויט זאָל דאָ זיין, מוז איך מיך דערגעהן, וואָס טהוט זיך
דאָ אַזוינס. עפּיס בין איך דאָך אַ שטיקעל עקשן אויך. בקיצור, איך

נעה מיר פּאַמעליכען און האָרך מיך גוט צו. עצים הערט זיך אַ פּערדומפּט קול. איך קום צו נעבען אַ צושאָטענעם טויער, קוים וואָס ער האַלט זיך פאַר אַלטקייט. מיינער פּוץ אַריין אינוועניג אין אַ גרויס הויז. גיִעה אויף די שפּיץ פינגער, זוך, ניססטער אין דער פינסטער, שאַ. שטיל. איך נעהם אַרויס פון דער קעשענע אַ פּעקעלע מיט שטעליכע שוועבעלעך, רייב, רייב מיט אַ ציטערדיגע האַנד, אומזיסט, עס וויל נישט ברענען. דאָס לעצטע צינדט זיך לסוף אָן און באַלד מאַקי לאָזט זיך הערען אַ געשריי גאָר אין איין אָטהעם, ערגיץ פון דער זייט דאָרט, דאָס שוועבעלע פאַרלעשט זיך און גאָרנישט, איך טאַפּ אין דער פינסטער, קריך ערגיץ אַריין און שלאָג מיך אויף עפּיצען עפּיס אָן. די האָר שטעלען מיר זיך קאַפּויער, פרעגט מיר בחרם, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. בקיצור, ביי דער שיין פון דער אויפגעהענדיגער לבנה, דורך אַ קליין אויסגעשלאָגען פענסטעריל, אין אַ פערשימעלט חדריל אָהן אַ טיר, דערזעה איך, ליגט איינער געבונדען, ווי אַ שאָף, מיט הענד און מיט פיס, איז, נעבעך, טויט, בלייך ווי די וואַנד, קוים־קוים וואָס ער זשיפּעט.—גאָט האָט אייך געבראַכט אַהער, זאָגט דער אומגליקליכער פאַרשוין, בינדט מיך גיכער אויף, ווארום איך בין גאַרבײַ. די שטריק האָט מיר זיך איינגעשניטען אין דעם לייב און עס ברענט מיך אַ טרונק!—ווער האָט אייך אַזוי געפּענטעט? טהו איך אַ פרעג, נעהם באַלד אַרויס מיין מעסער און שנייד אויף די שטריק.—אין זיין טאַטענס טאַטען אַריינגעפלויגען, שילט דער פאַרשוין, אויסגלייכענדיג די ביינער. אַזאַ ממזר, נאָטקע גנב!—וואָס, אַ גנב?! רוף איך מיך אָן, שאַרף אָנקוקענדיג דעם פאַרשוין.—יאָ, יאָ, אַלצדינג אין דער קאָרט! ערשט היינט נאָך האָט ער גע׳גנבה׳ט אַ פּאָר פערד. איך שפּרינג אַזש אונטער הערענדיג אַזוינס. בקיצור, איך הויב אָן באַלד מאַקי דעם פאַרשוין אויסצופרעגען, זאָג סימנים און עס קומט אַלצדינג קלאָר אַרויס ווי בוימעהל אויפ׳ן וואַסער. ביי יענץ פייערל אין דעם וואַלד זענען דאָס געזעסען אַ גאַנצע חאָפּטע שלעפּערס, פיינע לייט, איינער פון די שענע נפשות האָט זיך געלאָזט שפּאַצירען דאָרט און צוגענומען אונזערע פערדלעך. איך דערגעה מיך דעם וועג, אויף וועלכען די שלעפּערס האָבען זיך געלאָזט פאָהרען און עס בלייבט ביי מיר, באַלד אָהן שיהות נאָך די גנבים זיך צו לאָזען. דער פאַרשוין פּריווט מיך אָבהאַלטען, לעגט מיר שטיינער אויפ׳ן האַרצען: ער האָט מורא, דער ממזר זיינער איז אַ רוצח, מיט איהם פאָהרען נאָך בוידע:

פאַרשווינען, אַלע כמעט אַזעלכע ווי ער. מיך אָבער האָט עס ניט געלאָזט רוהען. בלייבען אָהן אַ פערד קען איך נישט.— ניין, ניין! איך מוז זיי דעריאָגען, עס מעג זיך זיין וואָס עס וויל. לאָזען שפּייען זיך אין דער קאַשע קען איך נישט. אַ רגע איז אַצונד טייער: בלייבט איהר דאָ, רוהט זיך אוים, ביי מיין צוריק־קומען מיט די פערד, אם־ירצה־השם, נעהם איך אייך און מיר פאָהרען ביידע פון דאַנען אַוועק. אַזוי זאָג איך דעם פאַרשוין, צו וועלכען עס ציהט מיר עפּיס שטאַרק דאָס האַרץ, נעהם די פיס אויף די פּלייצעס—און לאָז מיך געשווינד אין וועג אַריין.

דאָס אַלטע וויסטע קרעטשמעלע שטעהט אַריינגערוקט אַביסעל אין וואַלד ביי דעם שליאַך, וואו עס טיילען זיך וועגען אין פערשידענע זייטען. לינקס פאָהרט מען קיין גלופּסק, קיין וואָהלין, און רעכטס אין שטעדט פון פאָדאָליער גובערניע. איך נעהם מיך רעכטס. בקיצור, איך געה נישט, נאָר איך לויף. אין כעס בין איך אַ שרעק. איך וואָלט צעריסען דעם גנב ווי אַ הערינג. עס פעהלט מיר מעהר נישט צו די גוטע עסקים, בלייבען זיצען אין פעלד אָהן אַ פערד, אָהן אַ גראָשען געלד. נישמער גאָרנישט. מיינע פיס הויבען אָן זיך אָבצוזאָגען פון דעם גיכען גאַנג, דער מאָגען וויל נישט וויסען פון קיין שום זאַך און מאָנט עסען. אַ קליינינקייט עפּיס אַזאַ גרויסען טאָג אָבצופאַסטען. שלעכט! עס עסט מיך דער געדאַנק: פערפאַלען די מיה, אומזיסט דאָס לויפען! זיי, די שענע נפשות, זענען אַוועק אַ היבשע צייט פריהער פון מיר און וואָס נאָך? זיי פאָהרען. אַקעגען־זשע איך געה צו־פוס. עס שטאַרקט מיך נאָר איין האָפנונג, טאָמער וועט אָנלויפען עפּיס אַ פוהריל. אַ גליק נאָך, וואָס די לבנה שיינט און מען קען חאָטש זעהן ווי אין העלען טאָג. בקיצור, איך געה, שוין נישט אַזוי געשווינד, מיט אימפּעט ווי פריהער, אָבער איך געה, נעהם מיר אַרוים די אויגען קוקענדיג. נישטאָ קיין לעבעדיג בעשעפעניש. נישמער גאָרנישט, איך טהו מיר מיינס, אַלץ ווייטער, ווייטער. נעהם איך מיך צו עפּיס אַ זאַך, פאַרשטעהט איהר מיך, לאָז איך עס אַזוי גיך נישט אָב. בקיצור, דאַכט זיך, אַ קלאַפּען פון רעדער... אין דער ערד מיט'ן קאָפּ! אויף צושפּרינגעניש פאָהרט מען גאָר מיר אַקעגען, נישט אין דער זייט, וואוהין איך בעדאַרף. אַי, אַ מזל, מיין פינסטער מזל!— איך ווענדע מיך צו איין פוהריל, צו דער אַנדערער. אַלע זענען שכור-

לוט. אַ צונד. פאַרשטעהסט איהר מיך, ווער איך שוין גאָר מיאוס אין כּעס. אָבער ווי נאָך אין כּעס!.. און טהו מיך אַ לאָז ווייטער מיט אימפּעט. איך בין שוין אָבגעגאַנגען אַ היבּשע שטרעקע וועג, ס'איז שוין טאַקי גוט שפּעט. אין מיר איז נאָך דאָ אַלץ אַ האָפנונג, עס וועט מיך אָניאָגען אַ פוהריל, און פונדערווייטענס דאַכט זיך טאַקי עפּיס פוהרלעך, נאָר אין דער ערד מיט'ן קאָפּ! ווידער טאַקי מיר אַקעגען... ניין! טראַכט איך, היינטיגס מאָל לאָז איך עס אַזוי נישט אָב. דאָס לעצטע, וואָס בּיי מיר געפינט זיך, גיב איך אַוועק, אַבּי מען זאָל מיך אונטערפיהרען. איך טרייב מיך אונטער, געה מיט קוראַזש, נאָר די פוהרלעך דאַרט ריהרען זיך, דאַכט זיך, נישט. שטעהען עפּיס אויף איין אָרט.

אַהאַרץ־וועהטיג נאָר, אַ צושפּרינגעניש! נישמער גאָרנישט. בּקיצור, צוקומענדיג נעהענטער, דערזעה איך, דאָס זענען בּיידלעך. עס פאַלט מיר בּאַלד איין, אפשר זענען עס די פיינע לייט. איך האַלט אין דעם גאַנג, געה מיר שטיל, פאַמעליכען און טראַכט, וואָס כהוט מען? בּיי דער זייט וועג ציהט זיך אַ וועלדעלע, מיינער אריין אַהין, בּעהאַלט מיך צווישען בּוימער פון וואַנען איך קוק אַרויס און בּעטראַכט די בּיידלעך אַקעגען. יאָ, דאָס זענען מיט די אַלע סימנים זיי, זיי! איין בּיידיל ליגט אָנגעבויגען צו דער ערד, אַרום איהם אַ גאַנץ פּעקיל: זאַנסבּילען, ווייבּער, יונג און אַלט, קינד און קייט, אָבגעריסענע, אָבּ־געשליסענע. דער האַקט, יענער קלאַפּט, איינער גיט עצות, דער אַנדערער פּלוכט, זידעלט. ווייבּער קווישען און קינדער שרייען, פּישטשען. ס'איז אַ געשילטעריי, אַ געבּייזעריי, אַ פּאַטשעריי, אַ חאַרהלעריי מיט אַ געוויין און אַ געלעכטער אינאיינעם. צווישען דעם רעש הערען זיך קולות: שולדיג איז דאָס נייע פערדיל, פאַרבּרענט זאָל עס ווערען! אַזאַ פּליאַגע, דעם גאַנצען וועג האָט עס געצויגען אַלץ אין דער זייט, אויף צו להכעיס אַלץ אין דער זייט... עפּיס אַ פאַרשלעפּטע קרענק, פגר'ען זאָל עס! פייבושקעס כּשר'ע מציאָה, אַ חאַלערע אויף איהם!—פּיסקאַטשעס, שטינק־פּעעלעך, קוליעס שטרוי אָהן הענד, אָהן אויגען, גאָרנישט, נאָר פרעסען, דריכנען!—זידעלט זיך איינער, אַ רויטער יונגאַטש מיט בּרייטע פּלייצעס און וויזט דערבּיי אויליכען אַ קולאַק. איך זוך מיט די אייגען און דערזעה: אין די אָבּעדריקעס מיט שלייעס שטעהט אָבגעשפּאַנט, בּיי דעם הינטערשטען בּיידיל, אייער פערדיל, ר' מענדעלי! מען האָט איהם.

אַ פּנים, מכבד געווען געהן אויפ׳ן דראָנזשיק. אַי, חכם מיינער! מאַך
איך פאַר פריידֿ, דו האָסט זיי אָנגעמאַכט אַ גוטע חתונה, נישקשה!...
וואו=זשע איז ערגיץ מיין שלימזלניצע? מיין שקאַפע, זעה איך, שטעהט
צוגעבונדען הינטער דעם דאָזיגען בּיידיל טאַקי. איך בּעטראַכט מיין
דרעגניל, נעהם אַרויס מיין מעסער און לאָז מיך אַזוי שטילערהייט
ווי אַ קעצעלע צום בּיידיל, בּשעת די חאָפּטע איז שטאַרק בּעשעפטיגט
דאָרט מיט דער אַקס, שנייד געשווינד איבּער די שטריק, חאַפּ מיך
אַרויף רייטענדיג און פאָהר מיט בּיידע סוסים אָהן אַ זיי=געזונט אַוועק.
מילא גאָרנישט, בּעדאַרף גאָר, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, איינער פון
דער חאָפּטע דערזעהען, מאַכט אַ געפילדער און עס ווערט אַ קאָכעניש.
דער רויטער יונגאַטש, זעה איך, יאָגט הענדום=פּענדום און אָט=אָט
דעריאָגט ער מיך. מיינער שמייסט, טרייבּט די פערד זיי לאָזען זיך
היינטיגס מאָל נישט בּעטען און לויפען ווי ווייט נאָר זיי קענען. דער
רויטער איז שוין ווייטליך אַביסעל הינטער מיר. בּעדאַרף מיין שקאַפּע
זיך פערפּלאָנטען אין די שלייעס פון אַייער פערדיל, וועלכע איך האָבּ
אין אַיילעניש נישט אַראָבּגענומען. זי פאַלט און עס ווערט אַיין
עיבּוב. דערווייל יאָגט אָן דער רויטער יונגאַטש, אָנגעצונדען ווי אַ גזלן
און וואַרפט זיך אויף מיר ווי אַ חיה רעה מיר ראַנגלען זיך מיט
אַלע כּחות, שטום, נישט צו רעדען קיין וואָרט פאַר גרויס כּעס. מיר
ווילען איינער דעם אַנדערען אומוואַרפען און פאַלען בּיידע אַרומ=
נעהמענדיג זיך שטייף, אַזוי אַז די בּיינער קנאַקען. בּקיצור, מיר אַרבּייטען
געשמאַק, אָט בּין איך פון אויבּען דער רויטער אונטען . קוועטש
אַזש דער רוח נעהמט איהם, פּלוצלים בּייטען זיך די יוצרות: ער פון
אויבּען און איך אונטען. נישמער גאָרנישט. איך דערלאַנג איהם, פאַר=
שטעהט איהר מיך, אין דער זיבּעטער ריפּ, אין דער דיך. ער שפּרינגט
אונטער און בּלייבּט ליגען שטיל, ווי טויט. מילא גאָרנישט. דאָס איז
געווען נאָר אַיין אָנשטעל. איך לאָז איהם אָבּ און דאָס טאַקי האָט
ער געמיינט. ער בּאָדעט זיך דערווייל שטיל און בּעקומט אַרויס בּיי
זיך פון דער קעשענע אַ מעסער.—עהע, אַזאַ בּחור בּיסט דו, טהו איך
אַ געשריי! גיבּ איהם אַ זעץ איבּער דער האַנד, אַזוי אַז דאָס מעסער
פאַלט איהם אַרויס און פאַרפליהט ווייט. ער נעהמט זיך צונויף מיט
אַלע קרעפטען, גיט זיך אַ וואָרף אויף מיר פלינק ווי אַ קאַץ, דראַפּעט
מיר דעם האַלז און אָט=אָט שטעקט ער מיר אַריין די פינגער אין
גאָרגעל פּלוצלינג הערט זיך פונדערווייטענס אַ גלעקיל, דאָס מאַכט

אויף איהם אַ מורא. ער איז דאָך פּאָרט אַ גנב.—אייער טרפה׳ן מזל, ברומט ער ווי אַ בער, וואָס דאָס גלעקיל. נאַט אייך־זשע אַ מתנה!... ער טהוט מיך אַ טראַך אין קאָפּ און ווערט פערשוואונדען. איך שטעה באַלד אויף, חאַפּ מיר ווידער אַרויף רייטענדיג און פאָהר מיר מיין וועג. שפּעטער ערשט דערפיהל איך דעם וועהטיג, טהו מיך אַ טאַפּ, בע, אויפ׳ן שטערען איז מיר אַ בייל! נישמער גאָרנישט. מיינס האָב איך אויסגעפיהרט. די פערדלעך, פאַרשטעהט איהר מיך, זענען ביי מיר.

—בענשט גומל, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט!—רוף איך מיך אָן און נעהם אַלטער׳ן אַרום פאַר פרייד.

—נישקשה!—מאַכט אַלטער—לאָז דער רויטער דאָרט אויך בענשען גומל, וואָס אַ מעת־לעת האָב איך גאָרנישט אין מויל געהאַט און בין געווען שטאַרק מיד. אָבער אונזערע סוסים זענען דאָ.

—וואו זענען זיי, די לייבען אונזערע?—פרעג איך, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען.

—האָט צייט אַביסעל, ר מענדעלי!—ענטפערט אַלטער—דער פאַרשוין, מיט וועלכען איך בין צוריקגעקומען, האָט געפיהרט די לייבען אָנטרינקען דאָרט אַראָב נידריגער, וואו ס׳איז דאָ אַ טייכיל און גוטע גראָז, זייט רוהיג, נישקשה. ער גיט אויף זיי גוט אַכטונג. איך בין אויך נישט לאַנג געקומען. מיד, צובראָכען, לא עליכם, טהו איך מיך אַ וואָרף אין ביידיל און דעק מיך איבער מיט דעם לאַנטוך חאַפּען אַ דרעמיל. נאָר קוים וואָס איך מאַך צו איין אויג, קומט איהר אָן, ר׳ מענדעלי, און געלויבט איז גאָט, וואָס מען זעהט זיך געזונט... וואָס נעהט איהר עס עפּיס פערבונדען, ר׳ מענדעלי? האַ, די צייהן?

—איהר, ר׳ אַלטער—זאָג איך—איהר זייט געקומען פערבונדען דעם קאָפּ, מיט אַ בייל, איך פערבונדען, אָהן אַ פּאָה, איהר מיט אַ פאַרשוין און איך מיט ר׳ חיים־חנא, היה־טרייגעס מאַן! שטעל איך איהם צום צווייטען מאָל פאָר שוין מיט דעם גאַנצען טיטעל.

אַלטער שטעלט אוים די אויגען, קוקט אויף מיר מיט אַ פרעג.

—וואָס הייסט!—מאַך איך שטאַרק פערוואונדערט—איהר קענט נישט חיה־טרייגען!

—מילא חיה־טריינע איז חיה טריינע—מאַכט אַלטער פּערוואונ־דערט צוריק—אָבער די פּאה! וואָס געהער זיך עס אָן מיט אייער פּאה?

—אַ קרובה, מיין ווייב געהער זיך אָן אַ קרובה—רופט זיך חיים־הנא אָן תּמ׳עוואַטע.

און ווי מיר שמועסען זיך דאָ אַזוי, זיצענדיג אויפ׳ן גראָז, ווייזען זיך פונדערווייטענס אונזערע לייבען, העצקענדיג זיך, קלאָמפּערשט ווי זיי לויפען. עפּיס האָט זיי אין מיינע אויגען דאָס פּנים זיך געענדערט פון נעכטען אָן, זיי פּעררייסען די קעפּ מיט גאוה, גלייך ווי געזאָגט: לאַך דיר, לאַך, פונדעסטוועגען האָט זיך אויף אונז געפונען אַ בעלן, געהאַט שטאַרק חשק און אונז אַוועק־גע׳גנבה׳ט, נישקשה. מיט אַ שמאַטע אויפ׳ן פּוס, מיט אַ רינענדיג אויג, פונדעסטוועגען אַז מען בעדאַרף געהן אויפ׳ן דראָנזשיק, געהט מען און איין אַקס אַז מען בעדאַרף צע־ברעכען, קענען מיר אויך, נישט ערגער פון אַנדערע. אַז אַך־און־וועה איז אונז נאַר, וואָס מיר זענען יודישע. איהר, ר׳ יודען, זייט זיך נאָר מתחייב אייערע פּערד קעסט און געבען גוט איהר זיי מכּות... איך דערלאַנג מיין פּערדיל, בשעת צוקומענדיג צו מיר, אַ קליין זע־צעלע איבער דער מאָרדע מיט אַ שמייכעלע: דו שקאָץ איינער! —

באַלד דערויף קומט אויך צו אַלטער׳ס פּאַרשוין. איך טהו אַ בליק און לאָז אַרויס אויף אַ קול, אַ פּאַטש געבענדיג ביידע הענד:

— פּישקע! מען זאָל געווען דערמאָנען משיח׳ן, וואָלט ער געקומען.

— יענער פּישקע? פון וועלכען איהר האָט מיר דערצעהלט? — פרעגט אַלטער זעהר פערוואונדערט.

— יאָ, יענער, דער פון דער באָד. — נו, שלום עליכם, פּישקע!

— איך האָב אייך, ר׳ מענדעלי, אויך׳עט דערקענט — זאָגט פּישקע אָבשטעקענדיג מיר צוריק אַ שלום־עליכם.

— אייער פּישקען קומט אַ דאַנק — מאַכט אַלטער צו מיר — ווען נישט ער, וואָלטען מיר אונזערע פּערדלעך געזעהן ווי אונזערע אויערען.

— ווען נישט ר׳ אַלטער — מאַכט פּישקע אויך צו מיר — וואָלט פּישקע אַ מיתה משונה אײַנגענומען.

— איך האָב שוין געהערט, געהערט! — רוף איך מיך אָן — זאָג בעסער, פּישקע, פון וואַנען האָסט־דו זיך אַהער גענומען?

— ס׳איז אַ לאַנגע מעשה — ענטפערט פּישקע, אַוועק־קערנדיג דעם קאָפּ אין דער זייט.

איך שטעה אַ רגע און בעטראַכט פּישקען. ער איז געבּעך נאַקעט און באָרפיס מיט געשוואָלענע, פערבלוטיגטע פיס, פאַרבּרענט פון דער זון און דאַר ווי אַ צוים־שטעקיל, נאָר הויט און ביין. דאָס האַרץ האָט געריסען קוקענדיג אויף איהם. ער האָט געמוזט נעבעך גענוג צרות אויסשטעהן. איך נעהם איהם ביי דער האַנד און זאָג:

— דיין מעשה, פּישקע, וועלען מיר שפּעטער הערען. עס וועט נאָך זיין ציים. אַצונד רוה זיך אַביסעל אוים דאָ מיט אונז.

יב.

פּאָר אַ יודישען בעל־לשון וואָלט געווען גענוג מאַטריאַל אויף אָנצושרייבען אַ שענעם פּזמון פון אונז אַלע, דערנסטמאָל אין יענעם שענעם פריהמאָרגען. ס׳איז דאָ צום פּזמון פיער בעווייבטע יודען, ווי זיי ליגען זיך צושפּרייט אויפ׳ן גרינעם גראָז, האָבען הנאה און שווייגען. אויך אַ זון מיט שטראַהלען, הימעל, נאַטור, טוי־טראָפּען, שפּילפייגעלעך און פערדלעך, איינס שענער פונ׳ם אַנדערען. דערצו וואָלט ער דאָך געמעגט געבען אַ גמילות־חסד עפּיס פון זיינס אויך: אַ טשערעדע שאָף, וואָס פּיטערען זיך אויפ׳ן געמייזאַכץ, אַ קלאָר רינענדיג וועסעריל, וואו „אינדען טהוען צוברעכען זייער דאָרשט״, און אונז פייפעלעך אין מויל, אויף וועלכע מיר שפּילען און שאַלען, ווי די פּאַסטוכער, אַ לויבליד דער געליבטער כלה אין שיר השירים. טאָרבעס איז דאָ ביי אונז, ברוך־השם, אייגענע, נישט צו בעדאַרפען זיינס. ביי איהם

בלייב עס.. נאָר אָבער עד כאן, ביז דאַנען, ווייטער ר׳ יוד רוקט זיך נישט! צו מיר אין דער נשמה אַריינקריכען, אַריינלעגען דאָרט אַייערע חכמה׳לעך, פוילע פשט׳לעך — דאָס איז נישט פאַר אַייך. דערויף איז שוין דאָ פאַר אַייך אַנדערע ערטער... מיינע געדאַנקען גיב איך איבער בעסער אַליין.

פשוט איז פשוט, איך ליג מיר בקומפאַניע צולעגט, קוק מיט אַ פאָר אָפענע אויגען און האָב זיך משונה הנאה. וואָס? גאָרנישט. עפּיס איז מיר גוט אויף׳ן האַרצען גלאַט אַזוי אָהן ווערטער. דאָס צוטרימקען מיינס דערביי איז אויך נישט מיט אַ כוונה צו געבען קאָנצערט, אָדער צו שאַרפען די כלי, נאָר גלאַט אַזוי זיך אַטרים-ברים, ברים-טרים... אַזוי געוועהנטליך טרימקעט אַ יוד אָהן ווערטער, אָהן אַ שום געדאַנק, ווען די דאגות הפרנסה לאָזען איהם אַ ביסעל נאָך. אַזוי געוועהנטליך טרימקען קומפּאַניעס יודען, איטליכער פאַר זיך, אויף זיין שטייגער, בשעת זיי שפּאַצירען זיך יום-טוב, אָדער שבת נאָכ׳ן קוגעל אין די חאַלאַטלעך, דרעהענדיג דערביי אַ טייל — די קוטאַסען די שפּיצען בערדלעך, און אַ טייל פערלעגט די הענד אַהינטען.

חיים-חנא מיינער טרימקעט אויך מיט אַ שיינענדיג פנים. דערנאָך גיט ער זיך פלוצלים אַ שטעל אויף, נעהמט זיך ביים בערדיל, בעלעקט זיך און מאַכט צו מיר אַזוי:

— נו, ר׳ מענדעלי! שוין צייט, מיין איך, צייט פאָהרען. הא?

— איהר ווילט שוין פאָהרען אַהיים? — רוף איך מיר אָן און שטעה אויך אויף. נו פאָהרט געזונטערהייט!

— וואָס הייסט! — קוקט חיים-חנא אויף מיר שטאַרק פערוואונדערט — און איהר, ר׳ מענדעלי, איהר וועט דען מיט מיר נישט פאָהרען? עפּיס האָט מען דאָך גערעדט, עפּיס.

— ווי קען איך! — ענטפער איך, ווייזענדיג אויף די אַלע לייט מיינע.

— מיר בעטען, מיר בעטען! — מאַכט חיים-חנא. לאָזען זיי אויך פאָהרען. מיין חיה-טריינע מאַכט היינט וואַרעניקעס. עס וועט פאַר איטליכען גענוג זיין וואָס צו עסען, וואַרעניקעס.

— אַ שענעם דאַנק! — פאַרבייג איך זיך — נישטאָ קיין צייט. מען מוז אין זינען האָבען עפּיס פּרנסה. גריסט אייער ווייב גאָר פריינטליך.

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ מענדעלי! מיין ווייב וועט מיך הרג'ענ... — חיים־חנא האָט געוואָלט זאָגען „הרגנען״, נאָר ער האָט זיך פערחאַפּט און אויסגעלאָזט שטאַרק צוטראָגען: — וועט מיך אין שטוב נישט אַריינלאָזען, מיין ווייב, אָהן אייך. מיינע האָט מיט מיר היינטיגע נאַכט איבערגעשמועסט דעם עסק... פאַרשטעהט איהר מיך? זי ריכט זיך דאָ אַזוי אויף אייך, חאַסיע־גרונע מיינע אויך... פאַרשטעהט איהר?

— איך פאַרשטעה, פאַרשטעה. עס מוז אָבער געדולד זיין אַביסעל. מיין ווייב וועט מיך אויך הרג'ענ... אין שטוב נישט אַריינלאָזען, מיין איך, ווען איך זאָל מיט איהר נישט איבערשמועסען דאָס עסק. פאַרשטעהט איהר מיך? וואָס קען מען טאָן, ר׳ חיים־חנא?

חיים־חנא איז געבליבען שטעהן ווי אויסגעפּאַטשט. מען האָט געזעהן, ווי עס טריפט איהם דאָס בלוט. דאָס פּנים האָט איהם זיך פאַרענדערט.

— טהוט מיר די טובה, קומט! — מאַכט ער מיט אַ געבעט. ווען נישט, גיט־זשע מיר האָטש אַ בריוועלע צו חיה־טריינען, אַ געשריפטס, מיר אַליין וועט זי נישט גלויבען. מיך בעשולדיגען וועט זי מיך, אַז איך בין אַ שלים־שלימ... וועט... וועט... פאַרשטעהט איהר מיך? שרייבט איהר אָן עטליכע ווערטער, דער רבי וועט עס איהר איבערלייענען. איך בעט אייך!

אין ברירה, מען מוז ראַטעווען אַ נפש. ס׳איז אפילו אַ גרויסער יושר אַזאַ מאַן גוט מקיים־פּסק צו זיין. נאָר לאָז ער האַפּען אַ פּאַטש נישט דורך מיר. איך נעהם פון׳ם רענצעלע מיינעם אין ביידיל אַרויס אַ בליי־פען, רייס־אָב פון אַ סידור דאָס אויבערשטע לעדיגע בלעטיל. שפּאַר מיך צו צו דער קעלניע און שרייב די דאָזיגע ווערטער:

„להנגידה המפורסמת שאר־בשר, הצנועה מרת היה־טריינע, זאָל לעבען און געזונט זיין, אמן.

הנה זייט וויסען, אַז, געלויבט השם יתברך, איך בין בקו הבריאה, געזונט אויף אַלע אברים. גאָט ברוך־הוא זאָל נישט אָבטאָן דעם חסד זיינעם פון אונז אויך אויף ווייטער, מיר זאָלען הערען אין גיכען ישועות ונחמות איינער פונ׳ם אַנדערען אין גרויס נחת, עושר און כבוד מיט אַ גרינג געמיטה, אמן סלה. אייערע קינדערלעך, זאָלען מאריך ימים ושנים זיין, גריס איך גאָר פריינטליך, ובפרט לבתכם הכלה הבתולה מרת האַסיע־גרונע, לעב, בעט איך למען־השם צו גריסען גאָר פריינטליך.

ווייטער בין איך אייך מודיע, אַז הסחורה האָב איך, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, געטראָפען גאַנץ עם הביידלעך אויף זייער אָרט. והשנית בין איך מודיע, אַז הסוסים האָבען זיך אויפגעזוכט. ר׳ אַלטער יקנה״ז האָט זיי פון גנבים׳ס הענד מציל געווען. דאָ האָבען זיך געמיהט נאָר זכות־אָבות. גרויסע ניסים איז אונז בעשיינפערליך גע־שעהען. מיר זענען גאָר אַזוי פיעל נישט ווערטה דעם אויבערשטענס חסדים. בעלכם נ״י וועט אייך איבערגעבען כל־דבר שורש. מען מעג אַזיינס אין די קראַניקעס שרייבען.

איך בעט אייך מחילה, חיה־טריינע, ווי איין אייגענע מוטער, וואָס איך נעהם מיך אונטער צו זיין פאַר אייך אַ מליץ־יושר אויף אייער בעלכם, וואָס האָט נעבעך גרויס שרעק און עגמת־נפש דערפון, וואָס איך פאָהר היום נישט צו אייך לויט דעם מדובר. האָט אויף איהם רחמנות, לאָז ער, נעבעך, נישט האָבען אָבגעשניטענע יאָהרען און בעשטראָפט ווערען דערפאַר, וואָס איך האַלט נישט וואָרט און קען נישט כפי המדובר צו אייך היום קומען. אויף אייער בעלכם איז, כ׳לעבען, אַ צער בעלי־החיים. ער האָט פאַר מיר פשוט גע׳חלש׳ט, מצדו איינגעלעגט די וועלט, אָבגעלויבט אין טאָג אַריין אייך ובפרט בתכם הכלה המושלמת, וועלכער איך גריס גאָר פריינטליך. הכלל ער האָט מצדו געטאָן, וואָס אַ מאַן און אַ געטרייער טאַטע בעדאַרף צו טאָן... פאַרשטעהט איהר מיך? און נאָך אַ מאָל טאַקי פאַרשטעהט איהר מיך?— ער האָט מיר אפילו געררייצט דעם יצר־הרע מיט וואַרעניקעס און מיט נאָך גוטע זאַכען. נאָר פרנסה איז בילכער פון אַלצדינג. מען מוז צוליעב דעם שטיקעל פרנסה פאַרבייגען אַפילו וואַרעניקעס. והשנית, האָב איך דאָך עפּיס אַ זווגתי, איהר פערשטעהט דאָך, פערשטעהט איהר מיך, וואָס

איך מיין... אין אַזעלכע זאַכען פֿערשטעהט איהר?... וואָס איז דער אַמאַן אָהן אַזוגתו? איך האָף צו דעם וואָס לעבט אייביג, אַז מיר וועלען בלי־נדר זיך נאָך זעהען און אם ירצה השם אין פֿריידען אָבעסען בײַ אייך וואַרעניקעס און אפשר נאָך לעקעך אויך... פֿאַרשטעהט איהר מיך. דערווייל זאָל בעלכם, נעבעך, נישט ליידען. אַ צער בעלי־החיים!...

איך שיק אייך דאָ מיט בעלכם אַ מתנה: אַ „תחינה חדשה על־הפרנסה”, „תחינות צו ליכטבענשען, צו ראש־חדש־בענשען”, „תחינה אמהות שרה רבקה רחל ולאה”, „גאָר אַשפּאַגעל נייע־תחינה פֿאַר כפרות שלאָגען”, גם שיק איך אייך דעם „מעין טהור”, וואָס איטליכע אשה בעדאַרף דרינען זיין בקי און שטאַרק היטען די אַלע דינים דאָרט, ווי זיך נוהג צו זיין. איהר וועט דערפֿון גרויס תענוג האָבען, אייער בתכם הכלה הבתולה וועט דערפֿון אויך משונה הנאה האָבען.

חיה־טריינע! איך האָב צו אייך אַ בקשה. אַז די וואַנצען שלכם האָבען מיך, נישט היינט געדאַכט, נעכטען געפּייניגט, האָב איך אַראָפּגעחאַפּט פֿון מיר האַוואָלענע זאָקען שלי, די ברעסלער, און זיי אין צוויילעניש בײַ אייך אויפ׳ן טאַפּטשאַן פֿאַרגעסען. זוכט זיי, זייט מוחל, אויף, און לאָז בעלכם זיי טראָגען געזונט. אַ מתנה פֿון מיר.—זייט מיר געזונט און גריסט נאָך אַמאָל אייערע ליבע קינדערלעך. גם אייער בתכם הכלה־לעב אויך גאָר פֿריינטליך. פֿאַרגעסט למען־השם ולמען־השם נישט מכוח אייער בעלכם, בעלכם האָט נעבעך אַ שווער, ביטער געמיטה. הבײַטש שלי, וואָס איך האָב פֿאַרגעסען בהאַלקיריל שלכם גיב איך במתנה דעם רבי׳ן, זי וועט איהם צוניץ קומען... פֿון מיר וואָס גריסט אייך און אייערע קינדערלעך איטליכען בעזונדער און בתכם הכלה־לעב אויך בעזונדער. הקטן מענדעלי מוכר ספרים”.

אַז איך האָב איבערגעלייענט דעם דאָזיגען בריעף חיה־טריינעס מאַן, איז ער געווען איבערגליקליך און גאָר אָנגעקוואָלען פֿון דעם זיסען לשון. בײַ איטליכם וואָרט האָט ער זיך אַ פּאַטש געגעבען אין דעם שטערען פֿאַר גרויס וואונדער, ווי אַ מענש קען אַזוינס אָנשרייבען! מאַכענדיג דערבײַ: אוי, מחיה׳דיג לשון!... אוי, לשון, צוקער זיס, ווי איך בין אַ יוד!... מיר האָבען זיך זעהר שעהן געזעגענט און ער איז מיט אַ גרינג הארץ אַוועקגעפֿאָהרען.

יג.

אַזוי װי איך און אַלטער זענען געװען בײדע שרעקלין: מיד און צובראָכען פון נעכטיגער נאַכט, דעריבער איז בײ אונז געבליבען, חאַפּען אַ דרעמיל און אויסרוהען זיך אַביסעל אַקעגען אַ פּאָר שעה. דערנאָך חעלען מיר זיך לאָזען פריש אין װעג העט ביז אין דער נאַכט אַריין. פישקע האָט אויף זיך גענומען, אכטונג צוגעבען דערװײל אויף די פערד און אָנגרייטען עפּיס צו מיטאָג. „איך, אַזוי זאָגט ער, האָב די נאַכט, נאָך דער מעשה מיט מיר, געשמאַק געשלאָפען װי נאָך אַ באָד. ר' אַלטער'ן, בײ זײן צוריק־קעהרען זיך, איז שװערליך אָנגעקומען אײדער ער האָט מיך דערװעקט". — אַלטער לעגט, אויף מײן בקשה, דעם קאָפּ זײנעם אַנידער צו מיר אויפ'ן שויס. איך נעהם אַ מעסער און קװעטש מיט דעם קלינגעל איהם אָב דעם בײל אויפ'ן שטערען. דערנאָך געניצען מיר, קנאַקען אויס די בײנער געהעו און לעגען זיך אין שאָטען אונטער אַ בוים.

װען נישט די זון זאָל געװען פון דער פוטערפאַס אַרויסשיקען איהרע ברענענדיגע שטאַהלען, װאָס האָבען אונז געבראָטען, װאָלטען מיר געקענט אַזוי ביז נאָך האַלבען טאָג אָבשלאָפען. אופּעפענדיג די אויגען, דערזעהען מיר נישט װײט פון אונז ברענט אַ פרעהליך פײעריל, בײ װעלכען עס קאָכט זיך אַ טעפּיל קאַרטאָפלעס, צוגעדעקט מיט ציבעלע און מיט אַ יודישער דאַרע קישקע. מיר נעהמען צו ביסלעך בראַנפען און זעצען זיך באַלד עסען מיט אַפּעטיט. מיר לויבען אָב פישקעס קאָכען אין טאָג אַריין. עס האָט דעם יודישען טעם, דער מלכות מעג זײנע קאַרטאָפלעס עסען, און ער קװעלט גאָר אָן, צװײשעװענדיג אונז: עסט געזונט, זאָל אײך װאויל בעקומען!

—פון װאַנען, פישקע—טהוען מיר איהם אַפרעג—האָסט־דו עס אויסגעקראַצט אַ יודישע דאַרע קישקע? פון אונזערע קאַרטאָפלעס און ציבעלע האָט דאָך געקענט זײן נאָר פיש־קאַרטאָפעל.

— פון װאַנעט, פרעגט איהר, אַ יודישע דאַרע קישקע? — ענטפערט פישקע — פונ'ם טאָרבע! ס'איז מיר גראָד געראָטען מײן

טאַרבעלע צו בעהאַלטען פון דעם סמור פערחאַפּט זאָל ער ווערען!

— דערצעהל, פישקע — בעטען מיר איהם — וואָס איז אַזוינס מיט דיר געשעהען?

— עט! — מאַכט פישקע מיט אַ זיפץ — ס'איז פיעל צו דער־צעהלען, זעהר אַ לאַנגע מעשה.

— דער טאָג איז גרויס, צייט איז ביי אונז, ברוך־השם, דאָ צו הערען דיין מעשה. — קומט שפּאַנען! — זאָג איך צו אַלטער'ן — מיר וועלען זיך פאָהרען און פישקע וועט אונז אויפ'ן וועג דערצעהלען.

אַז די ביידלעך זענען שוין געשטאַנען געשפּאַנט, פאַרבעט איך דעם עולם צו מיר אויפ'ן וואָגען. אַלטער אָבער פאַרבעט אונז צו זיך. ביי מיר, זאָגט ער, איז גערוימער, נישט אַזוי אָנגעפּאַקט מיט סחורה. איך מאַך אַ פשרה: לאָז זיין אַ ביסעל ביי איהם אויפ'ן וואָגען און אַביסעל ביי מיר.

ביי אַלטער יקנה"ז אויפ'ן וואָגען.

— נו, היידאַ, פישקע! אַרויס מיט דער שפּראַכע — בעטען מיר איהם, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך אויסגעזעצט אויף אונזערע ערטער און גע'פועל'ט ביי אונזערע פערדלעך, זיי זאָלען זיך ריהרען פונ'ם אָרט. פישקע אָבער קווינקעלט זיך, האַלט אַראָבגעלאָזען די אויגען און ברעכט די פינגער.

— וויים איך?... איך שעם מיך עפּיס, כ'לעבען. גלאַט נעהם און דערצעהל! אַז איך קען נישט. עפּיס פריקרע, כ'לעבען.

איך גיב פישקען אונטער חשק. אַלטער פון זיין זייט שמועסט איהם איין אַזוי:

— ס'איז נאָר האַרב, נאַרעלע, דער אָנהויב. אַבי נאָר דאָס ערשטע וואָרט, געהט עס שוין דערנאָך ווי אַ מזמור. איך וויים עס מאַקי פון מיר אַליין. מילא בקיצור, וואָס מאַכט עס אוים? וועסט

אַליין, נאַרעלע, דערנאָך זעהען, ס'איז גאָרנישט... מילא האסט־דו, פישקע, חתונה געהאַט, פאַרשטעהסט־דו מיך, מיט דער בלינדער יתומה. נו! גאָרנישט. ווייסט מיר עס שוין. בקיצור. וואָס־זשע איז ווייטער?

— ווייטער? אין איהר טאַטען און אין זיין טאַטענס טאַטען אַ רוח אַריינגעפלויגען! — שיסט פישקע אויס מיט איםפעט אין איין בעם — זיי האָבען עס מיר אָבגעטאָנ־עט אויף טערקיש.

— נו, נו, נו! — טרייבען מיר אָן פישקען, וואָס האָט נאָך דעם איםפעט זיך באַלד אָבגעשטעלט. פישקע עפענט ווידער אַ מויל און הויבט אָן שוין ניט מיט אַזאַ היץ ווי פריהער:

— אוי, אַ שענע ווייבעראָ!... נאָך דער חתונה האָבען מיר גאָר נישקשה'דיג געלעבט. ווי אַ יודיש פאָר־פאָלק בעדאַרף צו לעבען. איך האָב, דאַכט זיך, אַקעגען מיין ווייב געטוג יוצא געווען. הערט איהר, יודען, זאָל מיר אָבדאַרען דאָס מויל, אויב איך זאָג אַייך אַ ליגען! אַלע טאָג אין דער פריה פלעג איך זי, ווי עס געהער צו זיין, אַרויספיהרען אויף איהר אָרט נעבען דעם אַלטען בית־עולם, וואָס דאָרט איז דער שטיינער איהרער געווען צו זיצען אויף אַ ביסעל שטרוי און בעטען נדבות מיט אַ ניגון פון די קינות, וועלכער עס האָט איטליכען געריהרט ביי דעם האַרצען. עטליכע מאָל אין טאָג פלעג איך איהר צוטראָגען אַהין, דאָס אַ טעפיל געקעכטץ, דאָס אַ הייסע באַבקעלע, אַ זויערע אוגערקע, אַ קיסליצע. נו, קוויק זיך! זי זיצט דאָך די גאַנצע צייט אָפּ־עט אויף איין אָרט און איז שטאַרק פערטראָגען אין דער פרנסה. פיעל מאָל פלעג איך מיך גלאַט אַזוי קומען געוואָהר ווערען, וואָס מאַכט זי, אויך אונטערהעלפען איהר אַביסעל אין דעם פדיון: אַרויסגעבען איינעם, דעם אַנדערען רעשט פון אַ דרייער, פון אַ זעקסער; דערמאָנען זי אין אַלטע חובות פון בעלי־הבתים, וואָס האָבען איהר פאַרביי־געהענדיג נישט געסילוקט באַלד במזומנים, נאָר אָבגעלעגט אויף שפּעטער; אָדער אָבטרייבען אַ קוה, אַ ציג, וואָס זיי האָט זיך געגלוסט, אויף זייער שפּאַציר אין די גאַסען, אַרויסחאַפּען איהר פון אונטער דעם נעזעס אַ פול מויל מיט שטרוי. אין חודש אלול האָב איך זי געפיהרט אויפ'ן גרויסען יריד, אַרויס פון דער שטאָדט, דאָרט אויף דעם בית־עולם. זי האָט עס

געמאַכט נישט ערגער פון דעם איבעריגען פעקיל כּלי־קודש דאָרט: שמשים, שמשטעס, הזנים, זאָגערינס, מקבלים, תהלים־זאָגערס, גבאי־טעס, קנויטלעך־לעגערינס, פעלד־מעסטערינס, וויינערינס און קלאָגע־רינס. אַט אַזוי האָט זיך עס געמאָלקען, יודישע קינדער! ס'איז גע־ווען, נישקשה, פון וואַנעט צו לעבען. נאָר אַז ס'איז גוט, וויל מען נאָך בעסערס, אַז מען האָט ברויט, וויל מען קוילעטש.

—ווייסט־דו וואָס? — הויבט מיין ווייב אָנ־עט מיר צוזאָגען — אַזעלכע מענשען ווי איך און דו, אזא פּאָר־פאָלק ווי מיר ביידע וועלען אויף דער וועלט פערפאַלען אָסור נישט ווערען. אין אונזער ברויט זענען אונזערע חסרונות גאָלע מעלות. ביי אַנדערע אין די הענד אַזעלכע זאָלען איינשטעהן, וואָלטען זיי אַ גליק געמאַכט. מיר ביידע זענען גרויסע שלימזלניקעס און טוהען נישט דאָס, וואָס מען בע־דאַרף, אָט פאָלג, כ'לעבען, אַ ווייב, אַביסעל עלטער, געניטער פון דיר, נעהם, פישקע, פיהר מיך אַרויס־עט אויף דער לעבעדיגער וועלט, צווי־שען לייט, אין יענע מקומות אַריין, וועסט־דו זעהען, געדענק מיינע ווערטער, אַז מיר וועלען געהן אין גאָלד. דאָ אויף דעם פלאַץ איז שוין כמעט גאָר נישטאָ וואָס צוטאָנ'עט. מען זיצט אַמאָל אָפּ'עט אַ לאַנגע צייט ביז איינער דערבאַרעמט זיך און גיט אַ גראָשען. לייט דערצעהלען עם אַביסעל פון דעם גרויסען גליק וואָס לעקיש, דער האָלערע־חתן, האָט אין דער וועלט מיט פערלען זיין ווייב געמאַכט. זיי האָבען באַלד נאָך דער חתונה זיך אַוועקגעלאָזט און דאָס מזל, אָהן עין־הרע, געהט זיי! מאָטיל מקבל האָט מיט זיי אין קישינעוו זיך בעגעגענט, אַרומגעהענדיג אין די הייזער. זייערע טאָרבעס, דער־צעהלט, ער. זענען פול אָנגעשטאָפּט מיט אַלעם גוטען — מיט שטיקער קוילעטש, גרעסערע ווי מען גיט דאָ דעם שבת־גוי, מיט מאַמאַליגע. מיט געריבערט שאָפּענפלייש, מיט דאַרע קישקעס און קאָדע. פּערלע שיינט ווי די לעבטיגע זון. ס'איז איהר אין פּנים נישט אַריינצוקוקען. זי איז פעט, דיק און ברייט מיט פיסקעס גאָר אַ גראַפינע. גלופּסק וויל זי מעהר נישט קענען, מען זאָל איהר עס אפילו שענקען. — מענשען וואָס קומען פון אַדעס, קענען זיך גאָר נישט אָפּוואונדערען פון דעם גליק, וואָס יאָנטלען, דעם אַנדערען האָלערע־חתן, האָט געטראָפען. זיי האָבען איהם געזעהען זיך רוקענדיג דאָרט אויפ'ן גזעס צווישען די קלייטען און גאָט שיקט איהם צו. ער מאַכט עס גאַנץ גוט. דער עולם קען אויף איהם זיך גאָר ניט זאַט אָנקוקען. אַדעס, זאָגען זיי, האָט

דאָך עפּיס געַנוג קאַלעקעס, וואו ערגיץ אין דער וועלט אַ קאַלעקע רייסט זיך אַהין אָפּ־עט און מען איז שוין מיט אַזעלכע געוועהנט, נאָר ווי קומען זיי אַלע צו גלופּסקער, אַזעלכע ווי גלופּסק גיט אַרויס־עט, קען ענגלאַנד אַפילו אויך נישט אַרויסגעבען. גלופּסק, אַזוי דער־צעהלען מענשען, קלינגט אין דער וועלט. אויף אַ גלופּסקער יודען לויפט מען קוקען, ווי אויף אַ בייז וואונדער... אונז, כ׳לעבען, וועט גאָט אויך נישט פאַרלאָזען. אָט כל־זמן ס׳איז נאָך זומער, קום לאָמיר זיך אַוועקלאָזען. האיע נישט, אַ טאָג, כ׳לעבען, איז אויך אַיין עבירה.

מיין ווייב האָט מיר געמאַכט אַ יצר־הרע און מיר האָבען זיך אַוועקגעלאָזט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען, יודען, נישט פאַרזינדיגען, ס׳איז אונז געגאַנגען זעהר גוט, אין וועלכען דאָרף, אין וועלכער שטאָדט מיר זענען געקומען, האָבען מיר אויסגענומען. איטליכער האָט אויף אונז געקוקט, קיינער האָט אונז נישט אָבגעזאָגט. דער הקדש איז פאַר אונז געווען אָפען אומעטום, הייזער וויפיעל דאָס האַרץ גלוסט, געה אַהין און נעהם, אין קעשענע, אין בוזעם און אין דער טאָרבע. דער שמש פון דער שוהל פלעגט נעהמען עטליכע גראָשען און אונז געבען דערפאַר פלעטען אויף שבת תמיד אין איין הויף. מיין ווייב האָט מיט מיר געלערענט הלכות אָרעמאַן. איך בין דרינען געווען נאָך גאָר אַ פריץ און נישט געוואוסט רעכט די דינים פון אַרומגעהן אין די הייזער. מיינע אָבער איז אין די זאַכען געווען אַ וואויל־קענעוודיגע מיט אַלע אָבשניצלעך. זי האָט מיך אַלץ געלערענט, ווי אַזוי מען בע־דאַרף אַריינקומען אין אַ שטוב, ווי אַזוי מען בעדאַרף קלאָמפּערשט קרעכצען, הוסטען און וואָס פאַר אַ רחמנות־פנים מען בעדאַרף מאַכען דערצו; ווי אַזוי מען בעדאַרף אַ נדבה בעטען אָדער מאָנען, זיך דינגען און צוטשעפּען זיך ווי אַ זלידנע; ווי אַזוי מען בעדאַרף צו־ווינשעווען, אָדער שילטען, פלוכען טויטע קללות. איהר מיינט, עפּיס אַזוי גלאַט נעהמט מען זיך און מען געהט אין די הייזער. ניין! דאָס איז אַ גאַנצע תורה. ביי יודען אַ נגיד צו ווערען איז געַנוג נאָר מזל. עזות, פאַרשטאָכענע אויגען און דעסגלייכען, דאָס קומט שוין שפּעטער פון זיך אַליין ממילא. אָבער אַ יודישער אָרעמאַן צו זיין, טאַקי וואָס אָרעמאַן הייסט, איז מזל אַליין וועניג, ער מוז קענען און וויסען אַ סך זאַכען, וואָס זענען שטאַרק נויטיג צום עסק. ער בעדאַרף קענען די

שפּיל און אַריין אין דער גרגרת אַזוי, אַז יענער מוז געבען. ער זאָל אַפילו אַ מיתה משונה איינגעהמען.

איך מיט מיין ווייב זענען מיר געווען פוס=אָרמעלייט.—איהר קוקט מיך עפּיס אָנ׳עט, מיינע ליבע יודען, ווי אייך איז עפּיס שטאַרק קשה, לאָזט זיך דינען, זייט מוחל! אַז איך האָב שוין אָנגעהויבען צו דערצעהלען, וועל איך געבען צו פאַרשטעהן אייך, ווי ווייט איך קען, דאָס איבּ׳עט. די אָרמעלייט ווערען, ווי די סאָלדאַטען, איינגעטיילט! אין פּיעשע... וואַרט נאָר, וואַרט, עפּיס איז דאָ אַ פאַרדרעהעניש פון הונדערטער סאָרטען, אַ פלאָנטעניש פון שווערע נעמען און צונעמענישען. אָרמעלייט, וואָס דראַלען, הולכען מיט די רגלים... דער שוואַרץ=יאָהר זאָל זיי וויסען! אָרמעלייט ווי מיסט, עפּיס אַזוינע און אַזוינע, קבצנים דאָ און דאָרט, אביונים, דלפנים מיט אַלע פּרושים, שלעפּערס אין דער וועלט, בעטלער, בטלנים, מקבלים און טעלערלעקער אין דער שטאָדט. אַלערליי, גאָר אָהן אַ צאָהל!... וואַרט נאָר, לאָמיר זיך אַביסעל בע=טראַכטען.

פּישקען אָבער האָט דאָס בעטראַכטען זיך אויך נישט געהאָלפען. ער האָט זיך פאַרדרעהט אין די גרויסע מחנות אָרמעלייט און נישט געקענט אַרויס. איך האָב פון זיינע ווערטער פערשטאַנען, אַז די אַלע מיני אָרמעלייט ביי אונז טיילען זיך איין אַזוי: פּיעשע אָדער פוס=אָרמעלייט, די וואָס שלעפּען זיך צופוס, און קאָניצע אָדער בויד=אָרמעלייט, די וואָס שלעפּען זיך אַרום איןביידלעך. אַ חוץ דעם ווערען זיי נאָך איינגעטיילט אין מינים: שטאָדט=אָרמעלייט, אַזעלכע וואָס זענען געבוירען געוואָרען ערגיץ אין אַ שטאָדט, געוועהנטליך ערגיץ אין דער ליטא, און פעלד=אָרמעלייט, די וואָס ווערען גע=בוירען פשוט אויף דעם פעלד אין אַ בויד, זייערע עלטערנס עלטערען האָבען פון אייביג אָן זיך אַרומגעשלעפּט. די דאָזיגע אָרמעלייט זענען יודישער צוגיינער שטענדיג וואַנדערווען זיי פון איין עק וועלט צום אַנדערען זיי ווערען געבוירען און אויפגעוואַקסען, האָבען חתונה, ברוכפערען זיך און שטאַרבען אַלץ אונטער וועגענס. זיי זענען פרייע מענשען, פטור פון אַלע זאַכען, פון נתינות, טאַקסעס וכדומה, אויך פטור פונ׳ם דאַווענען און פונ׳ם גאַנצען יודישקייט. נישטאָ קיין אויבער=האַר.—צו דעם טייל שטאָדט=אָרמעלייט געהערען אַלערליי שטעדטישע קבצנים פון די דאָזיגע סאָרטען: קבצנים פשוטע. יודען, יודענעס

מיידלעך און בחורים, וואָס געהען מיט טאָרבעס אין די הייזער נאָך
ראש=חדש, אויך אין מיטען דער וואָך, און נעהמען גראָשענס און
שטיקלעך ברויט. אַ גרויסער טייל יונגלעך און מיידלעך פון די דאָזיגע,
לויפען אַמאָל נאָך איטליכען אויף דער גאַס און רייסען ביי די פּאָלעס,
ביז מען מוז זיך פון זיי אויסקויפען מיט עפּיס אַ נדבה. — קבצנים
כלי=קדש. דאָס זענען מקבלים, בטלנים, אין איטליכען קלייזיל, וואָס
זופען משניות און זאָגען קדיש ביי אַ בר=מינן און אויפ׳ן הייליגען אָרט
צו אַ יאָהרצייט. מען מעג צו זיי רעכנען אויך שופר=בלאָזער, מזוזות=
איבערקוקער מיט דעם גאַנצען קאַפּיטעל אַזעלכע לייט. — תורה=און
מצוה=קבצנים, ווי, אַ שטייגער, פּרושים, וואָס וואַרפען אַוועק ווייי=
בער און קינדער, בעגראָבען זיך אין קלייזיל ערגיץ אין דער פרעמד
און לערנען „ביצה" אויף דעם עולם׳ס רעכנונג. ישיבה=בחורים, וואָס
געהען אַרום שלינג=און=שלאַנג, קראַצען זיך אונטר׳ן אויווען און עסען
טעג. יודען מיט פּאַטשיילכענס אין די הענד, אָדער מיני גבאים,
מ׳שטיינס=געזאָגט, וואָס זאַמלען נדבות קלאָמפּערשט אויף עפּיס אַ מצוה=
זאַך. — בעהאַלטענע קבצנים, פון בעלי=הבתים, וואָס נעהמען
קצבה און נדבות שטילערהייט. — האַלבע קבצנים, ווי, אַ שטייגער,
תלמוד=תורה=מלמדים אין פיעל שטעדט, וואָס זענען האַלב=מלמדים,
האַלב=בעטלער, און דעסגלייכען אויך שמשים, דיינים, רבנים. איטליכער
פון זיי איז האַלב דאָס, וואָס ער איז, און האַלב דאָס, וואָס אַלע
אַנדערע יודען מיט טאָרבעס זענען. — יום=טובדיגע קבצנים, אַזעלכע,
וואָס קבצנען געוועהנטליך פורים, בשעת יודען בכלל מאַכען זיך האַרץ
און לאָזען זיך פאַר גרויס חדוה געהן קומפּאַניעסווייז אין די הייזער,
אָדער אַ מאָל אויך אונטער אַ יום=טוב, און הייסען הייסט עס קלאָמפּערשט,
זיי קבצנען; פאַר אַנדערע, נעבעך. — גמילות חסד=קבצנים.
אַזעלכע וואָס נעהמען זייער גאַנץ לעבען נדבות אונטער אַ אויסרייד:
אַ גמילות=חסד קלאָמפּערשט, הייסט, מאָרגען גיבען זיי עס מיט אַ דאַנק
צוריק אָב

— דערמאָנט מיר, ר׳ אַלטער — רוף איך מיך אָן, נאָכדעם אַז
איך האָב פישקעס ווערטער גענומען אויף מיינע כלים און געמאַכט
דעם דאָזיגען שטיקעל סדר צווישען אונזערע קבצנים — דערמאָנט מיר,
איך בעט אייך, אפשר איז דאָ נאָך קבצנים, וועלכע איך האָב, חלילה,
פאַרגעסען אַריינצושטעלען אין צעטעל

— מילא וואָס מאַכט עס אויס? — טהוט אַלטער אַ זאָג און פערקרימט זיך אויף מיר עפּיס אַזוי, ווי איינער מיט אַ בּאָרד פערקרימט זיך אויף אַ יונגעל, ווען ער מאַכט זיך עפּיס נאַריש — אָ וואַ, ער האָט, חלילה, פאַרגעסען!... אַזאַ וויכטיגע זאַך דאָס צעטעל! און אַז מען שטעהט נישט אין צעטעל, קען מען, חלילה, קיין קבצן נישט זיין!...

— זאָגט עס נישט, ר׳ אַלטער! — שטעל איך מיך שטאַרק אַקעגען — אונזערע קבצנים זענען ביי זיך שטאַרק פעררימען, שרעקליך להוט נאָך אַ פּיצעל כבוד. לאָז איינעם זיך נאָר דאַכטען עפּיס אַ מינדסט בעליידיגונג, איז ער גרייט צו דערגעהן אייך דאָס לעבען. בעיקט זאָל מען ווערען פון אַ קבצן אַ שמעלקע!... שאַ, זעהט איהר, אָט האָב איך מיר טאַקע דערמאָנט! אָהן עין־הרע, נאָך אַ סך קבצנים: אייניקלעך, ירושלמים, ארץ־ישראל־יודען, נשרפים, שלאַפע, מערידינדיגע מיט כתבים פון דאָקטוירים, עגונות, אַלערליי מיני אַלמנות, מחברים, ניי־מאָדנע מחבר׳טעם מיט דעם מאַנס חבורים, נישקשה, דער רוח האָט אונז, ר׳ אַלטער, אויך נישט גענומען. מען מעג גאַנץ שטאַרק רעכענען מוכרי־ספרים, און אַז ס׳איז שוין יאָ אַזוי, רופט־זשע טאַקי אויף אויך אונזערע דרוקער און אַלע מיני רעדאַקטערס, זיי מיט אַלע זייערע אַרבּייטער, זעצער, בעלי־מגיה׳עס, שרייבער, קאָרעספּאָנדענטען — יעמוד עם כל הקבצנים!... אַצונד, ר׳ אַלטער, בעדאַרף מען די דאָזיגע אַלע לייט אויסצאָרטירען, אויסליבען אייך זיין אָרט אין צעטעל. דאַכט זיך, קיינעם נישט פאַרגעסען, האַ?

— אַי, פע, ר׳ מענדעלי! — מאַכט אַלטער אויפגעבראַכט און הויבט זיך אָן צו קראַצען — גענוג, כ׳לעבען, מיט אייערע קבצנים. עס בייסט מיר אַזש דאָס לייב, ווי פליי וואָלטען מיך אָבגעעשיט. פון מיינעט־וועגען וואָלט איהר עס געקענט מאַכען בקיצור: כל־ישראל — איין קבצן, און גאָרנישט. איין עק, אַ סוף זאָל עס האָבען. לאָזט פישקען דערצעהלען ווייטער און שלאָגט איהם ניט איבער. אונטערזאָגען אַ וואָרט, ווען עס שטעלט זיך פישקען אין גאָרגעל און ער בלייבט ווי דערוואָרגען, אָדער אויסבעסערן איהם אַ מאָל דאָס לשון, דאָס — מהיבאָ־תיתי.

נאָך גאָר ביים אָנהויב איז פישקע געווען דער חזן, וואָס האָט

נעדרעהט דאָס מויל, אַרויסגעלאָזט צוהאַקטע, צובראָקטע ווערטער, און איך זיין משורריל, וואָס האָט איהם אונטערגעהאָלפען אין דער נויט און איהם אויס דעם מויל אַרויסגענומען דאָס וואָרט, מיט וועלכען ער האָט זיך געוואָרגען. אָרן מיר וואָלט שווער געווען פישקען אַליין רעכט צו פאַרשטעהן. דאָס בין איך אַ בעלן צו־ווייזען אויף אַ פּראָבע שפּעטער ביסעל. אַלטער האָט דערבײַ נישט מעהר געטאָן ווי אונטערגעשטופּט מיט זיינע ווערטער: „מילא בקיצור”, „נישמער גאַרנישט”, ווי איינער וואָס טרייבט שבת אין שוהל אונטער דעם חזן, ער זאָל עס אָבמאַכען בקיצור, פיהלענדיג, אַז אין דער היים וואַרט אויף איהם דער קידוש, אַ טשאָלענט מיט אַ קוגעל.

יד.

„עך מיט מאַן וואַב אָבען קעגעט צי ש״ע. ני קענטי אַך משאעה זאַן ווי מיט מאַנע קיאַנקע פיסיעך פיעגען מי זעך שיעפּען זייע פאַמעיעך, קיכין ווי די יאַקעס” — אָט אַזוי הויבט פּישקע אָן ווייטער צו דערצעהלען מיט זיין לשון, וואָס אויסגעבעסערט מיט מיין הילף, מאַכט עס: איך מיט מיין ווייב האָבען געהערט צו די פּיעשע, דאָס הייסט פּוס־אָרמעלייט. נו, קענט איהר אייך משער זיין, ווי מיט מיינע קראַנקע פיסלעך פלעגען מיר זיך שלעפּען זעהר פאַמעליך, קריכען ווי די ראַקעס. און אַזוי געהט פּישקעס דערצעהלונג, אויסגעבעסערט ווייטער:

מיין חייב האָט אָנגעהויבען מיך ביסלעכווייז צו זידלען, צו שילטען, צו זאָגען שטעכווערטלעך, צו רופען מיך מיט צונעמעניש און מיר אויפצוואַרפען מיינע קראַנקע פיס. זי איז אַקעגען מיר אַרויס מיט טענות, אַז זי האָט אין מיר גאָר איינגאַנצען זיך אָבגענאַרט, פון אויבען ביז אַראָב; אַז זי האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מענשען, זי האָט מיך אין דער וועלט צווישען לייט אַרויסגעפיהרט, זי האָט מיך פערזאָרגט מיט פּרנסה, געשטעלט אויף אַ שטייגער, און איך בין איהר נישט געטריי, טהו איהר אַלץ אויף צופּוקעניש. נאָר דאָס אָבער איז

געווען זעלטען. איך פלעג מיך נישט וויסענדיג מאַכען, אַלצדינג אַראָבשלינגען, געב אַכט בּיי מיר: אַזוי איז געוועהנטליך דער שטייגער פון אַ ווייב, אַזוי בּעדאַרף צו זיין, איטליכען מאַן איז דאָס ווייב מכבד מיט אַ וואָרט און אַ מאָל טאַקי מיט אַ קלאַפּ אויך. קוים איז איהר דער כּעס אָבּגעגאַנגען, איז ווייטער געוואָרען אַ לעבען, פּישקע ווייטער שטאַרק חשוב, זי פלעגט אַרויפלעגען איהר האַנד מיר אויף'ן אַקסעל, זאָגען: „הייטאַ, פּישקע"! מיינער געהט פאָראויס, זי הינטער מיר, און בּיידען איז עפּיס גוט אויפ'ן האַרצען. „אָט אַזוי אָבּען מי זעך געזיקט און געקיאָכען".

בּיז בּאַלטע האָבּען מיר זיך געשלעפּט עפּיס גאָר אַ לאַנגע צייט און פערשפּעטיגט דעם גרויסען יריד דאָרט, וואָס קלינגט אין דער גאַנצער וועלט, מיין ווייב איז געווען אויסער זיך, שרעקליך זיך געערגערט, גלייך ווי זי וואָלט פערלוירען תּרפ"ט אַלפים טאָלער. איך טרייסט זי און דרינג איהר אַלץ: „מילא וואָס איז דאָ אַזוינס, אָבּער בּאַלטער הייזער זעהען דאָך, בּרוך־השם, פאַר אונז געבּליבּען! קאַרג פאַר אונז אַזוי פיעל הייזער, אַזאַ שטאָדט? נישט צו פאַרזינדינען". און זי אַלץ אין איין קול: פאַרברענט וועד אינאיינעם מיט דיינע הייזער! וואָס טויג מיר, דו ימח־שמוניק איינער, דיין שטאָדט, אַזאַ בּלאָטיגע שטאָדט! אָט אַזאַ שטאָדט נאַרייעסט־דו עס מיר, האַ! איך וויל נישט! דו הערסט? איך וויל נישט אַזאַ שטאָדט. איינגעזונקען וועך דאָ אין דער בּלאָטע און וואַרג זיך דיר מיט דיין שטאָדט—מיט דיין בּלאָטיגער בּאַלטע!

— ר' אַלטער, ס'איז דאָ! — לאָז איך פלוצלים אַרויס הויך אויף אַ קול—איך אָבּ מיך דערמאָנט נאָך אַ סאָרט קבּצנים! קבּצנים־בּאַנקירען,

— אַ גרויסע מציאה, כּ'לעבּען! — מאַכט אַלטער, קנאַקענדיג מיט דער צונג: „טצע־טצע־צע!" — פון מיינעט־וועגען מעגען זיי אַפּילו נישט געדאַכט ווערען.

— איינעם פון די דאָזיגע לייט, שמחה'לע דער לעבּעדיגער, קען איך אין גלופּסק זעהר גוט. בּיי איהם אין אַ בּעזונדער בּוך שטעהען פערשריבּען אַלע הייזער אָבּגעטאַקסירט, וויפיעל הכנסה בּעדאַרף איהם דורכ'ן יאָהר איטליכס הויז איינבּרענגען. די הייזער, זאָגט ער, זענען

מיינע, צאָהלען מיר צינש, גאַנץ גלופּסק איז מיין קאָנטאָר. זיין שטייגער איז, איטליכען טאָג צו געהן אין אַ געוויסען טייל הייזער. ער קומט אַריין אין אַ שטוב לעבעדיג, מיט ברייסקייט. גיט מען איהם באַלד די נדבה, איז גוט; ווען נישט, זאָגט ער: „אַ גוטען טאָג! נישקשה, איך וועל פערשרייבען אויף אייך אַ חוב״ — און לויפט לעבעדיג, געשווינד אַרוים. אפשר האָט איהר געהערט, ר׳ אַלטער, דערצעהלענדיג, ווי איין גלופּסקער קבצן האָט זיך משדך געווען מיט נאָך אַ קבצן פון טעטעריוואָקע און האָט געגעבען אין נדן אַריין די הייזער אין גלופּסק? — דאָס איז שמחה׳לע דער לעבעדיגער; אָדער אפשר האָט איהר געהערט אויך, ווי אויף אַ סאָלצייט פאַר אָרמעלייט ביי אַ גביר אויף אַ חתונה איז געקומען אַ קבצן אַ געבעטענער, נאָבשלעפּענדיג מיט זיך נאָך איינעם אַ אומגעבעטענעם, און אויף דעם פרעג: ר׳ קרוב, וואָס שלעפּט איהר מיט אייך אַ איבריגען פאַרשוין? — ענטפערט ער: „דער דאָזיגער פאַרשוין איז מיין איידעם, וועלכען איך האָב צוגעזאָגט קעסט״ — דאָס איז ווייטער טאַקי שמחה׳לע דער לעבעדיגער. בקיצור, שמחה׳לע קוקט אויף גלופּסק ווי אויף זיין שטאָדט און אויף זיינע הייזער.

— פון מיינעטוועגען מעג אייער שמחה׳לע דער לעבעדיגער די כפרה ווערען — זאָגט אַלטער אָב זיינס גאַנץ בקיצור און בעט פישקען ווייטער צו דערצעהלען.

פישקע הויבט אָן אויף זיין שטייגער, איך העלף איהם אונטער אויף מיין שטייגער, און די מעשה דערצעהלט זיך ווייטער אַזוי:

דער וועג אונזערער איז נישט געווען קיין גלייכער, פון איין שטאָדט צו דער אַנדערער, אַלץ ווייטער, ווייטער. נאָר וואָס־דען? „מי פיעגען קיִבעען״ אַהין און אַהער, זיך דרעהען אין אַלע זייטען, ווי ס׳איז אונז אויסגעקומען. איינמאָל זענען מיר מגולגל געווארען עפּיס אין אַ שטאָדט, וואָס הלוואַי דער רוח זאָל מיך געווען חאַפּען פריהער איידער איך בין אַהין געקומען. צו דער שטאָדט אַליין האָב איך נישט אפילו, פאַרקעהרט, זי האָט אַקעגען מיר געגוג יוצא געווען, מיך געלאָזט אַרומגעהן מיט אַלע כבוד׳ן אין די הייזער, נאָר דאָרט האָב איך מיך בעגעגענט מיט מיין מלאך־המות, געקוילעט זאָל ער ווערען אָהן אַ מעסער! אַ קייג איהם אין די ביינער! — אָט ווי אַזוי ס׳איז געשעהן:

אין יענער שטאָדט, וואוהין מיר זענען געקומען, איז געשטאַנען קאָניצע — פעלד־אָרמעלייט מיט בוירדען. ס'איז געווען אַ מרידה. בעלי־הבית'לעך פון היינטיגער וועלט האָבען דאָרט אויפגעטאָן נייעס, אַז אָרמעלייט, חוץ אַלטע, קראַנקע און ביטערע קאַליקעס, ניט צו געבען גאָרנישט. געזונטע בחורים, ווייבער און מיידלעך זענען נישט קראַנק צו דינען, צו אַרבייטען און מיט אייגענער מיה צו פערדינען זייער שטיקעל ברויט. דאָס יודישע נאַרישע רחמנות טהוט נאָר אָן גרויסע צרות. דורך דעם, האָבען זיי געזאָגט, האַלטען זיך ביי יודען פוילע נפשות אָהן אַ צאָהל, ווי וואַנצען, וואָס זויגען יענעמס בלוט און עסען אָפּ'עט אַנדערע דעם קאָפּ. זיי האָבען ביי זיך איינגעפיהרט עפּיס ווי אַ מין פאַבריקע, וואו מען האָט מכבד געווען געזונטע אָרמעלייט, וואָס זענען געקומען צ'גאַסט, מיט עפּיס אַ מלאכה: צו דרעהען שטריק, צו נייהען זעק, און געגעבען זיי דערפאַר עסען. אָרמע לייט האָבען אָנגעהויבען זעלטענער זיך אַהין צו ווייזען. די קאָניצע, וועלכע מיר האָבען דאָרט געטראָפען, איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אַקעגען דעם דאָזיגען איינפיהר, פלאַם־פייער. „געוואַלד!„ — האָבען זיי אַלע געשריגען — ס'איז שוין גאָר קיין וועלט נישט. וואו איז דאָס יודישע רחמנות? אוים יודישקייט, כ'לעבען!... איינער, אַ רויטע אַ געזונטער — אַ קיינק איהם אין די ביינער! — האָט געפיהרט דאָס רעדיל און געשריגען מעהר פון אַלע: „ס'איז סדום, נאָר סדום! פאַר וואָס קומט עס, די נגידים זאָלען זיך זיצען ווי די פּריצים רוהיג און אַנדערע זאָלען אויף זיי האָרעווען? זייער גוטס איז דען נישט יענעמס מיה, יענעמס פּראַצע, יענעמס שווייס? אַליין זענען זיי ביי זיך אָבגעפּיינטע מענשלעך, היטען אָפּ'עט זייער נפש'יל און ווילען אַלץ, יענער זאָל אַרבייטען. אַ נגיד, וואָס מעהר דיק, געזונט ער איז, וואָס מעהר זיין בייכיל איז גרעסער, איז ער אַלץ מעהר פּאָרנעהם, מעהר פיינע בריה. אונזער איינער, אַקעגען, מוז מיט זיין געזונט זיך, נעבעך, בעהאַלטען, זיך שעהמען ווי אַ גנב. איטליכער שרייעט אויף די צייהן, פאַר וואָס געהט אַזאַ געזונטער נישט אַרבייטען! עס וואָלט שוין רעכט געווען, כ'לעבען, איבערצובייטען די יוצרות: לאָזען די נגידים פּרוּווען אַביסעל אַרבייטען, וואָס איז, קראַנק זענען זיי? — גערעכט, פייבושקע, גערעכט, מיר זענען אויך יודישע קינדער, אַזעלכע שמיילינגע ווי זיי! — האָבען אַלע אין איין קול אונטערגעבאַסעוועט דעם רויטען מזור און בּיסלעכווייז זיך צוגאַנגען פונ'ם הקדש.

אָוונט־צייט בעדאַרף איך גראָד געהן אין אַ גאַס פאַרבײַ שוהלהויף. אין דרויסען איז טונקעל און מענשען אַ סך אָהן עין־הרע דרעהען זיך דאָרט אַרום. מיט אַמאָל קומט מיר פון דער זייט גאַס אָן צו די אויערען עפּיס אַ ווייַנענדיג קול מיט אַ געבעט, וואָס קען ריהרען אַפילו אַ שטיין. אָבּשטעלענדיג זיך, דערזעה איך נישט ווייט פון מיר, ווי אַ צובראָכענער יוד האַלט אויף ביידע אויסגעשטרעקטע אָרם אַ קישעלע, פון וועלכען עס הערט זיך אַ פּישטשען פון אַ ברעקיל קינד, וואָס פאַרגעהט זיך, נעבעך, שרייענדיג. דער אומגליקליכער טאַטע דרעהט זיך אין אַלע זייטען, שאָקעלט עס, וויגט עס, נעהמט עס איין אויף אַ ווייַנענדיג קול מיט ביטערע קרעכצען: „אוי, וויסט איז מיר, פינסטער איז מיר. מיין ווייב שטאַרבט און לאָזט מיר אויף די הענד איבער אַ פּיצעל קינד!... אוי, וויסט איז דיר, קליינע, בידנע יתומה׳לע, פינסטער איז דיר אָהן אַ מאַמע! אַ־אַ־אַ שאַ־שאַ! וואָס זאָל איך דיר נעבעך, טאָן?„... איטליכער, וואָס געהט פאַרבײַ, גיט איהם עפּיס אין דער האַנד, אַ טייל ווייבער ווענדען זיך צו איהם אויך מיט אַ וואָרט, און ער אַלץ אין איין אָטהעם: „וויסט איז מיר, פינסטער איז דיר!“ שאָקלענדיג און וואַרפענדיג זיך מיט דעם קישעלע אין אַלע זייטען. דאָס האַרץ האָט מיר געריסען פאַר רחמנות אויף דעם וויסטען טאַטען און אויף דער וויסטער יתומה׳לע, נעבעך, נאָך אין די וויקעלעך. איך נעהם אַרויס פון דער קעשענע אַ דרייער און קום דערמיט צו נאָהענט צו דעם וויסטען טאַטען. קוים שטרעק איך אויס צו איהם די האַנד איבער דעם קישעלע, דערלאַנגט ער מיר אַ שטאַרקען קניפּ, מאַכענדיג דערבײַ אויף זיין ווייַנענדיג קול: „אוי, וויסט איז דיר?“ מיט אַ קוועטש אויף דעם וואָרט „דיר“, גלייך ווי מיך מיינט ער. איך חאַפּ מיך בײַ דער האַנד פאַר וועהטיג, שפּרינג אָפּ־עט דערשראָקען אין דער זייט און בלייב שטעהן עטליכע רגע פערגאַפט. דער וויסטער טאַטע דרעהט זיך אוים באַלד צו מיר, איך קוק איהם גוט אָן און בין פערצאַפּעלט געוואָרען... „פאַר היינט וועט געגוג זיין. קום! נאַ, האַלט אַביסעל דאָס קינד!“ — זאָגט ער און שטופּט מיר אַריין אין דער האַנד דאָס קישעלע. דאָס קליינע יתומה׳לע, זעה איך, איז עפּיס אַ ליאַלקע איינגעוויקעלט אין שמאַטעס, און דער וויסטער טאַטע איז דער רויטער ממזר, פייבושקע, „אַ קיינק איהם אין די ביינער!“ ער האָט עס געמאַכט ווי אַ בריה! געוויינט, געקרעכצט פאַ׳ זיך און געפּישטשעט, זיך פערגאַנגען אויך פאַר דעם קינד... אָט אַזוי מוז מען, רופט ער

זיך אָן, מיט די נאַרישע יודישע קינדער האַנדלען. ווילען זיי נישט געבען מיט גוטען—מוז מען ביי זיי נעהמען מיט קונצען, אָהן דעם געהט עס נישט. דער רב, דער דיין, דער שענער מקבל מיט דעם גאַנצען פעקיל כלי־קודש—אַלע פאַרשטעלען זיך, מאַכען קונצען. יענע מיט זייערע העויות און איך — ווייסט איז מיר — מיט מיין קליין יתומה׳לע, מעלקט זיך, בהמות!... זאָג, פּישקע, אָמן!

אין יענער צייט, וואָס מיר האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין הקדש, האָט דער רויטער ממזר אָנגעהויבען זיך צו צושאַרען צו מיין ווייב מיט גוטע ריידעלעך. זי איז איהם עפּיס שטאַרק געפעלען. ער פלעגט זיך חאַפּען צוטראָגען איהר, אַז זי האָט עפּיס בעדאַרפט, און ליב געהאַט זי צו בעדינען. ביסליכוויז האָט ער אַלץ צו איהר זיך אַריינגענאַרט, ביז ער איז געוואָרען מיט איהר אַ שמעלקע. ער פלעגט אָבזיצען מיט איהר שעה׳נוויז און פּלוידערן, אַריינוואַרפען אין דעם שמועס גראָבע, נישט קיין שענע ווערטלעך. מיינע פלעגט פאַרשטעקען די אויערען און נישט וועלען, דאַכט זיך, הערען. און אַז ער פלעגט זי אַמאָל אין טאָג אַריין לויבען: זי איז אַ יאָדערדיגע, אַ פעטע, אַ לויטערע, אַ פליישיגע יודענע, אַזעלכע ווי ער האָט ליעב, פלעגט זי איהם אָבזידלען, אַ פּאַטש טאָן אויפ׳ן רוקען און דערביי טאַקי לאַכען. איך פלעג אויך לאַכען, אַמאָל טאַקי מיט ווערים, נאָר באַלד טאַקי מיך בעטראַכט צוריק: וואָס אַרט מיך אַ פּלוידערזאַק? מאָרגען — איבערמאָרגען ווערט מען גאָר זיינער פּטור. מיר צוגעהען זיך, איטליכער אין אַ אַנדער זייט, און אייביג וועט מען זיין פּרצוף־פּנים נישט אָנקוקען. און ווייטער, אין די הייזער געהט דאָך מיין ווייב, געלויבט דער אויבערשטער, מיט מיר. איהם, דעם ממזר, ווען ער נעהמט זי אָנ־עט ביי דער האַנד און וויל זי פיהרען, שטופּט זי אָפּ־עט מיט אַ בייזער: „געהט איך, געהט, פּע! איך בין איין אשת־איש, האָב, ברוך השם, מיט וועמען אין די הייזער אַרומצוגעהען".

אויף מאָרגען, נאָך דעם באַגעגעניש מיינעם מיט דעם רויטען ממזר, ווי ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ ווייסטען טאַטען, בין איך מיר געגאַנגען אין די הייזער אַליין. מיין ווייב האָט אויפשטעהענדיג אין דער פריה זיך געקלאָגט, עפּיס איז זי נישט מיט אַלעמען, עפּיס ציהט זי זיך אַלץ און גענעצט, עס מוז זיין אַ גוט אויג—און איז דעריבער געבליבען אין דער היים, איך אַליין בין אויך געווען עפּיס לא עליכם־

דיג, עס האָט מיר עפּיס געשלאָגען אַרויף. היינט איז מיר טאַקי געווען אומעטיג איינעם אַליין צו געהן אָהן מיין ווייב. ס'איז מיר ווי עפּיס אָבגעגאַנגען. איך לייקען נישט, אַז זינט דער ממזר האָט זיך צוגעשאַרט צו מיין ווייב און מיט איהר געטריבען קאַטאָוועסלעך, איז זי מיר געוואָרען טייערער. עס האָט מיך אַמאָל אַפילו פערדראָסען, געברענט ווי אַפייער, נאָר דערביי טאַקי—איך וויים נישט פאַר וואָס—האָט מיך צו איהר עפּיס געצויגען, געצויגען ווי אַכּישוף. עפּיס איז געווען, חי זאָל איך אייך זאָגען, אַגעשמאַקער שמאַרץ ווי פון אַבלאָטער בּשעת קראַצענדיג איהם אַמאָל אויף מיין לייב. ס'איז אַשמאַרץ מיט אַהנאה־האָבען ביידע זאַכען אינאיינעם... ס'איז געווען אַגעמלאכה'־כע „אין די הייזער אַרומגעהן", גאָר נישט דער טעם, וואָס איין אַנדערס מאָל. איך האָב עס אָבגעמאַכט בקיצור, שבת־שטעך, סיור־ביור ומפליא לעשות—און מיך אָבגעפאַרטיגט בּייצייטענס. אַריינקומענדיג אין הקדש האָב איך געטראָפען מיין ווייב, זיצענדיג מיט דעם ממזר און זיך עפּיס געשושקעט. דאָס פּנים האָט איהר געפלאַמט, זי האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אָנגעבויגען צום ממזר, זיך צוהערענדיג צו זיינע רייד, און אַזים שמייכעל איז איהר פון די ליפּען נישט אַראָב. ביי מיין צוקומען צו איהר מיט אַפרעג: וואָס זי מאַכט? האָט זי זיך געטאָן אַחאַפּ, געבליבען אַקעגען אַרגע אָהן לשון און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. דערנאָך טאַפּט זי מיך אָנ'עט, ווי איהר שטייגער איז געווען, און מאַכט צו מיר אַזוי: „ווייסט־דו, פישקע, וואָס איך בין קראַנק? דאָס איז נישט קיין גוט אויג, דאָס איז מיר געקומען פונ'ם צופוסגעהן. די רופא'טע, וואָס געהט אַריין, האָט מיר געהייסען געהן אין באָד, בחילה, אויסשמייסען זיך, לאָזען זיך שטעלען באַנקעס, גוט אויסרייבען זיך אויף דער נאַכט און שוויצען. ניין, פישקעו צופוס ווייטער קען איך נישט געהן. ר' פייבושקע איז אַזוי גוט, אַזוי, פיין און וויל אונז נעהמען מיט זיך אין בויד. וואָס מהוּט מען, פישקע? וואָס זאָגסט־דו, האַ?

דער ממזר, אַקיינק איהם אין די ביינער אַיין! האָט אויף מיך געקוקט עפּיס מיט אַזאַ אייגעלע, מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס האָט מיך געשטאָכען. עס האָט מיך פאַרקלעהמט ביים האַרצען, ס'איז מיר געווען צו מוטה ווי אַיונגעל, וועלכען דער רבי הייסט זיך לעגען אויפ'ן ביינקעל, איהם אָבצושמייסען. איך האָב געמאַכט אַהיבשע ווילע מיט דער צונג, עפּיס אָהן ווערטער און נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגען.

—וואָס שווייגסט דו? וואָס ענטפערסט-דו נישט?—צושרייט זיך אויף מיך מיין ווייב מיט כעס—איך ווייס, עס אַרט דיך גאָר נישט מיין געזונד, ווילסט מיך גיכער פטור ווערען, מיך טרייבען יונגערהייט אין דער ערד אַריין. וואַרט נאָר, וואַרט, דו, עכבראש איינער! גיכער וועסט דו אָנלעגען מיט דעם קאָפּ, אַ מיתה משונה איינגעהמען: הערסט-דו, פישקע, פאַראַפּאַטשקע, די ערד וועסט-דו פון מיר קייען! נישט איין האָר אין קאָפּ וועט דיר איבערבלייבען. די ציינער וועל איך דיר אויסזעצען!

אַז מיין ווייב האָט געעפענט אַ מויל, פלעגט מיר אין בויך קאַלט ווערען. איך בין געשטאַנען צוקאָכט, רערשלאָגען און דערהרגעט. ווי מיר איז דענסטמאָל געווען אויפ׳ן האַרצען—ווייסט נאָר איין גאָט וואויל. וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב אָנגעבויגען דעם קאָפּ און געמאַכט צו מיין ווייב: „שאַ, שריי נישט, ערגער דיך נישט אַזוי. שאַ, דו וועסט פאַהרען! פאַר וואָס נישט?“

—אָט אַזוי רעד!—זאָגט מיין ווייב שוין ווייכער—פאַר וואָס-זשע אַז מען רעדט צו דיר, שטעהסט-דו ווי אַ ליימענער גולם און ענטפערסט נישט קיין וואָרט? יענער איז אַזוי גוט, אַזוי פיין, וויל אונז מיטנעהמען אומזיסט—און ער זאָל דאָס חאָטש זאָגען אַ דאַנק! שעהמען מעגסט-דו זיך אין דיין ווייטען האַלז, דו גראָבער יונג איינער.

וואָס האָב איך געקענט מאַכען? איך האָב געמוזט טאָן דאָס אויך, זאָגען דעם ממזר אַ דאַנק.

—ר׳ אַלטער, נאָך איינער!...—טהו איך אַ זאָג הויך אויף אַ קול.

—וואָס איז, ר׳ מענדעלי, נאָך אַ מציאָה?—מאַכט אַלטער צו מיר מיט אַ געשפעט—נאָך אַ פרישען סאָרט קבצנים האָט איהר געפונען? גאָט מעג אייך, כ׳לעבען, שוין בעשעהרען בעסערע מציאות. גענוג שוין קבצנים!

—ניין, ר׳ אַלטער! איך מיין גאָר נאָך איין חיים-חנא חיה-טריינעס, וואָס ציטערט אַזוי פאַר׳ן ווייב. אונזער פישקע, דאַכט זיך מיר, פלעגט פון זיינער חאַפּען אַ מאָל אויך הייסע פעטש.

מו.

פישקע הויבּט ווידער אָן אויף זיין שטייגער, איך אַרבּײַט, העלף איהם אונטער אויף מיין שטייגער, אַלטער טרייבּט אונטער אויף זיין שטייגער און די מעשׂה דערצעהלט זיך ווײַטער אַזוי:

אויף דעם אַנדערען טאָג נאָך דעם פריהערדיגען שמועס, האָט זיך די קאָניצע געריהרט און אַרויסגעטרעטען פון ס ד ו ם, ווי יענע שטאָדט האָט בּיי דער דאָזיגער חאַליאַסטרע געהייסען! זי איז אַרויס מיט אַ רעש, אַ געפילדער, מיט אַ שיִלטען, פלוכען פון אַ סך מיילער און אַ סקריפּעריי פון רעדער. עס האָט זיך געשאָטען אויף דער שטאָדט טויטע קללות: פאַרבּרענט זאָל זי ווערען! די בּעלי=הבּתים זאָלען צעהן מאָל אין טאָג פגר'ן פאַר הונגער און ווי נשׂרפים אין דער וועלט זיך אַרומשלעפּען... — דריי בּוידען זענען געווען פול אָנגעזעצט מיט אַלער=לאַנד פאַרשוינען: יודען, יודענעס, ווײַבּלעך, מיידלעך, בחורים, גרויס און קליין, און צווישען זיי אויך מיין ווייבּ מיט מיר. מיר זענען, למזל, דערהויבּט געוואָרען: אַריינגעטרעטען אין דינסט אין דער קאָניצע אַריין.

הערט איהר, מיינע ליבּע יודען, עס האָט מיר זיך געעפענט עפּים גאָר אַ נייע וועלט, און אין אָנהויבּ איז מיר מיט דער חאַליאַסטרע גאַנץ פרעהליך געווען. איך פלעג מיך אָנזעהן און אָנהערען וואונדערשענע זאַכען, וואָס גאָר אוממעגליך אַלצדינג מיט איטליכעם פּיצעליע בּעזונדער איבּערצוגעבּען. איך פלעג הערען, אַ שטייגער, ווי מען פלעגט אָבּריכטען, אָבּשפּעטען פון דער גאַנצער וועלט און איטליכען זיך נאָכקרימען; ווי איטליכער פון די פיינע מענשלעך פלעגט דערצעהלען עפּים אויף גנבה=לשון זיינע אַלע געננ און שפּיצלעך, וואָס ער האָט אָבּגעטאָן. יעינער דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט זאַבּאָרעט אַ ק ר ע ל (גע'גנבה'ט אַ בּרויט); דער אַנדערער — ווי אַזוי ער האָט זאַלאַבּערט אַ כ פ ר ה' נ י צ ק ע (גע'גנבה'ט אַ הוהן); דער דריטער — ווי אַזוי ער האָט געלקחענט ק ל י נ ג ע ר ס (אויסגעכאַפּט געלד) און אין די גאַרגאָלעס אַריינגעריקט, און דער פערטער — ווי אַזוי ער האָט גע'בּעל=דברט אַ יאָלד (געהרגעט, געשלאָגען איינעם אַ בּעל=הבּתיש קינד). נגידים פלעגט מען שילטען אויף וואָס די וועלט

שטעהט, גלאַט אַזוי זיך. פאַר גאָרנישט. איך קען אייך שווערען אין טלית און אין קיטעל, אַז זיי האָבען די נגידים אַ סך מעהר פיינט, ווי די נגידים זיי. אַ נגיד האָט ביי זיי געהייסען עפּיס אַזוי פיעל, ווי: פּיאַווקע, צשטאָפּטע קישקע, פערשטאָפּטער קאָפּ און פערשטאָקט הערצעלע, פערשייט בן־יחיד׳יל, קופּפערנער שטערען, און דער שוואַרץ־יאָהר ווייסט זייער טאַטען, וואָס נאָך פאַר אַ מיאוסע צונעמעניש: ס׳איז ביי זיי פאַררעכענט געווען פאַר אַ מצוה אַ נגיד אָפּצוטאָן עפּיס אַ שפּיצעל, ווי באַלד נאָר מעגליך. זיי פלעגען אָפּשיקען צו די נגידים בּויכוועהטיג, שטעכעניש, יסורים, לייד און כל אַ מיני קרענק, בשעת אַ מאָל עפּיס אַ צרה. מיך פלעגען זיי, אין שפּאַס אַ מאָל, רופען נגיד, דערפאַר וואָס איך פלעג זעהר אָפט מיך פאַר די נגידים אַרויסשטעלען און שטאַרק אָננעהמען זיך פאַר זייער כבוד. ווייל אויפהאַלטענדיג זיך פריהער אין באָד, בין איך דאָך צווישען נגידים דערצויגען געוואָרען, מיט זיי עפּיס דאָך איבערגעהאַט עסקים, ווי אַ שטיינער: היטען זיי דאָס אָנטאָן, צוטראָגען זיי דאָס פעקיל זאַכען, אַ שעפּעלע וואַסער, אַ קויל פייער און דאָסגלייכען נאָך אַזעלכע געשעפטען. — איך פלעג הערען אַ שמועס פון בחורים מיט מיידלעך, ווי זיי טרייבען קאַטאָוועס און רעדען זיך שידוכים. איין בויד האָט זיך משדך געווען מיט דער אַנדערער. די קונץ פון פאַרשטעלען זיך איז ביי דער חאַליאַסטרע געווען שטאַרק געהויבען, עס האָט געטויגט צום עסק. ווען אַ מאָל איז אויסגעקומען, האָבען די שענע לייט זיך פאַרשטעלט: איינער פאַר אַ הייקעריגען, דער אַנדערער פאַר אַ הינקעדיגען, דער פאַר אַ בלינדען, יענער פאַר אַ געלעהמטען, די פאַר אַ שטומע, און יענע פאַר אַ קרומע. נאָר אמת׳ע, נישט גע׳מלאכה׳טע קאַלעקעס, ווי, אַ שטייגער, איך און מיין ווייב, דאָס האָט ביי זיי געהאַט גאָר אַ גרויסען ווערטה. זיי האָבען אָפט געזאָגט, אַז אַזעלכע פעהלער ווי אונזערע איז פאַר אָרעמע לייט אַ שאַץ, אַ מתנה פון זיין ליבען נאָמען: זיי קענען זעהר פיעל איינטראָגען, מיין ווייבס פעהלער איז זיי נאָך בעסער געפעלען. היינט פלעגען זיי גלאַט בטל ווערען פאַר איהר פּיסק, וואָס אויף שרויפען. די האָר האָבען זיך געשטעלט, אַז זי האָט געעפענט אַ מויל.

דער רויטער ממזר האָט זיך שטאַרק געדרעהט אַרום מיין ווייב און זיך פשוט געהאַנגען אויף איהר, ער האָט זיך געקאָשקעט, געקיבעלט און צוגעטראָגען איהר פון פייגעלמילך: געקאָכטע אַרבעס, באָב

פלוימען — וואָס נאָר ער האָט ערגיץ דערטאַפּט. איך האָב מיך אָבער בעטראַכט: האַפּ דיך דער וואַטעל־מאַכער! וואָס קען עס מיך אַרען? קיבעל זי, קאָשקעע זי, וואָס קענסט־דו דערמיט מיינען, וואָס?... גאָר־נישט. אַז זי איז אַ אשת־איש! מילא איז דאָך אָהן סכנות... מיינסט־דו דאָך, גאַנץ זיכער, נאָר איהר פעהלער, פּשוט אַ בּלינדע איז גוט, מען קען מיט איהר מאַכען געלד, טאָ האָב־זשע, כּל־בּוניק איינער, די גאַל, מיין ווייב געהט לעת־עתּה אין די הייזער אַלץ טאַקי מיט מיר. וואָס־זשע האָסט־דו דאָ, טיפּש איינער, גע׳פּועל׳ט מיט דעם צולאָנטשען זי צו זיך, מיט דעם איזניוכען זיך צו איהר, אַז דער רעכטער עיקר זאַך — אין די הייזער געהן, געהט זי טאַקי מיט מיר, מיט מיר?!...

און דעריבּער, ווייל איך האָב אַזוי מיר געטראַכט, האָב איך שטאַרק בּעגעהרט לעהרנען הלכות אָרעמאַן מיט אַלע פּישטשעווקעס, בּכדי מיין פּלונית׳טע דערמיט געפעלען, און געמאַכט דעם עסק שוין גאָר קיין מעשׂה נישט. איך האָב מיך שוין אויסגעלעהרענט ווי אַריינ־צוקומען אין אַ שטוב. די קונץ בּעשטעהט דערין: אַריינקומען זאָל מען מיט אַ רוגזה, אָנגע׳ברוגז׳ט און מאָנען די נדבה ווי אַ חוב, מען זאָל קריכען, אַרויפקריכען אויבּענאָן און פערקריכען אַזש אין דער ספּאַלניע, אויפצוווּכען דעם בּעל־הבּית אָדער די בּעל־הבּית׳טע דאָרט. אין דינ־גען זיך בּין איך געוועהן אַ מייסטער, איין בּריה אין דער וועלט. דער גאַנצער שׂכל שטעקט דערינען: קיינמאָל בּעדאַרף נישט געפעלען, וויפיל מען גיט. גיט מען אַ שטיקעל בּרויט, זאָל מען בּעטען עפּיס געקעכטס, אַבּיסעל בּאָרשטש; גיט מען געלד, זאָל מען בּעטען אַ העמד, אַלטע תּחתּונים און זאָקען וכדומה. שטענדיג בּעדאַרף מען זיך נאָר קרימען און בּלאָזען, קיינמאָל נישט דאַנקען, נאָר וואָרטשען און אַ מאָל אויך טאַקי שילטען.

וואָס־זשע טהוט דער רויטער ממזר? אַ קיינק איהם אין די בּייניע אַיאַן! דער רויטער ממזר טהוט אויף הספרות, ווי מיינער פּטור צו ווערען. ער קלערט בּיי זיך גאַנץ זיכער אַזוי: אין הלכות אָרעמאַן, פּישקע, מעגסט־דו בּיי מיר די רובּעס הייצען. איך קען מאַכען די שפּיל אַכטציג טויזענד מאָל בּעסער פון דיר. און אַז איך האָב מיר אַריינ־גענומען אין זינען די פּרנסה מיט דיין בּלינדער, וועט מסתּמא שוין זיין רעכט. נישקשה, איך וועל דיך, מיט גאָטס הילף, שוין פּאַרזאָר־גען. — ער האָט צו מיר זיך גענומען און געמאַכט אויס מיר אָקאָטער.

איך בין מיאוס אַראָפּגעפאַלען בײַ מײַן װײַב און געהאַט בײַ איהר אַפּנים װי חוזק. קײן אַנדער װאָרט האָב איך פון איהר נישט געהערט נאָר װי: געשװאָלען װער, לעג אָנ׳עט מיט דעם קאָפּ, װערים זאָלען דיך עסען, דו פּרעסער, יונגאַטש אײנער, דו אַזױנער, אַזױנער און אַזױנער! דער ממזר, קײן תּחית המתים זאָל ער נישט אױפשטעהן, האָט אַלץ אױף מיר געגראָבען און מיר געטאָן צום טױט, ביז איך בין בײַ איטליכען געװאָרען צו שאַנד און געשפּעט, אַלע בײדען האָבען לסוף מיט מיר געהאַט צו טאָן. װאָס אַ מינוט — איז איבער מיר געפאַלען אַ המצאה, װאָס אַ רגע — האָב איך געהײסען מיט אַ אַנדער צונעמעניש. איטליכער האָט מיט מיר געטאָן, װאָס זײַן האַרץ גלוסט. איך בין געװען דאָס כּפּרה־היהנדעל. האָב איך אַמאָל מיך געבײַזערט פאַר צרות, פלעגט עס איטליכען אונטערטראָגען. זעהט נאָר, האָט מען גע־מאַכט, װי דער נ ג י ד האָט זיך צ ו י אַ ח מ ע ר ע ט, ער װעט שױן באַלד פלאַנכענען. האָב איך מיך אַמאָל בעװאַשען מיט טרעהרען פאַר װעהטיג פון די קלעפּ, װעלכע אין מיר איז אַרײַן, פלעגט מען זאָגען: װאָס איז מיט דיר דאָ אַזױ די שׂמחה, פּישקע? װאָס האָסט־דו זיך עפּיס אַזױ צולאַכט מיט צײהן? זעהט נאָר, עולם, װי פּישקע לאַכט! — דערלאַנגט איהם, יודישע קינדער, פלעגט זיך הערען דעם ממזר׳ס קול, דערלאַנגט איהם, נעבעך, אַ ט ע ל ע מ ע ט ש ע צװישען די ל י ט ק ע ס, אַ ר י י ב איבער די לאָפּעטקעס, דאָס איז אַ רפואה צום לאַכען. אױב, חלילה, עס װעט נישט העלפען, בעדאַרף מען איהם גלעטען די האָר, אָננעהמען בײ׳ם אױער און אײַנרױמען איהם אַ סוד, דערפון װעט זיך איהם שױן שטעלען טרעהרען אין די אױגען, װי פון אַ כּזית מרור. מען מוז דאָך אַ יודען ראַטעװען, — אַמאָל פלעגט מען מיך אַרױס־װאַרפען פון דער בײד און אַז איך בין מיט די קראַנקע פיס געלאָפען נאָך דעם װאָגען, װי נאָר איך האָב געקענט, און געמאַכט מיט די זײטען, האָט מען צוגעפּליעסקעט, צוגעפּאַטשט מיט די הענט און גע־שריגען מיט אַ געלעכטער: בראַװאָ, פּישקע! אָט אַזױ, פּישקע, טאַניץ אַביסעל, טאַניץ! קוקט נאָר, עולם, װי פּישקע הײבט פיסלעך, װי שען, אָהן עין־הרע ער טאַנצט! ער מעג אױף אַלע חתונות טאַנצען. קײן בײז אױג זאָל איהם נישט שאַדטען. — אײנמאָל האָט זיך אָנגערופען אײנער — און אַלץ טאַקי דער ממזר. אַ קײנק איהם אין די בײניע אַיאַן — עולם! פּישקע איז גאָר אַ גלײַכער. ער פאַרשטעלט זיך נאָר, דער גנב, פאַר אַ קרומען, ער מאַכט אױס אונז אַלע חוזק. מען בע־

דארף איהם פריווען אויסגלייכען, גיט איהם דארט א טעלעפעטשע אין דער דיך, וועט איהר זעהען, ווי ער ציהט אוים גלייך א „פאלקע״. — הבלל, יודען, מען האט מיך געפייניגט, מען האט מיר שטארקע יסורים אנגעטאן. אוי, פלעג איך מיך דערמאנען אין די גוטע גליקליכע יאהרען, וואס איך בין מיר געזעסען ווי א שררה אין באד און גע־לעבט ווי גאט אין פראנקרייך! וואס איז מיר דען דארט אבגעגאנגען?

— מילא נעהמט מען און מען גט אב — פאלט אלטער אריין פישקען אין די רעד — דערויף איז דאך דא ביי יודען א גט.

— יא, גערעכט — מאכט פישקע מיט א זיפץ — הלוואי וואלט איך עס טאקי פריהער געטאן, וואלט אז וואויל און גוט געווען מיר אין אפשר נאך עמיצען... נאר איך וויים נישט, וואס מיר איז אזוינס געשעהען. נאר א כישוף האט מען מיר אבגעטאן. ס׳איז א וועהטיג, א בושה צו זאגען, דאס הארץ האט מיך צו מיינער עפים געצויגען... ווי שטארק איך האב געליטען און געהאט געבראטענע לייד, פונדעסט־וועגען האט מיך דער רוח נאך איהר גענומען. איך וויים נישט, צו איז דאס געווען פון מיר נאר איין עקשנות — אז דיר, ממזר, גלוסט זיך, ווילסט צווישען מיר מיט מיין ווייב אנמאכען א בייז לעבען און מיך פטר׳ן, וויל איך דיר אויף צו להכעים מיך דווקא אין איהר האלטען און נאך מעהר ווי פריהער, מיט ביידע הענד זיך האלטען. אדער דאס איז געווען, ווי זאל איך עס זאגען, גלאט אזוי פון זיך אליין... עפים טאקי נאר א כישוף, איהר געשטאלט האט מיך עפים גענומען. א גע־זונטע, א זיקע, א יאדעריגע, א פנים אבגעגאסען, נישט אזוי שען ווי הנעוודיג. פיעל מאל פלעגט זיך מאכען. אז פאר גרויסע צרות און הארצוועהטיג האב איך מיר געוואלט א מעשה אנטאן, געוואונשען מיר דעם טויט מיט איהר אינאיינעם. היינט, היינט, פלעג איך ביי מיר טראכטען, מוז עס האבען איין עק, היינט זאג איך איהר: גט! נאר קוים בין איך צו איהר צוגעקומען נאהענט און זי האט מיט מיר גע־מאכט א רעד, אדער ארויפגעלעגט די האנד מיר אויפ׳ן אקסעל און געזאגט: פיהר מיך, פישקע! האט מיר אבגענומען דאס לשון און בין עפים ווי איבערגעביטען געווארען.

אין א גוטער שעה איינמאל, געהענדיג מיט מיין ווייב אין די הייזער, עפים מיט א גרינג געמיטה, טהו איך איהר א זאג: בתיה, נשמה מיינע, וואס וועט דער תכלית זיין פונ׳ם שטענדיגען ארום־

שלעפען זיך? עס פאסט, כ'לעבען, גאר נישט פאר אונז. אין גלופסק האבען מיר בעדע, ברוך השם, א שטיקעל נאמען געהאט, דו מיך האסט ארויסגענומען דארט פון דער באד. א קאטאוועס עפיס גלופסקער געמויערטע באד, וואו עס ווארפען זיך איבער א וואך א זעלבע בערען, גרויסע לייט! דיך האט אויך איטליכער געקענט, און אויף דיר כבוד געלעגט. היינט זענען מיר נע-ונד עפיס מיט שלעפערס אין דער פרעמד און וואס פאר א פנים האבען מיר, משטיינס-געזאגט? —
„ווילסט אפשר צוריק קיין גלופסק! ענטפערט אפ'עט מיין ווייב ווי אויפגעבראכט. — מעגסט זיך דיר, פישקע, אהין צוריק-קעהרען, אויב דיר גלוסט זיך אזוי. איך בשום אופן נישט. אין גלופסק זענען דא היינט גענוג ארמעלייט אהן מיר. וואס א טאג וואקסען דארט אויס פריש-צאפעלדיגע קבצנים. שפאגעל-נייע מקבלים. בעלי-הבתים געהען היינט דארט איינער צום אנדערען אין די הייזער ארום". — פון מיינעט-וועגען מעג זיין א אנדער שטאדט אויב'עט — ענטפער איך צוריק — בשמה'ניא, קלייב דיר אויס עפיס א שטאדט, וועלכע דיר געפעלט, און לאמיר זיך דארט בעזעצען. אז מען ווייסט, דאס איז אונזער שטאדט, דאס זענען אונזערע הייזער, אונזערע בעלי-הבתים, איז עפיס מזל און ברכה. ווי זאגט מען עפיס: איטליכער הונד אויף זיין מיסט.

— באלד, פישקע, באלד — מאכט מיין ווייב, קלאפענדיג מיך מיט איהר האנד איבער'ן רוקען גאר פריינדליך — לאמיר נאך אביסעל פאהרען, לעבען, רייבען זיך אין דער וועלט. ס'איז עפיס גוט, פרעהליך, מחיה... האב צייט אביסעל, פישקע, מיט דיין שטאדט באלד, באלד!

איהר „באלד" האט געדויערט א לאנגע צייט און ס'איז נישט געווען קיין עק, קיין סוף. אין דער צייט בין איך איבערגעוועזן אין גענוג שטעדט, האב מיך אנגעליטען גענוג צרות און פיין. איינגאנ-צען האב איך עס געהאט צו פערדאנקען איהם, דעם ממזר, א קיינק איהם אין די ביינער אריין...

פישקע טהוט א זיפץ טיעף פונ'ם הארצען און בלייבט זיצען שטיל מיט צוגעמאכטע אויגען. מיר לאזען איהם א ביסעל צו זיך צוקומען, דערנאך הויבט ער ווייטער אן און די מעשה דערצעהלט זיך אזוי.

מז.

צו דעם צונעמעניש „נגיד" האָב איך אין דער לעצטער צייט בעקומען נאָך אַ נייעם טיטעל „מקבל". דעם דאָזיגען טיטעל האָט מיר געגעבען דער ממזר, פערהאַפט זאָל ער ווערען. און אַזוי האָט אימליבער פון דער האַליאַסטרע מיך גערופען: פישקע מקבל. — מקבל איז ביי זיי אַזאַ מיאוס וואָרט, וואָס ביי׳ם אַרויסברענגען עס פונ׳ם מויל שפייט מען זיבען מאָל אויס. די שנאה, וואָס הערשט געוועהנליך צווישען בעלי־מלאכות, כוחרים, קרעמער און דעסגלייכען, וואָס האָבען איין ברויט, איז אַהונט אַקעגען דעם, ווי זיי, בויד־אַרמע־לייט, האָבען פיינט די שטעדטישע קבצנים און בפרט נאָך דאָס גאַנצע קאַפּיטעל מקבלים, אָט די ווערעמדיגע מקבלים, פוילע מיוחסים, פער־שפּאָלצעוועטע שענע יודען, פלעגען זיי אַלץ זאָגען מיט גאַל, זענען ווי די וואַנצען פול אין אַלע הייזער און נישט אויסצוהאַלטען פון זיי, מען צוטאַפּט זיי די קישקעס אויף אַלע שמחות: התונות, ברית׳ן און קריאת־שמע־לייענענס, רייסען פון טויטע און פון לעבעדיגע, און מיר, נעבעך, רייסען קריעה, האָרעוען, פּראַצעווען אויפ׳ן שטיקעל ברויט און ווערען פערשוואַרצט. די דאָזיגע אַלע צוקראַכענע נפשות, פלאַס־קעדריגעס, האָבען זיך גענומען דוד־המלך׳ס תהלים׳ל און מאַכען מיט איהם די שפּיעל. דוד־המלך זאָל געוועזען פריהער וויסען, צו וועמען אין די הענד זיין תהלים׳ל וועט אַריינפאַלען, וועלכע פּרנסות די פוילע, פערשימעלטע לאַפּענמיצלעך מיט אויסגעוויקטע פּנימלעך וועלען דער־פון מאַכען, וואָלט ער עס, גאַנץ זיכער, נישט געמאַכט.—

— ניין, בתיה! — האָט דער ממזר געמאַכט צו מיין וויב — פון אייער פישקען וועט קיין לייט שוין נישט זיין. ניין, ניין, נישט קיין לייט, איינער פון אונזער חברה! ער איז אַ מקבל מיט די ביינער. אַ מקבל מיט אַלע חן־גריבעלעך. דאָס פאַהרען אייערס מיט איהם, דאָס רייבען זיך אין דער וועלט, וועט איהם כלל נישט העלפען. אין הלכות אַרעמטאַן הייסט ער נישט מאַי דקא אמרי רביצין. נישט קיין מענש, ווי עס געהער צו זיין. איהר וועט, נעבעך, האָבען פון איהם אַ פערפוילטע גאַל.— אי, אַזאַ בתיה, איך זאָל האָבען אַזאַ בתיה! אַ גליק, ווי איך בין אַ יוד, אַ גליק וואָלט איך מיט אייך געמאַכט!

נאָך די אַלע מיטעל, וועלכע דער ממזר האָט געבּרויכט, אָנ־צומאַכען צווישען מיר מיט מיין ווייב אַ בּייז לעבען און מיך דערוויטערן פון איהר דורך רכילות, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, איז איהם לסוף געראָטען צו פאַלען גאָר אויף עפּיס נייעס. ער האָט מיך פער'מסר'ט פאַר מיין ווייב, אָנגערעדט אויף מיר שטילערהייט, אַז איך שרכן מיך עפּיס צו אַ מיידיל פון אַ בּויד און מאַך מיט איהר עפּיס צופּיעל חן... צווישען דער חאַלאַסטריע האָט זיך געפונען אַ האָרבּאַטע מיידיל, מיט וועלכער איך האָב, אמת טאַקי, ליעב געהאַט צו שמועסען זעהר אָפט און..

— האַ, וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידיל עפּיס? — פאַל איך אָון אַלטיר פּישקען אין די רעד אַריין — האַ, פּישקע, זיי זיך מודה!

— דאָס מיידיל איז געווען אַ ווילד פרעמדע אין בּויד, און זי האָט, נעבעך, גענוג זיך אָנגעליטען, גענוג אָבּגעקומען אין איהרע יונגע יאָהרען. איך בּין זיך מודה, אַז איך האָב ליעב געהאַט טאַקי מיט איהר אינאיינעם צו זיצען און צו שמועסען. מיר פלעגען אויסגיסען איינער דעם אַנדערען אונזער בּיטער האַרץ. זי פלעגט אויף מיר רחמנות האָבען און נישט איינמאָל וויינען אויף מיינע און אויף איהרע צרות. אַי, איהר זאָלט וויסען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מ י י ד י ל! אַי, איהר זאָלט וויסען איהרע צרות, נעבעך!... — האָט פּישקע אויסגעלאָזט מיט טרעהרען אויף די אויגען.

מיר האָבען געבּעטען פּישקען אונז קלאָר צו מאַכען, ווער איז דאָס מיידיל און וואָס מיט איהר האָט זיך אַ זעלכע געטראָפען.

— אַז איהר בּעט מיך אַזוי — האָט פּישקע אָנגעהויבען, נאָכ'דעם אַז ער האָט מיט איין עק אַרבּעל אויסגעווישט די אויגען — אַז אייך איז נאָך נישט נמאס געוואָרען הערענדיג מיך, וועל איך אייך צוליעב טאָן און דערצעהלען, ווי וויים נאָר איך קען. הערט, זייט מוחל און האָט קיין פּאַראיבּעל נישט, אויב בּיי מיר וועט עס אויסקומען נישט גלאַט.

דאָס מ י י ד י ל איז געווען נאָך אַ קינד, אַז די מאַמע איה׳ר האָט זי געבּראַכט קיין גלופּסק אינאיינעם מיט אַ קלימעקיל זאַכען און אַלטע בּעבּעכעס. דאָס קלימעקיל האָט זי אָבּגעוואָרפען דאָרט ערגיץ

אין אַ שטיבעל בײַ אײַן אַלטער יודענע, אַ מכשפה׳טע. אַ פנים, דאָס איז געוועזן אַ מעקלערין פון דינסטען. די אַלטע יודענע פלעגט אַוועקגעהן מיט דער מוטער, איבערלאָזען דאָס קינד איינע אַליין אָהן עסען און פערפאַלען ווערען אויף אַ גאַנצען טאָג. אַז דאָס קינד האָט איינמאָל געוויינט, געצאַפּעלט: מאַמע, נעהם מיך אויך מיט זיך! האָט די אַלטע מכשפה׳טע אויף איהר זיך שטאַרק געבייזערט, מאַכענדיג צו דער מוטער: חלילה! מען טהאָר פון איהר גאָר נישט וויסען. עס קען שאַדען צום עסק. אין עטליכע טעג אַרום האָט די מאַמע זי גענומען און גאַנץ שטיל זי אַרײַנגעפיהרט למזל אין אַ קיך, ערגיץ אין אַ בעל־הבתיש הויז. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, איז זי מיט דער מאַמע איבערגעגאַנגען ערגיץ אַנדערש וואו אין אַ קיך און פון דאָרט ווייטער אין אַ נייער קיך, אַזוי אַז אין אַ קורצער צייט זענען זיי מגולגל געוואָרען אין אַ היבש ביסעל קיכען. די מאַמע איז מיט איטליכם מאָל איבער־קלייבען זיך אין אַ נייער קיך, געוואָרען צו איהר אַלץ ערגער און שלעכ־טער. איהר טאַטען האָט זי ווייניג געקענט. פריהער אין דער היים איז ער געוועזן אַ זעלטענער גאַסט, שטענדיג אונטער־וועגענס, און דערנאָך דאָ אין די קיכען האָט זי איהם קיינמאָל נישט געזעהען. זי וואָלט אַפילו גאָר פאַרגעסען, אויב זי האָט אַ טאַטען, ווען די מאַמע זאָל איהם פופציג מאָל אין טאָג נישט שילטען בשעת זי פלעגט צו איהר אויסלאָזען איהר שווער ביטער האַרץ. „אָנלעגען זאָל ער מיט׳ן קאָפּ, דער שענער טאַטע! פלעגט זי שילטען, פלוכען.—דאָס ווייב האָט ער נע׳פטרט נאָך אַזוי פיעל יאָהר מיה, בויכוועהטיג, וואָס זי האָט געהאַט בײַ איהם, און איהר נאָך אָנגעהאַנגען—געהאַנגען זאָל ער ווערען!—אַ באָמבע, אַ קינד אויפ׳ן האַלז, וואָס איבער איהר קען זי אויף קיין אָרט נישט אַיינזיין און בעדאַרף זיך מיט איהר שטיקען, בעהאַלטען. וואָרום ווער וויל עס דען האָבען בײַ זיך אַ קעכנע מיט אַ קינד?״— נישט איין מאָל טאַקי פלעגט די בעל־הבית׳טע אין קיך אַרײַנלויפען, ווען דער וואַרמעס איז נישט געוועזן עפּיס אַזוי געראָטען, און פילדער׳ן, שרייען, פאַר וואָס האָט גאָט זי געשטראָפט מיט אַזאַ קעכנע, וואָס שעפּט אָב ראָס איבערשטע פון דער יויך און גיט עס איהר שען טעכטעריל אַוועק. חאָטש דאָס טעכטעריל, נעבעך, האָט געדאַרט, גע־קוואַרט און געגעסען קרענק. די מאַמע פלעגט עס פערשטופען, אַזוי ווי טרפה סחורה, אויפ׳ן אויוועז, אין אַ ווינקעלע דאָרט איז עס דעם גאַנצען טאָג אָבגעזעסען אויף איין אָרט, אײַנגעהייקערט אין צעהנטען

און מען האָט נישט געטהאָרט הערען פון איהר קיין פּיפּס. עס פלעגט איהר די סטאַהע איבערגעהן, שמעקענדיג די ריחות פון געבראָטענע גענז, געפרעגעלטע לעבערלעך און ז'... שאַ, נישט קיין וואָרט! ז' האָט שטילערהייט געליטען, נעבעך, הונגער ביז מען האָט זיך דער מאָנט, אַריינצושטופּען איהר אין הענטיל אַ טרוקען שטיקעל ברויט אין אַ מאָל אויך אַ אָבגעלעקט ביינדיל, אָדער עפּיס אַנדערש, וואָס איז איבערגעבליבען אויף די טעלער. אַ מאָל ווידער האָט מען אין איהר זיך גאָר פאַרגעסען און אַז ז' האָט זיך נישט געקענט אַיינהאַלטען אין אַ פּיפּס געטאָן, פלעגט זיך ווייזען אין דער הויך אויפ'ן אויוועץ אַ קאָטשערע, אַ לאָפּעטע, אָדער אַ שטעקען, אַ פּאָלאָניק און שלאָגען אויפ'ן קאָפּ, אויף די הענטלעך, אויף די פּיסלעך, וואו נאָר עס האָט געטראָפען, און דערביי האָט זיך געשאָטען טויטע קללות און תרמות אויף איהר טאַטען און טאַטענס טאַטען ביז אברהם אָבינו. אַזוי האָט ז' פערבראַכט אין קרענק, אין צרות איהרע יונגע יאָהרען אויף די אויוועגס. פונ'ם שטענדיגען זיצען אויף איין אָרט אַיינגעבויגען, אַיינגע-הייקערט איז ז' געוואָרן האָרבאַטע, נעבעך.

פונ'ם אויוועץ אַראָבקוקענדיג פלעגט ז' זעהן עפּיס אַ יונגען-מאַן. ער איז געווען אַ אָפטער אַריינגעהער צו דער מאַמען אידהער אין קיך. די מאַמע פלעגט זיך אין איהם שמעלצען, איהם האָדעווען פונ'ם אַרבעל, אָנשטאָפּען איהם די קעשענעס מיט גוטע זאַכען און נאָך געבען איהם אַ מאָל געלד אויך, ער פלעגט קומען אָפט שפּעטליך אין אָוועגד און בלייבען נעכטיגען אין קיך. אַ מאָל פלעגט די מאַמע פערפאַלען ווערען אויף אַ לאַנגע צייט, זיך אויספּוצענדיג פריהער, אָנקועקנדיג זיך גוט אין דעם שפּיגעלע, און איבערלאָזען די קיך הפקר. אַ פּנים, אַז דער מאַמען איז אין זינען געלעגען תתונה צו האָבען און איז אַליין בעשעפטיגט געווען מיט דעם חתן...

איינמאָל אַקעגען אָוועגד איז געקומען עפּיס אַ מענטש און פער-נומען פון דער קיך דער מאַמעס זאַכען. די מאַמע האָט געדאַנקט דער בעל-הבית"טע פאַר דעם זאַלץ און ברויט, אַראָבגענומען מיט מזל איהר נאַקעט טעכטעריל פונם אויוועץ און איז מיט איהר אַרויסגע-גאַנגען. ז' פיהרט דאָס טעכטעריל און פיהרט, ביז ז' פערפיהרט עס ערגיץ אין אַ געסיל. „זעץ זיך דאָ אַנידער און וואַרט. יודען וועלען רחמנות האָבען!"... אַזוי האָט די מאַמע געזאָגט און איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

דאָס פערוואָרפענע קינד זיצט, נעבעך, אויף דער גאַס שטיל און האָט מורא אַ ריהר צו טאָן זיך אַפילו, אַזוי ווי פריהער אויפ'ן אויוועז. אַ קאַלט אָסענדיג רעגענדיל שפריינקעלט און נעצט איהר דורך די ביינער. זי איז געזעסען איינגענורעט כמעט אין איין העמד, געציטערט פאַר קעלט און אַ צאָהן אין אַ צאָהן האָט איהר געקלאַפּט. אַז איינער פון די פאַרבייגעהענדיגע האָט זי אַ פרעג געטאָן: ווער ביסט־דו, מיידעלע? איז דער ענטפער איהרער געווען: איך בין דער מאַמעס... די מאַמע מיר געהייסען דאָ זיצען שטיל... מען טאָר נישט שרייען. אַ קאַטשערע, אַ לאָפּעטע קומען און שלאָגען... אַזוי איז זי, שלימזלדיגע, נעבעך, געזעסען העט שפעט אין דער נאַכט, ביז עפּיס אַ יודענע האָט זי פאַר־נאַרט מיט גוטע רעד און אַוועקגעפיהרט צו זיך אַהיים, ערגיץ אויף די פּיסקעס אין אַ קליין שטיבעלע אויף היהנערשע פּיסק'עָ.

ביי דער יודענע האָט זי זיך אויפגעהאַלטען אַ היבשע צייט און ביי איהר קיין האָניג נישט געלעקט. די יודענע האָט זיך איהר אוים־געגעבען פאַר אַ מוהמע און איהר געהייסען, זי אַזוי רופען, די דאָזיגע מוהמע איז געווען אַ סעדעכע, וואָס איז געשטאַנען אין מאַרק מיט קאַרטאָפלעס, הייסע באַבקעס, כל־נדרי־באַרלעך און ארץ־ישראל עפּעלעך. גאַנץ פריה איז דער שטייגער איהרער געווען אַוועקצוגעהן אין מאַרק אַריין. דאָס האַרבאַטע מיידעלע איז איבערגעבליבען מיט אַ טעכ־טעריל אין שטוב און געוויגט איהר קינד, איך געהאָלפען אין דעם בעל־הבתישקייט, ווי אַשטייגער: קלייבען אויף דער גאָס דאַרע שפענדלעך אויף אונטערצוהייצען, קריכען אונטערן פעקלאָק נאָך אייער, וועלכע די היהנער האָבען געלעגט, אויסקראַבען אַ טעפּיל פון פאַר־טריקענטער קאַשע, פערוואַשען אין דער פאַמיינניצע דעם קינדס אַ פערשמירט העמדיל, און שטעהן אַכטונג צו געבען אויף די איבער־געוואַשענע הילצערנע מילכעדיגע לעפעל, וואָס טריקענען זיך אויף דער פּריזבע, אינאיינעם מיט דעם קינדס קישעלעך, אַקעגען דער זון און נאָך אַנדערע אַזעלכע מלאכות. פאַרנאַכט, אַז די סעדעכע איז אַהיים געקומען, האָט זי געשיקט איהר קליין דינסט־מיידעל אין די הייזער אַרומצוגעהן און צונויפנעהמען עטליכע שטיקלעך ברויט, דער־פון האָט זי זיך דערנעהרט אַליין און נאָך נעגעבען דער מוהמען איהרער

זומער פאַרנאַכט איינמאָל, בשעת אַרומגעהענדיג אין די הייזער אויף איהר שטייגער, איז איין גראָב העמדיל מיט אַ האַלב קליידיל

האָט זי זיך פֿערשלאָגען גאַנץ ווייט, אַזש בּיים עק שטאָדט און נישט געטראָפֿען דעם וועג צוריק אַ היים. די זון האָט שוין לאַנג זיך געזעצט. אויף דעם הימעל האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצער וואָלקען. עס האָט בּיסלעכווייז געבּליצט און געדונערט. פּלוצלים קומען אונטער, פֿון דער שטאָדט אַרויספאָהרענדיג, עפּיס בּוידען, פֿול אָנגעזעצט מיט מענשען. קוקט נאָר! האָבּען פֿאַרשווינען אַרויסגעשריגען פֿון איין בּיידיל, עפּיס דרעהט זיך דאָ אַרום אַ האָרבּאַטע מיידעלע און וויינט, נעבּעך. און בּאַלד טאַקי שפּרינגט אַראָפּ׳עט איינער אַ רויטער — טאַקי אַלץ דער רויטער ממזר, אַ קיינק איהם אין די בּייניע איאַן! — גיט אַ פֿרעג דאָס קינד, וועמעס זי איז. — איך וויל אַהיים, אַהיים צו דער מוהמע! ענטפֿערט דאָס מיידעלע אויף אַ וויינענדיג קול. — שאַ, טאָכטער, וויין נישט, זאָגט צו איהר דער ממזר, איך וועל דיך אָפּפֿיהרען אַהיים צו דער מוהמע. ער טהוט זיך בּאַלד טאַקי אַ חאַפּ, וואַרפֿט זי אין אַ בּיידיל אַריין און פֿאָהרט מיט איהר אַוועק.

פֿון יענער צייט אָנ׳עט בּלאָנקעט דאָס האָרבּאַטע מיידיל, נעבּעך, זיך אַרום מיט דער חאַליאַסטרע בּויד־אָרמעלייט, וואָס האָבּען פֿון איהר הייקער געמאַכט אַ פּרנסה. דער שטייגער איז זייערער געוועזן, קומענדיג ערגיץ אין אַ שטאָדט, אַנידערצוזעצען זי נאַקעט און בּאָרפֿיס אויף דער גאַס, וואו מענשען געהען, און זי האָט בּעדאַרפֿט חליפֿען, בּעטען נדבות אויף אַ וויינענדיג קול מיט אַ ניגון און אויך רייסען בּיי די פּאָלעס. האָט זי אָבּער אַ מאָל נישט געשפּילט די קאָמעדיע טשאַ־קענדיג מיט אַלע אָנשטעלען און געמאַכט ווייניג געלד, פֿלעגט מען איהר אָפּשפּילען אַ גוטע תּשובה: שלאָגען זי טויט־שלעג, אַרויסוואַרפֿען זי בּיי דער נאַכט אין דרויסען, וואו זי פֿלעגט נאַקעט, הונגעריג, נעבּעך, שרייען און וויינען אויפֿ׳ן רעכטען אמת טאַקי... זי האָט מיר דער־צעהלט, ווי איינמאָל, ווינטער אין אַ שטאַרקען פֿראָסט, האָט מען זי בּיי־נאַכט אַזוי אַרויסגעוואָרפֿען אויף דער גאַס. דער פֿראָסט האָט זי אַ נעהם געטאָן און געמאַכט פֿון איהר אַ בּייגעל, געצופּט, געטשיפּעט דאָס לייב ווי מיט קאַלטע שפּילקעס. עס האָט איהר זיך גערידהרט דער שאַרבּען אויף דעם מוח, טונקעל און ליכטיג, עפּיס בּיידע מיט אַ מאָל, איז איהר געוואָרען אין די אויגען, אָט־אָט עקט זיך דאָס לעבּען. זי קען שוין מעהר נישט אויסהאַלטען און הויבּט זיך אָן בּעטען אין שטוב אַריין מיט אַ בּיטער געוויין, זי ציטערט, בּעט רחמים: עפֿענט מוהמע, עפֿענט, פֿעטער! — אַזוי האָט זי איטליכען פֿון דער חאַלאַסטריע

גערופען—זי שרייט: פעטער, איך וועל שוין ווייטער דארט פאר מענשען גוט שרייען! זי וויינט: מוהמעניו, איך וועל שוין דארט גוט וויינען! זי בעט: געוואלד, איך וועל שוין ווייטער גוט בעטען! נאר שריי צו דער וואנט, נישטא קיין ענטפער!... זי בלייבט ליגען שטיל, פיהלט מעהר נישט קיין קעלט, קיין פיין, עס בעפאלט זי עפים א זיסער שלאף, עס דאכט זיך איהר, מען האלט זי, גלעט זי, עפים גוט ווארם מחיה — און מען האט זי א טויטע אוועקגעטראגען פונ'ם ארט... זי האט א היבשע צייט פון יענער נאכט געקרענקט. — ווייטער איז דער שטייגער געווען, אראצולאזען זי פונ'ם וואגען, ווי באלד מען האט פונדערווייטענס אויפ'ן וועג דערזעהן פארענדיג עפים א פריץ, אדער סוחרים, לייטישע מענשען. זי האט בעדארפט מאכען די גאנצע שפיל, אויסשטרעקען די האנד, דרעהען זיך, לויפען פארביי די פערד, ביי די זייטען וואגען, חליפען, בעטען אונטער דער נאז מיט א רחמנות-פנים און דערטאפען א נדבה, איהר טויט זאל דא אפילו זיין. א מאל פלענט זי טאקי חאפען א שמיץ מיט דער בייטש פונ'ם שמייסער אויף דער קעלניע, נאר זי פלעגט עס נעבעך אראבשלינגען, שא, קיטש און געטאן טאקי איהרס, ווייל זי האט זעהר גוט געוואוסט, אז א בייטש איז א גארנישט אקעגען דעם, וואס זי וועט שפעטער חאפען, אויב חלילה, זי קומט צוריק אין בויד מיט לעדיגע הענד... וואס זי, נעבעך, איז אין די יונגע יאהרען צרות אויסגעשטאנען, לאזט זיך גאר נישט ארויסזאגען. אויך היינט שטעהט זי נאך געגוג צרות אויס, אין גיהנם בעדארף מען אזוי פיעל נישט אבקומען וויפיעל זי, נעבעך, קומט אפ-עט. אך, דאס בלוט קאכט אין מיר, ווען איך דערמאן מיך אין איהר! אוי וועה, מיין לעבען וואלט איך פאר איהר גערן אוועקגעגעבען אבי זי אויסצולעזען. הערט איהר, יודען, ס'איז נאך אויף דער וועלט נאך נישטא אזא גוטע, שטילע טויב, אזא זיסע טייערע נשמת אי זי!...

יז.

פישקעס דערצעהלונג האט אנגעמאכט א שטארקע מרה-שחורה אויף אלטער'ן מיט מיר, אלטער האט מיט דער האנד געריבען דעם

שטערען, ווי עס האָט איהם עפּיס געביסען, און אַלץ געמאַכט פאַר זיך: עט, עט!

— הערט איהר, ר׳ אַלטער — רופט איך מיך אָן מיט אַ שמייכעלע — פּישקע, כ׳לעבען, איז טאַקי פאַרליאַפּעט אין דעם האָרבאַטע מיידיל. ס׳איז, כ׳לעבען, עפּיס נישט גלאַט.

— למאַי זאָל איך לייקענען — האָט פישקע געזאָגט — איך האָב זי טאַקי אָנגעהויבען שטאַרק ליעב צו האָבען אין הארצען פאַר גרויס רחמנות. עס האָט מיך עפּיס צו איהר געצויגען, מיר צוגעקומען לעבען פּונ׳ם זיצען אַ מאָל מיט איהר אינאיינעם — וואָס?... גאָרנישט! גלאַט אַזוי זיך — שמועסען, אָדער שווייגענדיג אָנקוקען זיך איינער דעם אַנדערען. דאָס גוטסקייט איז איהר געלעגען אויפ׳ן פּנים; דאָס קוקען איהרס אויף מיר איז געווען טאַקי נאַר, ווי אַ געטרייע שוועסטער קוקט אויף איהר אומגליקליכען ברודער בשעת איהם איז, נעבעך, שלעכט, שטאַרק נישט גוט. און אַז נעהמענדיג צום הארצען מיינע צרות האָט זיך איהר געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, איז מיר געוואָרען עפּיס גוט, וואַרם־מחיה אין אַלע גלידער. עפּיס האָט מיר זיך געדאַכט, געדאַכט... איך ווייס אַליין נישט וואָס. עפּיס האָט מיך אינווענינג געבריהט, געגלעט ביי דער נשמה: „פּישקע, דו ביסט נישט מעהר אַליין אין דער וועלט, ביסט נישט מעהר עלענד ווי אַ שטיין״ — און עס בענעצען מיר זיך די אויגען פון הייסע טראָפּען טרעהרען...

מיין ווייב — אַ וואונדער, כ׳לעבען! — האָט מיך שוין עפּיס נישט אַזוי געאַרט, עפּיס איז מיך שוין נישט אַזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען, ווי זי מאַכט חן מיט דעם ממזר, געקרימט דערויף האָב איך מיך נאָך טאַקי, אָבער דאָס קרימען זיך האָט שוין נישט געהאַט דעם טעם ווי פריהער. אַז מיר פלעגט אַ מאָל אַרויפקומען אויפ׳ן געדאַנק אַזוי: דו ווילסט, פישקע, דיין ווייב זאָל אַ זאָג טאָן: „אַצונד איז שוין גענוג זיך אַרומגעשלעפּט, קום לאָמיר זיך בזעצען אין אַ שטאָדט?״ — פלעג איך זוכען ווי מיך אויסצודרעהען, נישט געבען קיין גלייכען ענטפער און זיך פערטראַכטען דערביי אין איהר... וואָס וועט זיין מיט איהר, מיט דער האָרבאַטער, נעבעך?... נאָר הערט אָבער אַ מעשה! אַז איך בין געוואָרען אין האַרצען צו מיין ווייב קיהלער, שוין נישט געצאַפּעלט נאָך איהר אַזוי ווי פריהער, איז זי, דאַכט זיך, געוואָרען צו מיר הייסער. עס פלעגט אויף איהר אַ מאָל אָנקומען אַ שעה, וואָס

איז געווען צו מיר גוט, ווייך ווי א טייג, און האט זיך געהאנגען ציר פשוט אויפ׳ן האלז. נאר דערפאר שפעטער פלעגט עס מיר באקום אויספאלען. זי פלעגט מיר טאן אין דער גאל אריין, מיך פלאגען, פייניגען נאך טויזענט מאל ערגער ווי פריהער, אזוי אז דאס לעבען איז מיר נישט ניחא געווען און האב מיר געוואונשען דעם טויט. איך האב פון איהר געהאט, טאקי ווי מען זאגט, קאלט און וואר ם. איך האב גאר נישט געקענט פארשטעהן, וואס איז איהר געשעהן? משוגע איז זי, צו חסר-דעה, וואס איז מיט איהר אזוינס? נאר אין א קורצער צייט שפעטער איז זיך פערלאפען עפיס א זאך און דער בלאטער איז פלוצים אויסגעשפרונגען. איך האב שוין פערשטאנען, וואס ברענט אזוינס מיין ווייב, וואס די רוגזא איהרע בעטייט. ס׳איז א וועהטיג, א בושה צו דערצעהלען.

פישקע פערטראכט זיך א רגע. דערנאך טהוט ער זיך עפיס א געשמאקען ק־אץ און הויבט אן ווייטער צו דערצעהלען:

איינמאל זענען מיר אנגעקומען ערגיץ אין א קליין שטעדטיל און פערפאהרען, ווי געוועהנטליך, אויף אכסניא גלייך אין הקדש אריין. איך זאג אייך, יודען, עפיס האב איך דאך שוין גענוג הקדשים מיך אנגעזעהן אין מיין לעבען און ווייס גאנץ גוט, וואס אזעלכע בעטייטען, נאר זיי אלע זענען גאלד אקעגען דעם הקדש פון יענעם שטעדטיל. אז איך דערמאן מיך אין איהם, הויבט אצונד נאך אן מיר דאס גאנצע לייב צו בייסען און איך מוז מיך קראצען. אינגאנצען האט דער הקדש אויסגעזעהן ווי א שטארק אלטע קרעטשמע, א חורבה מיט אויסגעקרימטע, נישט קיין גלייכע ווענט, מיט עפיס א דעכיל, משטיינס-געזאגט, ווי א צוקנייטשט קאפעלישעל, פעררישען פון פארענט און נידעריג אנגעבויגען פון הינטען, כמעט ביז דער ערד. מען האט בעשיינפערליך געזעהען, אז דער הקדש, נעבעך, חלש׳ט, וויל איינפאלען און לינען ווי א בארג מיסט אויף דער ערד, נאר דער עולם אין שטעדטיל האט איהם אבגעשריגען, אונטערגעשפארט מיט דרענגלעך און איהם איינגעבעטען, צו האלטען זיך אזוי אויף ווייטער ביז הונדערט און צוואנציג יאהר. דורך קלאמפערשט עפיס א טויער איז מען אריינגעפאהרען אין א גרויס הויז מיט צושאטענע, לעבערדיגע ווענט, דורך וועלכע עס האט זיך אריינגע׳גנבה׳ט א שטיקעל שיין. די ערד דארט איז געווען גריבערדיג, ערטערווייז איז געשטאנען קאליזשעס,

פערשימעלטע, פערדומפּענע פון פּאַמייניצעס און נאָך אַזעלבע זאַכן אויך פונ׳ם רעגען, וואָס פלעגט תמיד דורך דעם פוילען שטרויענעם דאַך, צושיטעט ווי אַ רעשעטע, אַהין אַריינקאַפּען. צוריבענע פערפוילטע שטרוי האָבען זיך אומעטום געוואַלגערט, אויסגעמישט מיט אַלערליי מיני שמאַטעס: צעריסענע טאָרבעס, צוהאַקטע ראָגאָזשעס, פערדאַרטע ווערבלעך פון שיך, אַלטע פאַדאָשוועס און אויסגעדרעהטע אָבזאַצען מיט פערזשאַווערטע טשוועקעס, שערבלעך, צובראָכענע רייפען, ספּיצעס פון רעדער, האָר, ביינער, דראַפּאַטשעס, ריטער פון בעזעמער און נאָך אַזעלבע שמאָכטעס. דאָס דאָזיגע ביסעל סחורה אינאיינעם האָט גע־פרייעט און געגעבען „די שמוכט", משונה׳דיגע ריחות גאָר אַ שרעק. — אין דער לינקער זייט הויז האָט זיך געעפענט כ״ז אַ בייזער אַ פער־שמאָלצעוועטע טיר אין אַ שטוב אַריין מיט קליינע, שמאָלע, נישט גוט צוגעשטאַנענע פענסטער און אַ טייל שויבען זענען אויסגעשלאָגען און פאַרקלעפּט מיט צוקערפּאַפּיר, אָדער פאַרשטעקט מיט אַ שמאַטע, אַ טייל זענען שטאַרק שמוציג, אין די ווינקלעך בעדעקט דיק מיט שימעל און ווידער אַ טייל זענען פאַר אַלטקייט איבערגעצויגען מיט געל־גרינע משונה גלאַנצענדיגע קאָלירען און דער גלאַנץ שטעכט עפּיס די אויגען, גלייך ווי אַ קריץ אויף גלאָז גרילצט ווילד אין די אויערען. אַרום די אָבגעשלאָגענע ווענד און נעבען אַ גרויסען אויווען ציהען זיך לאַנגע בייגק פון ברעטער, וואָס ליגען אויף קלעצלעך און שטיקער האָלץ, העכער אַביסעל איבער די בייגק שטעקען אין די ווענד גרויסע און קליינע פלעקלעך. פון דער שוואַרצער סטעליע הייגגען אַראָב שטריקלעך מיט פּעטלעס, אין וועלכע עס האַלט זיך ביי די ביידע עקען אַ לאַנגער שטאַנג. די פלעקלעך מיט דעם שטאַנג זענען פער־האַנגען מיט פערדריפּעטע קאַפּטענס און קליידלעך, מיט אַלערליי חפצים און טאָרבעס פון אָרמעלייט, וואָס קומען צו פאָהרען אין בייד־לעך, אָדער קומען זיך צושלעפּען צו־פוס און שטעהען דאָרט איין, יונג און אַלט, מאַנסבילען און ווייבער אַלע אינאיינעם. — דער הקדש איז אַ חוץ דעם נאָך אַ בקור־חולים אויך. דאָרט איז דאָס אָרט אויף צו שטאַרבען פאַר קראַנקע מיאוסע קבצנים אין דעם שטעדטיל. דער רופא טהוט אַלצדינג וואָס נאָר מעגליך: שטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס, לאָזט צו דער אָדער און צאַפּט, אויף קהל׳ש הוצאות, קבצנים בלוט ביז די כשר׳ע נשמה געהט זיי אויס און דער הקדש־מאַן, וואָס איז צוגלייך דער קברות־יוד פונ׳ם שטעדטיל, איז זיי טאַקי באַלד מקבר

אומזיסט. דער הקדש־מאַן מיט זיין הויזגעזינד זיצט אויך טאַקי דאָרט אין אַ מין אַלקיריל, משטיינס־געזאָגט. חוץ וואָס ער איז אַ הקדש־מאַן, אַ קברות־יוד, אַ שמש אין דער חברה־קדישא, אַ משגיח אין זיין בקור־חולים, אַ ושתי המלכה, אָדער אַ מאָנדרוש אין פורים, אַ פערשטעלטער בער מיט אַ איבער־געקעהרטען פעלץ אין שמחת־תורה, אַ סאַרווער, אַ אָנשטעלען־מאַכער, אַ ווערטיל־זאָגער אויף אַלע חתונות און בריתן,— האָט ער נאָך אַ פרנסה דערצו, צו מאַכען חלב׳דיגע ליכטלעך. די אַלע בעלי־הבתים און בתי־מדרשים ציהען ביי איהם ליכט אין הויז פונ׳ם הקדש און עס ווערט דענסטמאל אַ געשטאַנק, אַ עיפוש וויט אַרום און אַרום.

אַז אונזער חאַליאַסטרע איז אָנגעקומען אַהין אין הקדש, איז ער געווען אָנגעזעצט געגוג מיט אורחים. דער הקדש־מאַן האָט זיי גע־טריבען: געגוג געזעסען, פאָהרט אייך געזונטערהייט שוין ערגיץ אַנדערש! נאָר אַזוי ווי ס׳איז געווען דאָנערשטאָג, האָבען זיי געהאַט אַ אויסרייד זיך אָבצוזבעטען — פערבלייבען דאָ ביז נאָך שבת. די ערד, די ביינק און דער אויווען זענען ביי־נאַכט בעלאַגערט געווען מיט מענשען. מען האָט זיך געשטופט, געקוועטשט, געקריגט און געשאָלטען פאַר אַ שטיקעל אָרט. קאָניצע און פיעשע האָבען שטאַרק געאַרבייט, איינער דעם אַנדערען אַרויסגעוויזען די שטאַרקע שנאה און די גבורה זייערע מיט די הענד. אין דער גרויסער מהומה, נישט־דאָ־געדאַכט, האָט געקרעכצט אין אַ ווינקעלע אַ קראַנקער אַלטער יוד, וועלכען מען האָט נעכטען אויף קוראַציע אַהער געבראַכט, און אַ פיצעל קינד, וועלכען מען האָט אין דעם שטופעניש צוגעקלעהמט אַ פיסעל, האָט געקוויטשעט, געמאַכט לעבער אין קאָפּ שרייענדיג. — ערשט שפעטער אַז די בייזע מהומה האָט זיך איבערגענומען, האָב איך מיר אָבגעזוכט ערגיץ אַ ווינ־קעל און זיך געלעגט ווי־ס׳איז אויסצורוהען אַ ביסעל. נאָר קוים האָב איך מיר געלעגט, זענען מיך בעפאַלען גאַנצע חילות פרייסען, וואַנצען, פליי ווי די בערען און האָבען מיך געוואָלט לעבעדיגערהייט אויפעסען. דאָס לייב הויבט מיר נאָך אַצונד אָנ׳עט צו בייסען און מוז מיך גע־שמאַק קראַצען, נאָר ביים דערמאָנען־זיך אין די דאָזיגע מלאכי־חבלה. אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, אַז מיט פ ר י י ס ע ן מ ל ח מ ה צו האַלטען איז שווערליך, אַ פריים איז אַ בעשעפעניש, וואָס קריכט און זיין שותף, די וואַנץ, שטינקט, האָב איך זיי מוחל געווען מיין שטיקעל פלאַץ, לאָזען זיי מיט איהם זיך וואַרגען! און ביז אַרוים איז הויז, דאָרט ווי־

ס׳איז צוברעגנגען די נאכט. אין דרויסען איז געווען שרעקליך פינסטער, א קאלטער, א שטארקער ווינד האט געשטורעמט, געהיילט ווי די הונ־געריגע וועלף, געפייפט און געבלאזען דורך די שפאלטען אין די ווענד, שטיקלעך שטרוי זענען פונ׳ם דאך געפלויגען און האבען מיט נאך אנדערע מיני שמאכטעס ווי די רוחות אין הויז ארומגעטאנצט. צו־ווילען האבען אהין דורך די לעבער אויך אריינגעקאפעט גרויסע טראפען רעגען. איך האב פעררוקט מיך דארט אין א ווינקעל און געלעגען מיט א ביטער געמיטה, געציטערט פאר קעלט. אי, די באד, די באד! האב איך געאייקעט און געאכט, וואו נעהמט מען מיין באד! דארט איז דאך פשוט א גן־עדן, ווארם, א דערקוויקעניש. ווי גליקליך בין איך אין דעם דאזיגען גן־עדן דארט א מאל געווען. וואס האט מיר געפעהלט, וואס איז מיר דארט אפגעגאנגען? מיר איז געווען אזוי גוט, אזוי וואויל,— האט דער רוח בעדארפט אנטראגען מיין ווייב, איך זאל דורך איהר פערטריבען ווערען פונ׳ם גן־עדן און ארומוואגלען זיך אין דער וועלט. אויף צרות נאר זענען די ווייבער דא, טאקי נאר אויף צרות. וואס טויגען זיי? וואס האט מען פון זיי? קיין גוטס, כ׳לעבען, קומט פון זיי נישט ארויס... באלד אבער דערמאן איך מיך אין דעם האר־באטע מיידיל און פאר מיר אליין מיך געשעהמט. ס׳טייטש, זי איז דאך א גוטע, א כשר׳ע נשמה, מיט איהר אינאיינעם איז דאך עפיס א תענוג. ס׳איז עפיס גלאט גוט, גרינג, פרעהליך אויפ׳ן הארצען צו זיצען און שמועסען מיט איהר. א כפרה טויזענד באדען פאר איהר מינדסטען נאגעל. פון איהרם א קוק ווערט עפיס געשמאק ווארם אין אלע גלידער. — שעהם דיך, פישקע! שייגעץ איך מיך אליין אויס, זינדיג נישט מיט דיינע רעד, ווייבער גיבען עפיס צו א שטיק געזונד און לעבען. ווייבער קענען גליקליך מאכען און פונ׳ם גיהנם אפילו מאכען אגן־עדן... פון אזעלכע זיסע געדאנקען האב איך פארגעסען אין אלע מיינע צרות. דאס ווינקעלע, וואו איך האב מיך צוגעשפארט, איז עפיס גאר גוט מחיה. מיר איז שוין מעהר נישט קאלט. איך הויב אן עט לייענען קריאת־שמע מיט געפיהל, די אויגען קלעפען מיר זיך און ווער באלד אנדרעמעלט. פלוצלים אבער האט מיך אויפגעוועקט עפיס א שרעקליך געשריי.

— קוקט נאר אן דאס נפש! — האט עמיצער געשריגען נעבען דער טיר פונ׳ם שטוב, און דערלאנגט פון דארט א ווארף מיט דעם

גאַנצען כח אין הויז אַריין עפּיס אַ שווערע זאַך, וואָס איז ווי אַ שטיין געפאַלען אויף דער ערד מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ — קוקט נאָר אָן די מצאָצע, איך מיר אַ מענש! אַ קאַטאָוועס די גראַפינע פּאָטאָצקע!... און אין הויז ביסט־דו קראַנק צו ליגען, פאַרפּאַטשקעטע גראַפינע? —

איך האָב באַלד אין דעם קול דערקענט דעם ממזר, אַ קיינק איהם אין די ביינער אַיאַן! ער האָט נאָך אַביסעל געשריגען, געזידעלט, אויסגעוואָרפען מיט דער גראַפינע פּאָטאָצקע, דערביי אויסגעשפּיגען און פערמאַכט דערנאָך די טיר מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ.

אַ שטיקעל לבנה איז אַרויסגעקראָכען פון צווישען די צעריסענע שטיקער וואָלקען, האָט אַריינגעקוקט דורך דעם צובראָכענעם דאַך אין הויז אַריין און באַלויכטען דאָרט עפּיס אַ מענשליך געשטאַלט, וואָס איז געלעגען ווי אַ קלימעק, שטיל, קיין ריהר זיך נישט צו טאָן. איך האָב מיר אַ לאָז געטאָן זעהען, ווער איז עס די מצאָצע אָדער די גראַפינע פּאָטאָצקע, וואָס ליגט דאָרט אַזוי. איך טהו אַ בליק און אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! פינסטער איז מיר אין די אויגען און דער קאָפּ דרעהט זיך מיר, אַזוי ווי פון דער ערשטער פּאַרע אויף דער אויבערשטער באַנק. מיין האָרבאַטע מיידיל, זי, נעבעך, ליגט עס אויפ'ן רוקען טויט אויסגעשטרעקט פונ'ם שטאַרקען שליידער, וואָס דער ממזר האָט מיט איהר געטאָן! איך נעהם מינטערן מיט אַלע כוחות די האָרבאַטע, נעבעך, און אַז גאָט האָט געהאָלפען, זי האָט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען, האָב איך זי אַ חאַפּ געטאָן אויף די הענד עפּיס נישט מיט קיין מענשליכען כוח, ווי בשעת מען ראַטעוועט אין אַ גלופּסקער גרויסער שריפה, און בין מיט איהר גיך אַוועק אַהין אין מיין ווינקעלע. איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז דענסטמאָל בין איך געגאַנגען גאָר גלייך, ווי אַלע מענשען, און האָב אפילו קיין הינק נישט געטאָן. זי האָט פּאַמעליך, פּאַמעליך אויפגעעפענט איין אויג נאָך דער אַנדערער און אַ שטילען זיפץ געטאָן. איך האָב פאַר שמחה געמיינט, אַז די וועלט איז מיינע. ס'איז כמיר געווען צו מוטה טאַקי גאָר ווי דעם בעטלער אין די געשריבענע מעשיות, וואָס ווערט פלוצלים פון דער העלער הויט מגולגל אין אַ טייערען פּאַלאַץ, זיצט זיך דאָרט אָנגעלעהנט אויף דער גוטער עסעבעט אינאיינעם מיט אַ בת־מלכה און טהוט זיך וואויל. איך האָב געשווינד אַראָבגעוואָרפען פון מיר מיין

קאַפּאָטע און אײַנגעוויקעלט דערמיט מײַן בת־מלכּה, וואָס האָט געציטערט פֿאַר קעלט.

— אוי! — האָט מײַן האָרבאַטע, נעבעך, אַ זיפּץ געטאָן, אויס־געריבען די אויגען און געקוקט, עפּיס גלייך ווי זי האָט זיך אַרומגע־קוקט, אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט זי איז.

— וואָס קוקסטו עפּיס אַזוי? — טהו איך זי אַ פֿרעג — איך בין פּישקע. געדאַנקט און געלויבט איז גאָט, וואָס דו לעבסט.

— אָך און וועה איז מיר — זאָגט זי מיט אַ זיפּץ טיעף פֿון׳ם האַרצען — וואָס טויג מיר, וואָס איך לעב! איידער אַזאַ לעבען איז שוין בעסער דער טויט. גאָט איז דאָך אַ גוטער, אַ באַרמהאַרצעדיגער, היינט צו־וואָס האָט ער אַזעלכע ווי איך גאָר בעשאַפֿען, נאָר אויף צו ליידען און צו פּלאָגען זיך אין דער וועלט?

נאַרעלע! — מאַך איך צו איהר — מסתּמא ווייסט גאָט, וואָס ער טהוט, מסתּמא איז דאָך איהם ניחא, אַז אַזעלכע ווי מיר זאָלען אויך זײַן אויף דער וועלט. גאָט איז אַ טאַטע, ער זעהט, הערט און ווייסט אַלצדינג. דו מיינסט, נאַרעלע, ער ווייסט נישט אונזערע ביידענס צרות? גאָט ווייסט, נישקשה! די לבנה זיינע, זעה נאָר, זעה, קוקט פֿון׳ם הימעל אַהער אַפֿילו, אין הויז, אויך אַריין. זינדיג נישט, נאַרעלע, מיט די רעד.

זי האָט אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פֿייערדיגע אויגען, אַזין וועלכע עס זענען געשטאַנען גרויסע טראָפּען טרערען און זיך געפֿונקעלט אַקעגען דעם שיין פֿון דער לבנה ווי בריליאַנטען. איהרע אויגען און איהר קוק דענסטמאָל אויף מיך, וועל איך אייביג נישט פֿאַרגעסען.

אַז איך בין אויפֿגעשטאַנען אויף מאָרגען גאַנץ פֿריה, האָב איך געזעהען, מײַן האָרבאַטע ליגט אין ווינקעלע, אײַנגענורעט אין מײַן קאַפּאָטע און שלאָפֿט ווי אַ פֿייגעלע, דאָס פּנים איהרס איז געוועזען בלייך און אויסגעזעהען עפּיס אַזוי גוט, אַזוי רחמנות׳דיג גוט... די ליפּען האָבען צו־ווײַלען געציטערט און זיך אויסגעצויגען עפּיס ווי מיט אַ געבעט. עפּיס בעט זי, נעבעך, רחמים: פּײַניגט מיך נישט! וואָס האָב איך אײַך געטאָן? וואָס האָט איהר צו מיר? פֿע־ווײַסט מיר נישט דאָס לעבען. וואָס האָב איה אייך געטאָן, וואָס האָב איך אייך געטאָן?...

און דאָס בעטען איהרס רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. עס האָט מיר זיך געשטעלט טרעהרען אין די אויגען—און איך האָב געוויינט...

דער ערשטער, וואָס איז אין דער פריה אין הויז אַריינגעגאַנגען, איז געוועזען דער ממזר, אַ קיינק איהם אין די ביינער אַיאָן! — ער האָט מיט זיינע גנב׳שע אייגעלעך אַ קוק געטאָן אויף מיך, אויף דער האַרבאַטע און איז מיט אַ שטעכענדיג געלעכטעריל אַוועק צוריק אין שטוב אַריין.

יח.

פישקע איז פלוצלים געבליבען שטיל און אוועקגעקעהרט דאָס פנים, גלייך ווי ער האָט זיך געשעהמט. וואָס מיין אַלטער האָט איהם נישט געבעטען, וויטער צו דערצעהלען, האָט אַלץ נישט געהאָלפען.— עט... כ׳לעבען! האָט פישקע געמאַפט, איז רויט געוואָרען, זיך געטינעט און נישט געעפענט קיין מויל. פישקע, ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָט לסוף זיך אַליין פאַרשעהמט פון זיינע אייגענע רעד. פריהער אז עס האָט איהם דער ערשטער בריה געטאָן, האָט ער זיך צופלאַקערט, צורעצט ווי איינער פון דער היץ. ער האָט גערעדט מיט פייער און אויסגעגאָסען זיין גאַנץ האַרץ אין אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען גאַר נישט געוועזען פאַר פישקעס מוח. די דאָזיגע ווערטער האָבען זיך איהם גענאָסען אַליין, עס האָט אין איהם זיך צורעדט די נשמה, ער האָט בשעת־מעשה פאַרגעסען אַלצדינג, וואָס אַרום איהם טהוט זיך, גערעדט, גערעדט, נישט צו הערען כמעט אַליין, וואָס ער רעדט ביז ער האָט פלוצלים זיך אַחאַפּ געטאָן, עפּיס ווי אַליין זיך צוגעהערט צו זיינע רעד, זיך עפּיס געוואונדערט, ווי קומט אַזוינס צו איהם... און איז שטאַרק פאַרשעהמט געוואָרען. ביי וועלכען פון אונז מאַכט זיך נישט חאָטש איין מאָל אין לעבען אַזאַ ליכטיגע, גוטע שעה, וואָס דענסטמאָל עפענט זיך אַ מויל און ריינע, אמת׳ע מענשליכע געפיהלען גיסען זיך איהם אַרויס, ווי אַ שטראָם הייסע זודיגע גאַזען פון אַ פייערשפּייענדיגען באַרג? אויף בלעם׳ס אייזעל אַפילו איז אויך אַנגעקומען אַ שעה, אין וועלכער

ער האָט פון דער העלער הויט איהם זיך געעפענט דאָס מויל און האָט געהאַלטען אַ שענע רעדע. ווער שמועסט ביי בעלי־דרשות, להבדיל, מאַכט זיך פיעל מאָל, אַז אַזעלכער, וואָס מעלה־גרה'ט גע־וועהנטליך, פלוידערט תמיד אַוועק נאַרישקייטען, אַ שרעק צו הערען, פלוצלים פאַלט אויף איהם אָן אַמאָל עפּיס אַ בעגייסטערונג און ער זאָגט נישט־ווילענדיג אַרויס אַ גלייך וואָרט, וואָס דער גאַנצער עולם און ער אַליין מיט זיין כבוד אויך בלייבען דערנאָך פערגאַפט. ביים ערגסטען חזן, אַ קאַטשאַן, וואָס גלוסט זיך ברעכען, הערענדיג זיין טערעלייקען מיט משוגענע העוויות, טרעפט זיך אַמאָל, אַז פלוצלים טהוט עס מיט איהם אַ טראָג, ער צוויאָגט זיך אין דעם מוסף מיט אַ ברען און וואַרפט אַרויס אַ „יקום־פורקן'דיל", אַ „תכנת־שבת'ל" מיט'ן קנאַק. טרעט די גוטע שעה אָב, בלייבט דער אייזעל ווייטער טאַקי אַ אייזעל, דער בעל־דרשה, להבדיל, ווייטער אַ פלוידערזאַק און דער חזן, משטיינס־געזאָגט, ווייטער אַ קאַטשאַן... נישט דאָס בין איך אויסען. צוויי יודען דרעהער האָב איך געקענט אין אַ יודישער דרוק, וואָס די גאַנצע אַרבייט זייערע איז בעשטאַנען דרינען, טאָג ווי נאַכט, צו דרעהען די ראָד פון דער מאַשינע, שטעהענדיג ביי איהר אין דער זייט, איינער נעבען דעם אַנדערען, נאָר אַזוי ווי די אָנגעמאָלטע גולם'ס. דרעה און דרעה שטענדיג, אָהן איין עק, אַלץ אויף איין אָרט, אויף איין שטייגער. פלוצלים האָט עס זיי עפּיס ווי אונטערגעטראָגען און האָבען זיך אַ נעהם געטאָן דרעהען די ראָד געשמאַק מיט געפיהל, שטאַרק בע־גייסטערט. די אויגען ברענען, פלאַקערען און זיי דרעהען, מיט אַזאַ תענוג, ווי זיי וואָלטען געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל, ווי זיי וואָלטען געדרעהט וועלטען און האָבען מיט איטליכען דרעה אויסגעדרוקט עפּיס אַ געדאַנק, עפּיס אַ געפיהל, וואָס דרעהט זיי אינווענינ. שפּעטער אַ ווייל, אַז דער ברען האָט נאָכגעלאָזט, האָבען זיי פערוואונדערט איינער דעם אַנדערען מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגען אָנגעקוקט, אויסגעשפּיגען, פאַרדרעהט די קעפּ, איטליכער אין זיין זייט, געדרעהט ווי געוועהטליך און ווייטער אַ פּנים געהאַט ווי די ליימענע גולם'ס.

איך קוק אויף פישקען, וואָס איז געבליבען אָהן לשון און זוך ביי מיר מיטעל, ווי איהם בערעדעווודיג צו מאַכען. פלוצלים פאַלט מיר אַיין ר' לייב־שרה'ס גולם, ווי ער טהוט זיך אַ שטעל־אויף, נאָכדעם אַז ר' לייב רוקט איהם אַריין הינטען דעם שם־המפורש, חאַפּט זיך און טהוט

אַלצדינג, וואָס מען הייסט. זעהר שׁען, טראַכט איך מיר, ברוך־הבא! נאָר אָנשטאָט דעם, וואָס ביי יענעם גולם, עליו השלום, האָט געווירקט אין זיינע צייטען, וועט היינט ביי מיין גולם, איהם צו לאַנגע יאָהר, ווירקען פשוט דאָס מיידיל...

איך הויב אָן פישקען אונטערצוגעבען פאַרע, צו דערוואַרעמען איהם מיט אַ שמועס וועגען זיין הארבאַטע מיידיל. און דערביי האָב איך טאַקע מיך אַליין אויך צוהיצט, גערעדט פּנים האַרצען מיט פייער און אויסגעלאָזט דעם שמועס אַזוי:

—וויפיעל אומשולדיגע קינדער, נעבעך, קומען עס אויף דער וועלט אַזוי אָב פּאַר די זינד פון זייערע עלטערן, וואָס גלוסט זיך זיי נאַרישקייטען, דרעהען זיך, גט'ן זיך און לאָזען איבער די קינדער, זייער פליישׁ און בלוט, הפקר ווי אויפ'ן וואַסער! וואָס געהט זיי אָן קינדער! זיי האָבען אין זינען נאָר דאָס נפש'ל, זייער אייגען נפש'ל איטליכער פון די שעֶנע עלטערן האָט ווייטער חתונה...

איך בין געבליבען ווי דערוואָרגען אין דער מיט פונ'ם שמועס. אַלטער מיינער, זעה איך, איז צוקאָכט, אוים מענש. עס טהוט מיר באַלד טאַקי אַ קלאַפּ אין האַרצען: אַי, האָב איך עס בעגאַנגען אַ מיאוסען פעהלער, זיך אַרויסצוחאַפּען פאַר אַלטער'ן מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען צוגעפאַסט צו איהם און האָבען איהם געשטאָכען אין דער זיבעטער ריפּ! עס טהוט מיר שרעקליך באַנק, איך שטראָף מיך אין האַרצען און זאָג מיר אַליין מוסר: געוואַלד, מענדיל, מענדיל, שוין צייט קומען צום שכל, נישט אַרויסצוזאָגען יענעם דעם אמת ווי אַ יונגעל! ביסט דאָך, ברוך־השם, שוין אַ ייד מיט אַ גרויסער באָרד. שוין צייט זיין אַ מענש, פאַרשטעהן וואָס זיך איז נוצליך און גוט. אַי, דיין צונג, דיין צונג!...

איך האָב מיר אין האַרצען אַ נדר געגעבען, ווייטער מיך צו היטען מיט אַ וואָרט, הערען, זעהן און שווייגען — די גוטע מדה פון אַלע קלוגע, פיינע לייט, וואָס איז נוּיטיג אין לעבען. איטליכען וועל איך נאָר לויבען, בעליבט צו מאַכען זיך דערמיט ביים עולם. עס האָט מיר זיך פאָרגעשטעלט גאַנצע מחנות אונזערע גוטע מענשעלעך, פּעטערם מיט שיינענדיגע פנים'לעך. זיי דרעהען זיך אַהין און אַהער, חבר מיט דעם, מיט יענעם, טאַנצען אויף אַלע חתונות, האָבען שטענדיג נאָר הנאה, קושען זיך מיט איטליכען, וואָס ער איז פון אויבען, צוגעהען פשוט פאַר פרייד, רעדענדיג מיט יענעם פון זיין גליק, ווינשעווען

איהם צו מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט א זיס שמייכעלע אויף די ליפּעלעך, צולעגען אויף טעלערלעך יענעמס גוטסקייט און גיבען איהם עולם־הבא מיט דער פולער האַנד; לויפען אַנזאָגען בשורות, געפינען זיך אומעטום, וואו נאָר ערגיץ אַ קערמישיל, אַ שמחה. תמיד שיינען זיי די אייגעלעך, דער שטערען גלאַנצט, די בעקעלעך פּער־פּאַרבט, די נאָז פייכט מיט ווייספּערלעך. זיי זענען צופרידען, פרעהליך און קוועלען גאָר אָן... אַז וואויל איז אייך, פעטערס! פון היינט אָן בין איך אויך אַ פעטער. עפּיס האָט מיר דער נאָמען פעטער אָנגעהויבען צו געפעלען, אַזוי אַז עטליכע מאָל האָב איך עס פאַר מיר איבערגעחזרט מיט גרויס פערגעניגען: פעטער! פעטער מענדעלי! פעטער ר׳ מענדעלי!...

בכדי צו פאַרגלעטען מיין פעהלער אַקעגען אַלטער׳ן, הויב איך אָן אויף איהם רחמנות צו האָבען און איינגעהמען איהם מיט גוטע ריידעלעך: ר׳ אַלטער, אייך איז, נעבעך, נישט גוט צו זיצען, איהר שפּאַרט שוין, נעבעך, אָן ביים עק וואָגען; עס מוז אייך, נעבעך, וועה טאָן די ביינער פונ׳ם צופיעל זיצען אויף איין אָרט: קומט, איך בעט אייך, צו מיר אויפ׳ן וואָגען, דאָרט מאַך איך אייך אַ גוט געלעגער; מיר וועלען נעהמען צו ביסלעך בראַנפען, זיך אַביסעל דערקוויקען.

— מיין אַלטער לאָזט זיך נישט לאַנג בעטען. מיר קריכען אַלע אַראָב פונ׳ם וואָגען. בין מכבד מיין פערדיל צו שלעפען זיך פאַראויס, אַלטער׳ס שקאַפּע איהב פון הינטען. מיר צוגעהען זיך אַביסעל די פיס, קריכען אַרויף דערנאָך צו מיר, דערענדיגען דעם אשר־יצר, מאַכען לחיים. איך בין זיס ווי לאַקריצע, ווינשעווע אַלטער׳ן אָהן איין עק, מיט טרעהרען אין די אייגען פאַר גרויס פרייד, גלאַט אַזוי זיך. ווי אַ פעטער. דער־וואָרם אייך פישקען, גיב איהם אונטער היץ, רייץ איהם דעם יצר־הרע. ער צושפּילען איהם זיך די געבליטען און די מעשה הויבט זיך אַצונד אָן.

ביי מענדעלי מוכר ספרים אויפ׳ן וואָגען.

פישקע הויבט ווידער אָן אויף זיין שטייגער איך העלף איהם אונטער, בעסער, אויס אויף מיין שטייגער, אַלטער האָט קיין צייט נישט, טרייבט אונטער אויף זיין שטייגער, און די מעשה דערצעהלט זיך ווייטער אַזוי:

אויפ׳ן אַנדערען טאָג, פרייטאָג,, איז אין בית־מדרש דאָרט אין

שטעדטיל געווען שרעקליך ענג פון די אָרמעלייט, וואָס האָבען זיך געשטופּט, צונויפגעשטיקט אַרום דעם שמש. איטליכער בעזונדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער, בעקומען דעם בעסטען פלעט אויף שבת צו אַ נגיד, אָדער צו אַ יוסטען בעל־הבית, וואָס מאַכט אַ פעטען קוגעל. העכער פון אַלע איז געשטאַנען דער פלעט צו דעם בעל־טאַקסע. נידריגער פון אַלע שטעהען געוועהנטליך די פלעטען צו כלי־קודש און קהל׳ס־לייט, ווייל זיי האָבען ליעב אַליין גוט צו פרעסען און יענעם גיבען זיי מכּות. די גבאים פון חברות קרעכצען, זיפצען אויף יודישע אָרמעלייט, נעבעך, און עסען גיבען זיי אויף אַ שפּיץ מעסער, נאָר אויף צו בעשמירען די ליפען. אָרמעלייט האַלטען פאַר אַ אומ־גליק צו זיי אַריינפאַלען און וויינען זיי ווי אַ עיפּוש. בעקומט איינער צו זיי אַ פלעט, לאַכען די איבריגע ווי פון איינעם, וואָס בעקומט אַ בערדע... דער שמש פון׳ם בית־מדרש איז געווען זעהר בייז, ער האָט געשריגען, אַז היינט זענען דאָ אָרמעלייט עפּיס מעהר ווי תּמיד. — קבצנים! האָט ער געשריגען, וואָס זענט איהר ווי די היישרעקען בעפאַלען אונזער שטאָדט, נעבעך! נישט אויסצוהאַלטען, נישטאָ, וואו אייך אַהינצוטאָן! נאָר אַ שטראָף פון גאָט, אַ אָנשיקעניש! — ער שרייט, בייזערט זיך און די אָרמעלייט טהוען זייערס, שטופּען זיך און הערען נישט קיין ווערט. איין קול: מיר! גיט מיר, מיר! איטליכער רוקט דעם שמש אין האַנד אַריין עטליכע גראָשען. דער שמש, וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן, נעהמט צו, בייזערט זיך און גיט פלעטען. איך מיט דער האַרבאַטע זענען מיר געשטאַנען אין דער זייט פונדערווייטענס, ערשטענס, האָבען מיר נישט געקענט און, צווייטענס, טאַקי נישט געהאַט די העזה זיך צו שטופּען צווישען אונזערע בערען, מיוחסים, פיינע בריות. אומעטום זענען דאָ בערען, אַריסטאָקראַטצען, אַפילו צווישען קבצנים. די אָרעמע אַריסטאָקראַטצען זענען נאָך טויזענט מאָל ערגער פון די נגידישע... דער ממזר איז געווען, עס פאַרשטעהט זיך, איינער פון די ערשטע. ער האָט באַלד בעקומען צוויי גוטע פלעטען פאַר זיך און פאַר מיין ווייב. זי האָט אַפילו פערשפּאָרט זיך צו שטופּען. ער האָט דעם שמש אָנגעוויזען אויף איהר פונדערווייטענס: קוקט נאָר, זייט מוחל, אָט דאָרט שטעהט זי, מיין בלינדע, נעבעך!... אַז דער עולם איז אַוועק, זיך צולאָזט איבער דער שטאָדט, איטליכער מיט זיין פלעט צו זיין בעל־הבית, בין איך מיט מיין האַרבאַטע צו־געגאַנגען, אויף גאָטס בעראָטה, צום שמש און געבעטען פאַר אונז פלעטען.

ער האָט עפּיס מיט אַ זיס־זויער שמייכעלע אויף אונז אַ קוק געגעבען און נישט געענטפערט קיין וואָרט.—דערבאַרעמט זיך, זאָג איך צו איהם, אויף צוויי נפשות, קאַלעקעס, נעבעך. אַ גאַנצע וואָך קומט אין אונזער מויל קיין לעפעל געקעכטס נישט אַריין.

— נישטאָ מעהר קיין פלעטען, ענטפערט דער שמש, איהר האָט דאָך געזעהען, וואָס דאָ האָט זיך ערשט געטאָן. נישטאָ שוין וואָהין צו שיקען.

— נאָט אַ"ך, זאָג איך, און שטופּ דעם שמש אין דער האַנד אַ זעקסער, נעהמט, זייט מוחל, און דערבאַרעמט זיך אויף אונז, זייט אונז מחיה, איהר וועט האָבען אַ גרויסע מצוה.

—הער נאָר דו, רופט זיך אָן דער שמש שוין אַביסעל ווייכער־דיין געלד בעדאַרף איך נישט, איין פלעט געפינט זיך נאָך ביי מיר און קען איהם איינעם פון אייך געבען, אויב איהר ווילט, וואַרפט צווישען אייך גורל.

—גיט איהר, איהר גיט!—בעט איך ווייז אָן אויף דער האָרבאַטע.

—איהם גיט, איהם!—בעט די האָרבאַטע און ווייזט אויף מיר—ניין, ניין, איך וועל דעם פלעט אָסור־חזיר נישט נעהמען!

אַ היבשע צייט איז אַוועקגעגאַנגען מיט בעטען און דינגען זיך, איינער דעם אַנדערען האָבען מיר איינגערעדט צו נעהמען דעם פלעט און איטליכער פון אונז האָט זיך אָבגעזאָגט, געשוואוירען, ער וועט עס בשום־אופן נישט נעהמען. דעם שמש האָט די זאַך עפּיס הנאה געטאָן. ער האָט געגלעט דאָס בערדיל און געקוקט אויף אונז זעהר פריינדליך.

— ווייסט איהר וואָס? רופט ער זיך אָן, נאָך מעריב זאָלטביידע שטעהן אין פאָלעש נעבען דער טיר. אַז דער עולם וועט געהן פונ'ם דאַווענען, וועלען זיך מסתמא געפינען יודען, אייך צו נעהמען אויף שבת. איך וועל פאַר אייך אויך בעטען.

אַזוי איז טאַקי געווען. נאָכ'ן דאַווענען פרייטאָג צו נאַכט, אַז דער עולם איז געגאַנגען פון דער שול, האָט דער שמש זיך געווענדעט צו צוויי בעלי־הבתים אין פאָלעש און זיי געבעטען, ווייזענדיג אויף אונז, צו נעהמען אורחים אויף שבת.—איך האָב, כ'לעבען, שוין קיין האַרץ נישט געהאַט, האָט ער זיך פאַרענטפערט, צו שיקען אייך היינט פלע־

מען. איך לאָז אייך נישט אוים כמעט אַלע וואָך. נאָר אויב אייער גוטער ווילען איז, נעהמט אָט די דאָזיגע אָרמעלייט.

— אָך! — האָבען ביידע זיך אָנגערופען — וועלכער יוד זאָגט זיך עס אָב פון איין אורח אויף שבת? איין טאָג אין דער וואָך איז דאָ, וואָס אַ יוד קען האָטש אַביסעל עטהמען, פאַר וואָס זאָל ער אין דעם הייליגען טאָג אויך נישט מחיה זיין נויטבעדערפטיגע, נעבעך, און טיילען זיך דערמיט, וואָס גאָט האָט געגעבען? מיר בעטען אייך, שמש, אַלע וואָך, אַלע וואָך טאַקי זאָלט איהר אין אונז נישט פאַרגעסען.

די ביידע בעלי־הבתים זענען געגאַנגען פאָראוים, אַרום זיי קינ־דערלעך—יונגעלעך, בחורים, אויסגעצוואָגענע און אָנגעטאָן שבת׳דיג. אַלע האָבען געשיינט און געשמועסט צווישען זיך פרעהליך. מען האָט געזעהען בעשיינפערליך, אַז אין זיי איז דאָ די נשמה־יתירה, דעם יודענס צווייטע שבת׳דיגע נשמה. איך מיט מיין האָרבאַטע זענען נאָכ־געגאַנגען שטיל פון הינטען און ביידע געווען עפים צופרידען.

—גוט שבת!—האָט מיין בעל־הבית, אַריינקומענדיג אין שטוב, געזאָגט פרעהליך דעם ווייב, וואָס איז געזעסען אויף אַ ביינקעל ריין, קלאָר אָנגעטאָן און געלויכטען ווי אַ פרינצעסין. אויפ׳ן שוים ביי איהר האָט זיך געשפּילט אַ קליין קינד נאָר אַ ליאַלקע און ביי די זייטען זענען געשפּרונגען צוויי שענע אויסגעפּוצטע מיידעלעך.—גאָט האָט מיר בעשעהרט אַ אורח אויף שבת. זיסט, מיין ווייב, וואָלסט־דו דאָך מיך אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט—לאָזט עד אוים מיט אַ שמייכעלע אין נעהמט זיך זאָגען הויך אויף אַ קול „שלום עליכם!״ געהענדיג איבער דער שטוב אַהין און אַהער. ביי „אשת חיל״ האָט ער זיך געשטעלט, זינגענדיג מיט אַ ניגון, אַקעגען דעם ווייב, גענומען דאָס קליינע קינד צו זיך אויף די הענד און עס געקושט, געהאַלזט, בשעת די איבעריגע קליינע קינדער האָבען זיך איהם געהאַנגען פון אַלע זייטען לעבעדיג־פרעהליך. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין שטוב זענען טאַקי געקומען די גוטע הייליגע מלאכים פונ׳ם „שלום עליכם״.—איך דערצעהל עס אייך דאָ אַזוי, ווייל דענסטמאָל האָט מיר דאָס האַרץ עפּים שטאַרק געצויגען און געצויגען צו מיין האָרבאַטע מיידעל.....

מיין בעל־הבית, ווי עס האָט אויסגעזעהען, איז געווען פון מיטלען שטאַנד. די בענשליכט האָבען געברענט אין ריין אויסגעפּוצטע לייכטער, איך ווייס נישט—פון אמת׳ן אָדער פון וואַרשאַווער זילבער. דער טיש איז געווען געגרייט מיט פאַרצעלייענע טעלער און די

קוּליטשען איבערגעדעקט מיט אַ געשטיקט טישטיכעל. אַ פלעשעל ווײַן האָט געפינקעלט אויפ׳ן טיש, פון וועלכען איטליכער האָט קידוש געמאַכט. בײַם עסען האָט די בעל־הבית׳טע מיר געגעבען אַלצדינג גענוג און זיך אַלץ געבעטען, אונטערגעטריבען, זיך נישט צו שעהמען און עסען. ס׳איז געווען גאַנץ גוט. נאָר מיר איז אַביסעל נישט אײַנגעגאַנגען, אַז איך האָב בײַ איטליכם שטיקעל פיש, בײַ איטליכען זופ לאָקשען, בײַ איטליכען ביסען פלייש און צימעס, מיך דערמאָנט אין איהר. ווער ווייסט, אויב זי, נעבעך, האָט דאָרט אַזאַ וואוילטיג ווי איך. נאָך דעם עסען האָט מען מיך געבעטען אויף נאַכטלעגער.—לאָז ער בלײַבען דאָ נעכטיגען, האָט די בעל־הבית׳טע שטילערהייט געזאָגט צו דעם מאַן. וואוהין וועט ער געהן אַהין, אין דעם שענעם הקדש, אין דעם שטאַל, לאָז ער חאָטש אַ נאַכט אַביסעל זיך אויסרוהען,—נאָך נעכטיגער נאַכט, נישט היינט־געדאַכט, איז מיר טאַקי שטאַרק נייטיג געווען אויס־צורוהען זיך, אפשר נאָך נייטיגער פון עסען, עס וואָלט געווען גאָר אַדערקוויקעניש, צו ליגען דאָ אין אַ וואַרמער שטוב אויף אַ קישען און אויסגלייכען זיך אַביסעל די ביינער. נאָר איך האָב מיך אָבער דער־מאָנט אין איהר און מיט אַ שענעם דאַנק זיך אָבגעזאָגט פון נאַכטלעגער. זי האָט געגעסען שבת אויף דעם אייגענעם הויף טאַקי אין אַ שטוב. איך בין אַריין אַהין נאָך איהר, האָב זי גענומען און מיט איהר באַלד אַוועקגעגאַנגען.

אין דרויסען איז געווען ליכטיג, שען. די לבנה האָט געשײַנט און ס׳איז געווען מחיה גוט צו געהן.

— קום! האָב איך צו איהר געזאָגט, קום, לאָמיר אַביסעל שפּאַצירען, אין הקדש אַריין איז עפּיס נישטאָ אַזוי וואָס זיך צו אײַלען.

דערמאָנענדיג זיך אין דעם הקדש, איז מיר אַ פראָסט איבער דעם לײַב איבערגעגאַנגען. יענער אַלטער יוד, דער קראַנקער, וואָס האָט נעכטען דאָרט בײַ נאַכט אַזוי געקרעכצט, האָט פון מאָרגען פריה געהאַט די גסיסה, געפּאָכט מיט דער נשמה—און איז נאָך ליכטבענ־שען געשטאָרבען. מען האָט איהם געלעגט איבער שבת אין הויז, דאָרט וואו איך האָב בעדאַרפט נעכטיגען.

מיר זענען געגאַנגען און פערגאַנגען ערגיץ אין אַ געסיל מיט גערטנער און בוימער, וואָס האָבען אַרויסגעגעבען געשמאַקע ריחות. אומעטום איז געווען שטיל, מען האָט נישט געהערט קיין שאָרך, אַלע אין שטעדטיל האָבען, ווי דער שטייגער פון יודען פרייטאָג צו נאַכט

נאָך דער וועטשערע, שוין לאַנג געשלאָפען, מיר האָבען זיך געזעצט אויפ׳ן גראָז ערגיץ אין אַ ווינקעל, נעבען אַ פּליט.

מיר זיצען ביידע, קוקען אַ היבשע צייט און שווייגען. איטליכער פון אונז איז פערטראַכט. מיין האַרבאַטע טהוט דערנאָך אַ זיפץ טיעף פונ׳ם האַרצען און ברומט שטילערהייט פאַר זיך זעהר טרויעריג דאָס בעקאַנטע לידעל:

דער טאַטע האָט מיך געקוילעט,
די מאַמע האָט מיך געגעסען...

איך גיב אַ בליק, טרעהרען גיסען איהר זיך פון די אויגען. עס פלאַמט איהר דאָס פּנים, זי קוקט אויף מיר און שמייכעלט זעהר בעטריבט. די כּוחות האָט זי מיר אַרויסגענומען מיט איהר קוק דענסטמאָל אויף מיר. עס האָט מיר פאַרקלעהמט דאָס האַרץ, געקלאַפּט חי מיט האַמערס אין די שלייפען. איך ווייס נישט, וואָס טהוט זיך אָזוינס מיט מיר און... צום ערשטען מאָל חאַפּט זיך מיר עפּיס אַליין פונ׳ם מויל אַרויס: „נשמה מיינע!״... — אי, פישקע, זאָגט זי שטיל און וואַרגט זיך מיט טרעהרען, איך וועל עס נישט אויסהאַלטען. אַי, שטעה איך עס אַביסעל פון איהם אוים! —

— פון וועמען? — רוף איך מיך אָנ׳עט אָנגעצונדען — פון איהם? פון דעם ממזר? אַ קיינק איהם אין די ביינער אַיאַן!

— אַי דו זאָלסט וויסען, פישקע, דו זאָלסט וויסען!...

איך נעהם זי אָנ׳עט ביי דער האַנד, ביים קאָפּ און בעט זי מיט טרעהרען אין די אויגען, מיר אויסצוגיסען איהר שווער, ביטער האַרץ. זי לעגט אַרויף ביידע הענד אויפ׳ן פּנים, בייגט זיך אָנ׳עט נאָהענט צו מיר און גיט מיר איבער אויף אַ ציטערדיג קול, מעהר אויף דעם וואונק, עפּיס אַזוינס, אַז דער רוח מעג טאַקי חאַפּען דעם ממזר, ער זאָל קיין תחית־המתים נישט אויפשטעהן! —

יט.

פישקע איז זייטער געבליבען שטיל, עפּיס שטאַרק צוקאָכט און פּעראַומערט. און בכדי איהם בעריידעוודיג צו מאַכען, אַרויסצודער־טאַפּען ביי איהם אַלצדינג, וואָס מיר האָט זיך געגלוסט צו־וויסען, הויב איך איהם אָן אונטערצוהידען, אַביסעל צו רייצען און טהו אַ זאָג אַזוי:

— דו האָסט נאָך גאָר נישט געזאָגט, פּישקע, אויב דיין האָר־באַטע איז אַ שען מיידיל. וואָס קען, דאַכט זיך, אַ האָרבאַטע מיידיל אַזוי געפעלען!

— וואָס הייסט! — מאַכט פישקע שטאַרק אויפגעבראַכט — ווער רעדט ביי אַ יודישער טאָכטער פון שענקייט! אַז זי איז שען, איז זי פאַר זיך שען, וועמען געהט עס אָן׳עט? די האָרבאַטע איז אמת טאַקי נאָר ניט קיין מיאוסע, אַ פּנים, אַ קאָפּ מיט האָר מלא חן, אויגען אַ פּאָר האָט זי, נאָר בריליאַנטען. נאָר וואָס וואָלט מיך דען אַלצדינג אָנגעגאַנגען?... עפּיס אַ שאָלטיק בין איך, אין זינען צו האָבען אַזעלכע זאַכען, נאָבצוליפען שענע נקבות?... נאַרישקייטען!... מיך האָט גע־נומען איהר גוטסקייט, איהר גוטסקייט, דאָס רחמנות האָבען איהרס אויף מיר, ווי אַ שוועסטער, און ווידער צוריק, דאָס רחמנות האָבען מיינס אויף איהר, ווי אַ ברודער אין דער נויט, — אָט וואָס!...

— מילא, וואָס מאַכט עס אויס? — רופט זיך אַלטער אָן — ווי זאָגט מען עפּיס: לאָז זיך זיין פון טייוועל, אַבי עס זאָל הייסען פּייבעל... בקיצור, האָט זי דיר איבערגעגעבען עפּיס אַזוינס. נו פּישקע, וואָס־זשע איז דאָס עפּיס אַזוינס, נו, נו, נו!

אַלטער טרייבט אונטער אויף זיין שטייגער פּישקע הויבט אָן אויף זיין שטייגער, איך העלף איהם אונטער, בעסער־אויס אויף מיין שטייגער און די מעשה דערצעהלט זיך ווייטער אַזוי:

— קנייפּען האָב איך שוין לאַנג בעמערקט, ווי דער ממזר,

קינק איהם אין די ביינער אַיִן! פלעגט קנייפּען אַמאָל די האָר־באָמע, נעבעך. איך האָב געמיינט, דאָס וועגען זיך גלאַט אַזוי קניפּ פון אַ רשע, וואָס שלאָגט, פּייניגט אַ מענשען, נעבעך. נאָר ווי עס האָט זיך פון איהר קלאָגען־זיך דענסטמאָל פאַר מיר דערוויזען, וועגען דאָס געווען גאָר אַנדערע מיני קניפּ. עס האָט געהאַט עפּיס נאָר אַיִין אַנדער טעם... פע! יצר־הרע־קניפּ... דער ממזר פלעגט זיך צו איהר שטאַרק טשעפּען. ער פלעגט זי ניט לאָזען צורוה. האָט ער זי דערטאַפּט אַמאָל ערגיץ אַליין, איז ער צו איהר צוגעשטאַנען מיט זיסע ריידעלעך, אַזוי און אַזוי, גערעדט פאַר פייער, פאַר וואַסער, צוגעזאָגט גילדענע בערג. און אַז איהם האָט נישט געהאָלפען מיט גוטען, האָט ער אָנגעהויבען מיט בייזען, געמאַכט אַ מורא, ער וועט איהר פערביטערן דאָס לעבען, אַרויסלאָזען אויף איהר אַ שלעכטען רוף און איהר טאָן צום טויט, און דערביי טאַקי זיך געפריפט אַ חאַפּ טאָן זי מיט נחאַלד. געענדיגט האָט זיך עס געוועהנטליך דערמיט, וואָס זי פלעגט זיך אויסרייסען פון זיינע הענד, איהם דערלאַנגען אַ מאָל נאָך אַ זעץ אין בויך, אַז דער רוח האָט איהם גענומען. ער פלעגט עס איהר בעצאָה־לען דערנאָך מיט פּראָצענט, זי פּייניגען מיט אַרבייט און אויסרייסען איהר שטיקער פליש. שפּעטער אַ ביסעל האָט דאָס אייגענע טאַקי זיך אָנגעהויבען ווידער אויף דאָס ניי, ווייטער מיט גוטען, ווייטער מיט בייזען. וואָס מעהר זי האָט איהם געוויבען, איז ער אַלץ מעהר צו איהר צוגעשטאַנען, און פערביינגעהענדיג אַמאָל פלעגט ער זי פאַר מענשען אַ טאַרקע טאָן, קלאָמפּערשט אומגערן, אויך דערלאַנגען אַ קניפּ, גלאַט אַזוי זיך.

אזעלכע מיאוסע מעשׂיות מיט איהר האָבען זיך געמאַכט זעהר אָפט, וואָס איך וויל זיי פאַר דעם מויל נישט ברענגען, נאָר די נעבּ־מינע איז געווען פע, פע, אַ שרעק! נעכטען ביי נאַכט נאָך דער ביזער מהומה אין הקדש, אַז דער גאַנצער עולם דאָרט האָט שוין געשלאָפען און זי, די האָרבאַטע, נעבעך. האָט איינגעהייקערט איך צעהנטען נישט ווייט פון דער טיר, אין אַ ווינקעלע אויף גערדעטעלט. וועקט זי פלוצלים אויף עפּיס אַ שושקען איהר אין אויער אַריין. דאָס איז געווען דער ממזר. — דיר, נעבעך. איז שלעכט דאָ צו ליגען, רעדט ער צו איהר מיט רחמנות, קום, איך האָב פאַר דיר זעהר אַ גוט אָרט, וואו דו וועסט קענען זיך אַביסעל אויסרוהען, נעבעך. זי דאַנקט איהם זעהר שוין פאַר זיין גוט האַרץ און בעט איהם, צו גיין אין

זיין רוה אריין. ער הויבט אָנ׳עט זיינע אָנגשטעלטע אזוי און אזוי. ער נימט איהר אויך אָנצוזהעריעניש פון מיר, אז ער ווייסט, נישקשה, איהר מחותנה׳שאפט מיט מיר... ער שרעקט זי, אז קייען וועט זי פון איהם די ערד און מיר וועט ער דערגעהן דעם עק, דער רוח נעהמט איהם, דעם ממזר, און מאכט אוים איהם א חיה־רעה און א לעמעלע צוגלייך אין איין צייט. ער איז גוט, ער איז שלעכט, ער ווערט א שיינער און... האפט א טראך אין באק, אז די צייהן פאלען איהם שיער נישט ארויס. עס צושפילט זיך אין איהם די רציחה, ער טהוט זי א נעהם חי א גזלן און גיט זי א שליידער אין הויז אריין. וואס ווייטער איז געווען, ווייסט איהר דאך שוין.

נאך דעם וואס די הארבאטע, נעבעך, האט מיר איבערגעגעבען דענסטמאל, זיצענדיג מיט מיר אויפ׳ן גראז, בין איך א היבשע צייט געבליבען ווי דערשלאָגען, אָהן לשון. נאר אינווענינג האט עס מיך געצופט, געגעסען ווי א וואָרעם. עס האט מיך געגעסען א ברענענדיג געפיהל פון כעס אויף דעם ממזר, א הייס זודיג געפיהל פון רחמנות אויף איהר, נעבעך, און נאך עפים אזעלכם גאר אָהן א נאָמען, וואס האט מיך געצויגען, געצויגען... און אָנגעהאפט ביים הארצען. פלוצלים האט עס מיר געגעבען א שטארקען ציה, אזוי, אז דאס הארץ איז מיר שיער נישט ארויסגעפאלען. איך נעהם זי אָן ביי דער האנד, וואס איז נאך געלעגען אויף איהר פנים און טהו א זאָג עפים נישט מיט מיין קול:

— נשמה מיינע! דאס לעבען וועל איך פאר דיר אוועקגעבען.

— אָך, פישקע! — זאָגט זי מיט א זיפץ, טהוט זיך א רוק נעהענטער צו מיר און שפארט אָן דעם שטערען מיר אויפ׳ן אקסעל.

עס ווערט מיר עפים ליכטיג אין די אויגען, ווארם מחיה אין אלע מיינע גלידער. איך רעד און נעהם זי איין ווי א געטרייע שוועסטער מיט גוטע ווערטער. טרייסט זי: נישקשה, גאָט וועט העלפען! און שווער איהר, אז לעבּינ וועל איך איהר זיין א געטרייער ברודער. זי קוקט מיר אריין אין די אויגען, טהוט דערנאָך א זיס שמייכעלע און זאָגט, אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ:

— איך ווייס נישט, פאר וואס, פישקע! מיר איז אצונד עפים גוט אויפ׳ן הארצען. עס גלוסט זיך מיר לעבען...

א היבשע צייט האבען מיר אוועקגעשמועסט מיט א גרינג הארץ און זיך געמאכט האפנונגען, ווי גאט קען העלפען, מיר זאָלען נאך

אַ מאָל אויפגעריכט ווערען ווי מיר ביידע ווינשען. פלוצלים הערט זיך נישט ווייט פון אונז אַביסעל אין דער זייט עפּיס אַ קלאַפּען. איך קוק מיך אַרום, לאָז מיר געהן פּאַמעליך עטליכע טריט האַרט נעבען דעם פּלייט אין שאָטען און דערזעה אויף יענער זייט געסיל אַקעגען עפּיס אַ געשטאַלט פון אַ מענשען, וואָס באַרבעט זיך איבער אַ קעלער. עפּיס האָט עס מיר אינעווייניג געטראָגען, געשטופּט ווייטער אויף אַ פּאָר טריט, גוט צוקוקענדיג זיך און... אַ קוינק איהם אין די ביינער אַיאַן! דאָס איז געווען דער ממזר, ער דרעהט אָב דאָס שלעסעל און ווערט באַלד פערשוואונדען אין קעלער אַריין, אַרויסצוגנבה׳נען אַלצדינג, וואָס מען שטעלט געוועהנטליך אַראָב אַהין אויף שבת. ווי אַ בליץ לויפט אין מיר דורך אַ געדאַנק: פישקע! אַ צונד זיי זיך אין איהם נוקם פאַר דיר און פאַר דער האָרבאַטע, נעבעך. אַצונד האָסט דו צייט, גיכער מאַך צו די טיר פונ׳ם קעלער און לאָז ער ליגען דאָרט געפאַנגען ווי אַ בער אין דער נעץ, ביז מען וועט איהם מאָרגען דערטאַפּען, איהם ברעכען אַ ביין און געבען זיין פּסק. ערשט דענסטמאָל האָב איך געפיהלט דעם טעם פון נוקם זיך זיין, ווי גוט, ווי געשמאַק דאָס איז; עס האָט אין מיר געקאָכט דאָס בלוט און איך בין געווען דול ווי אַ שכור. צו־לויפען צום קעלער, אַ נעהם טאָן די טיר און צומאַכען זי מיט אַ קלאַפּ — דאָס האָט נישט געדויערט קיין סך צייט. אַצונד ליג דאָ בעגראָבען ווי אַ הונט! זאָג איך אַליין צו מיר מיט אַ לעבעלע. טהו אַ נעהם די קליאַמקע און וויל פאַרשטעקען, דער סקאָבעל אָבער איז אָבגעבויגען אין דער זייט. איך ציה, שלעפּ, אומזיסט! עס שטעהט נישט צו. איך טהו מיר אָן אַ כּוח, דערלאַנג אַ ציה מיט ביידע הענד און אָט־אָט האַלט עס שוין אויף אַ שטייגער — פלוצלים טהוט זיך אַ עפען מיט אימפּעט די טיר פון אַ געזונטען שלעפּ אינוועניג און איך פליה אַריין אין קעלער, אָנשלאָגענדיג זיך מיט דעם ממזר דאָרט אויפ׳ן טרעפּיל. — אַזוי, ר׳ פישעל! מאַכט דער ממזר נאָכדעם ווי מיר זענען געשטאַנען אַ ווילע איינער אַקעגען דעם אַנדערען שטיל, — דאָס האָסט־דו מיט דיין כבוד אַליין זיך דאָ געפּאָרעט מיט דער טיר און געוואָלט צוליעב מיר מחלל שבת זיין! זעהר אָנגעלעגט, כ׳לעבען, קום, קעצעלע אַ ביסעל אַראָב אונטען און לאָמיר דיך חאָטש אַביסעל מכבד זיין... ער טהוט מיך אַ שטופּ פון די טרעפּ אַראָפּ, איך ברעך שיער נישט האַלז און געניק און ציה מיך אויס אויף דער ערד. „אַצונד, מקבל מיינער, נאַ דיר דערווייל אַ אויפגאָב“. דערלאַנגט ער מיר אַ גוטען

זעץ אין רוקן: — ווערסט שוין נישט קראַנק זיין צו וואַרטן אַביסעל ביז איך וועל פאַרנעמען צו מיר אין טאָרבעלע דאָס געבראָטענע היהנדעל, דעם פאַלומעשיק פיש מיט דעם שיסעל פעטשע, וואָס איך האָב אין איילעניש איבער דיר דאָ איבערגעלאָזט. עס האָט נישט געדויערט קיין רגע, גיט ער מיר ווייטער אַ זעץ.

— צעהל, פישקע! זאָגט ער, נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי, פיער, פינף... דאָס האָסט־דו דיר פאַר מיר. אַצונד לעג איך דיר אַ קנייטיל פאַר דער האָרבאַטער. צעהל פישקע! נישט ניין, נישט צעהן... וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג אַרומשלעפען זיך מיט אַ מיידיל ביי־נאַכט אין פערבאָרגענע ערטער! — נישט צוועלף, נישט דרייצעהן... איך האָב דיך, נישקשה, געזעהען פריהער, אַרומשפאַצירענדיג מיט איהר אין הינטערגעסלעך... נישט זעכצעהן, דאַכט זיך, נישט זיבעצעהן. — עס האָט אין מיר זיך אָנגעצונדען דאָס בלוט פון זיינע לעצטע ווערטער.

— ממזר! טהו איך אַ געשריי, דו ביסט נישט ווערטה צו דער־מאָנען איהר נאָמען, — שפּרינג דערביי טאַקי געשווינד אויף און עס־זיך אין איהם איין מיט די ציינער. ס׳איז אַ מלחמה! איך מיט די ציינער, ער מיט די הענד. ביידע האָבען זיך שרעקליך פיינד און איינער דעם אַנדערען וויל מאַכען דעם טויט. ער רייסט מיך מיט כּוח פון זיך אַוועק, האַלט מיך שטייף אין די הענד, קוועטשט מיך, אַ שרעק, און טהוט מיט מיר דערנאָך אַוואָרף וויט פון זיך, ווי מיט אַ קיילכעל.

— בענש גומל, זאָגט ער, וואָס מיט חסד. וואָס מיר קומט עפּיס נישט אויס, דיך דאָ צו בעל־דבר׳ן, בלייב דאָ, פישעלע, זיך אויסרוהען ביז מאָרגען. אָנשטאָט די געפילטע פיש וועלען זיי מאָרגען האָבען אַ לעבעדיג פישעלע... אַ גוטע נאַכט! וואָס זאָגסט דו אָן עפּיס צום ווייב? זי וועט נאָך היינט בעקומען דעם גרוס...

מיט די דאָזיגע ווערטער געהט ער אַוועק און פערמאַכט די טיר.

די ערשטע זאַך מיינע, אַז איך בין צו־זיך געקומען, איז געווען צו געהן צו דער טיר. איך רייס זי און רייס, אומזיסט די מיה, זי איז גוט פאַרשטעקט פון דרויסען. איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן. קלאַפּען שטאַרק האָב איך מורא, מען זאָל נישט דערהערען און אַזוי בלייבען איז אויך שלעכט. איך שטעה און דער קאָפּ דרעהט זיך מיר

פאר שרעק, פאר כעס, פאר וועהטאג און יסורים פון די פרישע קלעפ. איך געה אראב פון די טרעפ, טהו מיך א ווארף אויף דער ערד און ליג אין איינע צרות. נאר דער געדאנק וואס מארגען וועט דא מיט מיר זיין, ווי מען וועט מיר מאכען דעם גוטען „ברוך=הבא“ און זיך צוהיפלויפען אנקוקען דעם גנב; עס וועט הייסען, מען האט מיך געתפסט, מיט טויזענט אויסגעטראכטע מעשיות דערצו, ווער אין גאט גלויבט וועט מיך שלאגען און עס וועט נישט העלפען פון מיין זייט קיין שום תירוץ — אט דער דאזיגער געדאנק האט מיר געענגבערט אין קאפ, ווי מיט איין ענגבער, און מיך נישט געלאזט איינליגען. נאר אין מיטען=דרינען דאכט זיך מיר, ווי עס דראפעט זיך עפים אויף מיר. איך שטרעק אויס די האנד און חאפ=אנ׳עט א שטשער, וואס גליטשט מיר זיך פלינק ארויס פון צווישען די פינגער מיט א פישטש. איך שפרינג=אויף פאר שרעק, עס ווערט מיר נישט גוט און עס בעשלאגט מיך א קאלטער שווייס. האלטענדיג זיך קוים אויף די פיס, טאפ איך אנ׳עט אין דער פינסטער א קאלטע, פייכטע וואנד, צו וועלכער איך רוק מיך צו. איך שטעה אזוי אנגעשפארט אין דער וואנד און טראכט מיט אביטער הארץ: רבונו של עולם, וואס איז דאס פאר א לעבען? פאר וואס שטראפסט=דו מיך אזוי? וואלט דען נישט בעסער געווען פאר מיר, פאר דער וועלט, אז איך זאל גאר נישט געווען געבוירען ווערען? פאר וואס קומט מיר עס אזוי... אזוי מיך צו בעליידיגען? — ביי דעם דאזיגען געדאנק ברעכט מיר דאס הארץ און איך בעהאלט מיך מיט טרעהרען. עס וויינט זיך מיר און עס טראכט זיך: רבונו של עולם, וואו ביסט=דו?! איך בלייב דערנאך שטעהן דערשלאגען, נישט צו=וויסען, וואס מיט מיר טהוט זיך, עפים ווי א גולם. פלוצלים גיט א סקריפ די טיר, א שמאלער ליכטיגער פאס שיינט אריין מיר פאר די אויגען און עס הערט זיך טריט, ווי עמיצער געהט שטיל אויף די טרעפלעך. די האר שטעלען זיך מיר קאפויר פאר שרעק, אט, אט טהוט מען מיר א חאפ און מען רעכענט זיך מיט מיר אב ווי מיט א גנב. און ווי איך שטעה אזוי אין שרעק און ציטערניש, האלטענדיג אראבגעלאזען דעם קאפ — הער איך ווי מען רופט שטילערהייט מיך ביים נאמען: פישקע, פישקע, — און טאקי באלד דערזעה איך נעבען מיר זי, די הארבאטע. איך ווער לעבעדיג און טהו א געשריי פאר גרויס פרייד.

— שא! מאכט זי אנגעהטענדיג מיך ביי דער האנד, קום גיכער אוועק פון דאנען.

— נשמה, דו האָסט מיך דערהאַלטען ביים לעבען! שריי איך שטאַרק צומישט פאַר שמחה. און — איך בין זיך מודה, צום ערשטען מאָל, אונטען אין קעלער — טהו איך איהר אַ קוש...

איך פרעג זי, ווי אַרום זי האָט זיך אַהער געגומען? זי אָבער בעט מיך שווייגען, דערמאָנט מיר, אַז מיר געפינען זיך ביי נאַכט אין אַ פרעמדען קעלער.

— קום גיכער, וועסט וויסען אַלצדינג אַביסעל שפעטער — אַזוי זאָגט זי און פיהרט מיך ביי דער האַנד אַרויס אויף דער גאַס.

געהענדיג אויפ׳ן וועג, האָט זי מיר עס ערקלערט גאַר פשוט אַזוי: אין עטליכע רגע אַרום נאָך מיין אַוועקגאַנג האָט איהר עפּיס דאָס האַרץ געזאָגט, ס׳איז נישט גלאַט, מען בעדאַרף געהן זעהן, וואו איך בין. זי קומט צו ביז צום עק פונ׳ם פּלייט, קוקט אין אַלע זייטען און דערזעהט אויף יענער זייט גאַס אַקעגען שטעהט עמיצער איינגע-בויגען נעבען אַ דעכיל און באַברעט זיך עפּיס. טראַכטענדיג, אַז דאָס בין איך, לאָזט זי זיך געהן ווייטער און צוקומענדיג נאָהענט האָרכט זי עפּיס ווערטער: „אַצונד, ר׳ פישעל, ליג דאָ אין קרענק ווי אַ הונד, ס׳איז שוין גוט פאַרשטעקט, נישקשה״. עס ווערט איהר טונקעל אין די אויגען און זי בלייבט שטעהן פערדולט. פלוצלים וואַקסט פאַר איהר אויף דער ממזר, טהוט זי אַ קניפּ און מאַכט דערביי מיט אַ שמיי-כעלע: „גוט שבת. סקאָציל קומט, רביצין! אַ שען מיידעלע, נישקשה! שלעפט זיך ביי נאַכט איבער די גאַסען און נאָך קלאָמפּערשט פרום... אַ היים געה, חצופה, הולטייקע איינע!״ ער טהוט זי אַ שטופּ מיט דער קניע אין רוקען און זי מוז מיט איהם געהן, נישט צו רעדען קיין וואָרט. אויפ׳ן וועג קוקט ער זיך אַלץ אַרום, איבערלייגענ-דיג די פול אָנגעשטאָפּטע טאָרבע פון איין אַקסעל אויפ׳ן אַנדערען, פאַרגעסט נישט דערביי אויך צו שפּעטען און צו מאַכען מיט איהר זיינע אָנשטעלען. זי געהט, נעבעך, שטאַרק פאַראומערט, פערזאָרגט. זי ווייסט, אַז איך געפין מיך אין אַ שלעכטער לאַגע, אוממעגליך מיר צו העלפען, אַז דער ממזר האַלט זי נעבען זיך און לאָזט פון איהר קיין אויג נישט אָב. פּלוצים גיבען זיך אַ וויז אַ קומפּאַניע יודען, וואָס געהען פון אַ בן-זכר לעבעדיג-פרעהליך און רעדען, לאַכען הויך אויף אַ קול, ווי דער שטייגער פון יודישע קינדער. מען לאַכט עפּיס פון איינעם, וואָס האָט זיך פאַרגעסען און געטראָגען דאָס פּאַטשיילכען אום שבת. דער ממזר נעהמט זיך געשווינד אין דער זייט, דרעהט זיך אין איילעניש

און תשפט זיך אריין אין אַ שטאַל געסיל. מיין האָרבאַטע חאַפט דער=
תיל איך, אַנטלויפט אין דער אַנדערער זייט און ווערט אַנטרונען.
עס פאַרשטעהט זיך, זי לויפט געשווינד מיך אַרויסצונעהמען פון
דער קלעהם. נאָר שטעלט איך פאַר איהר האַרצוועהטאָג, אַז זי פער=
דריעהט זיך לופּעדרית אין געפּלעך, און קען נישט טרעפען צום אָרט,
ווי מיר זענען פריהער געזעסען? זי ווייסט, אַז איך בין אין אַ גרוי=
סער סכנה, מען בעדאַרף מיך גיכער בעפרייען, איין רגע איז אַצונד
טייער און דאָ דרעהט זי זיך און ווייסט נישט צו מיר דעם וועג!...
אַ היבשע צייט האָט אַזוי געדויערט, ביז גאָט האָט געהאָלפען, זי האָט
געפונען דעם קעלער און מיך בעפרייט.
מיר געהען אַזוי ביידע און רעדען מיט אַ פרעהליך געמיטה.
איך איהר: נשמה מיינע! דו ביסט מיר היינט בייגעשטאַנען אין די
נויטען. און זי מיר: פישקע! דו האָסט מיר געדינט ווי אַ ברודער
געטרייען, געדיינקסט=דו, דאָרט אין הויז, ביי נאַכט, נעכטען... נאָר נישט
ווייט שוין פון הקדש בעפאַלט אונז אַ מרה=שחורה און עס נעהמט
אונז אָב דאָס לשון. דאָס האַרץ האָט אונז געזאָגט, אַז מיר געהען
נישט אויף קיין גוטס, עפּיס גלאַט וועט שוין די היינטיגע נאַכט אַזוי
נישט אָבלויפען.
איין העלפט טויער פונ'ם הקדש איז געווען צוגעמאַכט, די
אַנדערע העלפט אָביסעל אָפען, אַזוי אַז אין דעם הויז האָט פון דער
גאַס אַריינגעשיינט אַ ליכט. צוקומענדיג צום טויער שטעלען מיר זיך
אַ ווייל אַנידער מיט אַ פּעדקלעהמט האַרץ, דערנאָך נעהם איך מיך
צום ערשטען אַריינצוגעהן שטיל. קוים שטעק איך אַריין דעם קאָפּ אין
הויז, דערזעה איך, כמעט טאַקי אין דעם טויער, דעם ממזר, ווי ער
זיצט זיך אָנגעלעהענט מיט מיין ווייב, פרעסען פון דער טאָרבע און
כהיעען זיך וואויל. דער ממזר שושקעט איהר עפּיס אין אויער אַריין
און ווערט באַלד ווי אויסגעטריקענט. זי שטעהט אויף אין איין בעס
און חאַפּט זיך אויף מיר אַרויף מיט אַ מויל: דו אַזוינער און אַזוינער,
אין דיין טאַטענס טאַטען אַריין! דו ווערסט עס ביי מיר די גאַנצע
נעכט מיט אַזאַ הולטייקע, אַזאַ דראַבקע אַרומשאַרלאַטאַנעווען? דו
מיינסט אפשר, איך ווייס נישט דיינע מיאוסע גענג? איך ווייס,
בישקשה, אַלצדינג שוין לאַנג און שטיק, נעבעך, אין זיך, האָב
אַ פערפוילטע גאַל. אַזוי דאַנקסט דו עס מיר אָב פאַר מיין גוטסקייט,
וואָס איך האָב דיך אַרויסגעפיהרט אין דער וועלט, געמאַכט פון דיר

אַ לייט? ! דו מיינסט, כלב שבכלבים, דאָס וועט דיר געשענקט ווערען?
ניין! איך וועל דיר ווייזען, יונגאַטש איינער, אין דיין טאַטען אַריין, מיט דיין דראַבקע. אין איהר טאַטענס מאַמען און מאַמענס טאַטען אַריין! מיט איהר אינאיינעם וועל איך דיר ווייזען, ווער עלטער איז — נאַ, נאַ! הויבט זי אָן מיך צו שלאָגען — נאַ דיר פאַר היינט, פאַר נעכטען און פאַר פריהער, נאַ, נאַ, נאַ, די כפרה זאָלסט דו ווערען! —

איך רייס מיך קוים אַ לעבעדיגער פון איהרע הענד אַרויס און לויף אָפּ׳עט עטליכע טריט ווייט אויף דער גאַס. זי שטעהט נאָך אַ היבשע ווײַלע אין דרויסען און שרייט, דערנאָך געהט זי אַריין אין הויז און שרייענדיג: ליג ווי אַ הונד אין דר׳יכען, פערשפּאַרט זי פאַר מיר דעם טויער מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ

איך שטעה מיט דער האַרבאַטער, נעבעך, אין דרויסען און קוקען אונז אָן.ביידע זענען מיר שטאַרק בעטריבט, אונז ביידע איז אָנגעזאַלצען אויפ׳ן האַרצען דערפון, וואָס דאָ איז ערשט געשעהען. די צרות לאָזען אונז ביידע נישט איינשטעהן אויף איין אָרט און מיר לאָזען זיך געהן, וואוהין די אויגען קוקען, איינער מיט דעם אַנדערען נישט צו רעדען קיין וואָרט, ביידע פערטראַכט. אַז איך בין צו זיך געקומען, זעה איך, מיר געפינען זיך אויפ׳ן שוהלהויף. דאָס האַרץ האָט מיר געריסען קוקענדיג אויף דער האַרבאַטע, נעבעך, ווי זי ווערט עס פערשוואַרצט. די אַנדערע נאַכט, אַז זי האָט נישט קיין רוה. איך טראַכט ביי מיר, וואָס טהוט מען, וואו ערגיץ געפינט מען איהר אַ נאַכטלעגער? און עס פאַלט מיר איין זעהר אַ גוט אָרט — די ווייבערשע שוהל!

אַז גאָט האָט געהאָלפען, מיר זענען בשלום אַרויף, נאָך גרוים מיה, אויף אַ צעבראָכען טרעפּיל, וואָס האָט זיך געוויגט, געשאָקעלט אונטער אונזערע פיס און אין דער פינסטער אָנגעטאַפּט אַ אָפענע טיר, פאַלען מיר פלוצלים אויף עפּיס ווייכס. עס ווערט אַ גערודער, אַ שפּרינגעניש אַרום אונז, אויף אונז און איבער אונז. מיר כאַפּען קלעפּ, הינטען, אין די זייטען, נישט צו וויסען, פון וואַנען דאָס איז אונז געקומען. איך וואַרף מיך אַהין־אַהער, צאַפּעל מיט הענד און מיט פיס און כאַפּ אָן אַ באָרד. פון וועמען מיינט איהר? אַ באָרד פון אַ ציג!... דאָס זענען געווען ציגען, וואָס האָבען, ווי געוועהנטליך,

א חוקה צו נעכטיגען אינאיינעם מיט'ן קהל'שען צאפ אין דער מיי-גערשער שוהל.

— וואו ביסט-דו ערגיץ? — רוף איך מיין הארגאמע, — שרעק נישט, דא זענען, אהן עין-הרע, זעהר פיעל ציגען! נישט קיין ארים שטעדטיל, א פנים. איך זוך אויף, טרייב ארויס די ציגען, זיי זאלען היינטיגע נאכט מוחל זיין נעכטיגען אין דרויסען. אליין גיי איך טאקי באלד אויך ארויס, זאגענדיג איהר א גוטע נאכט, און מאך גום צו די מיר.

ביים ארויסגעהן פונ'ם מרעפיל שטעלט מיר זיך אקעגען דער צייט, אנגעבויגען דעם קאפ מיט די לאנגע הערנער, שטארק אנגע-דרודעלט דערפאר, וואס איך האב אזוי מיאוס בעליידיגט זיינע ווייבער. איך ראנגעל מיך מיט איהם שוועק א צייט, ער לאזט מיך נישט אפ און נעהמט מיר נאך פוס-טריט? ביז מיר איז געראטען, אריינצוהאפען זיך אונטען אין קלייזעל אריין.

אין קלייזעל ליגען אויף טיש און אויף בייכק אויסגעצויגען מקבלים און שלאפען ווי די פריצים, איבערפייפענדיג זיך מיט נעז צווישען זיך אויף אלערליי קולות. א מחיה געווען צו זעהן, ווי געשמאק, אהן עין-הרע, זיי זענען געשלאפען. מקבלים איז טאקי אויף דער וועלט גום. האב איך מיר געטראכט און זיי אין הארצען מקנא געווען. דאס זענען עפים נאר אנדערע מיני קבצנים, נגידישע... איך זוך מיך אויס א ערם אונטער'ן אויווען, טהו מיך א ווארף דארט אויף א באנק און ווער באלד אנשלאפען. נאר מיר איז אבער נישט בעשעהרט קיין נושם אויף דער וועלט. עס דויערט נישט לאנג, וועקט מען מיך אין רעכטען מיטען שלאף: יונגער מאן, שטעהט, זייט מוחל, אויף! איך רייב אויס די אויגען און דערזעה פאר מיר היבש יודען מיט ערענסטע פנים'ער. דאס זענען געווען פון דער חברה-תהלים מענשען, וואס קומען אלע שבת נאכט פריה זאגען תהלים און האבען זייער ארט דא אונטער'ן אויווען. אין ברירה, מען מוז אויפשטעהן. איך גיב אב נעגעלוואסער, זעץ מיך אנידער, קוים וואס איך האלט דעם קאפ. ציה מיך, גענעץ און זאג תהלים.

נאך דעם פסק, וועלכען איך האב יענעם פרייטאג צונאכט פון מיין ווייב געהאפט, איז שוין פארענטפערט געווארען אלצדינג, וואס איהר משוגענע אויפפיהרונג אקעגען מיר אין דער לעצטער צייט בעטייט. עס האט זי געברענט מיין חבר־זיין מיט דעם הארבאטע מיידיל, וואס דער ממזר האט עס איהר איבערגעגעבען מיט טויזענט אבגעטאקטע ליגען. ער האט בײ זיך געקלערט, אז דורכדעם וועט מיין ווייב מיך נישט וועלען מעהר קענען, א שפיי טאן אויף מיר און אנ׳עק. ס׳איז אבער געוועזן א פאלשע רעכנונג. אנשטאט דעם, זי זאל מיט א קאלטער לעבער מיך לאזען לויפען מיין וועג און אויף אייביג מיט מיר זיך צוגעהן, האט גאר אין איהר געברענט א העליש פייער. סטייטש, איהר מאן זאל אזוינס טאן! עפים א הארבאטע מיידעל זאל פישקען בעסער געפעלען פון איהר! דאס איז דאך אזא בעליי־דיגונג, וואס שווער אראבצושלינגען. ניין, מען קען אזוינס נישט דערלאזען.

— אי, די קשיא איז דאך, פאר וואס זי... דיינע, מיין איך, מיט דעם ממזר? — קען זיך אלטער נישט איינהאלטען און טהוט א פרעג מיט א גמרא־ניגון.

— זייט איהר, דאכט זיך, גאנץ גערעכט — ענטפערט פישקע — נאר אויף אזוי פיעל האב איך אין דער גלופסקער באד מיך אויסגעלערענט שכל צו פארשטעהן, אז דאס איז קיין קשיא נישט. וואו נאך ערגעץ ריכט מען פון איטליכען אב מעהר ווי אין דער באד? און ווער? דוקא אזעלבע, וואס האבען געמעגט, כ׳לעבען, טאקי שטומען. איינער, וואס האט קיין וואהר ווארט נישט, שפעט אוים יענעם, אז ער איז א ליגנער; א זעלכער, וואס מען טהאר איהם קיין גראשען נישט געטרויען, רעדט אויף יענעם, ער איז א גנב; א קארגער, וואס וועט פאר א פעניג זיך די אויגען ארויסנעהמען, לאכט: יענער איז א חזיר! א שלעכטער מענש, וואס האט א שטיינערן הארץ,

רופט יענעם רשע, און אַזוינער וואָס פּאַר אַ פּיצעל כּבוד איז ער פּאַרטיק אויף אַלצדינג, בערעדט יענעם, אַז ער לעכצט נאָך כּובד. בעריל דער שמייסער פּלעגט אַ מאָל צווישען זיך אין אַ שמועס, זיך אָנחאַפּען בּיים קאָפּ: אַי, אַי! איך פאַרשטעה נישט, ווי לעגט זיך עס די צונג אַבצוריכטען פון יענעם, וויסענדיג זעהר גוט בּיי זיך, אַז מען איז אַליין אַ גנב, אַ ליגנער, אַ חזיר, אַ שלעכטער, אַלצדינג וואָס אין דער קאָרט!

— הערסט־דו, חכם מיינער! פלעגט איהם אָבּענטפערען איציק דער הוטער, דאָס איז טאַקי די גאַנצע צרה, וואָס מען ווייסט נישט, זיינע פליי אין דער נאָז זעהט נישט קיינער און יענעמס אַ שפּריינקעלע איז דעם אַנדערען גרויס אין די אויגען.

שמעריל, איינער פון יענע בטלנים, וואָס האַלטען זיך אויף אין באָד, פּלעגט מאַכען מיט אַ שמייכעלע אָננעמענדיג זיך בּיים בערדיל: לאָזט זיך דינען, ר' בעריל! לאָזט זיך דינען, ר' איציק! איהר האָט בּיידע אַ טעות. דער אמת דערפון איז, ווי איך האָב דערקלערט, פּשוט אַזוי: איטליכער בּיי זיך מיינט, ער מעג, דער אַנדערער טהאָר נישט.

גערעכט, שמעריל! — לאָז איך אַרויס אויף אַ קול, אונטער־שפּרינגענדיג פון מיין אָרט און פאַרטראַכט מיך טאַקי, באַלד. שמערילס ווערטער האָבען אונטערגעגעבען ווייטער דעם טייפעל, וואָס ליגט אינווענינ בּיי איטליכען פון אונז, זינדיגע מענשען. ער חאַפּט זיך אויף אין מיר מיט אַ שטעכענדיג געלעכטעריל, גראַבּעלט מיך בּיים האַרצען, צוטראָגט מיר דעם מוח, אויפריהרענדיג דאָרט מיינע אַלע געדאַנקען און קראַצט אויך אויס עפּיס אַלטע מעשיות, פּאַרלעגערטע אין דעם זכּרון. עס ווערט אין מיר אַ קאָכעניש, אַ יריד פון אַלערליי מיני געשטאַלטען, וואָס זענען פּלוצלים ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסען, און אָנווייזענדיג אויף זיי רעדט אויס מיר דער רוח אַרויס שטאַרק פּערקרימענדיג זיך:

— אָט האָסט־דו דיר די אַלע שענע נפשות! זיי אַלע מעגען, מעגען, מעגען...

די דאָזיגע שענע נפשות דרעהען זיך אין דעם האַנדעל, אין שטעדטישע זאַכען, אין חברות, אין דעם יודישקייט און אין דער גאַנצער פּיהרונג. ווייבער און ווייבלעך אַלע סאָרטען, פון דער אַלטער און היינטיגער וועלט זענען אויך דאָ אויפן יריד. שלום עליכם,

פאַרשוינען! מאַך איך אַליין צו מיר. גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך בין גערן אייער פנים נישט אָנצוקוקן און דעם נאָמען אייערן מעהר פאַר דעם מויל נישט צו ברענגען. אַזוי נמאָס=ומאָוס זייט איהר מיר געוואָרען. נאָר וואָס קען מען טאָן? אַז דער שוואַרץ=יאָהר האָט אייך אַצונד געבראַכט צו טראָגען, קען מען אייך אַזוי נישט אָבלאָזען: מען מוז איהם צוליעב טאָן און פון איטליכען חאָטש עפּיס דערצעהלען.

— וואַרט אַביסעל, פישקע! האָט קיין פּאַראיבעל נישט, ר׳ אַלטער! רוף איך מיך אָן—איך האָב אייך עפּיס צו דערצעהלען, נאָר לאָמיך אַביסעל מיך בעטראַכטען. און טראַכטענדיג דאָ אַזוי גיב איך אַ נעהם איינעם פון דער גוטער כנופיא, קום צום סמיק! ער וואַרפט זיך מיט הענד און מיט פיס, קרעכצט, שרייט, ווי דער געפּענטעטער האָהן בשעת כפרות שלאָגען. די איבריגע לייט קוקען מיך אָן קרום און מאַכען אַ בייזע מינע, איך זאָל שווייגען. נאַראָנים! טראַכט איך בּיי מיר, איך הער אייך ווי דאָס מילכיגע קלינגעל. מיך וועט איהר מיט „בו" אין אַ איבערגעקעהרטען פעלץ נישט איבערשרעקען. מאַלפּעס זייט איהר, נישט קיין בערען... דער טייפעל צוהיצט זיך אין מיר און גיט מיר אונטער חשק: „אַזוי אַזוי! נעהם זיי, נעהם זיי צום סמיק, די אַלע שענע נפשות!"—הערט, זייט מוחל, ר׳ אַלטער, אַ שענע מעשה אין אַ יודישער שטאָדט ערגיץ זענען די פיינע לייט, וואָס דער שטייגער זייערער איז... הויב איך אָן אַזוי צו דערצעהלען און בלייב אין דער מיט רעד ווי דערוואָרגען. די ווייבער ווינקען צו מיר מיט אַ געבעט. גוטער, זיסער ר׳ מענדעלי, האָט רחמנות, זאָגט נישט אויס!... זיי מאַכען חן, קוקען און בעטען מיך מיט ברענענדיגע אייגעלעך, דער ווייבערשער חן מאַכט מיך ווייך ווי אַ טייג, פון זייערם אַבליק ווער איך צושמאָלצען. דערביי דערמאָן איך מיך אין מיין נדר, איינצוקויפען זיך אין דער חברה פעטערס. חאַפּט אייך דער וואַטעל=מאַכער! מאַך איך מיט אַ שמייכעלע און ווענדענדיג זיך צו אַלטער׳ן, זעץ איך צו: זיי מיין איך, יענע פיינע לייט אין דער שטאָדט דאָרט. עפּיס גלוסט מיר זיך היינט נישט דערצעהלען מיין מעשה. לאָזען זיי געהן צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!... האָט קיין פּאַריבעל נישט, ר׳ אַלטער.

— פאַרקעהרט... מהיכא=תיתי, פון מיינעט=וועגען מעגען זיי אויך, חאָטש באַלד, די כפרה ווערען. נאָר וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג יענעם איבערשלאָגען, אַריינפּאַלען איהם אין די רעד מיט מעשיות, אייערע מעשיות!... אַזוי רופט זיך אָן אַלטער און קוקט מיך אַזוי

אַ ווײַלע אָן, מאַכענדיג מיט די אַקסלען, עפּיס אַזוי, גלײַך ווי גערעדט: אַ לעבעדיגער זאַק, משטיינס־געזאָגט, עס שיט זיך פון איהם נײַן מאָס רעד אָהן אַ אויפהער, שטאַרק נײַטיג, כ׳לעבען, זײַנע מעשיות! טאָמער ווײַסט איהר צו וואָס?... און אַ מאָך געבענדיג דערנאָך אין דער זײַט אַ פּאָר מאָל: פע, פע! טהוט ער אַ טאַרקע פישקען: נו, וואָס? מילא בקיצור דער שפּיץ?

פישקע הויבט אָן אויף זײַן שטײַגער, איך נאָך איהם אַרבײַט אויף מײַן שטײַגער, אַלטער טרײַבט אונטער אויף זײַן שטײַגער - און די מעשה דערצעהלט זיך ווײַטער אַזוי:

— די צײַט איז זיך דערווײַל געגאַנגען און איך מיט מײַן ווײַב זענען מיר אַלץ וואָס ווײַטער זיך מעהר פאַנאַנדערגעגאַנגען, זי האָט נאָך שטאַרקער זיך איזנײַזכעט מיט דעם ממזר, זענען געוואָרען חבר־לאַפּ, גאַנץ נאָהענטע שטעלקעס און פלעגען שוין ביידע, ווי אַ פּריץ מיט אַ פּריצה, אין די הײַזער אַרומגעהן. מיר האָט עס שוין מעהר נישט אַזוי אויסגעמאַכט, דער קאָפּ איז מיר געווען שטענדיג פאַרדרעהט מיט דער האָרבאַטער, נעבעך, זי איז מיר קײַן רגע פונ׳ם זינען נישט אַרויס. געהט אײַך האָב איך געטראַכט, פון מײַנעטוועגען חאָטש אין דער ערד, וואַרגט זיך ביידע מיט די הײַזער! בײַם בעגעגענען זיך אַ מאָל מיט די פּאָר לײַט, פלעגט דער ממזר מיך אָנקוקען מיט געשפּעט, עפּיס ווי גערעדט: איך האָב דיר אָנגעפּייפט גוט, נישט־קשה... איך האָב געוועהנטליך אויסגעשפּיגען און בין מיר געגאַנגען מײַן וועג, טראַכטענדיג בײַ זיך: און אַז דו שלעפּסט זיך מיט איהר אַרום, וואָס העלפט עס דיר? אַז זי איז אַ אשת־איש. הע־הע, גוט פאַרטשוואָ־קעוועט, נישקשה! אָבער איך האָב דיר אויך אָנגעפּייפט, דו ממזר אײַנער! פּוקע זיך, ווער צוזעצט...

מיט מיר האָט אָנגעהויבען אין די הײַזער אַרומצוגעהן אײַן אַלטעטשקער, פונ׳ם ממזר׳ס פּעקיל, אַ רשע־מרושע, אַ נאָטקע גנב אַזוי ווי ער. און ער האָט עס געמאַכט מיט מיר גאַנץ גוט. איטליכער האָט איהם געמוזט געבען, אזא רחמנות־פּנים׳ל פלעגט ער קענען מאַכען, אָנווײַזענדיג אַלץ מיט אַ קרעבץ טיעף פונ׳ם האַרצען אויף מיר, ביטערע קאַלעקע. געהייסען האָט עס עפּיס, אַ ווּסטער טאַטע מיט אַ אומגליקליך קינד, נעבעך. — הינק, פישקע, הינק גוט. תּכשיט מײַנער! פלעגט ער מאַכען, אונטערשטופּענדיג מיך פון הינטען, בײַם אַרײַנקומען אין אַ שטוב. פערקרים דאָס פּניצעל און זיפץ, זיפץ, דו

הונט איינער. זיי וועלען מיר, נישקשה, פאַר דיינס אַ זופּץ בעצאָהלען. אויפ'ן וועג געהענדיג פלעגט ער מיך אַלץ לעהרנען מאַכען די שפּיל, אָבשפּעטען פון די בעלי־הבתים, אַ קניפ, אַצופּ טאָן און שילטען מיך דערביי: פערחאַפּט זאָלסט־דו ווערען! גאָר אין גוטען מוטה, איינמאָל האָט ער מיר, אין שפּאַס קלאָמפּערשט, געגעבען אַ באַכענצע אין האַרצען, דאָ אין לעפּעלע, אַזוי אַז איך האָב שיער די ניכפּא נישט בעקומען. די נדבות פלעגט ער געוועהנטליך צו זיך צו־נעהמען און ס'איז מיר שווער געווען אַ גראָשען ביי איהם אויסצודרייען. וואָס טויג דיר, פּישקע, געלד? פלעגט ער שפּאַסען, אַז דו ביסט אַליין געלד, דו זאָלסט מיר דערלעבען הינקען מיט די פּיסעלעך און קרענקען אויף אַלע גלידערלעך ביז דו וועסט מיט'ן קעפּעלע אָנלענען, תּכשיט מיינער. איינמאָל בין איך צו איהם שטאַרק צוגעשטאַנען, עס האָט מיך געצוואונגען די נויט, און האָב געבעטען חלק מיט'ן האַרבען וואָרט. אַ קוק געבענדיג, אַז איך מאָן איהם דאָ אַזוי, האָט ער גע־עפּענט אויף מיר אַ מויל: שטום, קרומער הונט! אומזיסט וועסט־דו דאָס פאַהרען ביי מיר אין בויד: אומזיסט וועל איך דיך, אַזאַ נבלה, אַרומפיהרען דאָ? תּרבות, שייגעץ! איך וועל דערצעהלען דיין ווייב. איך קען דיך נישט און האָב מיט דיר נישט וואָס צו טענה'ן, קענען קען איך נאָר דיין ווייב, זי האָט דיך מיר איבערגעגעבען, פון איהר האָב איך אַזאַ סחורה בעקומען און מיט איהר וועל איך שוין מסתמא זיך אָבּרעכענען...

שלעכט! אַצונד האָב איך גאַנץ קלאָר אַרויסגעזעהן, אַז איך בין ביי דער חאַליאַסטרע אַזוי ווי אַ בער ביי די ציגיינער. מען פיהרט מיך אַרום צו מאַכען מיט מיר די קאָפּעקע. מען האָט ביי מיר צוגע־נומען מיין ווייב, זי אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין און זי העלפט נאָך זיי אויך אונטער אַקעגען מיר, זי גיט מיך איבער ווי סחורה הולטייעס, גנבים אין די הענד!... שלעכט, ביטער, ס'איז שוין גאָר אויס וועלט.

איך האָב שוין אַרויסגעזעהן, ס'איז פערפאַלען, צווישען מיר מיט מיין ווייב וועט שוין קיין לעבען מעהר נישט זיין היינט צו וואָס, האָב איך געטראַכט, זאָל איך מיך דאָ האַלטען? מען בעדאַרף אַנט־לויפען, ווי צום גיכסטען אַנטלויפען. אַ טאָג אַ איבעריגער צווישען אַזעלכע גנבים איז אַ זינד פאַר גאָט, דאָס זענען דאָך מענשען, וואָס האָבען נישט קיין גאָט אין האַרצען, וואָס טהוען נישט קיין חאַנד אין

קאַלטע וואַסער אַריין, אַראָבגעוואָרפען פון זיך אינגאַנצען דעם יאָך, ווילען נישט וויסען פון קיין אַרבייט, פון דאגת הפרנסה און זיך אויף אַנדערע אָנגעוואָרפען, נאָגען, זויגען יודיש בלוט און זענען נאָך זיי דם-שונאים. איך אַליין בין ביי מיר אויך מיאוס אַראָבגעפאַלען, בעטראַכטענדיג מיינע אַלע נענג אין דער גאַנצער צייט צווישען דעם דאָזיגען פעקעל שלעכטע מענשען. נאָר ניט דער אייגענער וואָס פריהער עם האָט צו מיר זיך צוגעקלעפט פיעל נישט קיין שענע זאַכען פון זיי. איין מיטעל פטור צו ווערען פון אַזוי פיעל צרות און בייז — איז אַרויסצורייסען זיך פונ׳ם מיאוסען פעקיל און ווייכען זיי ווי אַ עפוש. נאָר וואָס טהוט מען אָבער מיט איהר? ווי לאָזט מען איבער זי, די האָרבאַטע מיינע? מיר איז פירגעקומען, ווי איך שטעה אין אַ פערדאָרבען אָרט, אַ שרעקליכע גרוב, נאָר אַ גהינם. און איין אויער אַריין שרייט מיר עפים אַ קול: פערשפיל נישט דיין נשמה, פישקע, ווי גאָט איז דיר ליעב, אַנטלויף! און אין דעם אַנדערן אויער קלינגט מיר פון דער האָרבאַטער מיינער אַ קול: פישקע, פישקע!... מען בעדאַרף אויסקלייבען איינס פון ביידע: אָדער אַהין אין דער ליכטיגער וועלט, ריין פון זינד, פון צרות און בייז, אָדער דאָ אין דעם גיהנם נאָר אינאיינעם מיט איהר. איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען פאַר די זינד — איך בין געבליבען ווייטער ביי דער חאַליאַסטרע

שפעטער ערשט אין אַ צייט אַרום איז מיר אין קאָפּ אַריין אַ געדאַנק מיט דער האָרבאַטער אינאיינעם אַנטרונען צו ווערען פונ׳ם גוטען פעקיל. נאָר דאָס אָבער האָט דאָך אַנדערש נישט געקענט זיין ביידען אויפגעבונדען צו ווערען פריהער פון מיין ווייב. וואָס וועט דער תכלית זיין פון מיין אַרומפיהרען זיך מיט אַ מיידיל גלאַט אַזוי? די וועלט וועט מומלען און טראַכטען גאָט ווייסט וואָס... איין רפואה איז דאָ — גט, נאָר וועט מיין ווייב אָבער, טראַכט איך ביי מיר, וועלען נעהמען גט? זי איז דאָך אַ שלאַק, אַ אָנשיקעניש פון זיין ליבען נאָמען. אַז איך וועל זאָגען גט, וועט זי, מיר אויף צושפרינגעניש, זאָגען: ניין! די גרעסטע הנאה, אין דער לעצטער צייט, איז ביי איהר געווען, מיך צו פייניגען און צו טאָן מיר אין דער גאַל אַריין. פונדעסטוועגען האָט עס מיך נישט אָבגעשראָקען און האָב מיר פירגענומען אַרום דער זאַך צו אַרבייטען מיט גוטען אָדער מיט בייזען, אפשר וועט גאָט

רחמנות האָבען. דערוויל האָב איך די זאַך געהאַלטען ביי מיר בסוד, קיינער זאָל דערפון נישט וויסען.

זינט דער מעשה מיט דעם אלטעטשקען חאָב איך פאַר גרויס פערדרוס מיט קיינעם פון דער חאַליאַסטרע מעהר נישט געוואָלט אין די הייזער אַרומגעהן. דאָס האָט מיך גענוג צרות געקאָסט, נאָר איך האָב מיך איינגעשפּאַרט, מיין טויט זאָל דאָ זיין, וויל איך מעהר קיין בעטער נישט זיין ביי די דאָזיגע ציגיינער. דער ממזר מיט זיין פעקיל לייט זענען דערמיט שטאַרק נישט צופרידען געווען און האָבען מיר מיט די הענד געוויזען, ווער עלטער איז. שלאָגענדיג מיך איינמאָל, רופען זיי זיך אָנ׳עט: פאַר וואָס־זשע זאָלען מיר דיך אומזיסט פיהרען, שענע סחורה, אַז דו ווילסט נישט אַרבייטען, ווילסט נישט פערדינען? געה דיר אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! — אַפילו די רגע, ענטפער איך זיי, גיט מיר אָב מיין ווייב, מיין ווייב! — זיי האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געלעכטער. עס פאַר־שטעהט זיך, אַז דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, גיט מיר אָב מיין ווייב, איז נאָר געווען אַ אויסרעד. אין האַרצען האָב איך גאָר געמיינט: האַלט זיך מיט איהר, מיט אַייער שטיק סחורה און לאָז זי נעהמען ביי מיר גט. אמת טאַקי, פון די קלעפּ, וועלכע איך האָב געהאַפּט פאַר מיין עקשנות, האָט מיר גוט וועה געטאָן, נאָר דערביי האָט מיר הנאָה געטאָן, טראַכטענדיג ביי זיך: נישקשה! דאָס וועט מיר ניצען צום עסק. אַז זיי וועלען זעהן, איך בין אַיינגעשפּאַרט און טויג זיי מעהר נישט, וועלען זיי גערן זיין מיינער פטור צו ווערען און דאָס וועט מיר הערנאָך העלפען צום גט.

כא.

— בתיה! — גיב איך אַ זאָג צו מיין ווייב, צושאַרענדיג זיך צו איהר מיט גוטען איינמאָל, אַז מיר זענען געווען אַליין און געוואָלט אין אַ שמועס מיט איהר אַ טאָפּ טאָן וועגען גט — וואָס קאָסט־דו, בתיה, צו מיר?

—ווער די כפרה, פישקע!—בעקום איך פון איהר א קורצע תשובה.

—אט האסט־דו דירו—מאך איך ווי אנגעברוגז׳ט זיך—איך מיט איחר אלץ אדרבה ואדרבה און זי אלץ קידער־ווידער: ווער די כפרה, פישקע! פאר וואס!

—בעקום־זשע די ניכפאו—זאגט זי מיט א קרום פנים, אוועק־רוקענדיג זיך פון מיר.

— זאלסט מיר געזונט זיין, בתיה! — רוף איך מיך אנ׳עט מיט גומען — וואַרף, כ׳לעבען, אוועק דיינע נארישקייטען און לאמיר לעבען ווי גאט האט געבאטען.

— ווער די כפרה, פישקעניו, מיט דער הולטייקע דיינער אינאיינעם!

א־א, ווער די כפרה דו בעסער מיט דעם ממזר דיינעם! טראכט איך ביי מיר און ארוים מיט דער שפראכע גאנץ ריין: הער־אוים, בתיה! זי זאגט מען עפים, א בת־ישראל נייט מען נישט, ווילסט נישט קיין לעבען, איז דאך דא דערויף ביי יודען עפים א גט. רויט אדער טויט!

—אחא, די הולטייקע גלוסט זיך איהם! זיכער פטר׳ן דאס וייב און האצעניו מיט דער דראבקע! א, נישט דערלעבען זאלט איהר עס. גיכער וועט איהר ביידע מיט׳ן קאפ אנלעגען. נישקשה, עס חעט איהר נישט געשענקט ווערען, דער חצופה דיינער, קייען וועט זי פון מיר די ערד. הערסט־דו, פישקעלעז און טאטענס טאטענס מאמענס...

מיין ווייב האט זיך צושריגען אזוי, אז איך האב געהאפט די פים אויף די פלייצעם און אוועק.

מיט מיר איז געשטאנען שמאל. שלעכט ארום און ארום! איך אליין האב קיין האניג נישט געלעקט, בין פערשוואַרצט געווארען און די הארבאטע, נעבעך, האט אויך געהאט איהר עהרליך אויסקומעניש, זי האט געגאסען אין מיין זכות, מיין ווייב האט זיך פערהאלטען צו איהר, ווי א בעל־הבית׳טע, געהאט איבער איהר צו שאפען. נאר עפים נישט נאך איהר וואונש, האט זי מיט איהר זיך גוט אבגערעכענט, און דער ממזר פון זיין זייט האט איהר געמאכט א פינסטערן פסק בעזונדער. אז אך און חעה איז אונז ביידע געחען. אונזער גאנצע טרייסט איז געיען, וואס שפעט ביי־נאכט, ווען אלע האבען געשלאפען, פלעגען מיר זיך ארויס׳גנבה׳נען אין דרויסען, צו שמועסען האטש אביסעל און אייגער דעם אנדערן אויסצוגיסען דאס שווערע ביטערע הארץ.

איינמאָל זיצען מיר זיך אַזוי בּיידע בּי׳ נאַכט נעבען דער גרויסער שוהל, דער הימעל איז אויסגעשטערענט און אַרום אונז איז שטיל. נישטאָ קיין לעבּעדיג בּעשעפעניש. זי זיצט נעבּען מיר אויף אַ שטיין, איינגענורעט, איינגעהייקערט, טרעהרען גיסען איהר זיך פון די אויגען און בּרומבּעלט פאַר זיך שטאַרק אומעטיג איהר בּעקאַנט לידעל:

דער טאַטע האָט מיך געקוילעט,
די מאַמע האָט מיך געגעסען....

איטליכס וואָרט איהרס שניידט מיר דאָס האַרץ ווי מיט אַ מעסער. איך טרייסט זי, נעהם זי איין מיט גוטע־רעד. אַט נאָך אַבּיסעל וועלען מיר, אם־ירצה־חשם, אויפגעריכט ווערען. איך מאַך איהר אַ גאַנצען צעטעל פון אונזער לעבּען שפּעטער, אַז מיר וועלען מיט דעם אויבּערשטענס הילף בּיידע פון צרות אויסגעלייזט ווערען. איך שטעל איהר אַנידער פאַר די אויגען אַלצדינג לעבּעדיג, מאָל איהר אוים די גלופּסקער געמויערטע בּאָד מיט איטליכס פּיצעלע דאָרט. ווי איך וועל מיך אַהין ווייטער אַריינדרעהען, און אַז גאָט וועט דערהויבּען דאָס מזל, קען איך מיט דער צייט בּעקומען דאָרט אַ שטעלע פון אַ היטער. זי אַליין קען אפשר אויך מיט דער צייַט האָבּען דאָרט אַ טהועכטס: גיין אַ טוקערין אָדער עפּיס אַנדערש אַזוינס. און ווען נישט, קען מען אין גלופּסק אויסזוכען אַנדערע מיני פרנסות. פאַר אָרמעלייט איז גלופּסק ארץ־ישראל, זי איז אָהן עין־הרע גרויס, הייזער זענען דאָ ווי מיסט. די מענשען זענען אָהן הכמות, ווייסען ניט פון קיין צערעמאָניעס, איטליכער טהוט זיך וואָס ער וויל און ס׳איז רעכט. דאָרט קענען, אַ שטייגער, גאַנץ שענע בעלי־בּתים זיך געהן אָבּגעריסען, אָבּגעשליסען, פּערדריפּעט בּיז דעם האַלז און גאָרנישט; אָדער אין מיטען העלען טאָג זיך שפּאַצירען אויף דער גאַס אין עפּיס אַ פּאַר־שמאָלצעוועט חאַלאַטיל, צוחראַשטעט און גאָרנישט, אָדער פאַרקעהרט, אָרמעלייט קענען גאָר אַמאָל אַרויסגעהן אָנגעטאָן אין זייַד, אין סאַמעט און אויך גאָרנישט, דאָרט איז שווער אונטערצושיידען צווישען קבּצנים און נגידים נישט אין דער הלבּשה, נישט אין דעם גאַנצען פיהרונג. זעהר אָפט מאַכט זיך, אַז גבּאים אין אַלערליי חברות דאָרט זענען אַליין פאַר זיך גאָר קבּצנים, ציהען זיך דערפון דאָס שטיקעל פרנסה אינאיינעם מיט די רייכע, איינער העלפט דעם אַנדערען און ס׳איז זיך אַ גוט לעבּען. אָרים איז נישט קיין שאַנד. מען מעדאַרף נאָר האָבּען מזל, ווערט מען אויפגעריכט בּאַלד, וויפיעל זענען דא אַזוינע, וואָס ערשט

נישט לאַנג זענען זיי געווען קליין, נידעריג, משרתים, קבצנים, נעבעך, און פלוצלים געוואָרען לייט, גאַנצע פיהרער, כל־ולך אין דער שטאָדט! מעגליך גאָר, אז איך אליין, ווי דו קוקסט מיך אָן, קען מיט דער צייט אויך ווערען אַ טהוער, אַ מאַכער און עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין גוט. מיר וועלען לעבען אין עושר און כבוד און נחת. לאָך נישט, נשמה מיינע, איך בין גאָר ניט צו ווייט פערקראָכען. אין גלופסק איז אַזעלכס גאָר פון די געוועהנטליכע זאַכען, מען בעדאַרף גאָר גלויבען אין גאָט. ביי זיך נישט זיין אַראָבגעפאַלען און זיין אַ יוד... מיט בטחון. אַך, גלופסק, גלופסק! ווי דערלעבט מען שוין זיך אויסריַיסען פון דעם מיאוסען פעקיל און גיכער, מאַמע, צו דיר!

—אָך פישקע! איך האָב שוין קיין כוח נישט מעהר אויסהאַל־טען—זאָגט די האָרבאַטע מיט אַ זיפץ טיעף פונ׳ם האַרצען, אָנשפּאַ־רענדיג זיך מיט׳ן קאָפּ מיר אויפ׳ן אַקסעל און אויף דעם פנים איז איהר געלעגען עפּיס ווי אַ געבעט. איך גלעט זי, טריַיסט זי און שטאַרק זי מיט גוטע האָפנונגען. זי ווערט אַביסעל פרעהליכער, קוקט מיר גלייך אין די אויגען אריין און לאַכט.—פישקע! זאָגט זי שטיל, דו בינסט מיין איינציגער אויף דער גאַנצער וועלט, ביסט מיין טאַטע, מיין ברודער, מיין פריינד, מיין אַלצדינג. זעה, פישקע, זיי מיר געטריי און פאַרגעס מיך נישט. שווער מיר דאָ ביי דער שוהל, וואו עס דאַווגען אַצונד די מתים און צווישען וועלכע עס געפינט זיך אפשר אויך מיין טאַטע, וועלכען איך האָב וועניג געקענט, און איז אַ עדות. שווער מיר, אז תמיד וועסט־דו מיר בלייבען געטריי...

איך האָב מיך אַ נעהם געטאָן שטאַרק קנעלען מיט מיין ווייב וועגען גט, געאַרבייט, גערעדט אַהין־אַהער. ביז צווישען אונז איז אָבּ־געמאַכט געוואָרען אַזוי: דאָס ביסעל געלד, וועלכס ביי מיר האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב געאַרבייט פאַר מיר אַליין, האָב איך בעדאַרפט איהר אין האַנד אָבגעבען טאַקי באַלד, נישט אַיינצולעגען עס פריהער, ווי דער שטייגער איז, און חוץ דעם האָב איך נאָך זיך מתחייב געווען, דעם גאַנצען ווינטער, וועלכען מיר וועלען דערלעבען, מיך צו לאָזען, גאָר אָהן שום טענות, חברה זאָל מיט מיר מאַכען די שפּיל. דאָס הייסט, מיך לאָזען פיהרען אין די הייזער און די נדבות, וועלכע מען וועט מיט מיר מאַכען, געהערען צו מיין ווייב פאַר איהר כתובה. דער ממזר האָט מיט אַ שמייכעלע מיר געבראָכען די ביינער והכל שריר וקים און געזאָגט מזל־טוב. איך

בין ווידער געוואָרן אַ בער, אַ גוט שטיקעל סחורה, דער אַלטעטשקער איז ווײַטער טאַקי מיט מיר אין די הײַזער אַרומגעגאַנגען און איך האָב אַלץ געמוזט הינקען גוט, זיפֿצען, קרימען זיך, מאַכן אָנשטעלעז, ווי ער האָט מיר געהייסען.

נאָך פּסח זענען מיר געקומען ערגיץ אין אַ שטעדטיל, אין חערסאָנער גובערניע, וואו איך האָב די ערשטע צייט געאַרבייט לויט מײַן התחייבות, נאָר דערנאָך האָב איך געזאָגט: גענוג! לאָז שוין זײַן דאָ טאַקי אַיין עק. מײַן ווײַב האָט תחלת זיך געקווייקקעלט, געבעטען אַ פּאָר טעג זיך מישב צו זײַן. צום סוף האָט זי געענטפֿערט: גוט, מאָרגען נעהמט זי גט. ס'איז מיר ליכטיג געוואָרן אין די אויגען, אַזוי שטאַרק האָב איך מיך דערפֿרעהט. פֿאַר שׂימחה האָב איך נישט געקענט אײַנזיצען אויף אַ אָרט. עס האָט מיך עפּיס געצויגען אין דרויסען. איך האָב אַ היבשע צייט מיר אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסען און אין איין וועג טאַקי מיט חשק געגאַנגען אויך אין די הײַזער, טראַכטענדיג בײַ זיך: וואָס קען עס שאַדטען? אויף דער הייסער שׂעה, בײַם אַראָבגעהן פֿון קעסט, וועט מען בעדאַרפֿען האָבען עטליכע גראָשען. דער עסק מײַנער איז געגאַנגען גוט. אַזאַ „אין די הײַזער אַרומגעהן״, ווי דענסטמאָל, געדענק איך נישט שוין פֿון אַ צייט. עס טרעפֿט זיך אַזוינס איין מאָל אין הונדערט יאָהר. אַז גאָט וויל העלפֿען אַ מענשען, העלפֿט ער איהם מיט אַלעמען. אין וועלכער שטוב איך בין אַרײַן, בין איך לעדיג פֿון דאָרט נישט אַרויס. דאָס מזל האָט מיר דענסטמאָל געשפּילט און האָב בעדאַרפֿט גראָד טרעפֿען אין אַ שטוב, וואָס דאָרט איז געווען אַ ברית. דער עולם איז געווען שטאַרק פֿאַרלעקט, לעבעדיג, פֿרעהליך, מען האָט מיר געגעבען אַ גוטען טרונק בראַנפֿען, אַ גאַנץ קידוש-גלעזעל, אויך אַ גרויסען שטיק לעקעך, אַ מלכות-ברויטעל און דערצו נאָך עפּיס געלד מיט אַ רויזענבולקעלע. איך האָב מיך אײַנגעהאַלטען. נישט צו פֿערזוכען אַפֿילו קיין ברעקיל און בעהאַלטען די אַלע גוטע זאַכען ווייט אין דעם בוזעם, צו ברענגען עס אַ מתנה מײַן האָרבאַטע מיידיל. מען האָט בעדאַרפֿט זעהן, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד איך בין עס געגאַנגען דעם גאַנצען וועג. אַלץ געטראַכט בײַ מיר: היינט בײַ נאַכט, אַז דער עולם וועט שלאָפֿען, וועל איך איהר דאָס געבען, לאָז זי, נעבעך, אויך הנאה האָבען. זי איז נעבאַך פֿערוויסט, פֿערוואָגעלט, האָט אַ האַרץ פֿול מיטמכות. זי האָט נעבעך נישט עהאַט אין איהר לעבען קיין זיסע מינוט. נאַ, לאָז זי וויסען, אַז פּישקע איז אַ גוטער ברודער, ער זאָרגט זיך פֿאַר איהר און היט

זי אָפּ׳עט ווי דאָס שוואַרצאַפּעלע אין אויג. ער וועט באַדי אַליין נישט עסען און איהר דאָס לעצטע, דעם בעסטען ביסען אַוועקגעבען. עס האָט מיר זיך געדאַכט, ווי מיר ביידע זיצען נעבען דער גרויסער שוהל און האָבען שטאַרק הנאה. זי עסט, קוויקט זיך מיט דעם לעקעך און איך איהר: נשמה מיינע, לאָז דיר וואויל בעקומען! טראַכטענדיג דערביי ביי זיך: אַ גוטער סימן! הלואי אין גיכען לאָמיר עסען לעקעך ביי אונז... איך זאָג איהר אָנ׳עט די בשורה: מאָרגען ווער איך אויסגעלייזט, מיין ווייב נעהמט גט, און זי שיינט קוועלט גאָר אָן. מיר קלערען, ווי אַזוי שטילערהייט אַרויסצוחאַפּען זיך פון דער האַליאַסטרע און מאַכען אַ פליטה. ביי אונז ווערט פאַרטיג וועגען דעם אַ גאַנצער פּלאַן און ס׳איז דאָ אַ האָפנונג, אַז עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין גוט... אָט מיט אַזעלכע געדאַנקען בין איך מיר געגאַנגען דעם גאַנצען וועג און מיר פירגעשטעלט גליקען אויפ׳ן וועג האָב איך נאָך בעגעגענט אַ וואַסער־טרעגער מיט פולע עמער, דאָס איז דאָך געוויס אַ גוטער סימן. נאָר וואָס אָבער לאָזט זיך אויס?

עס לאָזט זיך אויס, וועה איז מיר, אַ טייך. איז אַ מענשען בעשעהרט אומגליק, העלפען איהם נישט קיין גוטע סימנים אויך, צעהען גוֹיות אַפילו זאָלען איהם מיט פולען איבערגעהן דעם וועג. אַז איך בין פאַרנאַכט געקומען צוריק אין הקדש, האָב איך שוין דאָרט נישט געטראָפען די חאַליאַסטרע!... אין דער צייט, וואָס איך האָב מיר לוסטיג אַרומגעשפּאַצירט אין דער שטאָדט, זענען די שענע לייט דערווייל אַוועקגעפאָהרען און מיין ווייב, אויך מיין האָרבאַטע, נעבעך, מיט זיי... דאָס איז שוין געוועזען דעם ממזר׳ס מלאכה, זיינס אַ שפּיצעל.—זאָל ער אַזוי וויסען פון זיין לעבען צו זאָגען, ווי איך האָב דענסטמאָל געוואוכט, אויך וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. זאָל איהם, רבונו של עולם! אַזוי דרעהען אינוועניג אין בויך, ווי מיר האָט זיך געדרעהט דער קאָפּ. חושך און פינסטער איז מיר געוואָרען אין די אויגען, פינסטער איז מיין וועלט. דאָס איינציגע שטערענדל, וואָס האָט מיר געשיינט, איז פּלוצלים פערשוואונדען געוואָרען. נישטאָ, וועה איז מיר, נישטאָ מיין טרייסט! נישטאָ מיין האָרבאַטע, נעבעך!... איך בין ווייטער עלענד ווי אַ שטיין, איינער אַליין אין דער גאַנצער וועלט. און זי! וואו איז זי, וואָס טהוט, נעבעך, זי, זי?... פאַר וועמען וועט זי קענען, חאָטש אַ מאָל אויסוויינען, אויסגיסען איהר שווער ביטער האַרץ. אוי, יודען! אַ וועהטאָג. ס׳איז מיר אַ וועהטאָג טאַקי אין צווייען!

אַרויסנעהמענדיג שפּעטער פֿונ'ם בוזעם דאָס שטיקעל לעקעך, וואָס איך האָב איהר עס אָנגעגרייט, איז מיר געוואָרען אַ לאָך אין האַרץ. איך האָב עס געהאַלטען שטייף, אָבגעגאָסען עס מיט טרעהרען, ווי עפּיס אַ זאַך, אַ זכר, וואָס בלייבט איבער נאָכ'ן טויט פֿון אַ געליבט קינד, פֿון אַ איינציג קינד. נישט בעשעהרט דיר צו פֿערזוכען עס, צו דערקוויקען זיך איין מאָל אין דיין לעבען, אומגליקליכע, בידנע נשמה מיינע! איך קוק, קוק אויפ'ן שטיקעל לעקעך, קוש עס, וויקעל עס דער־נאָך איין ווי איין אבן־טוב און בעהאַלט עס ווידער אין בוזעם, טאַ־פּענדיג עס אָפט און צו־קוועטשענדיג עס צום האַרצען.. וויי איך, וואָס ביר איז געשעהן?!...

כב.

פישקע האָט בײַ זיינע לעצטע ווערטער אַרויפגעלעגט ביידע הענד אויפ'ן פּנים, זיך אַוועקגעקעהרט אין דער זייט און געחליפעט. מיר האָבען געפֿיהלט זיין האַרץ און איהם געלאָזט צורוה. אויף אונז אַליין איז אויך אָנגעפֿאַלען אַ מרה־שחורה, מיר זענען געבליבען זיצען שטיל, איטליכער פֿערטיפֿט אין זיינע געדאַנקען. אַלטער מיינער האָט זיך אַלץ געקראַצט אין דער פּאה, געפֿיהרט די האַנד איבער'ן פּנים, אָנהויבענדיג פֿונ'ם שטערען און אויסלאָזענדיג מיט דער באָרד, וועלכע ער האָט אַרומגעחאַפּט מיט אַלע פֿינף פֿינגער און געמאַכט דערבײַ: עט, עט!... מען האָט געזעהן, ער איז צוטראָגען, מיט איהם איז עפּיס נישט גלאַט. איך אַליין בין עפּיס געווען אויך צודרעהט, פֿישקעס געשיכטע האָט מיך געקאָטערט. נאָך גאַנץ לאַנג האָב איך פֿיעל מאָל בײַ מיר געטראַכט: רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס, זיין פֿער־ליאַפּעט? עפּיס האָב איך געהערט, עס טרעפֿט זיך אַ מאָל אַזעלכס, נאָר וואָס דאָס איז, האָט מיין מוח נישט גענומען. בײַ אונז פֿלעגט מען אויף אַזעלכע זאַכען געוועהנטליך זאָגען: ס'איז אַ אָבגעטאָנענע זאַך, אַ כישוף, עפּיס אַזאַ מין פֿלעשעלע איז דאָ דערצו, עפּיס אַ מין קרייטעכץ

פון אַ אַלטער גויה, אַ מכשפה'טע. און דאָס וואָס אַלטע מכשפה'טעס זענען פאַרטיג אָבצוטאָן אַזעלכע שפּיצלעך, אויך אַראָבצוּבריינגען רייטענ־דיג אויף אַ בעזעם דעם מאַן, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס ווייב, זי געמאַכט פאַר אַ עגונה—דאָס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, דערויף זענען דאָך דאָ אַ סך עדות: כשר'ע יודען מיט בערד... פערליאַפעט זיין האָט ביי אונז געהייסען עפּים אַזאַ מין שלאַפקייט, ווי קדחת, אַ שטייגער, אַ דבוק, אַ מאַנקאָליע, די ניכפה, די שלעכטע זאַך, וואָס דערצו איז טאַקי נאָר אַ בעל־שם אָדער, להבדיל, דער טאָטער. ביי אַ שמועס דערפון פלעגט מען זיבען מאָל אויסשפּייען, אָנגעהמענדיג זיך ביי די בערמען, און מאַכען דערביי מיט אַ פערקרימט פּרום פּנים'יל, נישט־דאָ געדאַכט, נישט פאַר קיין יודישע קינדער געדאַכט!... אויך איז אַ מצוה געווען צו לאַכען אוים יענע פערליאַפעטע ווי דער שטייגער איז צו לאַכען אוים אַ משוגענעם. אַזאַ שלאַפקייט אָבער, געדענק איך, ווען עס האָט זיך געמאַכט, האָט זיך עס געמאַכט סיידען נאָר ביי די גרויסע נגידים, אָדער ביי די גרויסע קבצנים. אין בעל־הבת'ישען גראַד אַקעגען האָט מען נישט געוואוסט אַפילו מיט וואָס מען עסט עס.—דאָס איז דאָך האָב איך אָפט ביי מיר געטראַכט אַוואונדער פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? און וואָס איז דאָס אַזוינס? עס מוז דאָך האָבען אַ טעם. פון דער אַלטער גויה איז נאַרישקייטען, ווי דאָס פלעשעלע דער טעם איך בין קיינמאָל דערמיט נישט צופרידען געווען, הגם יודען האָבען עס געהאַלטען פון מיר פאַר אַ שטיקעל אַפּיקורסות—סטייטש, ווי גלויבט מען עס נישט אין כישוף, אין דעם טאָטער, אין שדים! איך האָב געזוכט ביי מיר, געזוכט אַ טעם און, דאַכט זיך, געפונען. גרויסע נגידים איז אויף דער וועלט צו גוט, האָבען אַלצדינג, עסען, טרינקען דאָס טייערסטע, דאָס בעסטע· אָהן זאָרג, אָהן קאָפּדרעהעניש, עס געהט זיי אָב נאָר קדחות — דעריבער ליגט זיי אין זינען צו מאַכען קוצעניו־מוצעניו. ערנסט, אָדער גלאַט אַזוי אַ שפּילכען? דאָס איז שוין זייער סוד. ווידער־זשע די גרויסע קבצנים פון דער אַנדערער זייט, זיי איז אויך אויף זייער שטייגער, גוט. האָבען גאָרנישט, קדחת וואָס אַיינצושטעלען. עסען קעסט ביי דער וועלט אָהן קאָפּדאַרעניש און קומען אויפן גריי־טען. בושה אין דער זייט! דעריבער גלוסט זיך זיי אויך אַזעלכע מעשיות. שטענדיגע עסקים פון דרעהען זיך און מיני תחונות איז געוועהנטליך נאָר אין דעם הויכען און אין דעם נידעריגען שטאַנד. דער איבעריגער עולם אונזערער, פונ'ם מיטעלען סאָרט מענשען, איז תמיד פערטראָגען

אין דייזשע באָרשטש. איהם דאַרט דער קאָפּ פאַר דעם שטיקעל ברויט, זוכט פּרנסה. בּיי איהם איז ראשית חכמה געשעפט. אַלצדינג — געשעפט, חתונה האָבּען איז אויך אַ געשעפט. ער האַנדעלט אַיין אַ ווייבּ; דינגט זיך פריהער גוט אוים וועגען דעם מקח, וועגען נדן, וועגען איטליכם פּיצעלע בּעזונדער, אַלצדינג פּינקטליך אויסגערעכענט. אַפילו אַ שטריימעל און די שבּת'דיגע קאַפּאָטע מוז אויך שטעהן בּפירוש אין די תנאים. זענען די תנאים דערפילט געוואָרען, כּפי דעם מדובּר, קומזשע, כּלה־לעבּ, אונטער דער חופּה מיט דעם שדכן, מיט דעם בּדחן, מיט דעם גאַנצען פּעקיל כּלי־קודש, וואָס לעקען פונ'ם געשעפט אָבּ אַ בּיינדעל. זיי אַ ווייבּ, האָבּ קינדער, רייס קריעה און ווער פערשוואַרצט מיט מיר אינאיינעם בּיז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אויבּ דיר גלוסט זיך לעבּען, נישט שטאַרבּען פאַר דער צייט. אויבּ דו בּיסט שוין אָדער מיאוס, קלוג אָדער אַ נאַר, דאָס איז שוין דיין עסק, פון מיינעטוועגען איז אַלץ איינס, אַ פלונית'טע איז אַ פלונית'טע. מיר זענען נישט קיין פּריצים, האָבּען נישט קיין צייט צו־קוקען צו זיך אַזעלכע זאַכען, יודען זענען מיר, סוחרים, מעקלער, קרעמער, טרוד אין דער פּרנסה! — זעהר פיעל זענען דאָ פון מיין גראַד יודען, וואָס רעדען כּמעט נישט, עסען נישט בּיי איין טיש מיט די ווייבּער, קוקען זיי וועניג אָן, און ס'איז גאַנץ רעכט. בּיידע צדדים זענען צופרידען און ווינשען, ווען עס קומט אוים אַ מאָל, הלואַי אַזאַ לעבּען אויף אַלע גוטע לייט און אויף זייערע קינדער געזאָגט געוואָרען! שטאַרבּט בּיי איינעם דאָס ווייבּ, בּעגראָבּט ער זי, זיצט נאָך איהר שבעה גאַנץ יודישליך און האַנדעלט בּאַלד טאַקי און אַ צווייטע פריהער, נאָך, אַ מאָל, פאַר שלשים. און אויף אַזאַ שטייגער אויך די דריטע, פירטע, די פינפטע... בּיז דער אַלטער יודענע, וועלכע ער נעהמט צום לעצט אין די אַלטע געשייגקטע יאָהרען, אונטער דעם אויסרעד געוועהנטליך, מיט איהר אין ארץ־ישראל אַריין צו פאָהרען. הייסען הייסט עס בּיי יודען די גאַנצע חתונה, מקיים זיין אַ מצוה, ווי גאָט האָט געבּאָטען... ווי, אַ שטייגער, דעם יודענס עסען שבּת איז נישט גלאַט גראָבּ פרעסען וועגען דער אַכילה, ווייל אַ זינדיגער מענש בּעדאַרף עסען, נאָר וואָס דען עס הייסט מקיים זיין שלש־סעודות; דעסגלייכען אויך דאָס גלעזעלע וויין פּסט בּיים סדר, טרינקט עס דען אַ יוד גלאַט משונה גראָבּ, ווייל אַבּיסעל וויין איז מחיה און נאָך די קניידלעך טאַקי גאָר אַ דערקוויקעניש? חלילה! ער מאַכט דערבּיי מיט אַ פערפרומט פּנים'יל:

הריני מוכן ומזומן—איך בין מיר גרייט, איך בין מיר ברייט מקיים זיין די מצוה פון כוס׳ען: דעם ערשטען, צווייטען, דריטען, פערטען כוס... אונזער איינער עסט, טרינקט, האט חתונה אלץ מיט אַ לשם־יחוד, צוליב קודשא־בריך־הוא און דער שכינה.—נאר דאס אַלצדינג איז אָבער נישט געזאָגט געוואָרען אויף פישקען. אין זיין שלעכטער לאגע, אין וועלכער ער האט זיך געפונען, איז דאס הארבאטע מיידיל פאר איהם געווען אַ גליק, זיין טרייסט, זיין לעבען, זיין אַלץ מיט־איינאַנדער. אַז מען טריינקט זיך, חאפט מען זיך אָן פאר אַ שטרוי. היינט וואס־זשע איז פאר אַ וואונדער, אַז פישקע האט זיך אָנגעחאפט אין דער הארבאטער מיט זיין גאנץ לייב און איז צו איהר צוגעוואַקסען געוואָרען? אַז עס ריהרט אָן ביי דער נשמה, דענסטמאל שרייט דאס הארץ, שרייט, רעדט איינע ווערטער ביי אַלע מענשען גלייך. דאס לשון פונ׳ם האַרץ איז איין לשון פאר גרוים און קליין, פאר דעם געלעהרענטען און פאר דעם גראָבען מענשען—וואס־זשע איז פאר אַ וואונדער, אַז פישקעס האַרץ האט זיך דאָ אויסגעגאָסען אין אַזעלכע הייסע געפיהלען, ריינע מענשליכע ווערטער? דעריבער טאקי האָבען זיינע ווערטער געריהרט, מיך צונומען ווי אַ פידעלע, וואס רעדט, שפילט אומעטיגע שטייגער. אַלע בעלי־דרשנ׳ים און מוסר־ספרים אינאיינעם האָבען קיינמאל מיך אַזוי נישט געריהרט, געמאַכט ווייך, גוט און פרום, ווי אַ קרעכץ פון אַ צובראָכען האַרץ, ווי דעם כלי־זמר׳ס אַ שפיל אויפ׳ן פידעלע...

מילא גאַנץ רעכט, איך בין שטאַרק געריהרט פון פישקעס דער־צעהלונג, בין איך מיר דעריבער פערטראַכט, אָבער דו, פערדיל מיינס, פאר וואס ביסט־דו פערטראַכט? אַ גאַנג אַביסעל, משט״נס־געזאָגט, קוים וואס ער ריהרט זיך, עס זאָל איהם דאס אָנהויבען אַרען, וואס אַט באַלד איז תשעה־באב און מען בעדאַרף זיך איילען מיט קינות אין אַ סך שטעדטלעך. ער געהט גאר נישט מיט דעם גלייכען וועג, פערקריכט אין דער זייט נעבען דער תבואה, שטעלט זיך צו־ווילען אָב און שטשיפעט גראָז. די שענע שקאַפע איז ניט בעסער פון איהם, טהוט איהם נאָך און חאפט אויך אַ קיי. דאס אייגענע טאקי וואס אין חדר, אַז דער רבי פערקוקט זיך אַמאָל אין דער זייט, פערוויגט דאס קינד, אָדער האמפערט זיך מיט דער רביצין, פערקו־קען זיך אויך די תלמידים און פאַלשעווען אין דעם לערנען. איך טהו די רפואה, וואס דער מלמד, נעהם די בייטש און טהו אַ וויז דעם שלימזול מיינעם, זאָגענדיג איהם דערביי מוסר. ער שטעלט אויף די

אויערען, שטרעקט אויס דעם האַלז, שטעקט אַרויס אַ שפּיץ צינגעל, דריגעט מיט אַ הינטערסטען פּוס און שמייסט געגען מיר מיט דעם וויידיל.—אַי, דו ביסט אַיין עזות=פּנים! רופט איך מיך אָן און בין איהם שוין טאַקי גוט מכבד מיט דער בייטש. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט ליידען, מאַכט אַ פּערדישען קוממיות, אַ הייב מיט דעם הינטען און געהאַט בדעה אויסצושטרעקען זיך אויף דער ערד. נאָר ער האָט זיך באַלד מישב געווען, אַ ציה געטאָן מיט אימפּעט דעם וואָגען און אָנגעהויבען זיך ווייטער צו שלעפּען.

מיר אַלע זענען דערוויל צו זיך געקומען. אַלטער האָט אונטערגעטריבען אויף זיין שטייגער, פישקע הויבט אָן אויף זיין שטייגער, איך גאָך איהם טאַקי אַרבייט, פערטייטש אויף מיין שטייגער און די מעשה דערצעהלט זיך ווייטער אַזוי:

—איך וועל אַייך דאָ נישט קיין ים בריען. איינער אַליין האָב איך מיך דערנאָך אויף אַדעסער טראַקט געלאָזט, געטראַכט, טאָמער וועל איך מיינע לייט דאָ בעגעגענען, אָדער הערען עפּיס וועגען זיי. נאָר אומזיסט די מיה, זיי זענען ווי אין וואַסער אַריין. דאָס לעבען איז מיר נמאס געוואָרען פון שטענדיגען אַרומשלעפּען זיך. איך האָב געה׳לש׳ט אויסצורוהען זיך אַביסעל, זיצען אויף איין אָרט, ווי איך בין געוועהנט געווען פריהער. גאָט האָט געהאָלפען, איך האָב מיך לסוף פאַרשלעפּט קיין אַדעס.

די ערשטע פּאָר טעג איז אַדעס פאַר מיר געווען אַ טויט. איך האָב מיך דאָרט אַרומגעדרעהט עלענד, פרעמד, אַליין נישט צו=וויסען, וואו מיך אַהינצוטאָן. אַלצדינג איז פאַר מיר געווען ניי, עפּיס ווילד משונה. קיין הקדש, ווי אין אַנדערע יודישע שטעדט, האָב איך דאָרט נישט געפונען, הייזער אויף אַרומצוגעהן אויך נישטאָ. ביי אונז אין די יודישע שטעדט זענען דאָ הייזער, טאַקי וואָס הייזער הייסען, נידעריגע, אָהן חכמות, אָהן קונצען, מיט די טירען צו דער גאַס. איין קליין שטופּעלע די טיר, קומסט=דו גלייך אין שטוב אַריין, ברויכסט נישט מאַכען קיין גרויסע צערעמאָניעס, אָט איז דאָס גאַנצע בעל=הבתישקייט, אַלצדינג וואָס נייטיג איז צו עסען, צום שלאָפען. בעדאַרפסט אַביסעל וואַסער, האָסט=דו עס, בעדאַרפסט די פּאָמייניצע, איז זי דאָ, וואַש די הענד און זאָג דיר אַשר=יצר, וויפיעל דיין האַרץ גלוסט. אָט איז דער בעל=הבית, די בעל=הבית׳טע, דאָס הויזגעזינד, זאָג: גאָט העלף! שטרעק אויס די האַנט, בעקומסט=דו דיר דיין נדבה,

אַ קוש די מזוזה און געה דיר געזונטערהייט ווייטער.—היינט איז טאַקי גאָר פון דרויסען גרינג צו דערקענען אַ יודענס הויז. דאָס בערגעלע מיסט, דאָס רינשטאָקיל, די פענסטער, די ווענד, דער דאַך שרייען: דאָס איז אַ יודיש הויז. אין דעם ריח אַליין דערקענט איהר, אַז דאָ זיצט אַ יוד... אַקעגען־זשע דאָרט אין אַדעם זענען די הייזער, משטיינס־געזאָגט, עפּיס ווילד, הויך אומגעלומפּערט. דער גאַנג איז געוועהנטליך דורך אַ טויער אין אַ הויף. דאָרט קריך אויף טרעפּ, זוך אַ טיר. האָסט־דו שוין געפונען אַ טיר, איז זי גאָר פערשלאָסען, עפּיס איז זי מיט אַ גלעקיל, מיט גאַנצע צאַצקעס. דו בלייבסט ביי דיר עפּיס אַראָבגעפאַלען, פּיהלסט, אַז דו ביסט אָרים, נידעריג, האָסט קיין פּנים נישט, שטעהסט אַ רגע דערשלאָגען, מאַכסט דיר דערנאָך האַרץ, נעהמסט זיך מיט גרויס דרך־ארץ פאַר'ן גלעקיל, עס ציטערט דיר אָבער די האַנד. טהוסט אַ קליין ציהעלע, כמעט ווי גאָרנישט, שרעקסט זיך עפּיס אַליין פון דיין ציהעלע, גלייך ווי דו וואָלסט אַרויס אַקעגען יענעם מיט אַ גראָב וואָרט, איהם געשאָלטען אין טאַטען אַריין, און טראָגסט זיך באַלד טאַקע אָב... טאַפּסט דו אַ מאָל אָן ערגיץ עפּיס אַ אַנדער גאַנג, פאַלט אויף דיר אָנ'עט אַ קעכנע, אַ בע־דינטער, אָדער עס לאָזט זיך גאָר אויס, דאָ זיצט נישט קיין יוד. וואָס הייסט עס! וואונדערסט דו זיך שטאַרק, וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָדט? וואָס זענען עס פאַר הייזער? וואו זענען עס אונזערע אָרמעלייט מיט די טאָרבעס? איך האָב מיך אַרומגעבלאָנקעט אין די גאַסען, זיך גוט צוגעקוקט צו אַלצדינג דאָרט, טאָמער וועל איך זעהן עמיצען מיט אַ טאָרבע, אויסצופרעגען איהם מכח דעם עסק, ווי אַזוי מען געהט דאָ אין די הייזער אַרום. נאָר ווי אויף צו־להכעיס האָב איך נישט בעגעגענט קיינעם. און ווי איך דרעה מיך דאָ אַזוי אַרום, בעמערק איך פונדער־ווייטענס עפּיס אַ יונגען־מאַן, געקליידעט דייטש, געהט ווי איינער, וואָס ווייסט נישט דעם וועג, קוקט אויף די הייזער און וואַרפט זיך אין אַלע זייטען גאַס. דער דאָזיגער פאַרשוין, טראַכט איך ביי מיר, מוז נישט זיין קיין היגער, מען בעדאַרף איהם נאָכגעהן, זעהן, וואָס ער טהוט. ער געהט אַריין אין אַ הויף, איך נאָך איהם. ער זוכט און לאָזט זיך דערנאָך אַרויפגעהן אויף אַ טרעפּ, מיינער—אויך אַרויף. ער געהט אַריין אינווענינ אין אַ פאָדער־חדר, מיינער שטעלט זיך אויף יענער זייט נעבען דער טיר. עס דויערט נישט לאַנג קומט אַרויס איינער, אַ געגאָלטער, עפּיס גאָר אַ פריץ, אַ פּנים, דאָס איז דער בעל־הבית.

דער יונגער=מאַן גיט איהם עפּיס אַ ביבעל, אַרויסנעהמענדיג עס פריהער פון אַ קעשענע, ברייט און לאַנג ווי אַ טאָרבע. דער געגאָלטער טהוט אַ בליק אויף דעם שער=בלעטיל און וואַרפט עס באַלד טאַקי דעם יונגען=מאַן צוריק, פערקרימענדיג זיך מיט אַ בייזער: לאָזט מיך צורוה מיט אייערע שמאָכטעס! מיר טויג עס כלל נישט. דער יונגער מאַן טענה'ט, לויבט זיך אין טאָג אַריין, ער האָט געמאַכט עפּיס אַזוינס גאָר אַנטיק. עס העלפט איהם אָבער נישט און ער געהט, נעבעך, בבושה וחרפה אַרויס, מיינער אַריין און בעט פּשוט אַ נדבה. איך בעקום באַלד עטליכע גראָשען און רוק מיך געשווינד אַרויס מיט אַ פרעהליך האַרץ. אַצונד, טראַכט איך מיר, בין איך אויף דעם אמת'ן וועג. גאָט שיקט צו דעם שפּינער זיין פלאַקס, דעם שיינקער זיין ביער און דעם אָריממאַן דעם גר זיין וועגוויזער. מען בעדאַרף איהם פּונ'ם אויג נישט אָבלאָזען. איך געה דעם פּאַרשוין נאָך שטילערהייט, ווי אַ קוה אַ קעלביל, וואו ער, דאָרט בין איך. איהם געהט עס שלים=שלימזול, אומעטום חאַפּט ער, נעבעך, זיין פּסק, דאָ אַזוי: נישט אויסצוהאַלטען, ווי זיי האָבען זיך היינט צולאָזט! און דאָרט אַזוי: געהט אייך געזונטערהייט, מיר בעדאַרפען אַזעלכעס נים האָבען! דער שפּיץ איז, ער געהט אַוועק צוקאָכט מיט לעדיגע הענד און מיר געהט עס, אָהן עין=הרע, גאָר נישט שלעכט. איך נעהם אַ גראָשען, אַ צווייער, אַ דרייער, וויפיעל מען גיט.

— וואָס איז דאָס, וואונדער איך מיך, פּאַר אַ מין אָריממאַן אַזוינער?! אין מיין לעבען האָט מיר אַזעלכס זיך קיינמאָל נישט געחלומט. אַ פנים, דאָ איז אַזאַ מנהג—אָרימעלייט מיט ביכלעך. ניי=מאָדישע קבצנים און נאָך אָנגעטאָן דייטש! נאַראָנים, צו=וואָס בעטלען מיט ביכלעך און האָבען אַ פּייג, אַז מען קען בעטען נדבות פּשוט אַזוי! איך בין זיך נוהג ווי אונזערע זיידעס—געה מיר אין די הייזער פּשוט אָהן חכמות און מאַך עס בעסער ווי אַנדערע מיט די ביכלעך. גאָר ווי די מעשה איז, אויב זיי זענען נאַראָנים אָדער נישט, דערווייל האַלט איך מיך פעסט אין מיין קבצן מיט די ביכלעך, געה איהם נאָך שטילערהייט פוס=טריט און היט מיך ווי ווייט נאָר מעגליך, ער זאָל מיך נישט זעהן. תחלת איז דאָס געגאַנגען גאַנץ גוט, נאָר שפּעטער האָט ער, אַ פנים, בעמערקט ווי איך שלעפּ זיך איהם נאָך און דאָס איז איהם שטאַרק נישט געפעלען. ער האָט אָנגעהויבען זיך אָפּט אַרומצוקוקען, אָבצושטעלען, און געזוכט ווי מיינער פּטור צו ווערען. איך האָב מיך געמאַכט תם, געקוקט אין דער זייט קלאָמפּערשט, ווי

נישט איהם מיין איך, און געה מיר מיין וועג. נאר אין הארצען האב איך געטראכט: ניין, דו וועסט זיך ביי מיר נישט אויסדרעהען, ברודער! ווען דו טויגסט נישט קיינעם און דיר אליין אויך נישט, טויגסט-דו אבער מיר. א רבי ווי אין די הייזער ארומצוגעהן ביסט-דו ,ע״ה א גוטער, חכם מיינער!.. צום לעצט האט זיך מיט אונז געמאכט אין איין שטוב אזא מעשה: דער בעל-הבית האט זיך געקליבען עסען מיטאג און פלוצלים קומט אן מיין קבצן מיט די ביכלעך. עס הויבט דעם זיך אן א טענה׳ן פוןביידע צדדים: איינער וויל ארייגדרעהען, אנדערען, א ווארט פאר א ווארט, דער בעל-הבית ווערט שוין גוט אין כ״ס, בעלייט מיינעם צו דער טיר אביסעל גראבליך, דערזעהט דארט מיך און שיקט אונז ביידע אב צו אלדי-שווארצע-יאהר. דער בשותפות׳ער פסק אונזערער האט שוין ממילא געפיהרט דערצו, מיר זאלען איינער מיט דעם אנדערען זיך בעסער דערקענען. ביים אראבגעהן פון די טרעפ קוקט מיך אן מיין חבר עפים שטארק אנגעברוגזט. איך פערדרעה דעם קאפ אין דער זייט און וויים נישט וואס צו טאן. איך ווארט, ער זאל געהן פריהער. מיר שטעהען אזוי אוועק עטליכע מינוט און ביידען איז נישט גוט. מיין שותף טהוט מיר דערנאך א פרעג:

—וואס ווילט איהר, ר׳ יוד?

—גארנישט!--ענטפער איך—דאס אייגענע וואס איהר

—דאס אייגענע וואס איך!—מאכט מיין שותף, אויסמעסטענדיג מיך מיט א קוק פון קאפ ביז די פיס זעהר פערוואונדערט—איהר זייט אויך א מחבר?

איך האב געמיינט, מחבר איז עפים א דייטשעם ווארט און עס הייסט וואס ביי אונז אויף פראסט יודיש קבצן, זיינער א חבר אין דער פרנסה. דעריבער ענטפער איך איהם אפ׳עט באלד טאקי אויף טייטש:

—יא, א מחבר.

—וואס האט איהר עפים געמאכט?—טהוט ער ווידער א פרעג.

--איך האב געמאכט גאר נישקשהדיג--ענטפער איך, טראכטענ-דיג ביי מיר: אויף אייך געזאגט געווארען!— א פערציג גראשען האב איך געמאכט.

—ווי הייסט איהר הבור?—גיט ער מיר נאך אמאל א פרעג.

ווייטער טייטש, טראכט איך מיר. ער פרעגט זיכער: ווי הייסט איהר קבצן, חבר מיינ-

—פישקע!... טו איך אַ זאָג קורץ און שאַרף.

—קען איך האָבען דעם כבוד מיט פישקען בעקאַנט צו ווע־
רען?—מאַכט ער עפּיס מיט אַ זיס הנ׳דעלע.

—אָך, מיט אַלע כּבוד׳ן, זעהר אָנגעלעגט, כ׳לעבען, זאָג איך,
אָנקוקענדיג איהם גאָר פריינטליך.

—נו, וואו איז ער, דער חבור?

— אָט בין איך דאָך טאַקי אַליין דאָ פאַר אַייערע איוגען,
זאָלט איר מיר געזונט זיין! —

—געהט צו אַלדי שוואַרצע יאָהר!—טהוט ער אויף מיר אַ געשריי
און פליהט אַוועק געשווינד און אין כעס.

אַז איך בין אַרויס פונ׳ם הויף, זעה איך, מיין שותף לויפט
ווי אַ משוגענער, ער איז שוין גאַנץ ווייט, טהוט זיך פלוצלים אַ נעהם
אין אַ געסעלע און איז פערשוואונדען געוואָרען. איך בין געבליבען
שטעהן עפּיס ווי אויסגעפּאַטשט און וואונדער מיך, וואָס איז דאָס פאַר
אַ מין נפש. גאָר אַ משוגענער טאַקי. אָט איז ער גוט, פלוצלים קומט
איהם אָן דער שגעון און ווערט אָנגעצונדען! דאַכט זיך, איך האָב
איהם גאָרנישט געזאָגט אַזוינס, איך האָב איהם געענטפערט טייטש מיט
זיין לשון. נאַט אייך נייעס, מ ח א ב א ר, ח י ב א ר י ם! ביי אונז אויף
יודיש הייסט עס חבר׳ים חבר׳ים, טאַרבע. איבעריגענס האַפּט איהם דער
וואַטעל־מאַכער׳

כג.

ניין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך מיט אַדעם מיך שוין
בעסער בעקענט, בין קלאָר געוועזען אין די אַלע ווינקעלעך און הינטער־
געסלעך, געהאַפּט דעם סטריה און געוואוסט, וואו עס עפענט זיך
אַ טיר. אַדעם איז ווי אַ טאַבעקערקעלע מיט אַ סעקרעט, מען ברויכט
צו וויסען די שפרונזשינקעלע, וואו צו געבען אַ קוועטש, דענסטמאָל

עפּענט עס זיך גרינג אויף, מען שטעקט אַריין די פינגער און נעהמט
אַ גוטען שמעק טאַבּאַקע. עס האָט זיך פאַר מיר געעפענט אַ קוואַל
פון הייזער, אַזעלכע וואָס פּאַסען צום עסק, מיט אַלע גוטע מעלות
ווי בּיי אונז. אָרמעלייט האָבּ איך שוין געפונען וויפיעל דאָס האַרץ
גלוסט, גאַנצע מחנות פון אַלערליי סאָרטען: אָרמעלייט מיט טאָרבּעס,
אָרמעלייט אָהן טאָרבּעס, אַזעלכע וואָס ערגיץ נישטאָ נאָר אין אַדעס.
ירושלמי׳ס, פריינקען, טערקישע און פּערסישע יודען, וואָס פּלאַפּלען
לשון=קודש; אַלטע יודען, קבּצנים מיט ווייבּער, אויך אָהן ווייבּער, וואָס
פאָהרען אויף דער עלטער שטאַרבּען אין ארץ=ישראל און עסען דער=
וויל דאָרט קעסט, קינדלען, לעבּען אויף דער וועלטס רעכענונג;
ענגונות, יודיגעס מיט ספאַזמעט, יודען געבּראָכענע מיט מיחוש׳ן וואָס
קומען זיך היילען אין דעם לימאַן. מקבּלים אַלט=פּעטערישע, וואָס
רייבּען זיך אַרום פּראָסטע יודען אין די בּתי=מדרשים, און מקבּלים פון
היינטיגער וועלט מיט געגאָלטע בּערד, וואָס רייבּען זיך אַרום די
בּראָדער, פראַנצויזען אין די קאָפּיינעס און טראַקטירען. אביונים אָבּ=
געפּיינטע, אויסגעפּוצטע ווי די נגידים, אַזעלכע טאַקי, וואָס האָבּען
לחלוטין גאָר נישט און אַזעלכע וואָס האָבּען, דאַכט זיך, הייזער און
דאָך גרויסע דלפנים, מיאוסע קבּצנים... וויפיעל אָרמעלייט איך האָבּ
בּעגעגענט פון אונזער ווינקעל, האָבּען נישט געקענט געננוג אָבּלויבּען
אַדעס, הגם איך ווייס נישט די גליקען זייערע דאָרט. איינער האָט
מיר געגעבּען צו פאַרשטעהן, וואָס דער גאַנצער חילוק איז צווישען
אַ אָרימאַן בּיי אונז אין די שטעדטלעך און אַזעלכע דאָ. דאָרט עסט
דער אָרימאַן דאָס טרוקען שטיקעל בּרויט פּערפינסטערט, פערזאָרגט
און דאָ עסט ער טאַקי אויך דאָס אייגען שטיקעל בּרויט, נאָר אַ קאַ=
טערינקע שפּילט איהם דערבּיי צו. אין אַדעס שפּילט די קאַטערינקע
אַ גרויסע ראָליע. אויף דער גאַס אַ קאַטערינקע, אין די הייזער אַ קאַ=
טערינקע, אין די טראַקטירען אַ קאַטערינקע, אין די קאָמעדיעס אַ קאַ=
טערינקע, אין שוהל להבדיל—פּע! — אויך אַ קאַטערינקע. שטענדיג איז
אין אַדעס נאָר אַ קאָבּעניש, הו=האַ! עס קאַטערינקעט זיך, עס שפּילט,
עס זינגט און עס פּייפט. דאָרט אין אַ טראַקטיר זעהסט=דו אָפט, זיצט
אַ שכּור און קרעכצעט, זינגט „קראַסנאַיאַ דיעווושקאַ", זייערס אַ מין
לידעל, אַקעגען זיצען פערבּוס׳עטע יודען, זינגען אַ שטיקעל פון
זמירות, אָדער „אָדם יסודו מעפר" מיט אַ שניידערשען מאַרש, לעבּעדיג=
פרעהליך.

גערענדיג איין מאָל בײַ דער זייט גאַס, פּיהל איך הינטען אין דעם רוקען אַ געשמאַקען זעץ. איך נעהם עס אָנ'עט פּאַר ליעב, זיך דערווייל גאָר ניט צו מאַכען, טראַכטענדיג, איינער פונ'ם עולם האָט אין איילעניש אומגערן מיך אַ שטופּ געטאָן, באַלד אָבער פּיהל איך נאָך אַ זעץ, ווי מיט אַ שטיק האָלץ, איך קוק מיך אום און דערזעה יאָנטעל דער חאָלערע-חתן זיצט אויף דער גאַס! מיט איין בײַנקעלע אין דער האַנד אָנגעשפּאַרט אויף דער ערד און דאָס אַנדערע בײַנקעלע האַלט ער אויפגעהייבען און קוועלט, שמאַכט פאַר פרייד, וואָס ער האָט מיך בעגעגענט. איך האָב מיך אויך דערפרעהט שטאַרק מיט יאָנטלען, מיט וועלכען איך האָב אין גלופּסק זעהר גוט געלעבט און געוועזען בײַ איהם אויף דער חתונה אויפ'ן הייליגען אָרט, אין דער חאָלערע, נישט היינט געדאַכט.

— אַזוי, פּישקע! — זאָגט ער אָבגעבענדיג מיר אַ שלום-עליכם — דו ביסט אויך דאָ אין אונזער אַדעס? אַ יאָ, אַ שען שטעדטיל מיין אַדעס! — און אַ קוק געבענדיג, אַז איך קנייטש מיך, מאַך פון זיין אַדעס עפּיס נישט אַזאַ פּרוש, מאַכט ער אַביסעל מיט פּערדראָס, גלייך ווי איך וואָלט איהם צושטעכערט די גערעלדיע און איהם געטראָפען אין קנעפּיל.

— האַ, דיין גלופּסק אפשר איז אַ שטאָדט?! אַ וואָרעם, וואָס זיצט אין חריין מיינט, קיין זיסערס פון דעם איז גאָר נישט. וואַרט, איך וועל דיר ווייזען אַביסעל מיין אַדעס, וועלען מיר דערנאָך הערען, וואָס דו וועסט דענסטמאָל זאָגען.

יאָנטעל דערצעהלט מיר פון זיין גרויסקייט אין אַדעס. אַלע קוקען און האָבען הנאָה, ווי ער רוקט זיך אויפ'ן געזעס. ער איז אַ שטיקעל חשוב אין פּיעל קלייטען, מען ניט איהם אָב זיין נדבה גאַנץ פיין, נישט פערזינדיגען. עס געהט איהם, אָהן עין-הרע, גאַנץ גוט. אַז איך האָב איהם אַ פרעג געטאָן וועגען זיין ווייב, האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכעלע:

— אַ שען ווייב, משטיינס-געזאָגט, האָט מיר גלופּסק געגעבען! וואָס פאַר אַ גוטס קען זיין פון אַ חאָלערע-ווייב? די חאָלערע האָט איהר פריהער געמעגט נעהמען איידער זי איז צו מיר אָנגעקומען. דאַכט זיך, עס פעהלט איהר די אונטערסטע ליפּ, פונדעסטוועגען אַרבייט אין איהר דאָס מויל, שרייעט, פּילדערט, פּלוידערט, מאָהלט ווי אַ מיהל, פּיעל בעסער נאָך פון אַ אַנדער'ען מיט צווי געזונטע ליפּען.

צקעגען אַ הייב, טראַכט איך בײַ מיר, העלפט נישט קיין מיטעל, איז זי אַ שלאַק, שרייעט זי אַפילו אָהן ביידע, אַפילו אויף אָהן איין איפּ, אַפילו צָהן אַ נאָז דערצו, און פאַלט אויף דיר אָן אַפילו בלינדערהייט אָהן אייגען... איך דערצעהל יאָנטלען אין קורצען אויך די געשיכטע מיט מיין בלינדער ווייב אַלצדינג וואָס איך בין פון איהר אין דער לעצטער צײַט אויסגעשטאַנען.

—נאַרעלע!—זאָגט יאָנטעל—מהו דאָס אייגענע וואָס איך, אַ שפּיי אויף איהר און איין עק. לאָז זי געהן צום רוח.

—וואָס הייסט, יאָנטעל, אַ שפּיי. גלאַט געה צום רוח אָהן אַ גט! איך בין דאָך עפּיס אַ יוד און בעדאַרף חתונה האָבען.

—אַזוי, חתונה האָבען—מאַכט יאָנטעל קוקענדיג אויף מיר מיט אַ געלעבטער—טאַקי אַ אָמת'ער גלופּקער, כ"לעבען! בלייב נאָר, פישקע, אַביסעל דאָ, אין אַדעס, וועלען מיר דערנסטמאָל זעהן...

פון יענער צייט אָן, זינט מיין בעגעגעניש מיט יאָנטלען, פלעגען מיר זיך אָפט צונויפקומען און רוקען זיך ביידע איבער אַדעס, ער אויפ'ן געזעס און איך מיט מיינע קראַנקע פיס. יאָנטלען איז נאָר געגאַנגען דרינען, מיר אַלץ אַרויסצושטעלען זיין אַדעס און בעריהמען זיך פאַר מיר מיט די שענע גאַסען, שענע הייזער און נאָך אַנדערע זאַכען, גלייך ווי זיי וואָלטען געהערט איהם און איהם דערפון אַ סך אַרויסגעקומען. ביי איטליכס מאָל וויזענדיג מיר עפּיס, פלעגט ער קוקען אויף מיר מיט אַ שיינענדיג פנים, שמאַכען פאַר גרויס פערגניגען, עפּיס אַזוי ווי דורך יענעמס שען הויז, יענער שענער גאַס, בעקומט ער אַ גרעסערען ווערטה אין מיינע אויגען, און אַלץ מאַכען, מאַרקענ־דיג מיך: נו, פישקע! אַ שענע שטאָדט אַדעס? אַפשר, האַ, אין דיין גלופּסק האָסט־דו אויך אַזוינס? —

—הער אויס, יאָנטעל!—זאָג איך צו איהם איינמאָל, אַז ער האָט מיר אָנגעטאַרקעט די זייטען, וויזענדיג מיר פונדערווייטענס דעם בולוואַר, וואו עס האָבען געשפּאַצירט אַ גרויסער עולם מענשען און צו וועלכען, ווי איך האָב בעמערקט, ער האָט זיך עפּיס געשייעט, נישט געהאַט קיין מוטה צו־געהן נאָהענט—וואָס זאָל איך דיר זאָגען, יאָנטעל, אַדעס איז אַוודאי אַ שענע שטאָדט נאָר אַ שאָד, כלעבען, וואָס נישטאָ דאָ קיין מענשען!... אַדרבה זאָג, קען מען די היגע לייט אָנרופען מענשען? געהען אַזוי אָנגעטאָן, לעבען אַזוי מענשען? קוק, אַדרבה, ווי דאָרט אויף דיין בולוואַר פּיהרען זיך מאַנספּילען אונטער

די הענט מיט נקבות. ס׳איז דאָך נאָר אַ בושה! יודען געגאָלטע, נקבות מיט האָר, הינטען שלעפט זיך זיי נאָך אַ שטיק קלייד און קעהרען דערמיט די גאַסען, פאַרענט אויסגעשניטען מיט דער גאַנצער ברוסט אין דרויסען. פע, חלשות, כ׳לעבען!... ווי נעהמט מען אַהער אונזערע יודען, גלופסקער יודען דענסטמאָל, זעהסט־דו, וואָלט עס טאַקי געהייסען אַ שטאָדט, געהאַט אַ פנים, יודישליך, מיט שׁענע איינפיהרען, ווי עס געהער צו זיין.

יאָנטעל האָט שווייגענדיג זיך גערוקט מיט מיר ווייטער, נישט געהאַט, אַ פנים, וואָס מיר צו ענטפערן. אויפ׳ן וועג קומען אונז אַקעגען אַ פאָר פיינע לייט, פראַנצויזען. יאָנטעל שטרעקט אויס די האַנד. איי־נער פון די לייט שטעלט זיך אָפּ׳עט רעדען מיט איהם עטליכע ווערטער און גיט איהם אַ נדבה.

— ווייסט־דו, פישקע, ווער די דאָזיגע זענען? — מאַכט יאָנטעל מיט גדלות און די אייגעלעך שיינען איהם פאַר גרוים הנאה. יענער וואָס האָט מיר געגעבען די נדבה, איז דער עלטסטער מלמד דאָ ביי אונז אין תלמוד־תורה. מיינער אַ בעקאַנטער, דו פאַרשטעהסט! איאָ פישקע, ער האָט שוין אַ פנים?

— אַזאַ יאָהר זאָלען האָבען אַלע מיינע שונאים! — ענטפער איך איהם און טהו אַ שפּיי — פּונ׳ם שענעם מלמד קען איך מיך שוין אָנשטויסען, וואָס פאַר אַ מין תלמוד־תורה, משטיינס־געזאָגט, מוז דאָ ביי אייך זיין. איך פרעג דיר נאָר, יאָנטעל, ווי שעהמסט־דו זיך נישט זאָגען, אַז אַזוינס איז גוט! ניין, דו ביסט שוין דאָ קאַליע געוואָרען, יאָנטעל! ביסט געוואָרען אַזעלכער ווי די אַלע היגע לייט... אַ מלמד אַביסעל! כ׳לעבען, גאָר אונזער תלמוד־תורה־מלמד, ר׳ הערצעלע מזיק, להבדיל! ר׳ הערצעלע מזיק איז אַ יוד מיט׳ן פולען מויל, פול אין דער גאַנצער שטאָדט און טהוט זיין זאַך בשלמות, גאַנץ פיין. אויף לוויות ער, אַ שידוך אויספיהרען ער, אויפ׳ן הייליגען אָרט תהילים זאָגען, אַ פרק משניות לעהרנען, ווייטער טאַקי ער. געהט ער, ווי דער שטייגער איז, אַלע וואָך אין די הייזער, געלד צונויפנעהמען, טראָגט מען איהם די נדבה אַקעגען; לויפט ער שמחת־תורה מיט די תלמוד־תורה־יונגלעך צו די נגידים מאַכען אַ „מי־שברך״, גיט מען איהם אומעטום קידוש מאַכען מיט דער פולער מאָס. ער שרייעט „צאן קדשים״ און די יונגלעך — מע־מע! — עס האָט אַ פנים. און דיין פראַנצויז וואָס? וואָס פאַר אַ פנים קען ביי אַזעלכען האָבען זיין תהילים זאָגען, זיין „מי־

שברך?״ וואָס פאַר אַ טעם קען האָבען זיין קידוש מאַכען, זיין געהן אויף אַ לויה, משטיינס־געזאָגט?...

—האָסט־דו דאָך אַ גראָבען טעות, פישקע!—פאַלט מיר יאָנטעל אַריין אין די רעד—אַז מיינער טהוט גאָר קיינמאָל נישט אַזעלכע זאַכען! ווייסט פון אַזעלכע זאַכען אַפילו נישט וואָס צו זאָגען.

—וואָס הייסט, ער טהוט נישט אַזעלכע זאַכען?!—מאַך איך פערוואונדערט—ווי געשיקט זיך עס, אַ תלמוד־תורה־מלמד זאָל נישט טאָן אַזעלכע זאַכען! נישט מאַכען קיין „מי־שברך״ די נגידים, נישט בעגראָבען די פיינע־בריות, נישט..

—שאַ,שאַ, פישקע!— שלאָגט מיר איבער יאָנטעל די רעד—ער בעגראָבט זיי נאָר אויף אַ אַנדער שטייגער. נישקשה, די פיינע בריות זענען צופרידען...

—פע, פע, פע!—שריי איך אין איין קול און פאַרשטעק די אויערען, נישט צוהערען. נאָר יאָנטעל לאָזט מיך נישט צו רוה און רעדט איבער מיר טאָקי ווייטער:

—ווייסט־דו ווער דער צווייטער איז, וואָס איז מיט דעם מלמד געגאַנגען? דאָס איז אַ גרויסער פיינע־בריה. אַ גאַנצער טהוער אין שטאָדט־זאַכען, ווי ביי אייך דאָרט אַהרן יאָסיל שטילפּייפער.

—פע, פע!—טהו איך אַ געשריי שטאַרק אויפגעבראַכט, אַזוי אַז מענשען, וואָס זענען פאַרביי געגאַנגען האָבען זיך אַרומגעקוקט— אָט אַזעלכער הייסט ביי דיר, יאָנטעל, אַ פיינע־בריה! ווי אונזער ר׳ אַהרן־יאָסעל! זאָג חאָטש להבדיל. ר׳ אַהרן יאָסיל איז אַ יוד מיט אַ באָרד, מיט פאות, דאָס יודישקייט ליגט איהם אויף׳ן פּנים און אין די הענד ביי איהם ליגט יודיש געלד, עולמות־געלד, פון אַלע חברות געלד, נאָך און נאָך געלד, מען גלויבט איהם אויף נאמנות. מסתּמא אַז ער נעהמט, ווייסט ער דאָך אַז ער נעהמט און וואָס מיט דעם געלד צו טאָן. מען קען זיך דרינען שוין אויף איהם פערלאָזען. דיין פיינע־בריה מוז האָבען אַ שען ביסעל נאמנות. אויף וואָס קוקענדיג קען מען אַזעלכע געטרויען? אויף זיין יודישקייט? אויף זיינע אונטער־געשוירענע פאות?

—אויף נאמנות, כ׳לעבען!—שפּאַרט זיך יאָנטעל מיט מיר—מיט פאות, אָהן פאות, אַלץ איינס ווי איך בין אַ יוד!

עט!—מאַך איך—וואָס ווילסט־דו דאָ מיר אויסדרינגען? מילא שיינק איך דיר שוין דאָס נאמנות, אַבער ווי קען מען אַזעלכען מכבד

זיין מיט סנדק, מיט מציצה? אַ שען שטיקעל מציצה מוז דאָס זיין בּיי ריין פיינע-בּריה. פע, כ'לעבּען! נאָר אַ געלעכטער. אז די וועלט זאָגט, פערצינ ווערסט אַרום אָדעם בּרענט דער גיהנם, איז טאַקי אמת.

— פונדעסטוועגען—מאַכט יאָנטעל מיט אַ שטעכווערטעל'—איז מיר פיעל ליבּער דאָ אין גיהנם, ווי אין דיין גלופּסק, אין גן-עדן

יאָנטעל איז אין מיינע אויגען אינגאַנצען איבּערגעקעהרט געוואָרען: אַדעם האָט איהם שטאַרק צולאָזען און מיר פלעגען זיך שפּאַרען זעהר אָפט. וואָס בּיי איהם האָט געהייסען גוט, איז בּיי מיר געווען שלעכט, און וואָס בּיי מיר גוט, איז בּיי איהם געווען שלעכט. מיר האָבּען זיך נישט געקענט אויסגלייכען, אַ שטייגער וועגען דער גרויסער שוהל, וועגען דעם חזן און דעם רב דאָרט. אַ חזן, משטיינס-געזאָגט, אין אַ טענדע-ווערענדע דאַווענט קאָרכיש! ער אַליין זאָל עס אַרבּייטען, אַריינשטעקען דעם פינגער אין גאָרגעל, האַלטענדיג זיך בּיי דער בּאַק ווי אונזער חזן ר' ירחמיאל קלאָגמוטער, שרייען קולות אויף דער געמבּע, פון דער געמבּע אַ חאַפּ טאָן זיך אין פּיסטעל-געזאַנג, ווידער אויף דער גראָבּער סטרונע, בּרומען, זעצען ווערטער אַרויף און אַראָבּ, פאַרגעהן זיך אין שטייגער, צוגיסען זיך מיט אַ זיס וואָלעכיל, אַ בּעטלע-ריל פאַר דעם רבּונו של עולם: טאַטעניו, פּאָטערוניו! אוי וועה איז מיר, וועה! אַריינלעגען דאָס גאַנצע לעבּען און אָבּגעהן מיט שוויים אין „יקום-פּורקן", אין דעם „מי-שבּרך"—אַזוי צו אַרבּייטען—חלילה! ער אַליין שווייגט מייסטענס, נאָר קיים רופט ער זיך אָן אַוואָרט, חאַפּען עס אויף די משוררים, צולעגען עס אויף טעלערלעך, נעהמען עס אויף די כּלים אַלערליי, אויסגעמישט אינאיינעם קאַשע מיט מאָהן—און דאָס הייסט בּיי זיי דאָרט קאָרכיש. וואו אַ וואָלעכיל! וואו אַ קליוואַנער בּעטלעריל, אַ פּאָניע! וואו „אַ יקום-פּורקן"! די גאַנצע ראָליע שפּילט בּיי זיי אונזערס אַ שטיקעל דרויב. דער „אין-כּמוך", מען מאַכט פון איהם אַ צימעס. און וואָס נאָך — אַ געלעכטער, כ'לעבּען!—האַלטענדיג די תּורה אויף די הענד דרעהט מען זיך דערבּיי אַרום מיט די הקפות. האָט איהר געהערט, שבּת מיט די הקפות, ווי אין שמחת-תּורה . . סטייטש! וועט איהר זיך וואונדערן, וואו איז דער רב? ווי דערלאָזט עס אַזוינס דאָרט דער רב? נאָר הערסט-דו, אָט דאָס איז דאָך טאַקי דער גאַנצער פערדראָס, אַז דער שענער רב טאַנצט אויך אין קאָן, רוקט זיך נאָך פאָראויס, אויך אין אַ טענדע-ווערענדע מיט אַ געפּוצט בּערדיל און האָט אַ פּנים, פע!... דאַכט זיך געגווג חלשות, און יאָנטלען

דאָס גאָר געפעלען.—געוואַלד, שריי איך, יאָנטעל וואָס איז דיר געשעהן? משוגע ביסט⸗דו, צי חסר⸗דעה; ווי קומט אַזוינס צו דיר, ווי פערקריכט מען עס אַזוי מיאוס? געוואַלד, אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין!... און ער קוקט מיך אָן, שמאָכט מיט אַ שיינענדיג פנימיל, מאַכענדיג דערביי נישט מעהר ווי: פישקע, ביסט אַ נאַר! פאַרשטעהסט נישט, וואָס גוט איז. היינט געה, רעד, טענה מיט אַזעלכען. אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, ס׳איז פערפאַלען, יאָנטעל איז אַיינגעשפאַרט, ס׳איז מיט איהם גאָר נישט צומאַכען, האָב איך מיר געגעבען דאָס וואָרט, מעהר וועגען דעם ניט צו רעדען. איך לאָז זיך זיין אַדעס פון מייַנעטוועגען אַפילו מיט׳ן קאָפּ אַראָב איבערקעהרען, געהט עס מיך מעהר ניט אָן.

—הער⸗אויס!—זאָג איך איינמאָל צו יאָנטלען—שפּאַרען זיך מיט דיר וועגען אַדעסער אַיינפיהרונגען וויל איך שוין מעהר נישט, דו ביסט אַ געבראָטענער עקשן און איך וועל מיט מיינע ווערטער ביי דיר גאָרנישט פועל׳ן. לאָמיר בעסער רעדען תוך⸗זאַכען. איך וויל זיך מיט דיר מישב זיין וועגען מיר, וואָס קען פון מיר דער תכלית זיין? דער ענין אין די הייזער אַרומצוגעהן, האָט זיך מיר שטאַרק צוגעגעסען, ס׳איז דאָ היינט אָרמעלייט גענוג אָהן מיר אויך, וואָס בעפאַלען די הייזער ווי די היישערקען און וועלען באַלד פערפלייצען די וועלט, די בעלי⸗הבתים בלאָזען זיך, שרייען: געוואַלד, נישט אויסצוהאַלטען! עס וואָלט גוט געווען צו האָבען עפּיס אַ שטיקעל פרנסה. ראָט, כ׳לעבען, צו וואָס זאָל איך מיך נעהמען.

—קיין קאַנטאָרען מאַכען—ענטפערט יאָנטעל—מיין איך, ווילסט⸗דו נישט, קיין קלייט מיט צעלניק אויך נישט. וואָס דען⸗זשע, אַ שטייגער?

—לאַך נישט, יאָנטעל—זאָג איך צו איהם—רעד ווי אַ מענש. עפּיס חוץ קאַנטאָרען און צעלניק איז דען נישטאָ ביי יודען מעהר קיין פרנסות?

אָך!—מאַכט יאָנטעל—ס׳איז דאָ, דאָ זעהר פיעל. ווי, אַ שטייגער, האַלטען די טאַקסע, זיין אַ גבאי אין חברות, רייבען זיך אַרום מאיר⸗בעל⸗הנס⸗פושקעס, דרעהען זיך אַרום שטאָדט⸗זאַכען, אַרום די פיינע בריות, זיין אַ כל⸗ולך, אַ קאָכלעפעל און דעסגלייכען זעהר גוטע פרנסות. נאָר, אַ קאָטאַ! אַזעלכע זענען נישט פאַר דיר, לאָמיר זיך נעהמען צום צעטעל יודישע פרנסות פון קליינעם סאָרט. נו, פישקע, האַנדלען מיט

אַלטע קליידער, אַ שטייגער! זעהר פיעל יודען דערנעהרען זיך דערפֿון גאָר נישקשהדיג.

—ניין!—גיב איך יאָנטלען צו פאַרשטעהן—אַלטע קליידער מוז מען דאָך קויפען, אויסלאַטען און דערצו דאַרף מען דאָך געלט, איך. טאַקי פֿאַרשטעהן אַ ביסעל די מלאכה, און דאָס איז פּאַר מיר שווערליך מיט גלופסקער תחתונים, אַ שטייגער, איז נאָך אַ האַלבע צרה, וואָס מאַכט עס דען אויס, אַז צוריסען אַביסעל, אַזוי אָדער אַזוי פערלאַטעט; אָבער דאָ מיט די אַדעסער איז דאָך אַ שרעק. אַדעסער תחתונים, מחילה, זענען מיט גאַנצע צערעמאָניעס, דרך-ארץ! עפּיס גאָר אַ מורא צו זיי זיך צו-צוריהרען.

—אויב דו שרעקסט זיך פאַר אַדעסער תחתונים—מאַכט יאָנ-טעל—לאָז-זשע זיין ציבעלעס, קנאָבעל, צוגעלעגערטע לימענעס, מאַ-ראַנצען וכדומה. נאָר מוזט אָבער וויסען, אַז דאָ איז די מאָדע זיך איינצושפּאַנען אין אַ טאַטשקע און אַרומפיהרען עס איבער די גאַסען, שרייענדיג אויף אַ קול מיט אַ ניגון.

—שרייען קען איך זעהר שען—ענטפער איך—דערויף בין איך אַ מייסטער. אָבער איינשפּאַנען זיך ווי אַ פערד און שלעפען, האָב איך קיין כּוח נישט. היינט חוץ דעם איז דאָך אויך וויַטער די אייגענע מעשה: און די ממתקים? וואו נעהמט מען דערצו די קלינגערס, געלד?

—הער אויס, פישקע—מאַכט יאָנטעל מיט אַ ערענסט פּנים —פּרנסות אָהן מיה, אָהן געלד אַריינצולעגען, זענען נאָר יענע, די פריהערדיגע... פונ'ם הויכען סאָרט, וויטער ווייס איך קיין אַנדערע נישט. זאָג, אַדרבה, דו!

—בעסער פון אַלע זאַכען—זאָג איך צו יאָנטלען—געפעלט מיר אַ באָד. אין דער גלופסקער געמויערטער באָד, וואו איך האָב מיך אויפגעהאַלטען, איז מען פון מיר שטאַרק צופרידען געווען. איך האָב געטויגט. ווען נישט די אומגליקליכע חתונה מיינע, וואָלט אויס מיר שוין לאַנג דאָרט געוואָרען אַ מענש. איך וואָלט שוין אָנגעשפּאַרט העט וויַיט. אויב דו ביסט יאָ אַ שטיקעל חשוב אין אַדעס, טהו-זשע מיר די טובה, גוטער, זיסער יאָנטעלע, און העלף מיר זיך אַריינצו-דרעהען דאָ ערגיץ אין אַ באָד. זיַי אַ ברודער, יאָנטעל, און וויַיז מיר דיין גרייסקייט דאָ!

—אַצונד, פישקע—מאַכט יאָנטעל צו מיר מיט אַ שמייכעלע— אַצונד וועל איך דיר מכּוה דיין בקשה גאַרנישט ענטפערן, געה, זיי

מוחל, פריהער און קוק אַליין אָנ׳עט מיט דיינע אויגען די הינע באַ-דען, דערנאָך וועלען מיר שוין שמועסען.

איך האָב געפאָלגט יאָנטלען און בין געגאַנגען אין איין באָד, אין דער אַנדערער, איז מיר פירגעקומען עפּיס משונה ווילד. האָט איהר געהערט אַביסעל אַ באָד! דאָרט איז ליכטיג, ריין ווי אין אַ שטוב. דאָרט שטעהען גוטע באַנקבעטלעך, טאַקי גוטע, ווי איך בין אַ יוד! פרוּדען זיך דאָרט, זאָל דער אויבערשטער היטען! מען זעהט נישט הענגען דאָרט קיין איין העמד אַפילו. ס׳איז נאָר אַ געלעכטער, אויף נאמנות! — ניין, טראַכט איך ביי מיר, אין אַזאַ באָד קען איך נישט זיין. דאָס איז נישט פאַר מיר, ניט דאָס, ניט יענץ, ניט דער תענוג, וואָס אין אונזער גלופסקער באָד. דאָרט איז גאָר עפּיס אַנדערש, עס האָט עפּיס טאַקי אַ פּנים. מענשען האַלטען זיך דאָרט אויף, מען ליגט זיך אין קומפּאַניע אויסגעצויגען אויף די בייגק; מען שמועסט, מען דערצעהלט מעשיות, מען רעדט פון אַלצדינג, וואָס פערלויפט זיך אין דער וועלט. ס׳איז עפּיס אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק, מחיה, כל׳עבען!... איך בין געגאַנגען אין נאָך און נאָך באָדען, אַלע נישט וואָס ביי אונז. עפּיס שמעקט דאָרט נישט דער ריח, וואָס אין אונזער געמוירטער באָד! היינט זייערע מקוות איז נאָר אַ געלעכטער. אונזער מקוה-וואַסער פיהלט מען, עס האָט עפּיס אַ אַנדער טעם, אַ אַנדער קאָליר און איז עפּיס געדיכטער, ווי אַנדערע וואַסערען. מען פיהלט באַלד ס׳איז יודיש ליך... דאָרט אָבער איז דאָס מקוה-וואַסער לויטער, גלאַט וואַסער, ווי וואַסער בעדאַרף געוועהנטליך זיין, וואָס מען קען עס טרינקען...

—נו, פישקע?—האָט מיך יאָנטעל אַ פרעג געטאָן דערנאָך מיט אַ שמייכעלע—האָסט-דו געזעהען אַ הינע באָד?

—עט!—האָב איך געענטפערט—נישטאָ פון וואָס, משטיינס-געזאָגט, צו רעדען. ביי אייך איז אַלץ ווילד, הוזק אינגאַנצען. דיין אַדעס איז פאַר מיר נישט קיין אָרט.

כד.

מיט אַדעס בין איך טאַקי נישט צופרידען געווען, נאָר איבער דעם ווינטער האָב איך געמוזט דאָרט פערבלייבען, וואָרום ווי לאָזט מען זיך עס ווינטערצייט נאַקעט און באָרפיס אין וועג אַריין און דערצו נאָך איינער אַליין אין אַ פרעמד ווינקעל? ווי באַלד אָבער עס האָט אַ וואַרם געגעבען די ליכטיגע זון און געשמעקט מיט זומער, האָט עס מיך עפּיס געטאָרעט, נישט געלאָזט מיך איינזיצען רוהיג אויף איין אָרט. אַ מאָל פלעגט פאַר מיר דער זומער זיין, ווי געוועהנטליך, זומער. זומער, גאָרנישט! ס׳איז וואַרעם, ליכטיג, טעג גרויסע, גרין אומעטום. מילא איז גוט, איז נישט קאַלט. בהמות געהען אין דער טשערעדע, איז דאָ מילך, אַביסעל סמעטענע. ס׳איז נאָך דאָ צום ברויט אַ גרינע ציבעלע, אַ קנאָבעל, אַ רעטיכעל, פאַר אַ יודען אַ אָרעמאַן אַ גרויסע זאַך, אַ גאַנצער חשבון. הײנטיגס מאָל אַקעגען האָט פאַר מיר דער זומער עפּיס גאָר אַ אַנדער פּנים געהאַט. איך ווייס נישט, ווי זאָל איך מיך אויסדריקען, עפּיס האָט ער גערעדט ווערטער, אונטערגעגעבען דעם האַרץ עפּיס אַ חשק... מיך דערמאָנט אַלץ אין איהר, אין מיין האָרבאַטער. איטליכס גרעזעלע, איטליכס גרין ביימעלע און איטליכס שפּיל פון אַ פייגעלע האָט מיר עפּיס דערצעהלט, אָבגעגעבען אַ גרוס פון איהר. עס האָט מיר זיך אַלץ געטראַכט: אָט אַזוי איז זי מיט מיר געזעסען, אַזוי האָט זי געקוקט, אַזוי—געלאַכט און אַזוי אויסגעגאָסען איהר ביטער געמיטה. עס האָט מיר זיך צושפּילט די געבליטען, מיך בעפאַלען אַ זיסע מרה־שחורה און עס האָט מיך עפּיס געצויגען, געצויגען ווייט אַהין, אַהין... וואָס פאַר א שייכות דאָס אַלצדינג קען האָבען מיט דעם זומער, אויב דאָס איז געווען אינגאַנצען זיין אַרבייט, אָדער גאָר עפּיס אַנדערש, עפּיס אַזאַ מין שלאַפקייט, אַ ספּאַזמע אַזוינע? — דאָס ווייס איך נישט. איך ווייס נישט מעהר, מיט מיר איז געווען עפּיס נישט גלאַט. איך האָב געצאַנקט ווי אַ ליכט, געוואָרען גאָר נישט דער אייגענער וואָס פריהער.

— פּישקע, ביסט קראַנק? — האָט יאַנטעל אָנקוקענדיג מיך

איינמאל גערעגט — ביסט עפיס שטארק פונ'ם פנים אראב, וואס מהוט דיר וועה?

— עס, גארנישט — ענטפער איך, אנהאפענדיג זיך מיט ביידע הענד ביים הארצען.

דו פיהלסט נישט דאס הארץ?—מאכט יאנטעל—דערצו איז איין סגולה, א שטיקעל ברויט גוט איינגעטונקט אין זאלץ אויפ'ן ניכטערן מאגען.

—ס'איז מיר אנגעזאלצען אויפ'ן הארצען גענוג אהן דעם — ענטפער איך מיט א זיפץ—עפיס פיהל איך, ווי עס ציהט מיך, ציהט און עס לאזט מיך ניט איינזיצען.

—איך פארשטעה שוין, פארשטעה—מאכט יאנטעל מיט א שמייכעלע—עס ציהט דיך אין דיין גלופסק ציהט דיך. אהין, וואו די גנילאפיאקטע בליהט, וואו עס סווישטשעט דער דלות און קנאבעל און ציבעלעס גיבען די שמוכט. שעהם־זשע דיך נישט, פישקע, און געה דיר אהין אין דיין רוה אריין.

אין עטליכע טעג ארום האב איך זיך געזעגענט מיט יאנטלען און מיך געלאזט צופוס אין וועג אריין...

דער קאפ איז מיר געפלויגען אין עק וועלט, דאס הארץ זאגט מיך געצויגען צו איהר. אלץ געטראכט, וואו איז זי, וואו געפינט זיך אצונד זי? וואס מאכט זי, ווי לעבט זי, נעבעך, אליין אהן מיר? און די פיס מיינע זענען געגאנגען, ווי אליין פון זיך, געגאנגען פאמעליכען אויפ'ן וועג קיין גלופסק. איך בין געגאנגען דורך דערפער, דורך שטעדט, דעם גאנצען וועג געטראכט, געזוכט מיט די אויגען, טאמער וועל איך בעגעגענען זי. איך בין זיך אנגעגאנגען גענוג און אויסגעוועין א וועלט יודישע שטעדט. וואס מעהר נעהענטער צו גלופסק, איז מיר געווארען גרינגער אויפ'ן הארצען. איך האב זיך מחיה געוועזן מיט די יודען פון אונזער ווינקעל. דער לשון, זייער גאנג, זייער שטייגער לעבען און פיהרונג איז פאר מיר געוועזן גאר א דערקוויקעניש, כ'לעבען. עפיס האב איך מיך געפיהלט היימיש צווישען מיינע לייט, איינענע מענשען. פון אונזער ווינקעל די יודען זענען טאקי מהיה! אהן צערעמאניעס, אהן חכמות, הערען נישט קיין וועלט, נארישע מאדעס. רעד דיר, שריי דיר הויך אויף א קול, טהו דיר פריי אלצדינג, פראסט ווי גאט האט געבאטען. ווענעם עסק איז—שען אדער מיאוס, אויב עס פאסט אדער ניט. יענעם גע־

פּעלט נישט? לאָז ער פּערמאַכען די אויגען, פאַרשטעקען די אויערען. געסמאַהע איהם פּאַרפּול!... איך בין ביסליכווייז געקומען צו די קרעפטען, געוואָרען רוהיגער, געטראַכט פון גלופּסק, פון דער געמויערטער באָד און געהאָפּט צו השם־יתברך.

אָט אַזוי בין איך מיר אין אַ שענעם פריה־מאָרגען געגאַנגען צווישען ווייץ און קאָרען און פערגאַנגען ביז צו אַ גרויסען, געדיכטען וואַלד. איך בין אַריין טיפליך אַביסעל אין וואַלד, אָבגעלעגט זיך דאָרט מיט מיין פּעקיל, אַראָבגעוואָרפען פון מיר די קאַפּאָטע און זיך אויס־געשטרעקט אונטער אַ בוים צווישען הויך גראָז, וואָס האָבען מיט די גרויסע, ברייטע בלעטער מיך פאַרשטעלט אַרום און אַרום. מילא וואָס איז דאָ איבערצוטראַכטען? אַ וואַלד — אַ וואַלד, ווי אַלע וועלדער. ביימער זענען זיך ביימער, גראָז—גראָז, פייגעלעך—פייגעלעך און איך בין מיר איך און מעג מיר טאַקי האָפּען אַ דרעמיל, זיך אויסרוהען אַביסעל פון׳ם וועג. איך ציה מיך, געניץ, פערמאַך די אויגען און — הערט מיין חלום.

עס דאַכט מיר זיך אַ שאָרך, עפּיס ווי טריט און אַ קנאַקען פון דאַרע ריטלעך. איך שטעל־אויף די אויערען און האָרך מיט צוגעמאַכטע אויגען. דער שאָרך ווערט אַלץ שטאַרקער, די טריט אַלץ נעהענטער. עפּיס הויבט עס מיך אָן צו אַרען, וויל עפענען די אויגען, נאָר שווערליך, איך ליג ווי אַ קלאָץ און קען פאַר גרוים מידינקייט מיך נישט ריהרען. די טריט אָבער ווערען באַלד שטילער, איך בערוהיג מיך, גיב מיך איבער דעם שלאָף, די געדאַנקען פּלאָנטען זיך מיר און ס׳איז מיר עפּיס גוט, אַזוי גוט... עפּיס הערט זיך אַ שטיל אומעטיג ניגונדיל, דאַכט זיך אַ בעקאַנטס, דאָס ניגונדיל צוגעהט זיך אין אַלע גלידער, רייסט אוים אַ שטיק האַרץ, עס גלוסט זיך וויינען און דערביי פּיהלט זיך טאַקי, ווי עס קומט צו אַ שטיק געזונט. עפּיס נאָר ווי אויף אַ בערעקענס פאַר דער חופּה, עס וויינט זיך חתן־כּלה און עס לאַכט זיך,ביידע זאַכען אינאיינעם, ווי אַ זון מיט אַ רעגען צו גלייכער צייט. — פּלוצלים פּיהל איך, עפּיס טהוט מיך אַ נעהם ביי די האָר און עס טהוט אַ געשריי. איך האַפּ מיך געשווינד אויף, צונעהם פאַר מיר די גרויסע בלעטער פון׳ם גראָז און דערזעה אַ טעפּיל מיט שטאַרקע רויטע פּיליניצעס, וואַלגע־רענדיג זיך נישט וויים פון מיר אויף דער ערד. ווייטער אַביסעל רוקט זיך עמיצער, ווי אַ נקבה, זיצענדיג אויפ׳ן גראָז און קוקט זיך אַרום אין איינע שרעק. מיר איז באַלד איינגעפאַלען, וואָס דאָס בעטייט. יענע

האָט דאָ, אַ פּנים, געקליבען פּיליניצעס, פערטיפט אין דעם זוכען און בשעת מעשה, אונטערזינגענדיג עפּיס אַלידעלע, האָט זי פלוצלים אָנגע־טאַפּט מיין קאָפּ און זיך שטאַרק איבערגעשראָקען. איך שטעה געשווינד אויף, נעהם דאָס טעפּיל און גיב איהר עס אָבצוטראָגען, מאַכענדיג פּונדערוויטענס: נישקשה! גאַנץ פריינדליך. נאָר קוים קום איך צו נאָ־הענט, פאַלט מיר פון די הענד דאָס טעפּיל אַרויס. איך טהו אַ געשריי, בלייב פערמישט—און באַלד שטעהען מיר ביידע, שטייף האַלטענדיג זיך ביי די הענד, איך און מיין האָרבאַטע...

דאָס איז געווען טאַקי וואַכענדיג, נישט קיין חלום. איך האָב געקוקט און געזעהן גאַנץ קלאָר, פאַר מיר שטעהען געזונטע ביימער, אויבען אויף די צווייגען שפּרינגען פייגעלעך, סווישטשען, זינגען און פרעהען זיך מיט אונז אינאיינעם. ביידע זענען מיר איבערגליקליך, פרע־הען זיך און לאַכען מיט טרעהרען. ביידע וואונדערען זיך, פרעגען איינער דעם אַנדערען, פון וואַנען ער האָט פלוצלים זיך אהער גענומען, און ביידע רעדען, דערצעהלען, וואָס מיט איטליכען האָט זיך פאַסירט.

זי דערצעהלט די גרויסע צרות, וואָס זי, נעבעך, איז אויסגע־שטאַנען זינט די חאָליאַסטרע האָט מיך פאַר אַ יאָהרען אין שטעדטיל דאָרט אַוועקגעוואָרפען. דאָס איז געווען דעם ממזר'ס אַרביים. איהם האָט יך נישט געגלוסט, מיין וויב זאָל נעהמען גט, בכדי זי זאָל נישט באַלד צושטעהן צו איהם מיט געוואַלד, ער זאָל מיט איהר התונה האָבען. איהם האָט נאָר געטויגט אַ בלינדע, אָבער נישט קיין בלינדע וויב. מאַכען מיט איהר חן און געלט—דאָס זאָל ער און זיין זאָל זי זיך געזונטערהייט יענעמס. דערביי האָט ער געהאַט נאָך אַ מיין, מיר צו פערוויסטען מיינע יאָהרען, איך זאָל נישט זיין פריי אויפגעבונדען. איהם איז אויך שטאַרק נישט געפעלען מיין פריינדשאַפט מיט דער האָרבאַטער, דאָס האָט איהם שרעקליך געשטאָכען און ער האָט פון זיין זייט געטאָן מיטעל, די פריינדשאַפט זאָל ניט געהן ווייטער... אַבי ער איז מיינער פטור געוואָרען, האָט ער מיין וויב ביסליכווייז אין די לאַפּעס אַריינגענומען און איהר דערנאָך געוויזען, ווער עלטער איז, וויסענדיג זעהר גוט, אַז פון זיינע הענד איז איהר שוין אוממעג־ליך זיך אויסצודרעהען. וואָרום וואָס קען אַ בלינדע איינע אַליין טאָן? שפּעטער האָט זי איהם זיך שטאַרק צוגעגעסען. ער האָט זי איבער־געגעבען דעם אַלטעטשקען, צו געהן מיט איהר אין די הייזער און מאַכען די קאָמעדיע ווי אַ מאָל מיט מיר, דער ממזר האָט איהר

פערצאפט דאס בלוט. זי גע׳הרג׳עט, געשלאגען און דער אלטעטשקער האט בעזונדער מיט איהר געלערענט בלק. זי איז אין א קורצער צייט געעלטערט געווארען, פינסטער ווי די ערד. — דאס גאנצע יאהר האט די חאלאסטרע זיך ארומגעשלעפט, אין פיעל שטעדט אויסגעוועזן. און היינט פאר טאג זיך געשטעלט אויסרוהען דא אין וואלד. איהר האט זיך פערגלוסט געהן קלייבען פיליניצעס און האט פלוצלים — אזוי לאזט זי אויס מיט א שמייכעלע — אנגעטאפט א גוטע פיליניצע, מיך אליין . . .

איך פון מיין זייט דערצעהל איהר אלצדינג, וואס מיט מיר האט זיך פאסירט און ווי איך בין אויך היינט אין דער פריה געקומען אהער, געהענדיג אויפ׳ן וועג קיין גלופסק. ביי אונז איז געבליבען פון היינט אן זיך מעהר נישט צושיידען, איינוועגדען אלע מיטעל, מיין ווייב זאל נעהמען גט. אויב חלילה נישט, וועלען מיר ביידע פון דער חאלאסטרע אנטרונען ווערען, און ווארטען, וואס גאט וועט געבען. און ווי מיר זיצען זיך דא אזוי, שטארק הנאה האבענדיג איינער פונ׳ם אנדערען, הערט זיך אין וואלד א קול א=הו!

— דאס איז א קול פון אונזערע לייט, זאגט מיין הארבאטע, דאס זוכט מען מיך.

און שפעטער א ווייליע קומט צו א פארשוין, וועלכען איך האב באלד דערקענט. דער פארשוין האט מיך עפיס קרום אנגעקוקט און געשמייכעלט פאר זיך מיט א געשפעט. מיר מאכען נישט לאנג שיחות און לאזען זיך געהן. דער פארשוין לויפט פריהער, איילט זיך, א פנים, אנצוזאגען די גוטע בשורה, און מיר איילען זיך נישט, געהען פאמע־ליך. הינטער א קרעטשמעלע, א חורבה, אויף א היבשע שטרעקע ווייטליך אין דעם וואלד, זעה איך, שטעהען בעקאנטע ביידלעך, ווייטער אביסעל אויף א פרייעם פלאץ, ארומגערינגעלט מיט ביימער, ברענט א פייעריל, די שענע חאלאסטרע ארום, און ס׳איז פרעהליך. דעם ערשטען „שלום עליכם״ שטעקט מיר אב דער ממזר מיט בריטקייט, הויך אויף א קול: א, א, א גאסט, כ׳לעבען! וואס מאכט א יוד? איך האב טאקי נאך איך שוין געבייגקט, ר׳ פישעל! — באלד דערויף לאזען זיך הערען קולות: קומט מקבל פנים זיין דעם „נגיד״! און פון אלע זייטען שיטען זיך מיר משונה־ווילדע, משוגענע „שלום־עליכם׳ס״ מיט קניפ אין קלעפ הינטען ארום, אזוי אז דאס היטעל איז מיר פונ׳ם קאפ ארא־געפאלען. און ווי איך דרעה מיך דא, זוך דאס היטעל, צו־דעקענדיג

דערווייל דעם קאפ מיטן עק פאלע פון דער קאפאטע און חאפ קלעפ נאר א שרעק, פלוצים מיין ווייב מיט א פרייד אין איין קול: וואו איז ער, מיינער? וואו, וואו? פישקע?... איהר פרייד האט מיך ערגער געשטאכען ווי פון די פיינע לייט די קניפ. צום גט טויג מיר כלל נישט אזא פרייד, טראכט איך מיר, האב מיך בעסער פיינט, ווי דער גאנצער עולם דא, זי אבער היינגט זיך אויף מיר, אלץ פישקע, מיין פישקע! מיר איז שטארק נישט גוט געווארען אנקוקענדיג זי, א בלינדע, א דארע, א שלאפע, אלטע יודענע! וואו איז איהר לייב, איהר געזונט, איהרע פעטע באקען און איהר פיסק? איך האב מיר בעדארפט אנטאן א כח א פרעג צו געבען זי, פון יוצא וועגען: וואס מאכסט דו, בתיה?

—דו ביסט שאקי גערעכט געווען, פישקע, זאגענדיג א מאל: „אין גלופסק האבען מיר ביידע, ברוך-השם, א שענעם נאמען געהאט, איטליכער האט מיר געקענט און אויף מיר כבוד געלעגט״,—מאכט מיין ווייב הייך אויף א קול, אלע זאלען הערען, אננעהמענדיג דערביי א שטאלצע מינע, ווי א אבגעקומענער נגיד, וואס דערצעהלט פון זיין גרויסקייט אין די פריהערדיגע יאהרען, און געטאן א זיפץ טיעף פון'ם הארצען—געגנג זיין נע-ונד, אהיים, אהיים צוריק אהיים פיהר מיך, פישקע, צוריק אין אונזער שטאדט, צו אונזערע הייזער, אונזערע בעלי-בתים!—

ס'איז מיר געווארען פינסטער אין די אויגען פון איהרע רעד, אזעלכעס איז מיר גאר ניט איינגעפאלען צו הערען פון איהר און איך האב מיך שטארק פערקרימט. דער ממזר האט זיך אויך מיאוס פערקרימט, טראכטענדיג זיכער, אז איך וויל דערטאפען די סחורה און ביי איהם צו-נעהמען די פרנסה. איך האב גאר געטראכט: אדרבה ביי דיר בלייב עס, איך בין דיר זי מוחל פונ'ם גאנצען הארצען. עס האט אין איהם געברענט די רציחה, די אויגען זענען איהם פערלאפען מיט בלוט, אנקוקענדיג מיך בייז, דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט, געווארטשעט און איז אוועקגעגאנגען שטארק אין כעס.

ווייבער און מיידלעך פון דער שענער חאליאסטרע האבען זיך געפארעט נעבען דעם פייער, צוגעשטעלט טעפלעך, געשארט, גערוקט, געבאקט קארטאפלעס. א טייל בחורים שטעהען-צו און שפילען זיך מיט זיי אונטער, דערלאנגען א זעץ, א קניפ און זאגענדיג דערביי

גלייכוווערטלעך. די ווייבער זענען קלאַפּערשט בייז, גרייט אויסצורייסען די אויגען, זידלען, שילטען און קייכען טאַקי באַלד פּאַר געלעכטער, לאָזען זיך חאַפּען ווי אַ הוהן פונ׳ם האָהן, ווען ער וואַרפט אויף איהר אַ אויגעל מיט אַראָבגעלאָזענע, צושפּרייטע פליגעל, און איז מקבּל באַהבה דעם פּיק, וועלכען ער טהוט איהר אין קעפּיל.—ווידער אַ טייל זענען צוזייעט, צושפּרייט אין וואַלד. איינער ליגט מיט דעם רוקען אַרויף און חראָפּעט, דער אַנדערער לאַטעט עפּיס אַ קאַפּטאַן, יענער קראַצט זיך, טאַפּט און זוכט עפּיס מיט אַ שטאַרק ערענסט פּנים. נאָך עטליכע שלאָגען זיך, פּריווען, ווער ווער וועמען וועט בייקומען. עס קאָכט זיך, עס רעשט זיך, חברה לעבט!... מיין ווייב האַלט מיך פּעסט מיט די הענד, גאָר איין גוף, איין נשמה, רעדט און רעדט פּאַר פּייער, פּאַר וואַסער, זי קלאָגט זיך אויף איהר פינסטערען מזל, דערצעהלט איהר שווער ביטער געמיטה, ווי אַזוי זי איז עם אַביסעל אָבגעקומען און ווינשט נישט אַנדערש, איך זאָל זי פון דאַנען אַוועקפיהרען, לעבען מיט איהר אינאיינעם, ווי נאָט האָט געבאָטען, ביז הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר. איך ענטפער איהר אין וואָרט אויפ׳ן צעהנטען, עפּיס אָהן לשון, און זוך ווי פון איהרע הענד זיך אויסצודרעהען. אַז איהר האָט זיך שוין אויסגעלאָזט רעד און מיר זענען שוין גענוג אויף איין אָרט זיך אָנגעזעסען, איז מיר לסוף געראָטען פון איהר זיך אויסצורייסען, אַביסעל פריי צו עטהמען. איך האָב באַלד אויסגעזוכט מיין האָרבאַטע, און מיט איהר שטילערהייט אַוועק אַביסעל אין דער זייט. דער שמועס אונזערער האָט זיך אָנגעהויבען דערמיט, אַז ס׳איז שטאַרק נישט פרעהליך. פון גט׳ען זיך מיט מיינער איז גאָר נישט צו דענקען, זי וועט פערוואַרפען מיט׳ן קאָפּ, נישט וועלען אַפילו הערען. ווידער־זשע דאָ צו בלייבען בײ דער גומער כּנופיא איז אודאי נישט גוט. דאָס הייסט, פּשוט זיך פערקויפען דעם רוח, אויף דאָס נײ ווערען אַ בער און טאַנצען אויף די לאַפּקעס. וואָס דען־זשע טהוט מען? אַ היבשע צייט זענען מיר אַזוי געזעסען און אונזער שמועס האָט זיך אויסגעלאָזט דערמיט: אין ברירה, מען בעדאַרף מאַכען אַ פּליטה. און אַזוי ווי די חאַליאַסטרע האָט בדעה דאָ צו נעכטיגען, איז פּאַר אונז קיין בעסערע צייט און קיין בעסער אָרט נישט געווען ווי אָכצוטאָן עס טאַקי די היינטיגע נאַכט. דאָ אין דעם וואַלד. ווי מיר זיצען און בעטראַכטען גוט דעם פּלאַן, ווייזט זיך פונ־דערווייטענס דער ממזר מיט עפּיס אַ פּאָר פערד. — לאָמיר נישט וואַרטען—זאָגט מיין האָרבאַטע—ביז ער וועט צוקומען נעהענטער. עס

טויג נישט, ער זאָל אונז זעהן זיצענדיג אינאיינעם. בעסער לאָמיר בעצייטענס זיך צוגעהן.

זי געהט אַוועק אין איין זייט און איך אין דער אַנדערער.

דער ממזר איז עפּיס ווי שטאַרק בעשעפטיגט געווען, זיך אַלץ געסודעט מיט דעם אַלטעטשקען, וואָס איז געווען זיין גאַנצער פליגעל־אַדיוטאַנט. איך האָב אויסגעמידען מיט דעם ממזר זיך נאָהענט נישט צו בעגעגענען און מיך געהאַלטען אַלץ בעזונדער. בשעת חברה האָט געאַרבייט, געשטיפט, פערטראַגען געווען מיט זיך, איז צו מיר צוגעגאַנגען מיין האָרבאַטע, מיר איינגערוימט אין אויער, אַז איידער די זון וועט זיך זעצען, וויל דער ממזר זיך ריהרען מיט דער חאַליאַסטרע אין וועג אַריין. די פּאָר פערד, וועלכע ער האָט געבראַכט צופיהרען, זענען געגנבה'טע און ער איילט זיך, אַ פּנים, דעריבער אַוועק פון דאַנען. פון אונזער פריהערדיגען גאַנצען פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. איך בין געבליבען שטעהן אָפּהענדיג, נישט צו וויסען וואָס מען טהוט. עס האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרצען, פאַרגרויס פערדראָס, אַזוי אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרעהט און מיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. מיין האָרבאַטע האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס רחמנות, די אויגען האָבען איהר געברענט ווי פייער, דאָס פּנים האָט איהר געפלאַמט, און נאָכדעם אַז זי האָט אַ ווײלע געטראַכט, זאָגט זי צו מיר מיט אַ ציטערדיג קול:

— פישקע! זאָלסט שפּעטער אַביסעל זיך געפינען אין דעם חורבה'לע, דאָרט אויפ'ן בוידעם. דו פאַרשטעהסט?...

— איך פאַרשטעה, פערשטעהט — רוף איך מיך אָן לעבעדיג, אונטערשפּרינגענדיג פאַר פרייד — און דו וועסט דערנאָך אַהין אונטערקומען?

— יאָ, שאַ! — מאַכט זי און טהוט מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל אויף יאָ — למען־השם שטיל. דו הערסט?

מיט מיין ווייב האָב איך נישט געהאַלטען אַזוי פאַר נייטיג זיך צו געזעגענען. הגם ס'איז אויף איהר געווען אַ רחמנות, נאָר ווער איז איהר שולדיג? זי האָט געגעבען דעם ערשטען ריס און דער ריס צווישען אונז איז געוואָרען ד'ערנאָך אַלץ גרעסער, גרעסער. פערפאַלען, וואָס האָב איך געקענט טאָן? אַז, גאָר אַ חוץ אַלע אַנדערע זאַכען, איז מיר אוממעגליך געווען מיט איהר אויף ווייטער זיך צו פערבינדען, אוממעגליך מיט איהר זיך צונויפגעהען ווי דער הימעל מיט דער ערד.

איך האָב, עס פֿאַרשטעהט זיך, פֿאַרגעסען דעם „זײַ געזונט" און שטילערהייט זיך געלאָזט געהן צו דעם חורבה׳לע.

מיט וואָס פֿאַר אַ האַרץ איך בין אין דעם חורבה׳לע אַריינגעגאַנגען, איז גרינג צו פֿאַרשטעהן. נאָך אַזוי פֿיעל פּיין און געבראָטענע לייד האָט גאָט געוואָלט צונויפֿפֿיהרען מיך מיט דער האָרבאַטער אין איין ווייסט קרעטשמעלע, וואָס דאָ האָט בעדאַרפֿט אויסגעשפּילט ווערען אונזער ביידענס גורל און פֿון אַצונד אָן אָנהויבען צו פֿיהרען אַ נייע לעבען. אַרויפֿקריכען אויפֿ׳ן בוידעם איז מיר אָנגעקומען זעהר גרינג. וואָרום דאָס שטיבעל איז געווען נידעריג, מיט דער הינטערשטער וואַנד, וואָס אין הויז אַריין, אָנגעבויגען כמעט ביז צו דער ערד. די סטעליע איז געווען ערטערווייז געלעכערט מיט גרויסע שפּאַלטען, אַזוי אַז מען האָט געקענט פֿונ׳ם בוידים אַריינקוקען אינוועניג אין דעם שטיבעל אַריין. איך זיץ מיר אין אַ ווינקעלע און וואַרט. עס טיאָכקעט מיר דאָס האַרץ, קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. איטליכע מינוט ציהט זיך מיר ווי אַ יאָהר. איך האָרך מיך־צו צו אַ מינדעסטען שאָרך. אַ מינדסטע בעוועגונג פֿון אַ שטרויעלע ערגיץ, דאַכט זיך מיר טריט, זי געהט... אַ מינדסט בלאָזעלע פֿון אַ ווינטעלע, דאַכט זי מיר מיין נאָמען, זי רופֿט... פּלוצלים קומט מיר צו די אויערען פֿונ׳ם שטיבעל אונטען עפּיס אַ קול. דער געדאַנק, אַז דאָס איז זי, אָט איז זי, באַלד, באַלד וועלען מיר אויסגעלייזט—האָט מיך צוקאָכט, געוואָרפֿען פֿון היץ אין קעלט. איך וויל מיך אָנרופֿען, פֿערחאַפּט מיר אָבער דער אָטהעם, עס דינט מיר נישט דאָס מויל. אין דער דאָזיגער הייסער רגע הער איך טאַקי גאַנץ שאַרף מיין נאָמען און די אויגען מיינע דערזעהען דורך אַ שפּאַלט—וועמען? אוי, דעם ממזר מיט דעם אַלטעטשקע!....

זיי שמועסען צווישען זיך אַזוי:

—דו נעהם אויף דיר דיין שטיקעל סחורה—זאָגט דער ממזר

—ניב אַכטונג, די בלינדע מכשפה׳טע זאָל זיך נישט אויסגליטשען. פֿאַרשטעהסט?

—ניי־קשה! ענטפֿערט דער אַלטעטשקער—מיינס האָב איך שוין נעמאָן, איך האָב נאָר מורא, זי זאָל נישט פּגר׳ען. דער אַלטער סקראַבלינט אַצונד ווז אַ טויטע און קען זיך נישט ריהרען, אַזוי האָב איך איהר נעבראָכען די ביינער.

—און דעם הינקעדיגען פֿלאַסקעדריגע—פֿיהרט אויס דער ממזר

—נעהם איך אויף מיר. אָנקוקען קען איך נישט זיין פּרצוף־פּנים, אַזוי

פיינט האָב איך איהם. איך וועל מיך מיט איהם אָברעכנען, נישקשה איך האָב נאָך מיט איהם אַלטע חשבונות.

ס'איז מיר ענטפאַלען דער מאַמעס מילך, הערענדיג אַזעלכע שרעקליכע ווערטער.

— ווי עס זעהט אוים—מאַכט דער אַלטעטשקער—זענען דיינע געלאַקחענטע סוסים יודישע. דאַרע, דערשלאָגענע, קאַלטענעוואַטע, מיט איינגעקרימטע רוקענס, מיט דינע העלזלעך, גערגעלעך און מירידען, ווי אונזערע פאַראַפּאַטשקעס, פיינע בריות.

—אָבפאַלען זאָל דיר די צונג, דו אַלטער סטורמאַק!—זידעלט זיך דער ממזר—געה בעסער, זוך, שמעק, כלב איינער, דאָ אין הויז, אויפ'ן בוידעם, טאָמער וועסט־דו „פּאָציאַפּען" עפּים אַלטע בעלי־העגלה־שע זאכענישען, וואָס קענען אונז טויגען. פאָרט איז דאָך עס אַ מאָל געווען אַ איינפאָהרהויז, משטיינס־געזאָגט.

עס בעשלאָגען מיך אַנגסטען, מיר איז נישט גוט צום שטאַרבען. איין כּוּס ציטערט מיר שטאַרק און טהוט, נישט ווילענדיג, אַ זעץ אין דער סטעליע. די פּאָר שענע לייט פערדרייטען די אויגען אַרויף, שטעהענדיג אַ ווייַלע פערגאַפט. דערנאָך לאָזען אַרוים ביידע אין איין קול:

—עפּים שיט זיך פון דער סטעליע! מען בעדאַרף טאָן דאָרט אַקוק.

עס פערדרעהט מיר זיך דער קאָפּ. עס קלינגט מיר אין די אויערען, שווינדעלט אין די אויגען און איך שוועב עפּים אין לופטען...

יאָ, טאַקי אין לופטען. אַ פּאָר אייזערנע הענד טחוען מיך אַ חאַפּ און שליידערען מיך פונ'ם ביידעם אַראָב אויף דער ערד: איך דערהער, ווי מען מאַכט מיר אַ ברייטען „ברוך הבא" מיט דעם גאַנצען טיטול: סקאַציל קומט, ר' פישעל! און דערזעה באַלד פאַר מיר דעם ממזר מיט אַ פּנים, אַ שרעק אָנצוקוקען, עפּים נאָר אַ פּנים ווי ביי אַ קאַץ, בשעת זי קלייבט זיך צו דערשטיקען דאָס געהאַפטע מייזיל. דעם אַלטעטשקען האָב איך שוין נישט געזעהען. ער איז, אַ פּנים, אַוועק, איבערלאָזענדיג מיך אויג אויף אויג מיט דעם ממזר.

—אַ נו, נפש'יל—מאַכט דער ממזר—זאָג ווידוי!... דאָס וואָס איך האָב בעדאַרפט טאָן דיר אַ מאָל, דאָרט אין קעלער, וועל איך עס דיר טאָן אַצונד. פּייבושקע פאַרגעסט נישט, נישקשה

איך פאַל איהם צו די פיס. וויין, בעט מיך ביי איהם, ווי ביי אַ גזלן,

מיר צו שיינקען דאָס לעבען. עס העלפט נישט. ער נעהמט אַרויס אַ מעסער, האַלט עס מיר אַקעגען די אויגען, מיט גרויס הנאה צו־קוקענדיג, ווי איך צאַפּעל, פלאַטער. איך פּרוב מיך איינשמועסען איהם מיט דעם גן־עדן, זאָג איהם צו עולם־הבא, אַ גאַנצע וועלט, שיינק איהם מיין חלק לעולם־הבא אויך, אַלצדינג וואָס נאָר מעגליך. ער שטשירעט אויס אויגען און שווייגט. איך הויב אָנ׳עט צו שרעקען איהם מיט דעם גיהנם, מיט גאָטס משפט, דער אויבערשטער וועט איהם שטראָפען, זיך נוקם זיין פאַר אומשולדיג בלוט. ער פערבייסט די ליפּען, טהוט אַ הויב אין דער הויך דאָס מעסער—און אין דער שרעקליכער רגע, וואָס אָט־אָט ליגט מיר דער חלף אויף דעם האַלז, טהוט עס איהם פלוצלים עפּיס אַ חאַפּ פון הינטען, גאָר ניט מיט קיין מענשליך געשריי: ניין, ניין, וועסט עס נישט טאָן! — ער ווערט שטאַרק פערמישט און קוקט זיך אין שרעקעניש אַרום.

דאָס האָט איהם אַ חאַפּ געטאָן דאָס האַרבאַטע מיידיל!

—חצופה, אַרויס!—דערלאַנגט דער ממזר אַ געשריי, באַלד ווי ער איז צו־זיך געקומען—אַרויס, חצופה! וואָרום...

—ניין, ניין, פון דאַנען געה איך נישט אַרויס! דער׳הרג׳עט זאָל איך דאָ ווערען אינאיינעם מיט איהם!—שרייט בעהאַרצט די האַרבאַטע און פאַלט דעם ממזר אויפ׳ן האַלז, וויינט מיט ביטערע טרעהרען, גלעט איהם און חלש׳ט פאַר איהם, ער זאָל מיך אָבלאָזען, זאָגט איהם צו דאָס אייביגע לעבען און אַ שטול אין גן־עדן. דער ממזר טהוט זי פון זיך אַ וואָרף ווי אַ מיאַטשיק, שילט, פלוכט אויף וואָס די וועלט שטעהט. און אַז די רציחה איז איהם אַביסעל אָבגעגאַנגען, ווענדט ער זיך צו מיר מיט די ווערטער:

—עס טהוט מיר זעהר לייד, וואָס איך אַליין האָב דאָ דיך, מיין טינופת׳ל, נישט „גע׳בעל־דבר׳ט“. נאָר אויב דיר האָט געשפּילט דאָס טרפה׳נע מזל דיינס, איך זאָל דיך, פערשטונקען נפש׳ל, נישט צו־קוועטשען ווי אַ בינה, דאָך אינגאַנצען טרוקען אַרויס פון מיינע הענד וועסט־דו נישט.

ער נעהמט אַ שטריק, מיט וועלכער ער איז געוועזען אַרום־געגאַרטעלט, שטעלט זיך בינדען מיר הענד און פיס, מאַכענדיג דערביי:

—ליג־זשע דאָ שטיל, הונד איינער, קיין פּאַרע זאָל מען פון דיר נישט הערען! ליג ביז די פגירה דיינע וועט דאָ אויף דיר קומען.

נאָר געדענק־זשע, פלאַסקעדריגע, טאָמער טרעפט זיך דיר אַ נס, עפּיס אַ באָבע דיינע אין קבר וועט זיך פאַר דיר מיהען, און געהסט פון דאַנען אַ לעבעדיגער אַרויס, זאָלסט־דו זיך היטען, מיר פאַר די אויגען זיך נישט צו ווייזען, וואָרום באַלד „פּלומפּעל" איך דיך און מאַך חיק...

אָפּגעטאָן מיר מיין רעכט, נעהמט ער זיך צו דער האַרבאַטער, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, געיאָמערט, געקלאָגט, קוקענדיג אויף מיר און זיך געריסען ביי די האָר.

—אַ, דו חצופה איינע!—בייזערט זיך דער ממזר, אַ שטופּ געבענדיג זי, נעבעך, מיט'ן פוס—איך וויים, נישקשה, פאַרשטעה אַלצדינג. דאָס איז געווען אַ אָפּגערעדטע זאַך—אַ חתונה אָהן כלי־זמר, דאָ אויפ'ן בוידעם... אַ שען מיידעלע, נישקשה, און פאַר מיר גיט זי זיך אויס פאַר אַ רביצין. פון היינט אָן וועסט־דו שוין ביי מיר וויסען, חצופה איינע!

ער טהוט זי אַ חאַפּ אין די הענד און אומקעהרענדיג זיך צו מיר מיט אַ זאָג: שאַ, הונט, געדענק מיינע ווערטער! ווערט ער מיט איהר געשווינד אַנטרונען.

אין גיהנם קען מען אַזוי פיעל יסורים נישט ליידען, וויפיעל איך האָב איבערגעליטען. איך בין געווען נישט אין גיהנם, נאָר דער גיהנם אין מיר. עס האָט אין מיר געקאָכט, געברענט אַ העליש פייער. די האָר זענען מיר געשטאַנען קאַפּויר. עפּיס האָב איך געפּיהלט, זיי שטעכען מיך ווי שפּילקעס און דאָ טאָהר מען נאָך נישט הויך וויינען, נישט טאָן קיין פּיפּס.

שפּעטער אַביסעל האָבען מיר אין די אויערען זיך פערטראָגען קולות: אַ סקריפּ פון רעדער, אַ ליאַרעם, אַ געשריי פון מענשען, דאָס בעטייט, חברה האָט זיך געריהרט. די חאַליאַסטרע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין און מיט דעם פעקיל לייט—מיין האַרץ, מיין גוטע, בידנע, אומגליקליכע האַרבאַטע, נעבעך....

אַ היבשע לאַנגע צייט בין איך געלעגען ווי אַ שטומע שאָף, געבונדען אויף אַלע פיער, מיט אויגען ווי די באַנקעס פון הייסע טרעהרען. די שטריק האָט מיר זיך איינגעשניטען אין לייב אַריין און ביי אַ מינדסט ריהרעלע מיך געשניטען ווי אַ מעסער. עס האָט מיך דערצו נאָך געברענט אַ טרונק, אָט, האָב איך געמיינט, עקט מיר זיך דאָס לעבען. פאַר גרויס וועהטאָג האָב איך דערנאָך אָנגעהויבען שרייען,

טאַמער וועט עמיצער דערהערען. די חאַליאַסטרע האָט, נאָך מײַן דעכנונג, שוין געמוזט אײַנפאָהרען גאַנץ ווייט. איך שרײַ, אָבער אומזיסט, שרײַ צו דער וואַנד. עס טריקענט מיר אין האַלז, עס בעשלאָגען מיך אַנגסטען. דאָס שרײַען קומט מיר שוין אָן שווער, איך מוז צווישען אָפּרוהען, די לאַנגע מײַנע ווערט וואָס ווייטער ערגער. נישטאָ שוין קיין כּוח צו שרײַען. די נשמה הײנגט מיר אויפ'ן שפּיץ נאָז, דער מלאך המות, פיהל איך, איז נאָך איהר געקומען, מען בעדאַרף שטאַרבען יונגערהייט פון דער וועלט געהן. איך טהו מיר אָן אַ כּוח, נעהם זיך צונויף מיט אַלע מײַנע קרעפטען און טראַכט, לאָמיך חאַטש טאָן דאָס לעצטע געשרײַ—לאָז הילכען די תּקיעה גדולה פון מײַן אומגליקליך לעבען...

נאָר גאָט אָבער האָט אײַך, ר' אַלטער, געבראַכט! איהר זײַט מיר בײַגעשטאַנען אין דער נויט און מיך דערהאַלטען בײַם לעבען

ה.

אַז פישקע האָט געענדיגט זײַן אומעטיגע מעשה, איז צוגעפאַלען די נאַכט און אונזערע פערדלעך האָבען זיך פאַרשלעפּט צום גרינעם באַרג, וואָס פאַר גלופּסק.

דער גלופּסקער גרינער באַרג איז בעקאַנט כּמעט דער גאַנצער וועלט. נאָך פון גאַנץ אַלטע צײַטען טראָגט זיך וועגען איהם אַרום צווישען דעם עולם אַ לידעל, וואָס קינד און קייט קענען עס, וואָס אַלע מאַמעס און אַמען נעהמען דערמיט אײַן און פערוויגען ברעקלעך קינדער. מײַן מאַמע, זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן-עדן, פלעגט מיר קינדווײַז אויך אַלץ זינגען דאָס לידעל:

אויף דעם גרינעם באַרג
אויף דעם הויכען גראָז

שטעהען אַ פּאָר דייטשען
מיט די לאַנגע בייטשען.
הויכע מאַנען זענען זיי,
קורצע קליידער טראָגען זיי,
אָבינו מלך״........

דאַס לידעל פלעגט מיר זעהר געפעלען, פיעל בעסער פון אַלע לידלעך. עפּיס איז מיר דער גרינער באַרג אַזוי וואונדער־שען פיר־געקומען אין מיין קינדערש קעפּיל! עס האָט מיר זיך געדאַכט, ער איז נישט גלאַט גראָב פון ערד, ווי די פּראָסטע בערגלעך אַרום מיין שטעדטיל. ניין! ער איז עפּיס, ווי זאָגט מען עס, גאָר כצפיחית... ווי דער הר הזיתים, דער באַרג לבנון, פון ארץ־ישראל־ערד.—און די דייטשען דאָרט, זיי זענען מיר פירגעקומען עפּיס גאָר משונה ווילד, איך בעט זיי מחילה, עפּיס אַזעלכע מיני כעשעפּעניש, מיני בהמות אַזעלכע, אָקסען, שור־הבר'ן. זיי שמייסען מיט די לאַנגע בייטשען און לאָזען צו גלופּסק נישט צוטרעטען, ווי דער סמבטיון צו די רויטע יודעלעך. אַריין אין גלופּסק מוז מען חאַפּען אַ שמייץ. און אַלע דאָרט האָבען אַ פּנים פון אָבגעשמיסענע... שפּעטער, אַז איך בין אַרויס פון די קינדערשע שיכלעך און אויסגעזעען אַ וועלט, אין גלופּסק אויך, האָב איך שוין געזעהען אַלצדינג מיט אַנדערע אויגען און פערשטאַנען, ווי עס געהער צו זיין דעם פּשט פון'ם לידעל. דער גרינער באַרג איז פּשוט טאַקי אַ באַרג, נישט אַזוי גרין ווי בלאָטיג, זעהר גריבערדיג, און די דייטשען, הויכע מאַנען דאָרט, זענען געזאָגט געוואָרען אַקעגען יענע מאַנען מיט לאַנגע הענד און קלעפּיגע פינגער, וואָס לקח'ע־נען און שניידען אָב קלימקעס. געוועהנטליך איז דער שטייגער, דאָס ערשטע מאָל אַריינצופאָהרען קיין גלופּסק אָהן אַ קלימעק. דערנאָך אַז מען איז שוין גוט אָנגעלערענט, לאָזט עס עטליכע ווערסט פאַר גלופּסק עפּיס נישט רוהען. די אויגען חאַפּען, ווי פון זיך אַליין, אַ קוק הינטער'ן ביידיל, די הענד—אַ טאַפּ דאָס קלימעקיל, די בוזעמקעשענע, צו־שפּילנדיג די קאַפּאָטע אויף אַלע קנעפּלעך. איך בין אויסען דערמיט, אַז דער־גרייכענדיג דעם גרינעם באַרג האָבען אַלע אונזערע אברים, די נאָז אויך, געפיהלט פון דערווייטענס גלופּסק. און ערשט שפּעטער אַ ווייַלע, אַז מיר האָבען אין אַלע זייטען זיך גוט אַרומגעקוקט, אַ טאַפּ געטאָן אין וואָגען, האָב איך מיך דערמאָנט אין פישקען, און געזעהען ווי ער זיצט, נעבעך, פעראומערט, שטאַרק בעטריבט.

איך נעהם מיך טרייסטען פּישקען, שטאַרקען איהם מיט גוטע רעד, מאַכענדיג זיך דערביי קלאָמפּערשט פרעהליך, און לאָז אויס מיינע טרייסט־ווערטער מיט דער אַנדערער העלפט פון׳ם פריהערדיגען בעקאַנ־טען לידעל:

„אָבינו מלך —
דאָס האַרץ איז מיר פרעהליך
פרעהליך וועלען מיר זיין,
טרינקען וועלען מיר ווייַן,
קרעפּלעך וועלען מיר עסען
און אונזער ליבען גאָט
קיינמאָל ניט פאַרגעסען."

— זאָרג נישט, פּישקע! אונזער ליבען גאָט בעדאַרף מען קיינמאָל נישט פאַרגעסען. ער קען העלפען.

— איך פרעג אייך נישט מעהר, ר׳ מענדעלי! — מאַכט פּישקע מיט אַ ביטער געמיטה — צו וואָס האָט עס גאָט בעדאַרפט מיך מיט איהר ווידער צונויפפיהרען, בכדי באַלד טאַקי אונז צושיידען? עס זאָל אונז פלוצלים אַ שיין טאָן דאָס מזל, בכדי באַלד טאַקי זאָל אונז נאָך ער־גער פינסטער ווערען אין די אויגען?... ס׳איז עפּיס נאַר ווי אַ צו־להכעיס! און געוואַלד, רבונו של עולם, אַקעגען וועמען, אַקעגען צוויי אומגליקליכע, ביטערע קאַליעקעס, וואָס איידער אַזאַ וויסט לעבען אין יסורים, אין וועהטאָג, וואָלט פאַר זיי פיעל גלייכער געווען גאָר ניט געבוירען צו ווערען!...

איך מאַך אַ פרום פּנים׳יל און שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ זאָג איך: טע־טע־טיי! וואָס האָט אַזוי פיעל געהייסען: מען טאָהר נישט רעדען אַזוינס!... געזאָגט האָב איך עס, נישט ווייל דאָס איז ביי מיר געווען אַ גוטער ענטפער אויף דער קשיא, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דער שטייגער אין דער וועלט איז שוין אַזוי, אַז איינער פרעגט פאַר צרות שטאַרקע קשיות, מוז דער אַנדערער זאָגען מוסר, אָבשלאָגען איהם חאָטש מיט טע־טע־טיי. אָבזאָגענדיג דעם מוסר, פון יוצא ווערען, עפען איך באַלד אַ מויל און רעד ווערטער פשוט ווי אַ מענש, אַזוי:

— זאָג נאָר, פּישקע, ווי דאָס מיידעל הייסט? ביז אַהער האָסט־דו זי אַלץ גערופען די האָרבאַטע, מיין האָרבאַטע, אַצונד וויל איך וויסען ווי זי הייסט.

— אַקעגען וואָס, ר׳ מענדעלי? — רופט זיך אָן פּישקע, אָנקוקענדיג

מיך פערוואונדערט—אקעגען וואס, איך בעט אייך, ווילט איהר עס צוזיי וויסען? צו וואס אומזיסט אויסגעבען א מיידילס נאמען?

—פארשטעהסט=דו, גארעלע—ענטפער איך—דאס קען אמאל צונויץ קומען. אויף מיינע נסיעות קען זיך מאכען, איך זאל עפיס נאשמעקען, אויספארשען. לאמיך וויסען איהר נאמען. נישקשה! זעהר כעגליך, דו פארשטעהסט? אז דיין שאדען זאל זיך נאך אויפזוכען. איך זאל זיין דער שליח.

—ביילע הייסט זי—חאפט זיך פישקע זאגען מיט א קול—זי הייסט ביילע!

פלוצלים הערט זיך עפיס א שטארקער קרעכץ מיט א קלאפ, ווי עס האט זיך עפיס אפגעריסען. איך קוק מיך דערשראקען אום און דערזעה: מיין אלטער ליגט אויסגעצויגען אויפ׳ן וואגען, זיפצט און איז בלייך ווי די וואנד.

— וואס איז אייך, ר׳ אלטער?—טהו איך איהם א פרעג—איהר ווילט אפשר נעהמען אביסעל בראנפען!—אייך איז נישט גוט?

בעו!...—ענטפערט אלטער, שטארקט זיך און זעצט זיך ווי-דער אויף.

— זאג מיר פישקע! — הויב איך ווייטער אן, נאכדעם אז איך האב מיך בערוהיגט וועגען אלטער׳ן — ווייסט=דו נישט, ווי די מאמע איהרע האט געהייסען און פון וואנען זי איז?

— יא, — ענטפערט פישקע — מיין הארבאטע האט מיר דער-צעהלט, אז איהר מאמע פלעגט מען רופען עלקע. זי געדענקט, ווי דורכ׳ן שלאף, אז די מאמע האט זיך גע׳גט מיט איהר מאן אין טונעיאדעווקע. זי פלעגט עס זעהר אפט דערמאנען און אויסלאזען איהר שוער, ביטער הארץ צו איהר וויסט טעכטעריל, נעבעך.

—מיט איהר מאן אין טונעיאדעווקע!—מאך איך פערוואונדערט—ווער זאל דאס דארט זיין איהר מאן, דער רשע=מרושע מיט א שטיי-נערן הארץ, וואס האט דערוויטערט זיין קינד, זי געמאכט אזוי אומ-גליקליך? הא, טאמער ווייסט איהר, ר׳ אלטער, ווי אזוי זאל ער דארט ביי אייך אין שטעדטיל הייסען?

אלטער איז געזעסען ווי א טויטער, אויסגעגלאצט א פאר אויגען. געקוקט עפיס משונה ווילד מיט א אפען מויל, אזוי אז ס׳איז מיר אנטפאלען דאס געזונט.

ער האט געהייסען...— רייבט פישקע דעם שטערען און

וויל זיך דערמאָנען דעם נאָמען—ער האָט, האָט, דאַכט זיך, געהייסען... וואָרט אַביסעל.

— אַלטער הייסט ער!...— טהוט אַלטער אַ געשריי און פּאַלט אַנידער אויפ׳ן וואָגען.

— יאָ, טאַקי אַזוי, אַזוי!—זאָגט פישקע קוקענדיג אויף אַלטער׳ן, נישט אָנהויבענדיג צו פאַרשטעהן, וואָס זיין געשריי בעטייט — דאַכט זיך נאָך, עפּיס אויך אַ צונעהמעניש, יקנה״ז. די מאַמע פלעגט ביים טעכטעריל שמיקער פלייש אויסרייסען, רופען זי דערביי יקנה״זיכע, יקנה״ז׳ם טעכטעריל, ווען זי פלעגט האָבען גרויסע צרות, ווען מען האָט זי אָבגעשאַפט פונ׳ם אָרט.

איך אָבער האָב מיך שוין אָנגעשטויסען, וואָס די גאַנצע מעשׂה בעטייט און בין געבליבען עפּיס ווי מען גיסט איינעם אָב מיט אַ אָקראָפּ.

אַלטער חליפעט און שלאָגט זיך מיט דעם קולאַק אין האַרצען, מאַכענדיג דערביי:

— אמנם חטאתי! איך האָב איהר פערוויסט דאָס לעבען. זי, נעבעך, איז טאַקי גערעכט:

„דער טאַטע האָט זי געקוילעט"...

אַ שטראָף פון גאָט איז דערפאַר פון אַ צייט אויף מיר אָנגעשיקט געוואָרען. וואוהין איך קעהר מיך און ווענד מיך, געהט עס מיר נאָר שלים־שלימזול...

איך הויב אָן פּאַר רחמנות צו טרייסטען מיין אַלטער׳ן, רעד איהם אויס דאָס האַרץ און פאַרגלעט אַביסעל זיינע זינד: ער איז דאָך נישט מעהר ווי בשׂר־ודם, פלייש און בלוט. דער יצר־הרע איז ביי אונז, זינדיגע מענשען, זעהר גרויס. גאַנץ גרויסע צדיקים אַפילו זענען אין אַזעלכע זאַכען... געחאַפּט און קענען אין דעם ענין פון חתונה האָבען מיט דעם יצר־הרע גאָר נישט מאַכען. זעהר פיל פון אונזערע עלטערן, צדיקים, זענען געווען לאַפּענמיצלעך, געלעגען אונטער דעם ווייבס פאַנטאָפעל, געטאָן איהר ווילען און צוטריבען אַפילו איי־גענע קינדער פון אַ אַנדער ווייב, אויב נאָר זי האָט געהייסען...

פישקען זעהט די גאַנצע זאַך אויס עפּיס משונה. ער זיצט פער־חאונדערט מיט אַ פּאָר אויסגעשטעלטע אויגען, קוקט ווילד עפּיס אויף אַלטער׳ן, אויף מיך און ווייסט נישט וואָס צוטאָן.

דערווייל ווערט שטאָק־נאַכט. די שטערען פונקלען, ווינקען צו

אונז פונ'ם הימעל מיט זייערע שיינענדיגע ליכטיגע פנימלעך, גלייך ווי זיי מישען זיך אריין אין אונזער שמועס, ווילען עפּיס זאָגען, און ביים עק הימעל הויבט אָן, ווי פון דער ערד, ארויסצוגעהן אַ גרויסע לבנה, רויט ווי פייער. דאַכט זיך, זי קוקט גלייך גאָר אויף אונז. אַלע דאָרט אויבען קוקען, דאַכט זיך, ווילען זעהן דעם שפּיץ, מיט וואָס די דאָזיגע מעשה וועט זיך אויסלאָזען... מיין אַלטער זעצט זיך געשווינד אויף, הייבט אויף זיינע אויגען צום הימעל און רעדט מיט הארץ:

— איך שווער ביי דעם וואָס לעבט אייביג, אַז איך וו־ל נישט קומען אַ היים צום ווייב און קינדער, נישט חתונה מאַכען מיין בתולה, ביז איך זוך נישט אויף מיין פערוואָגעלט קינד! הימעל און ערד זענען עדות! איך פאָהר טאַקי באַלד און וועה, וועה דאָרט ד ע ם, וואָס חעט זיך מיר אַקעגען שטעלען...

פישקע פאַלט אַרויף אַלטער'ן אויפ'ן האַרצען, האַלזט איהם, קושט אַ היבשע ווילע אָהן ווערטער, און איז שטאַרק צומישט. דערנאָך שיסט ער אוים אויף אַ וויינענדיג קול מיט אַ גוַבעט:

—געוואַלד ראַטעוועט, ראַטעוועט זי!...

מיין אַלטער שפּרינגט געשווינד אראָב אויף דער ערד, קריכט אַרויף צו זיך אויפ'ן וואָגען און געזעגענענדיג זיך מיט אונז פונדערווייטענס, דרעהט ער אוים דעם דישעל, טהוט אַ שמיץ די שקאַפּע און פאָהרט זיין וועגס. איך מיט פישקען קוקען מיר איהם אַ היבשע צייט פון הינטען נאָך, נישט צו רעדען קיין וואָרט. דערנאָך גיב איך אַ בליק צום הימעל, די לבנה און שטערען געהען זיך זייער גאַנג, גאָר נישט דאָס פנים וואָס פריהער, שטאַרק הויך, האָפערדיג, וויט, וויט פון אונז מענשעלעך. עס ווערט עפּיס אומעטיג, נישט פרעהליך אויפ'ן האַרצען...

איך טהו אַ שמיץ מיין אָדלער, ער זאָל מוחל זיין זיך שלעפּען טביסעל גיכער—און שפּעטליך בייגאַכט פאָהרט מיין ביידיל איבער די גריבערדיגע גאַסען פון גלופּסק מיט אַ קלאַפּעריי, אַ געשריי, אָנזאָגענדיג דעם עולם: הנה זייט וויסען, נאָך צוויי פרישע יודען זענען אָנגעקומען קיין גלופסק!!...